STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00921

# POYLE TSIEN SHRIFTEN

## Ber Borochov

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Miriam Mondry*
*in memory of*
*Adele Mondry*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ד. ב. באָראָכאָוו
געבאָרען ז׳ תמוז, תרמ״א—יוני, 1881.
געשטאָרבען טבת, תרע״ח—דעצ. 1917.

פועלי ציון ביבליאָטעק

# ד. ב. באָראָכאָוו

## פועלי ציון שריפטען

ערשטעס בוך

ארויסגעגעבען פון
פועלי ציון פארלאג,
153 א. בראָדוויי, ניו יאָרק.
.1920

COPYRIGHT 1920
BY
POALE ZION ORGANIZATION
OF AMERICA.

אלפא פרעס, 266 גרענד סטריט, ניו יאָרק, נ. י.
479

# אינהאַלט:

פון די ארויסגעבער.

י. זאר:

ד. ב. באַראָכאָוו אלס טעאָרעטיקער.

א. וואַלינער:

ד. ב. באַראָכאָוו (ביאָגראַפישע נאָטיצען) — — — — — זייטע 11

## ד. ב. באַראָכאָוו:

א. די קלאַסען־אינטערעסען און די נאַציאָנאַלע

פראגע — — — — — — — — — — — — — „ 29

ב. וואס ווילען די פועלי ציון? — — — — — — — „ 87

ג. אונזער פּלאַטפּאָרם

(פון רוסישען איבערזעצט דורך א. וואַלינער) — „ 111

# פון די אַרויסגעבער

דאָס פאָרליגענדע איז דאָס ערשטע בוך פון א גאנצער פועלי־ציון ביבליאָטעק, וואָס דער פועלי־ציון פארלאג פּלאנט ארויסצוגעגעבן.

די שריפטען פון די באגרינדער און טעאָרעטיקער פון'ם פועלי־ציוניסטישען געדאנק זיינען צוזייט און צושפּרייט אין די פארשידענע צייטונגען און זשורנאלען אין פילע לענדער. אונזער ציל איז דעריבער, אויף וויפיל אונז וועט מעגליך זיין, צונויפצוזאמלען די פועלי־ציון שריפטען און באשאפען א „פועלי־ציון ביבליאָטעק".

נאטירליך וועט אונזער פארלאג, א חוץ דעם, אויך זעהן ארויסצוגעבען ביכער און בראשורען פון אנדערע אידישע און ניט־אידישע שריפטשטעלער — ביכער וואָס זאָלען העלפען צו פארטיעפען אונזערע אידעען.

עס איז איבעריג צו זאגען אז מיר פיהלען א באזונדער שטאָלץ און פרייד אנצוהויבען אונזער ביבליאָטעק־סעריע מיט א טייל פועלי־ציון שריפטען פון ד. ב. באָראָכאָוו.

מיר הויבען אָן מיט חבר ד. ב באָראָכאָוו, וואָס האָט אָ נ ג ע ־ ה ו י ב ע ן די פועלי־ציון באוועגונג און האָט פאקטיש אויפגעמאכט דאָס ערשטע בלאט פון פועלי־ציוניזם, אלס פירער, טעאָרעטיקער, אָרגאניזאטאר און באשאפער.

מיר ווילען דערביי באמערקען, אז דאָס דאָזיגע בוך האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם פּלאן פון'ם אלוועלטליכען פועלי ציון פארבאנד ארויסצוגעבען אלע געזאמעלטע שריפטען פון ד. ב. באָראָכאָוו. עס איז זיכער אונזער טיפסטער וואונש, אז דאָס זאָל אין גיכען מקוים ווערען.

פ ו ע ל י  צ י ו ן  פ א ר ל א ג.

ניו יארק, 1920.

# באַראַכאָוו אַלס טעאָרעטיקער

פון יצחק זאר.

דער פאַרשטאָרבענער גרויסער חבר, וועמען דער טויט האָט אַזוי אונערוואַרטעט און אַזוי אכזריות'דיג אַפּגעשטעלט אין מיטען וועג פון זיין גייסטיגער פאַרנאַנדערוויקלונג און טעאָרעטישען שאַ־פען, האָט אונז איבערגעלאַזען אַ ווערטפולע ירושה — די ירושת פון אַ דענקער און טוער, אַ ירושה, וואָס וועט מיט דער צייט פאַר־נעמען אַ בכבוד'יגען פּלאַץ אין די קולטור אוצרות פון אידישען פאָלק.

די צייט איז נאָך, ליידער, ניט געקומען פאַר דער ריכטיגער אָפּשאַצונג פון דעם ביטראַג, וואָס באַראַכאָוו האָט איבערגעלאַזען אין דעם סכום פון דויערהאַפטע אידעען, וועלכע האָבען אין אונזערע צייטען באַרייכערט דעם פּרייהייטס גייסט פון אונזער פאָלק בכלל און זיינע אַרבייטער־מאַסען בפרט. דער קבר איז נאָך צו פריש, און די צייט צו רוישיג; עס איז נאָך ניט אין גאַנצען פאַרשוואונ־דען דער פּאַרטייען־קאַמף, אין וועלכען דער פאַרשטאָרבענער חבר האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָלע, און עס איז שווער זיך אָפּצו־זאָגען פון אייגענע אמת'ן אָדער פאַראורטיילע, בכדי ערנסט, געלאַ־ווען און אָביעקטיוו אויסצוטיילען פון דעם אַלגעמיינעם שאַפען דאָס ספּעציעלע, וואָס כאַראַקטעריזירט באַראַכאָוו'ס אויפטו פאַר די אי־דעאַלען פון אידישען פרייהייטס־קאַמף אין זיינע פאַרשידענע פאָר־מען.

די צייט וועט אָבער קומען, מוז קומען. ווי אַרים מיר זאָלען

ניט זיין אין גייסטיגע קרעפטען, וועט זיך דאך געפינען איינער, וואס וועט אויף זיך נעמען די דאנקבארע ארבייט, צו געבען א פאל־שטענדיג בילד פון דער מערקווירדיגער פערזענליכקייט און אן אל־זייטיגען אנאליז פון דעם פארשידענארטיגען שאפען פון באראכאוו'ן אלס דענקער און קעמפער.

ער איז געווען א מאן פון אויסערגעוועהנליכער ענערגיע, פון אונערמיעדליכער ארבייטסזאמקייט און פון פילזייטיגען וויסען. אלץ האט ער געוואלט ערלערנען, אלץ האט איהם אינטערעסירט. ער האט געהאט גרויסע און טיפע קענטניסע אין דער פילאזאפיע און די סאציאלע וויסענשאפטען; האט פארמאגט גרינדליכע ידיעות אין א סך שפראכען און געהאט א קלארען באגריף וועגען אזוינע וויסענשאפטען, וועלכע אינטערעסירען קוים אפילו דעם העכערען טיפ אינטעליגענט. ער האט זיך געהאלטען אין ענטוויק־לען אין אן ענציקלאפעדישען וויסענשאפטס־מאן, אין א דענקער, וואס איז א זעלטענהייט אין אונזער צייט.

עס טוט מיר אמת לייד, וואס די אומשטענדען זיינען נאך ניט רייף פאר א לענגערע ארבייט איבער דעם טיפען נאציאנאל־סאציאליסטישען פארשער, דעם באגרינדער פון וויסענשאפטליכען ציוניזם און דעם גרינדער פון דער פועלי ציוניסטישער ארגאניזאציע און טעארעטיקער פון דער פועלי־ציוניסטישער פילאזאפיע. איך מוז מיך באגרעניצען מיט אן אלגעמיינעם איבערבליק פון באראכאוו'ס גרונד־געדאנקען אויף די דערמאנטע דריי הויפט־געביטען פון זיין טעטיגקייט. דער אינטעליגענטער לעזער וועט געפינען א ברייטע ערקלערונג פון די פונקטען, וואס איך באריר בלויז, אין באראכאוו'ס שריפטען גופא.

---

דער פריהלינג פון דער אידישער פרייהייטס באוועגונג, ציוניס־טישער און סאציאליסטישער, אין דער תקופה פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע, האט זיך אויסגעצייכענט מיט דער פאר־העלטניסמעסיג גרויסער צאהל פון גלענצענדע יונגע דענקער, וואס האבען זיך אין די באוועגונגען באטייליגט. פלוצלונג זיינען ער־שיגען אין אלע טיילען פון לאנד און אין אלע קלאסען פון פאלק

רעדנער, טוער און טעאָרעטיקער. אַ סך פון זיי זיינען שפּעטער געוואָרען שרייבער און ווייט באַקאַנטע כלל־טוער. די מערהייט פון אונזערע שריפטשטעלער, ארטיסטען, פירער און אינטעלעקטועלע קרעפטען בכלל באַשטעהט פון די אַמאָליגע פּאַרשער און טוער.

עס איז געווען אַ גאָלדענע צייט, אַ צייט פון גייסטיגען שוואונג און רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט: דער אויסדרוק פון היסטאָריש אַנגעזאַמעלטע כחות; די רוישיגע ארבייט פון אַ נייער עפּאָכע.

אַ וואָרט האָט דאַן געמיינט אַ סך, ווייל אַ וואָרט האָט אויסגעדריקט אַ אידעע, אַן אנשויאונג, אַ גאַנצע טעאָריע, און געדאנקען זיינען דאַן געווען די טרייבקראַפט פון געזעלשאַפטליכער ארבייט און דער אמת'ער אינהאַלט פון דעם טוער'ס נשמה. דאָס נייע וואָרט אָדער דאָס שטאַרקע וואָרט פלעגט פריהער ארויסגעזאָגט ווערען אין די אונלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, אין די רעדעס, אין די דעבאַטען און ערשט שפּעטער — און דאָס ניט אַלע מאָל — אין דער לעגאַלער פּרעסע. די אַנטוויקלונג פון די מאַסען איז געווען דורך וואָרט און שריפט, מער מינדליך ווי שריפטליך די ערשטע צייטען. דער דענקער, וואָס פלעגט אַרויס אין דער עפענטליכקייט מיט עטוואָס אָריגינעלעס, פלעגט אויסדריקען אין דער פּרעסע דאָס, וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט געפּרעדיגט אויסער דער פּרעסע און וואָס איז שוין געווען באַקאַנט אין אַלגעמיינעם צו אַ ברייטער שיכט פון אינטעליגענטען און מיטגלידער פון דער באַוועגונג, דער אייגענער אַזוי גוט ווי דער געגנערישער.

ווען באָראָכאָוו איז אַרויס מיט זיינע געדאנקען אין דער פּרעסע, דער ציוניסטישער, דער לעגאַל־פּאַרטייאישער, און האָט פאַרעפענטליכט איינינע בראָשורען, איז ער שוין געווען באַקאַנט אין ברייטע קרייזען פון דער ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג און האָט שוין געהאַט פאַרזעעט זיינע טעאָריען אין די מחות פון טויזענדער באַוועגונגס־מענשען. זיינע גלענצענדע דעבאַטען, זיינע אונאויפהערליכע טורען פון שטאָדט צו שטאָדט האָבען איהם אויסגעצייכענט לאַנג פאַר זיין ארויסטריט אין דער ברייטער עפענט־

ליכקייט און איהם געשטעלט אין די רייהען פון די הויפט דענקער צווישען די טעארעטישע פירער פון די פארטייען און פראקציעס אין אידישען לעבען.

אין יענער צייט האט מען געלעבט פיל און אינטענסיוו; גע־שארפט דעם מח אויף שריט און טריט און מיט לייב און זעעלע זיך איבערגעגעבען צו א קאנצענטרירטער, איינדרינגליכער גייס־טיגער ארבייט, — און א מענש מיט גרויסע פעהיגקייטען פון דער נאטור און מיט א ליידענשאפטליכען דורשט נאך וויסען, האט גע־קענט אויפטאן, אויף דעם געביעט פון אריגינעלען טעארעטישען שאפען, עטוואס דויערהאפטעס, עטוואס גרויסעס.

פאראן מענשען, וואס ווערען פארוינט אלס גרויסע גייסטער בלויז דערפאר, ווייל זיי לעבען לאנג און שרייבען א סך, און דער עולם — אפילו דער געבילדעטער — ווערט צוגעוואוינט צו הערען דעם זעלבען נאמען אזוי לאנג, ביז איהם דוכט זיך, אז ער האט פאר זיך אן אריגינעלען דענקער. דער אמת'ער זשעניע אדער טע־ארעטיקער דערקענט זיך אין זיין יוגענד, און זיין שפעטערע אר־בייט איז בלויז א פארטיפונג און א אויסברייטונג פון דעם, וואס ער האט מיט יארען צוריק געטראכט אדער ארויסגעזאגט. קענטני־סע אליין זיינען ציגעל, רויער מאטעריאל. ווער עס פארמאגט די פעהיגקייט די קענטניסע צו סיסטעמאטיזירען און צו קאמאנדירען זיי אזוי, אז עס זאל ארויס א הערליכע געביידע, א נייער געזיכטס פונקט אין דער וועלט פון גייסט, יענער איז דער אמת'ער שאפער, דער גרינדער פון א נייער שולע, א נייער לערע, א נייער פארמע.

---

אויף דעם נאציאנאל־סאציאליסטישען געביעט קומט באראָ־כאוו'ן דער אויבען־אן, צווישען די אידען אזוי גוט ווי די ניט־אידען, וועלכע האבען זיך מיט דעם פראבלעם באשעפטיגט. בארא־כאוו האט פעסטגעשטעלט די ארגאנישע איינהייט פון סאציאליזם און פראלעטארישען נאציאנאליזם.

די אנשויאונגען פון אפיציעלען סאציאליזם וועגען דער נא־

ציאָנאַלער פראַגע זיינען, מיט אַ יאָהר פופצעהן צוריק נאָך, געווען אָדער רוי און האַלב־געבאַקען אָדער העכסט בירגערליך רעאַקציאָנער, און די פאַרקעמפער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג האָבען, מיט דער אויסנאַמע פון באָראָכאָוו׳ן, ניט געגעבען דעם ריכטיגען ענטפער אויף די קשיות און אויסזעצונגען פון דער אַלטער סאָציאַליסטישער שולע. אָדער זיי האָבען געזוכט צוצושטוקעווען דעם נאַציאָנאַליזם צום סאָציאַליזם אָדער זיי האָבען געזוכט תירוצים, פאַר וואָס מען איז געצוואונגען מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע זיך צו פאַרנעמען, כאָטש עס וואָלט געווען גלייכער פאַר׳ן סאָציאַליזם, ווען אזא פראַגע זאָל גאָר ניט עקזיסטירען. די ערשטע האָבען געוואָלט אויסברייטען דאָס פעלד פון סאָציאַליזם און אריינעמען דעם נאַציאָנאַליזם; די אַנדערע האָבען זיך פאַרענטפערט און באַטראַכט דעם נאַציאָנאַליזם אין זיין עצם אַלס רעאַקציאָנערע ערשיינונג.

די בעסטע פאַרטיידיגער, פון סאָציאַליסטישען שטאַנדפונקט, פון דעם נאַציאָנאַליזם בכלל און אידישען נאַציאָנאַליזם בפרט, זיינען געווען די „סיימיסטען“. זייערע טעאָרעטיקער זיינען געווען פּאָעטישע דענקער, אַזוי צו זאָגען, און פלעגען אויפשטעלען וואונדער־שעהנע בילדער פון דעם, וואָס דער סאָציאַליזם דאַרף ווערען און וואָס דאָס אידישע פאָלק דאַרף זיך ערקעמפען,—הויפטזעכליך אין גלות. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, האָבען זיך ווייניג געקימערט וועגען מאַרקסיזם, היסטאָרישען מאַטעריאַליזם און די אַלע גוטע און שלעכטע אידעען, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען אריינגענומען אין זייער סאָציאַליסטישע פילאָזאָפיע. זיי האָבען ניט געזוכט צו באַווייזען די לאָגישע קאָנסעקווענצען פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם אין דער הינזיכט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, נאָר, פאַרקערט, געזוכט צו באַווייזען, אז דער סאָציאַליזם דאַרף רעפאָרמירט ווערען אויך דערפאַר, ווייל ער גיט ניט דעם ריכטיגען ענטפער אויף די נאַציאָנאַלע פראַגע. זייער מעטאָדע איז געווען אַ פאַרקערטע, און זייער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אַ אידעאַליסטישער. די

פראגע איז געווען: מוז דער סאציאליזם דעם נאציאנאליזם אנערקענען אדער זאל ער עס טאן? די „סיימיסטען“ האבען געלעגט דאס געוויכט אויף דעם „זאל“. מענשען מיט וויסען, מיט א גלענצענדער פעדער און ארטאטאר׳שען טאלענט, האבען זיי באוויזען אויסצואיבען א פסיכאלאגישען איינפלוס אויף פריינד און געגנער און דורך דעם פיל בייגעטראגען צו דער פארשטארקונג פון דעם אידישען נאציאנאלען געפיל. פאר זיי איז די פרייע נאציאנאלע אנטוויקלונג פון אלע פעלקער געווען פון גרויסער קולטורעלער באדייטונג פאר דער מענשהייט, און די סאציאליסטישע באוועגונג דארף דערפאר נעמען א פאזיטיווע שטעלונג אין דער פראגע, ווען ניט, וועט דער אידעאל זיין באגרעניצט און די באוועגונג גייסטיג און מאראליש ארימער. אין אנדערע ווערטער, דער סאציאליזם קען אויסמיידען דעם נאציאנאליזם, אויב ער וויל, אבער ער דארף עס ניט טאן.

דער בונד“ האט אויפגעפאסט די נאציאנאלע פראגע אלס אן עטישע און פאליטישע פראבלעם. דער נאציאנאליזם איז א שעדליכע ערשיינונג, און דער נאציאנאלער קאמף פארדונקעלט דאס קלאסענבאוואוסטזיין פון פראלעטאריאט: אבער זאל מען געוואלטזאם אסימילירען דעם אידישען ארבייטער? — ניין! עס איז ניט דעמאקראטיש, עס איז ניט עטיש און „במילא“ ניט סאציאליסטיש צו צווינגען דעם אידען, ער זאל אויפגעבען זיין נאציאנאלע קולטור. מען דארף איהם שטענדיג ערציהען סאציאליסטיש, בכדי אויסצומיידען, ווי ווייט מעגליך, די נאציאנאליסטישע שטרויכלונגען אויף זיין וועג, אבער מען דארף איהם געבען די געלעגענהייט אויסצולעבען זיך נאטירליך אלס איד, מען דארף איהם געבען דאס רעכט פון נאציאנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע, און די געשיכטע וועט שוין טאן איהר׳ס.

פון פאליטישען שטאנדפונקט איז וויכטיג צו באנוצען זיך מיט די קולטורעלע פארמען, וואס האבען זיך ביז אהער אויסגעארבייט ביים אידישען פאלק, בכדי בעסער צוצוקומען צו די מאסען. מען קען ניט, למשל, פרעדיגען דעם סאציאליזם אין א שפראך, וואס דער ארבייטער פארשטעהט ניט: מען מוז דעריבער קומען צום אידען

אין זיין שפּראַך, און דאָס אַליין מאַכט שוין נויטיג די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדער אידיש־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע.

די דערמאָנטע צוויי ריכטונגען אין אידישען פּראָלעטאַרישען נאַציאָנאַליזם האָבען בייגעטראָגען, יעדע אויף איהר אופן, צו דער ערוואַכונג און ענטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער אידעע, אָבער זיי האָבען ניט געשטעלט די פראַגע ריכטיג און במילא ניט געפונען דעם ריכטיגען ענטפער. עס איז פאַר זיי געווען אַ שטענדיגע פראַ־גע — פּסיכאָלאָגיש און פּאָליטיש — ווי אַזוי צוזאַמענצובינדען דעם קלאַסען קאַמף מיט דעם נאַציאָנאַלען קאַמף. זיי האָבען באַ־טראַכט דעם סאָציאַליזם און דעם נאַציאָנאַליזם אַלס צוויי באַזונדערע זאַכען.

די פּועלי־ציון און די „ס. ס.", וועלכע זיינען געווען די ערש־טע צייט איין אָרגאַניזאַציע פון אַרבייטער־ציוניסטען און וועלכע האָבען זיך צושיידט ערשט שפּעטער, צוליעב דער פראַגע פון ארץ־ישראל אָדער אַ טעריטאָריע בכלל, זיינען געווען אייניג אין זייער בליק אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע, — כאָטש ניט איז דערזעל־בער מאָס קאָנסעקווענט, ווי עס וועט זיך אַרויסשטעלען אין פאַר־לויף פון מיין באַשיידענעם איבערבליק.

באָראָכאָוו איז געווען דער הויפּט באַגרינדער פון דעם אַרביי־טער־ציוניסטישען נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. זיין טעאָריע איז שפּע־טער געוואָרען די הערשענדע ביי די אידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טען און יעצט איז זי כמעט אַן אַקסיאָמע ביי אַלע סאָציאַליסטען פון דער וועלט. אָהן ספק, אַז אין דער ענדערונג פון דער סאָציאַ־ליסטישער אויפפאַסונג פון נאַציאָנאַליזם האָט באָראָכאָוו אַ גרוי־סען חלק דירעקט, דורך דעם איינפלוס, וואָס די פּועלי־ציוניס־טישע אַל־וועלטליכע אָרגאַניזאַציע האָט די לעצטע עטליכע יאָר אויסגעאיבט אויף די פילע פון אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָבער דער הויפּט באַווייז אַז באָראָכאָוו'ס אידעען זיינען די ריכטיגע, באַשטעהט אין דעם, וואָס די געשעהע־נישען און דער לעבענסגאַנג גופא האָט זיי באַשטעטיגט, וואָס דער סאָציאַליזם האָט געמוזט קומען צו דעמזעלבען בליק אויף דעם ענין צוליעב דער „בלינדער לאָגיק" פון דער ווירקליכקייט. אַ פּערזאָן

קען, אונטער געוויסע אומשטענדען, ווירקען, אז א באשטימטע אי־דעע זאל באהערשען די מחות פון גרויסע מאסען, — ווי מיר האבען עס אזוי בולט געזעהן אין די לעצטע צוויי יאהר פון וועלט קריג, — אבער די אידעע שטעלט זיך שפעטער ארויס אלס מאמענטאנע פארבלענדעניש, אין בעסטען פאל אלס א מאסען פסיכאז, — ווי מיר האבען עס טאקע געזעהן אין אונזערע צייטען. דאס הייסט, אז דער אמת פון א געדאנק באשטעהט ניט אזוי פיעל אין דעם דירעקטען איינפלוס, וואס דער מחבר איבט אוים אויף זיינע מיט־מענשען, ווי אין דעם, וואס די לעבנס־באדינגונגען באשטעטיגען דעם געדאנק און פירען צו דעם, אז גרעסערע שיכטען פון דענקער און פירער זאלען צו דעם זעלבען געדאנק קומען.

---

נאציאנען גרינדעט מען ניט און מען שאפט זיי ניט אפ. זיי זיינען א נאטירליכע ערשיינונג. דער מענש איז א גרופען מענש, אין עטניש־קולטורעלען זין. ער לעבט אלס טייל פון זיין פאלק און ווירקט אין דער אלגעמיינער געזעלשאפט דורך זיין באטייליגונג אין דעם לעבען פון זיין פאלק. די אנטוויקלונג פונ׳ם ארבייטער, אין סאציאליסטישען זין, הייסט זיין קולטורעלע, עקאנאמישע און פאליטישע ארויפשטייגונג אין דעם לעבען פון זיין פאלק. דער סאציאליזם איז אויך אזא אופן א נאציאנאלע באוועגונג, ווייל ער איז א סאציאלע באוועגונג. קען זיך דער יחיד אנטוויקלען אויסערהאלב דער געזעלשאפט? — ניין! קענען די מאסען זיך אנט־וויקלען אויסערהאלב זייערע אנטשפרעכענדע פעלקער? — ניין! קען דער סאציאליזם זיך אנטוויקלען אויסערהאלב דער נאציא־נאלער סביבה? — ניין! פאלגליך, איז דער סאציאליזם און דער נאציאנאליזם איינס און דאס זעלבע, צוויי ווערטער, וואס באצייר־כענען די זעלבע זאך, ווען מען רעדט פון דעם באוואוסטזיניגען אר־בייטער קלאס.

אויסער די ארבייטער זיינען דא אנדערע קלאסען אין יעדען פאלק, און זייער אנטוויקלונג אין סאציאלען זין מיינט זייער אנט־שפרעכענדע נאציאנאלע אנטוויקלונג, אדער בירגערליכער נא־ציאנאליזם. וועמעס אידעע פון נאציאנאליזם זאל הערשען, —

דאס איז דיזעלבע פראגע, ווי וועמעס אינטערעסען זאלען ריכטען דאס לעבען און פאליטיק פון פאלק. דער קלאסען־קאמף איז צו דערזעלבער צייט א קאמף פאר׳ן נאציאנאליזם.

און וואס איז דער נאציאנאלער קאמף, דער ארבייטער קלאס פון א אונטערדריקטען פאלק זוכט זיך צו באפרייען. פון וועמען? — פון דעם קלאס, וואס באהערשט די פאליטיק פון אונטערדריקער. אויף אזא אופן איז דער נאציאנאלער קאמף א קלאסען־קאמף, צווישען קלאסען פון פארשידענע פעלקער.

דער בירגערליכער עלעמענט פון אונטערדריקטען פאלק זוכט אראפצווארפען פון זיך דעם פרעמדען יאך, בכדי אליין צו באהערשען דאס פאלק, און דער בירגערליכער עלמענט פון אונטערדריקער וויל באהערשען דאס אייגען און דאס פרעמד פאלק. דאס איז א קאמף פאר קלאסען־הערשאפט. און אויף וויפיל דער ארבייטער און דער בורזשוא זיינען פאראינטערעסירט אין דער באפרייאונג פון פרעמדען דרוק, געהען זיי צוזאמען אין שלאכט. אין דעם ליגט די נויטווענדיגקייט און בארעכטיגונג פון קלאסען־פאראייניגונג פאר באשטימטע צוועקען און אונטער באשטימטע אומשטענדען.

דאס איז, אין איינפאכע ווערטער, באראכאוו׳ס נאציאנאל־סאציאליסטישע טעאריע, דער גרונד־געדאנק, פון וועלכען עס פליסען ארוים לאגישער־ווייזע די פרינציפען פון ציוניזם און פון פועלי־ציוניזם.

---

אויפ׳ן געביט פון ציוניזם איז באראכאוו געווען דער איינציגער וואס האט געגעבען א וויסענשאפטליכע באגרינדונג. צוליב פאליטישע טראדיציע, צוליב דעם, וואס די טעריטאריאליסטען האבען ניט געוואלט בייטען זייער נאמען, האט דער ציוניזם באקומען א צווייפאכע באדייטונג: די לייזונג פון דער אידען־פראגע דורך די קאנצענטרירונג פון א אידען־מערהייט אויף א לאנד בכלל און די קאנצענטראציע פון א אידען־מערהייט אין ארץ ישראל. נאך

דער צושפּאַלטונג פון אַרבייטער־ציוניזם אויף צוויי פראַקציעס, אָדער פּאַרטייען, לכתחילה צוליב דעם אוגאַנדא פראָיעקט און שפּע־טער צוליב דער פראַגע פון ציון אָדער טעריטאָריע בכלל, האָט איין טייל זיך גערופן „סאָציאַליסטען־ציוניסטען טעריטאָריאַליסטען" און דער צווייטער טייל „סאָציאַליסטען־ציוניסטען פּאַלעסטינצעס", אָדער „ס. ס." און פּועלי ציון. זינט דאַן פאַרשטעהט מען דעם ציוניזם ניט נאָר אין זיין בוכשטעבליכען זין, נאָר אויך אַלס אי־דעאַל פון אַ אידען־שטאַאַט בכלל.

איןביידע זיינע באַדייטונגען האָט באָראָכאָוו געבראַכט דעם ציוניזם דעם וויכטיגסטען נוצען, און אין דער פראַגע פון ארץ־ישראל האָט ער ממש געשטעלט דעם ציוניזם אויף די פיס.

ביי באָראָכאָוו'ן איז דער ציוניזם פאַרשטאַנען געוואָרען פון דריי פאַרשידענע שטאַנדפּונקטען, וועלכע זיינען געווען, יעדער באַ־זונדער, דער שטיץ־פּונקט פון אַ אַנטשפּרעכענדער פּאַרטיי. איי־נער אַ נעגאַטיווער, פּאַרטראַטען פון די „ס. ס." און די אַלגעמיינע טעריטאָריאַליסטען, ווען זיי האָבען זיך אויסגעטיילט אַלס זעלבסטשטענדיגע פּאַרטיי. די איבריגע צוויי — פון פּאָ־זיטיווען כאַראַקטער. איינער — פּאַרטראָטען פון די אַלגע־מיינע ציוניסטען, און פון די „סיימיסטען", דער צווייטער. די שווערע, אונערטרעגליכע לאַגע פון די אידישע מאַסען, וועלכע ווערט אַלץ ערגער, דער גלות אין זיין שוואַרצעסטער געשטאַלט, — דאָס איז געווען דער גרונד מאָטיוו פון די „ציוניסטען־טעריטאָריאַ־ליסטען", ראַדיקאַלע און בירגערליכע. די בייגקשאַפט נאָך ציון, די ליבע צום אייגענעם לאַנד, דער באַגער צוריק אויפצובויען דאָס אַמאָליגע פּאַטערלאַנד, — דאָס איז געווען דער הויפּט מאָטיוו פון אַלגעמיינעם ציוניזם; און די פרייע אַנטוויקלונג פון אידישען פאָלק, פון זיין קולטור, — דאָס איז געווען דער ציוניסטישער — אָדער טעריטאָריאַליסטישער — פונדאַמענט פון די „סיימיסטען". אַלע דריי אויסגערעכענטע מאָטיווען זיינען פון באַדייטענדען ווערטה און דריקען אוים אמת'ן, אַבער טיילווייזע אמת'ן. קיין איינער פון זיי באַזונדער, און אַלע דריי צוזאַמען, זיינען ניט גענוג אום צו געבען דעם ציוניזם דעם כאַראַקטער און שטיצפּונקט

פון א וויסענשאפטליך באגרינדעטער באוועגונג, און זיי זיינען לחלוטין באדענלאז בנוגע דער פראגע פון דער *רעאליזירונג* פון ציוניזם.

אידען זיינען אין גלות שוין באלד צוויי טויזענד יאר. אין משך פון דער צייט האבען מיר געהאט צרות געגוג און אין מאנכע עפאכען אזוינע צרות, צו וועלכע די מאדערנע צייט מיט איהרע שרעקליכע פאגראמען קומט דאך ניט אין פארגלייך, און פון דעסטוועגען זיינען מיר נאך אלץ דיזעלבע נע־ונד'ניקעס. די שלעכטע לאגע רופט ארוים דעם פארלאנג אדער די האפנונג אדער דעם וואונש זיך צו באפרייען, — אבער זי קען ניט ברייגגען די ישועה, אויב אנדערע, אביעקטיווע כחות זייגען ניט צו גונסטען. מען מוז אויך אין זינען האבען, אז אויב די לאגע איז זעהר שלעכט, און ווערט רק ערגער, קען אין גאנצען אפגעטויטעט ווערען דער ווילען פון די ליידענדע, און אפילו דער חלום פון באפרייאונג קען פארשווינדען.

די בייגקשאפט און ליבע צו ציון, כאטש פון פאזיטיווער נאטור, איז קיין גאראנטיע ניט, אז און פאר זיך, אז דער וואונש וועט ווערען א געשיכטליכער פאקט. די בת מלכה קלאגט אויף איהר שיקזאל יארטויזענדער, און דאך קומען זיך חתן־כלה ניט צונויף. דאס זעלבע איז בנוגע דעם אידעאל פון נאציאנאלער אנטוויקלונג אין אלגעמיין. ער בלייבט א אידעאל פון איינצעלנע, אויב דאס לעבען פירט ניט צו זיין פארווירקליכונג.

דער הויפטפעלער פון די אלע אנגעגעבענע מאטיווען איז געווען דאס, וואס זיי האבען געבויט *אויף דעם ווילען פון פאלק* אלס געניגענדער פאקטאר צו פארווירקליכען דעם ציוניזם, און עס דארף היינט צו טאג זיין קלאר פאר אלעמען, אז דער ווילען, ניט נאר פון א יחיד, נאר אפילו פון דעם מעכטיגסטען פאלק, קען גארנישט אויפטאן פאר דעם געשטעלטען צוועק, אויב די פארהעלטניסע זיינען ניט גינסטיג, אויב די אינטערעסען און אנטשפרעכענדע ווילענס פון אנדערע זיינען געגען.

דער ציוניזם, — אלס *באוועגונג* און אלס *רעאליזירבארע באוועגונג*, — איז א *סטיכי*־

שער פראצעס, — דאס איז דער גרונד־געדאנק פון באַ־ראכאוו׳ן, וועלכער האָט געגעבען דעם ציוניזם זיין וויסענשאַפט־ליכען ווערטה, אָט דער קורצער און שניידענדער אויסדרוק ער־קלערט, פאַר וואָס עס איז דאַ א ציוניסטישע באַוועגונג, פאַר וואָס עס וואַקסט דער ווילען ביים פאָלק זיין אידעאַל דורכצופירען און פאַר וואָס דער אידעאַל וועט דורכגעפירט ווערען.

פאַר דעם באַהאַוועגטען מענשען וועט זיין איבעריג צו באַ־טאָנען, אַז וויסענשאַפט מיינט אין פלוג רעלאַטיוויטעט, אַז די געזעצען אָדער מענדענצען, וואָס ווערען פעסטגעשטעלט אויף׳ן גרונד פון דער מענשליכער ערפאַרונג און איינדרינגליכקייט, קע־נען זיך ארויסשטעלען פאַלש אין דער צוקונפט, אָבער וויסענ־שאַפט גיט א זיכערען באָדען אונטער די פיס און שוין צוליב דעם אליין שטאַרקט זי דעם מוט פון די טוער.

באָראכאָוו האָט זיך באַנוצט מיט צוויי האַרבע ווערטער, כדי צו אונטערשטרייכען אַזוי שטאַרק, ווי מעגליך, דעם היס־טאַריש־דעטערמינירטען כאַראַקטער פון ציוניזם און זיין הילף פאַר דעם אידישען פאָלק. אין ערשטען זין איז דער ציוניזם א סטיכישער פראָצעס: אין צווייטען זין א טעראַפּעווטישע באַ־וועגונג.ביידע ווערטער זיינען גענומען פון גריכיש, כאָטש דאָס „שיקזאַל" האָט געוואָלט, אַז דאָס לייכטערע וואָרט זאָל ברייט באַקאַנט ווערען — וואו מיט חן און ווי מיט אומחן — און דאָס לענגערע און שווערערע וואָרט זאָל פאַרגעסען ווערען. טע־ראַפּעווטיש קומט פון גריכישען „טעראַפּעפּסיאַ", וואָס מיינט היי־לונג, און סטיכיש שטאַמט פון „סטיכי", וואָס מיינט, צווישען אַנ־דערעס, אָרדענונג: איז דער ציוניזם א היסטאָריש־דע־טערמינירטער פּראָצעס, א געאָרדנעטער פּראָצעס, א סטיכי־שער פּראָצעס, אָדער דער אויסדרוק פון פרייען ווילען פון אי־דישען פאָלק? האָט געמוזט ענטשטעהן די באַוועגונג אָדער מען האָט זי דורך א צויבער אין לעבען גערופען? איז די פאַר־ווירקליכונג פון ציוניזם א הייסער באַגעהר אָדער א פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפטליכער אנטוויקלונג בכלל און פון אידישען

פאלק בפרט ? קורץ, איז עס א פרייער פראצעס אדער א סטיכישער פראצעס ?

האלט אין זינען די ארגאנישע איינהייט פון סאציאלער און נאציאנאלער אנטוויקלונג, און עס ווערט קלאר, אז די באדינגונגען, וואס באשטימען דאס שטרעבען פון די מאסען צו דער עקאנאמישער, פאליטישער און קולטורעלער באהערשונג פון פאלקסלעבען, מוזען, ביים אידישען פאלק, פירען צו דעם וואוקס פון ציוניזם, וועלכער איז זיין ספעציפישער אויסדרוק פון א פרייען און זעלבסטשטענדיגען נאציאנאל־סאציאלען לעבען, אין דעם ליגט די היסטארישע נויטווענדיגקייט פון דער ציוניסטישער באוועגונג, בירגערליכער און פראלעטארישער.

אדער אט דער נאציאנאל־סאציאלער פראצעס, וואס באדינגט דעם ציוניזם, ענטהאלט ער אין זיך די טענדענצען פון זיין פארווירקליכונג?

די פראגע איז אזוי פון קיינעם ניט געשטעלט געווארען, אויסער באראכאוו'ן. די אלגעמיינע ציוניסטען האבען געגלויבט, אז דער ווילען פון פאלק וועט אלץ בייקומען, און זיי זיינען באשטאנען אויף ארץ ישראל דוקא, ווייל נור אהין ווילען די אידען וועלען געהן און נור דארט וועלען זיי געפינען די כחות, וואס די אויפבויאונג פון א שטאאט פארלאנגט. זיי האבען זיך פארגעשטעלט דעם ציוניזם אין זיין פראקטישער פארם אלס א קאלאניזאציאנס אונטערנעמונג, לויט א באשטימטען פלאן, און ניט אלס א נאטירליכע קאנצענטראציע פון די אידישע מאסען, געטריבען פון זייערע אינטערעסען, אהנע צו קימערען זיך וועגען דעם ענד רעזולטאט פון זייערע אינדיווידועלע און גרופען כחות. די ארגאניזאציע פון די באוואוסטזיניגע כחות איז געווען פאר זיי, ניט צו באווירקען דעם נאטירליכען גאנג, נור איהם צו באשאפען.

אויף דעם זעלבען שטאנדפונקט זיינען געשטאנען די „ס. ס.“, די אלגעמיינע טעריטאריאליסטען און די „סיימיסטען“, — אויף דעם שטאנדפונקט פון ארויסרופען אן עמיגראציע און קאלאניזאציע נאך א באשטימטען ארט. און מען האט זיך ניט

געאייניגט בלויז אין דער פראגע, וואוהין מען זאל קירעווען די אידישע וואנדערונג. פאר די טעריטאריאליסטען האט די אונטערנעמונג אויסגעקוקט זעהר לייכט, און זייער הויפט ארגומענט איז געווען, אז מען מוז ראטעווען די וואנדערנדע און הונגעריגע מאסען פון א זיכערען אונטערגאנג און דאריבער דארף מען קריגען און באזעצען דאס לאנד שוין, ווערענד מיט ארץ ישראל וועט מען מוזען ווארטען, — צוליב די פאליטישע שטערונגען. די „ס. ס.“ — אום צו רעדען בלויז פון די פראלעטארישע פראקציעס — זיינען געווען „וועיראזשדענצעס“, אנהענגער פון דער ענטארטונגס טעאריע. זיי האבען געגלויבט, אז די אידען אין גלות געהען אונטער אין נאציאנאלען און פיזישען זין און האבען געוואלט א לאנד, בכדי מיט דעם כח פון דעם אייגענעם ווילען זיך שטעלען אנטקעגען דעם אייזערנעם מוז פון דער געשיכטע. און די רעטונג האט געמוזט זיין שנעל, כדי עס זאל ניט זיין צו שפעט, כדי די ארבייט זאל געטאן ווערען, ווען דאס פאלק פארמאגט נאך פיזישע און עקאנאמישע כחות זי צו טאן. די „סיימיסטען“ זיינען געווען „וואזראזשדענצעס“, „גלות־אויפלעבער“. פאר זיי האט דער גלות אנטהאלטען כמעט אומענדליכע מעגליכקייטען פון אנטוויקלונג, און די טעריטאריע, דער אידען שטאאט, האט געזאלט זיין דער דאך, וואס זאל קרוינען די הערליכע געביידע פון אן אלוועלטליכער ארגאניזאציע, פאר דעם צוועק, פון די באזונדערע אידיש־נאציאנאלע סיימען אין יעדען לאנד. זיי האבען זיך דעריבער גאר ניט געאיילט און אבגעשטופט דעם ציוניזם אין די ווייטערע צוקונפט. דערפאר אבער האבען זיי ניט געזעהן קיין שוועריגקייט אין דער פארווירקליכונג פון אידען־שטאאט, נאך דער געהאפטער גרויסער אנזאמלונג פון כחות און פעסטער ארגאניזאציע פון אידענטום. מען וועט קריגען א לאנד, אויסארבייטען א פלאן, צוזאמענעמען די מיליאנען און באזעצען דעם עולם, — וועלכער וועט האבען גענוג חשק צו געהן, אפילו ווען איהם וועט זיין גאנץ גוט אין גלות. „וואס בעסער, איז בעסער“, איז געווען דער לאזונג. דער צווייטער עקסטרעם פון די „ס. ס“, וועמעס לייטמאטיוו איז געווען : „וואס ערגער, איז בעסער“.

באראכאוו האט געגעבען זיין פארטיי, די פועלי־ציון, דעם נאמען „פערעראזשדענצעס“, „איבערבויער“, — אין פרייער איבערזעצונג. דערמיט האט ער ווידער אמאל אונטערגעשטראכען דעם גרונדזאץ, דאס דער ציוניזם איז א סטיכישער פראצעס. ניט מיר געהען אונטער אין גלות און ניט מיר שטייגען ביז'ן הימעל ארויף. מיר בויען איבער אונזער נאציאנאל־סאציאלעס לעבען. מיר רופען ניט ארויס קיין קאלאניזאציאנס פראצעס און טראכטען ניט קיין פלענער פאר עקספערימענטען אין שטאאט בויאונג. דער ציוניזם איז ניט קיין וואהלטעטיגע געזעלשאפט צו ראטעווען די הונגעריגע און וואנדערנדע און איז אויך ניט קיין קלוב פון אידעאליסטישע אוואנטוריסטען. ער איז א נאטירליכער פראצעס פון גלייכצייטיגער ארגאניזאציע אין גלות און *וואנדערונגס וואוקס נאך ארץ ישראל*.

ארץ ישראל איז ניט בלויז א וואונש, ניט בלויז א טעריטאריע; ארץ ישראל *ליגט אויפ'ן וועג* פון אידישען פאלק; ארץ ישראל איז די *דערגענצונג* פון דעם פראצעס, וואס רופט דעם ציוניזם ארויס און וואס פירט צו זיין פארווירקליכונג. די אידישע וואנדערונג דארף מען ניט קירעווען, מען קען זי ניט קירעווען, זי מוז, און וועט, אליין זיך ריכטען נאך ארץ ישראל. *די אידישע וואנדערונג, דער פראדוקט פון נויט, טראגט אין זיך גופא איהר אייגענע רעטונג.* דער זעלבער פראצעס, וואס רופט ארויס די אידישע עמיגראציע, מאכט אלץ ענגער די פלעצער, וואוהין די אימיגראציע קען זיך ריכטען, און די וואנדערער וועלען זיך, צוליב זייערע אייגענע אינטערעסען, אלץ מער און מער ריכטען נאך דעם לאנד, וואס פאסט זיך צו צו זייער כאראקטער, זייערע כחות און זייערע האפנונגען. ארץ ישראל איז האלב־אינדוסטריעל און האלב־אגריקולטורעל; ליגט אין מיטעלפונקט פון דריי קאנטינענטען און איז בארופען צו ווערען א וויכטיגער האנדעלס־צענטער. זי איז אויך געאגראפיש נאהענט פון די צענטרען פון דער אידישער עמיגראציע.

אט די, דאכט זיך, פשוט'ע און דאך טיף וויסענשאפטליכע

באגרינדונג פון ציוניזם אין זיין בוכשטעבליכען זין אין קאנקרעטער פארם, האט געמאכט א רושם, און האט באמת אריינגעגעבען גייסט און לעבען אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

---

זיינען מיר ציוניסטען אדער סאציאליסטען ? — דאס איז געוועזן די אויביגע פראגע, וואס געגענער און פריינד פלעגען שטעלען דעם ארבייטער ציוניזם. עס איז ווירקליך געוועזן א „קלאץ־קשיה" פאר די, וועלכע האבען דעם נאציאנאליזם געזוכט אריינצוצופלעכטען אדער צוצוקניפען צום סאציאליזם. כל־זמן מען האלט, אז נאציאנאליזם און סאציאליזם זיינען צוויי באזונדערע זאכען, בלייבט די קשיה, אויף ווי ווייט שיקען זיי זיך איינס מיט'ן צווייטען ? צי שטערט ניט דער קלאסענקאמף דער נאציאנאלער ארבייט אדער דער נאציאנאלער קאמף דער קלאסען פאליטיק ?

פון באראכאוו'ס שטאנדפונקט פאלט די גאנצע קשיה ארונטער. וויבאלד די נאציאנאלע און סאציאלע אנטוויקלונג פון פראלעטאריאט איז איינס און דיזעלבע, קען גארניט איינפאלען צו פרעגען, וואו עס הויבט זיך אן דער נאציאנאליזם און וואו דער סאציאליזם. ווי קען דער קלאסענקאמף שטערען דעם נאציאנאליזם, אז דער קלאסען קאמף איז א קאמף פאר'ן נאציאנאליזם, ד. ה. פאר דעם, ווער עס זאל באהערשען די לעבענס־פארמען פון פאלק? און ווי קען דער נאציאנאלער קאמף פארדונקלען" דעם קלאסענבאוואוסטזיין, אז דער נאציאנאלער קאמף איז א קלאסען־קאמף? — נאטירליך, רעדט זיך דא פון אויפגעקלערטע ארבייטער. דער אונוויסענדער קען פארדונקעלט ווערען אין זיין באוואוסטזיין צוליב טעמים, וועלכע דער גרעסטער חכם וועט ניט פארשטעהן.

ווי אזוי קען דער ארבייטער מיט זיין פרייען און גוטען ווילען זיך באטייליגען אין דער אויפשטעלונג פון א בורזשואזען שטאאט? — נאך איינע פון די פראגען, וואס זיינען געוועזן שטערונגען אויפ'ן וועג פון פראלעטארישען ציוניזם, — פון די „סיימיסטען" און די „ס. ס." דער טעריטאריאליזם אלס פרייוויליגע אונטערנעמונג, ווי

די צוויי פראקציעס האבען זיך פארגעשטעלט, האט דעם פאר־וואורף פון די אנטי־ציוניסטען ניט געקענט אויסמיידען, און די דערמאנטע גרופען האבען געמוזט זוכען א הכשר אין צווייפעלהאפ־טע פלעצער. די הויפט ארגומענטען צו בארעכטיגען זייער אנ־טיילנעמען אין דער באשאפונג פון א קאפיטאליסטישען שטאאט — ווענען א סאציאליסטישער קאלאניזאציע פון אנפאנג אן האט דאך קיין רייד ניט געקענט זיין — זיינען געוועזען צוויי. ערשטענס, זיינען די סאציאליסטען בכלל פאראינטערעסירט אין דער אלזייטי־גער און אינטענסיווער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם, ווייל נור דורך דעם וועט קומען די ישועה פאר'ן ארבייטער קלאס. און צווייטענס, זיינען דאך די סאציאליסטען פון אלע קאלאניען־לענדער פאר קא־לאניאל־פאליטיק, כאטש זיי קריטיקירען שטארק די הערשענדע מע־טאדען פון דער קאלאניאל־פאליטיק, וואס די בורזשואזיע פירט אן.

דער ציוניזם, באטראכט אלס סטיכישער פראצעס, אין זיין אנטשטעהונג און פארווירקליכונג, מיידט אין גאנצען אויס די פראגע. דער אידישער שטאאט וועט אנשטעהן אלס רעזולטאט פון א דויערנדער אנטוויקלונג, אין וועלכער עס וועלען זיך באטייליגען פארשידענע מענשען, גרופען, קלאסען און פארטייען. יעדע אר־גאניזירטע גרופע, יעדער באוואוסטזיניגער קלאס, וועט זוכען אויס־צואיבען איהר אדער זיין איינפלוס אויף דעם לעבען פון וואקסענ־דען ישוב, און דער אידישער ארבייטער וועט אנפירען זיין פאליטיק. ארבייטער און קאפיטאליסט מאכען דא ניט קיין יד אחת. זיי טוען, וואס זיי לוינט און וואס זיי קענען, — יעדער נאך זיין מאכט און מעגליכקייט. מיר בויען ניט קיין שטאאט פאר אלע קלאסען, מיר איבען אויס אונזער איינפלוס אין דעם פראצעס, וואס ברייננט אונז צוזאמען אויף דעם זעלבען פלאץ. אין דעם זין האט בארא־כאוו געמיינט זיין אויסדרוק, אז ד ע ר צ י ו נ י ז ם  ו ו ע ט פ א ר ו ו י ר ק ל י כ ט  ו ו ע ר ע ן  א ל ס  ר ע ז ו ל ט א ט פ ו ן  ק ל א ס ע ן ־ ק א מ ף.

דער וויכטיגסטער פונקט אויף דער טאגעס־ארדנונג פון אמאל

איז געווען דער פּאָליטישער קאַמף, וועלכער איז שפּעטער אויס־געוואַקסען אין דער פראַגע פון גלות אַרבייט און ציוניזם. היינט איז שוין פּאַר אַלעמען קלאָר, אַז מיר דאַרפען זיין אַקטיוו אין די גלות לענדער אויף אַלע געביטען פון נאַציאָנאַלען לעבען און דאַר־פען שטרעבען צו די מעגליך העכסטע פאָרמען און די פולסטע רעכט, וואָס מיר קענען נור ערקעמפען. אָבער אין דער פריהלינג ציים פון דער נאַציאָנאַלער ערוואַכונג פון די אידישע מאַסען, איז גלות אַרבייט געווען אַ האַרבע שאלה. די אַלגעמיינע ציוניסטען און אַ טייל פון די אַרבייטער ציוניסטען, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרען באַקאַנט אַלס „די מינסקער פּועלי־ציון", האָבען דעם גלות, אַזוי צו זאָגען, ניט געוואָלט אַנערקענען און געפּרעדיגט נייטראַליטעט אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין רוסלאַנד. די „סיימיסטען", אַלס „גלות־אויפלעבער", האָבען, אומגעקערט, באַטראַכט דעם פּאָליטישען קאַמף — און גלות אַרבייט בכלל — אַלס זייער „געגענוואַרטס פּראָגראַם". די „ס. ס." האָבען זיך באַטייליגט אין קאַמף קודם כל אַלס סאָציאַליסטען, אַלס רעוואָלוציאָנער געשטימטע מענשען, כאָטש זיי האָבען, אין דער טעאָריע, וועניג געהאַלטען פון גלות. ווען די פּועלי־ציון האָבען זיך אָרגאַניזירט אַלס פּאַרטיי — אין 1906 — מיט באָראָכאָוו'ס „אונזער פּלאַטפאָרם" אַלס פּרינציפּען ערקלערונג, זיינען זיי שוין געווען איבערצייגטע אַנהענגער פון פּאָליטישען קאַמף און גלות אַרבייט.

באָראָכאָוו'ס בליק אויף דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם בכלל און פּראָלעטאַרישען ציוניזם בפרט, ווי ביז אהער ערקלערט, האָט גע־מוזט פירען צו דער אַנערקענונג פון דער גלייכבארעכטיגונג צווישען גלות און ארץ ישראל. אין דעם איבערבויאונגס פּראָצעס פון אי־דישען פאָלק, איז ארץ ישראל און גלות צוויי זייטען פון דערזעל־בער ערשיינונג. ארץ ישראל אַנטוויקעלט זיך אַלס רעזולטאַט פון דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון אידישען פאָלק אין גלות, און די לאַגע פון אידישען פאָלק אין גלות נאָרמאַליזירט זיך אַלס רעזולטאַט פון דעם ארץ ישראל וואוקס. עס איז איין קייט, איין פּראָצעס.

ביידע ארבייטען זיינען גלייכצייטיג וויכטיג, אויף וויפיל מיר קענען באווירקען דעם אלגעמיינעם גאנג פון אונזער געשיכטע.

---

א געזיכטס־פונקט, וואס ערקלערט אלטע פאקטען און באלייכט דעם נייעם וועג,—דאס איז, וואס כאראקטעריזירט דעם דענקער. אונזער פארשטארבענער גרויסער חבר האט דעם טיטול פארדינט אין פולער מאס. וואס ער האט פאראויסגעזאגט מיט יארען צוריק, איז יעצט א פאקט:

דער נאציאנאל־סאציאליזם איז אלגעמיין אנערקענט.

דער ציוניזם איז געווארען די איינציג מעגליכע לייזונג פון דער אידענפראגע.

ארץ ישראל איז געווארען ד א ס לאנד.

דער טעריטאריאליזם איז פארשוואונדען.

**א. וואַהלינער:**

# דוב בער באָראָכאָוו

(ביאָגראַפּישע נאָטיצען)

---

א לערער און א גוטער, הארציגער חבר. א פירער, און שטענדיג אין די רייהען פון די געפירטע. פון דער נאַטור א קאַבינעט־מענש, און תמיד אין דער סאַמע געדיכטעניש פון קאַמף. א דענקער און אן אָרגאַניזאַטאָר. א ריזיגע פיגור און אזוי באַשיידען. א ביטערער, פאַר'עקשנ'טער קעמפער, און פול מיט גוטסקייט. א בייזער דעבאַטאַנט, און א ליבער מענש. אָפּט א מאַרטירער, אָפּט אן איבערראַשער פון ווערטען און אמאָל א שטיקעל בעל תשובה, אָבער אָהן דער מינדסטער פּאָזע. זעלטענע פעהיגקייטען און א פענאָמענאַלער זכרון, פאַרבונדען מיט אן איבערמענשליכער ארבייטזאַמקייט. זיך צוואוואָרפען אויף פיל געביטען פון ארבייט און טעטיגקייט, אָבער די כחות זיינען געווען אזוי גרויס, אז עס האָט אויף אלץ געקלעקט. א שטענדיגער זוכער, אָבער קיינמאָל ניט הילפלאָז געבלאָנדזשעט. זוכענדיג, געשאַפען. זוכענדיג, געבויט. זוכענדיג, אריינגעבראַכט הארמאָניע און גאַנצקייט און שענקייט אין דער אידישער אָרימקייט, אין דעם תהו־ובהו פון'ם אידישען לעבען און פון'ם אידישען געדאַנק. תמיד געשעפּט מיט א ברייטער זיכערער האַנט פון זיין געוואלדיגער ערודיציע, אָבער אויף אלץ ארויפגעלעגט זיין אייגענעם שטעמפּעל. און שטענדיג און אומעטום — ברייט, געוואַגט, רעוואָ־

לוציאנער. און אומעטום איז ער געווען דער צענטער און דער מאגנעט. אט דאס איז געווען דוב בער באָרוכאָוו.

אין'ם פיער־יעריגען עלטער הויבט ער אן ארויסצואווייזען זעלטענע פעהיגקייטען, און וואס עלטער ער ווערט, אלץ קלארער ווערט עס, אז מען האט צו טאן מיט אן אויסערגעוועהנליכען מענשען. דאס וואונדער־קינד אנטוויקעלט זיך, וואקסט און פארוואנדעלט זיך אין א גאון. פון קינדהייט ביז'ן טויט דערוועקט ער ביי די ארומיגע באוואונדערונג און רופט ארויס איבערראשונג. פון זיין קינדהייט ביז זיין טויט דערווארט מען פון איהם אזוי פיל און מען לעגט אויף איהם אזוי פיל האפנונגען. און ער נארט ניט אפ די האפנונגען און ער דערפילט די דערווארטונגען. און אויב ניט אלע גרויסע האפנונגען ווערען דערפילט און אויב מען ווערט טיילווייז אנטוישט אין די דערווארטונגען, איז שולדיג אין דעם נאר באָרוכאָוו'ס פריהצייטיגער טויט.

וואונדערבארע פעהיגקייטען האט באָרוכאָוו פארמאגט און אן אומגעזעטיגטע שטרעבונג צום וויסען. און דער רעזולטאט איז געווען: פילפאכע קענטנישען. ער האט זיך געפיהלט היימיש אין לאטיין און אין גריכיש, אין דייטש און פראנצויזיש, אין ענגליש און אין איטאליעניש. ער האט געלערענט סאנסקריטיש און זיין לערער אין דער שפראך האט אין איהם געפונען דעם איינציגען פאסיגען יורש פון זיינעם א ווערק וועגען דער שפראך. שפעטער האט ער אויך געלערענט גרוזיניש, אראביש, פערסיש און טערקיש. ער האט זיך א סך אפגעגעבען מיט פילאזאפיע און האט געלערענט מעדיצין און נאטור־וויסענשאפט. ער איז געווען א מאטעמאטיקער, האט שטודירט אסטראנאמיע, האט זיך אפגעגעבען מיט פאליטישער עקאנאמיע און סאציאלע פראגען. צום סוף פון זיין לעבען האט ער זיך אריינגעווארפען אין פילאלאגיע און האט זיך פארנומען מיט'ן שטודיום פון אידיש און פון דער אידישער ליטעראטור.

און אומעטום איז ער געווען דער טיפער קענער, דער פארשער און דער געלערענטער. דער געלערענטער האט אין איהם געקעמפט מיט'ן טוער, דער קאבינעט־מענש — מיט'ן פאליטישען

פירער, דער טעאָרעטיקער — מיט׳ן אָרגאַניזאַטאָר. דער כלל־טוער האָט אָפט אונטעריאָכט דעם געלערענטען, ער האָט איהם אָבער קיין מאָל ניט געקענט אין גאַנצען באַזיגען. אגיטירענדיג, אָרגאַניזירענ־דיג, פּאָלעמיזירענדיג, קעמפענדיג, שאַפט ער דערווייל וויסענשאַפט־ליכע ווערטען. צו באַשיידען איז געווען באָרוכאָוו, צו שטאַרק פאַר־נומען מיט אַלערליי אַרבייטען מיט אַמאָל, און ער אַליין האָט ניט געקענט אָפּשאַצען די גרויסע און וויכטיגע אַרבייט זיינע אויף׳ן וויסענשאַפטליכען געביט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער אַליין איז איבערצייגט, אַז דאָס איז אַלץ דערווייליגע אַרבייט, אַז דאָס איז אַלץ אַרבייט, וואָס ציהט אָפּ זיינע כחות פון דער אמת׳ער, גרויסער און וויכטיגער אַרבייט, וואָס ער דאַרף ערשט טאָן. זיינע בראָשורען און פּאָלעמישע אַרטיקלען, די אָפּהאַנדלונגען און באַגרינ־דונגען זיינען דאָך געשאַפען געוואָרען אין דער הייסער מינוט, אין מיטען פון אַ קאַמף, אַלס נויטווענדיגקייטען פון דעם מאָמענט. ער האָט אַליין אפשר ניט גענוי באַנומען, וואָס פאַר אַ וויכטיגע אַר־בייט ער טוט אָפּ „פאַרבייגעהענדיג" אַלס טעאָרעטיקער, דענקער און וויסענשאַפטסמאַן. ער האָט זיך אַלץ געגרייט צו טאָן, צו שאַ־פען עפּעס גאַנצעס, עפּעס גרויסעס און וויכטיגעס. און ער האָט עס געקענט שאַפען, און אַ באַווייז דערצו איז די ירושה, וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט, כאָטש דער טויט האָט איהם דערגרייכט אין מיטען פון דער אַרבייט און אפשר גאָר ביים סאַמע אָנהויב פון דער אַרבייט.

א ים מיט ענערגיע האָט באָרוכאָוו פאַרמאָגט, און זיין אַר־בייטזאַמקייט איז געווען איבערמענשליך. צוואַנציג שטונדען כסדר האָט ער געקענט אָפּזיצען ביי דער אַרבייט, און דאָס גאַנצע לעבען זיינס איז באַשטאַנען פון אַרבייט, אַרבייט און אַרבייט — געטיילט צווישען די חברים און דעם בוך, צווישען דעם קאַבינעט און דער פּאַרטיי, צווישען דער ביבליאָטעק און דער אָרגאַניזאַציאָנס־פאַר־זאַמלונג, צווישען זעלבסט־בילדונג און בילדונג פאַר אַנדערע, צווי־שען שאַפען געדאַנקען און זיי אַריינברענגען אין דער ברייטער אי־דישער גאַס. און ווען באָרוכאָוו האָט זיך צו עפּעס גענומען, איז עס

געווען מיט'ן גאנצען פייער פון זיין נשמה, מיט זיין גאנצער באַ־גייסטערונג, מיט זיין גאנצער וואונדערבארער ענערגיע. און די אר־בייט האָט געברענט און אלע ארום זיינען אָנגעשטעקט געוואָרען מיט זיין ליבע, מיט זיין איבערגעבענקייט. ביי אלעם דעם איז ער פון קיינעם און פון קיין זאַך ניט מיטגעריסען געוואָרען און ניט פאַרבלענדט געוואָרען אזוי, אז ער זאָל ניט אריינברענגען אין אלץ זיין אייגענע אויסטייטשונג און זאָל צו אלץ ניט האָבען זיין איי־גענע אָריגינעלע באַציהונג. און האָט ער פאַר עפּעס געקעמפט, האָט ער עס געטאָן אזוי ווי נאָר א באַרוכאָוו קען עס טאָן: געשריבען און גערעדט, דעבאַטירט און באַגרינדעט, זיך געטראָגען פון שטאָדט צו שטאָדט און פון לאַנד צו לאַנד און געאַרבייט דורך טעג און דורך נעכט.

באַרוכאָוו איז געווען א געבוירענער אָרגאַניזאַטאָר, א געבוי־רענער לערער און פירער און ער איז דאָס געווען אונטער אלע אומ־שטענדען און אומעטום. עס איז אפשר העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם דער קאָמישער אָדער טראַגי־קאָמישער אינצידענט, וואָס ער האָט אין דריטען קלאַס גימנאַזיע, אין עלטער פון פערצעהן יאָהר אָרגאַניזירט א מין רעפּובליק אין זיין קלאַס און איז שיעור ניט ארויסגעפלויגען פון דער גימנאַזיע, ווען זיין רעפּובליקאַנישע רע־גירונג האָט אָפּגעשמיסען איינעם פון די בירגער־גימנאַזיסטען. און עס איז אין דער הינזיכט נאָך כאַראַקטעריסטישער פאַר באַרוכאָוו'ן דער פאַקט, וואָס בעת ער איז געזעסען אין דער פּאָלטאַווער טורמע, איז ער אויך דאָרט ניט געזעסען מיט פאַרלעגטע הענט. ער האָט דאָרט געגרינדעט א מין פאָלקס־אוניווערסיטעט פאַר די אוקראַאַי־נישע פּויערים, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרען פאַר אנטייל נעמען אין אגראַר־בונטען, און דער רעזולטאַט איז געווען, אז איז דער אוקראַאינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז געשאַפען גע־וואָרען א ריכטונג פון באַרוכאָוועס.

מען זאָגט, אז באַרוכאָוו האָט אליין אמאָל וועגען זיך געזאָגט: „איך געהער צו יענער שטרעמונג אין דער אידישער ארבייטער־באַ־וועגונג, וועלכע שטרעבט צו פאַרענטפערען אלע נויטען פון'ם אַר־

דישען פאָלק, אָרגאַניזירען עס אומעטום, וואו עס וואוינט, און פאַר־פעסטיגען זיין פּאָזיציע אויף אַלע געביטען פון׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען". און די שטרעמונג האָט באָרוכאָוו אין אַ גרויסער מאָס גע־האָלפען שאַפען. צו איהר וואוקס האָט ער בייגעשטייערט אומגע־הייער פיל און אין איהר ווייטערען, מעכטיגען וואוקס וועלען תמיד האָבען אַ גרויסען חלק די כחות, וואָס באָרוכאָוו האָט אויף איהר פאַרוועגדט. די שטרעמונג איז דער פּועלי־ציוניזם, וועמענס גע־שיכטע איז אין אַ גרויסער מאָס באָרוכאָוו׳ס לעבענס־געשיכטע, וועמענס אַנטוויקלונג וואָלט ניט געווען אַזוי ברייט, אַזוי פול, אַזוי פולבלוטיג און אַזוי פילפאַרביג אָהן באָראָכאָוו׳ען און אָהן זיין אַר־בייט. מען קען זיין איינפאַרשטאַנען אָדער ניט מיט באָרוכאָוו׳ס באַגרינדונג פון׳ם פּועלי־ציוניזם און מען קען זיין אַן אַנהענגער אָדער אַ געגנער פון באָרוכאָוו׳ס שיטה אין׳ם פּועלי־ציוניזם — מען קען אָבער ניט לייקענען דעם פאַקט, אַז באָרוכאָוו און דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם זיינען אומצוטיילבאַר און זיינען כמעט סינאָנימען.

בלויז אַ קורצע צייט, ביים סאַמע אָנהויב פון זיין פּרוכטבאַרער געזעלשאַפטליכער, ליטעראַרישער און אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיגקייט איז באָרוכאָוו געשטאַנען ווייט פון׳ם אידישען פאָלק. אין אָנהויב טרעט ער אַרויס ניט אַלס אידישער סאָציאַליסט. אָבער די נאַציאָ־נאַלע פראַגע און די אידישע פראַגע לאָזען איהם ניט צו־רוה. באַלד זעהן מיר איהם אַלס אַגיטאַטאָר פאַר׳ן ציוניזם. אָבער דאָס האָט ער זיך ניט אָפּגעקערט פון׳ם סאָציאַליזם. ער ברענגט אַריין דעם סאָ־ציאַליזם אין ציוניזם. ער פאַראייניגט זיי ביידע. זיין גאַנצקייט, זיין גראַדלינינקייט דערלויבט ניט, אַז „צוויי זעעלען זאָלען וואוינען אין זיין ברוסט". די אַרבייטער־באַפרייאונג און די אידישע באַפרייאונג גיסען זיך ביי איהם באַלד צונויף אין איין האַרמאָנישעס, אין איין גאַנצעס. און איידער נאָך ער שליסט זיך אָפּיציעל אָן אין׳ם פּועלי־ציוניזם, ווערט ער זיין טעאָרעטיקער און באַגרינדער. און איידער נאָך ער רופט זיך פּועלי־ציוניסט, ווערט ער איינער פון די וויכטיג־סטע שאַפער פון „יענער שטרעמונג אין דער אַרבייטער־באַוועגונג,

וועלכע שטרעבט צו פארענטפערען אלע אידישע נויטען". און אלע אידישע נויטען קענען נאר פארענטפערט ווערען דורך טעריטאריא־לער אויטאנאמיע און די אויטאנאמיע קען דערגרייכט ווערען און וועט אומבאדינגט דערגרייכט ווערען נאר מיט דער הילף פון קלא־סענקאמף. סטיכישע פראצעסען פירען צום סאציאליזם און סטיכישע פראצעסען טרייבען צום ציוניזם. און דער ארבייטער, וואס איז דער טרעגער פון דער וועלט־דערלעזונג, איז אויך דער טרעגער פון דער אידישער דערלעזונג. ער און ניט קיין אנדערער. דער סאציא־ליזם פון'ם אידישען ארבייטער איז זיין פראגראם־מאקסימום, דער ציוניזם — זיין פראגראם־מינימום. און די טעריטאריע איז נאר פאלעסטינא און ניט קיין אנדער לאנד, און דאס איז ניט דערפאר, ווייל מיר ווילען אזוי, נאר ווייל די אייזערנע נויטווענדיגקייט פירט אונז אהין. אט אזוי פאראייניגט באראכאוו דעם מארקסיזם, דעם סאציאליזם מיט'ן ציוניזם. די עקאנאמישע באדינגונגען אין גלות פירען אונז קיין ארץ ישראל. און פאר אונז בלייבט איבער נאר ארייגצוברענגען ארגאניזאציע און פלאנמעסיגקייט אין די סטיכי־שע פראצעסען. און כדי צו העלפען די דאזיגע פראצעסען דארפען מיר, אידישע סאציאליסטען, ווי סאציאליסטען בכלל, שטרעבען צו מאכען דאס לעבען וואס דעמאקראטישער, וואס פארטגעשריטענער, וואס רייכער, וואס נעהענטער צו אונזער העכסטען ציל. און דער־פאר האט באראכאוו אזוי זיכער געקוקט אין דער צוקונפט. און דער־פאר האט ער אומעטום „פארזעעט אלץ, וואס איז פארנינפטיג, גוט און אייביג". און האט אומעטום געשטרעבט צו ארגאניזירען דאס אידישע פאלק און האט כסדר אוועקגעלעגט זיינע כחות אומעטום צו פארפעסטיגען די אידישע פאזיציעס. און ער האט אומעטום גע־האלפען בכלל שאפען א בעסערע, א שענערע, א גליקליכערע וועלט אלס אידישער סאציאליסט — אין די אידישע פראלעטארישע ריי־הען און דורך זיי אויך אויסער זיי.

גאנצקייט, פאלקאמענהייט, גייסטיגע שענקייט און רייכקייט — דאס און ניט ווייניגער האט געפאדערט באראכאוו. און גאנצקייט האט ער געשטרעבט ארייגצוברענגען אין אידישען געדאנק און גאנצ־

קייט אין דער אידישער נשמה און גאנצקייט אין אונזער גאנץ לעבען. און שענקייט אויך. ווייל ער האט ניט געקענט פארטראגען קיין ארימקייט און קיין שפל'דיגקייט. און ער האט געשטרעבט צו באַ־רייכערען די אידישע וויסענשאפט. און ער האט געמוזט זיך נעמען צו דער פארשונג פון דער אידישער שפראך און פון דער אידישער ליטעראטור, כדי מיר זאלען אויך אין דעם פרט זיין אזוי רייך ווי אנדערע.

און אט אזוי האט בארוכאוו געלעבט און געווירקט.

בארוכאוו איז געבוירען געוואָרען אין זאלאטאנאשא, פּאלטאַ־ווער גובערניע, זונטאג, ז' תמוז, תרמ"א (21טען יוני, 1881). זיין אידישע ערציהונג האט ניט לאנג געדויערט, כאטש זיין פאטער איז געוועזען א העברעאישער לערער. אין יאהר 1892 איז ער אריין אין גימנאזיע אין פּאלטאווא און האט זי געענדיגט אין 1910. צו די למודים אין גימנאזיע האט ער ניט ארויסגעוויזען קיין איבריגען פלייס. דערפאר אבער האט ער זיך גאנץ ברייט פארנומען מיט זעלבסטבילדונג און האט זעהר פיל געלייענט. איבערהויפּט אינטערעסירט ער זיך מיט פילאזאפיע. מען דערצעהלט, ווי ער האט איבערראשט זיין לערער פון דייטש דערמיט, וואס ער האט פאר איהם איבערזעצט עטליכע הארבע פּסוקים פון מארקס, ווען דער לערער האט איהם ביי דער לעקציע געכאפּט מיט דער פארבאָטע־נער סחורה. מען דערצעלט ווייטער, ווי ער האט איבערראשט מיט זיינע קענטענישען דעם רוסישען פילאזאף לעסיעוויטש בעת יענער האט געהאלטען א פארטראג אין פּאלטאווא. אין די לעצטע קלאסען גימנאזיע האט שוין בארוכאוו געלעבט זעלבסטשטענדיג פון שעה'ן, אבער א סך פון די שעה'ן זיינען געוועזען ניט באצאלטע און ער האט גאר אפט נאך אויסגעהאלטען זיינע תלמידים.

געענדיגט די גימנאזיע, באשליסט בארוכאוו ניט אריינצוטרע־טען אין אוניווערסיטעט, פארט איבער נאך יעקאטערינאסלאוו, שליסט זיך אן אן די סאציאל־דעמאקראטישע קרייזען און ווערט אן ארבייטער־אגיטאטאר און א פארשפרייטער פון מארקסיזם. ער פאר־אינטערעסירט זיך אבער באלד מיט דער אידישער און סתם נאציא־

נאלער פראגע און אין א קורצער צייט ארום זעהן מיר איהם אין פארשידענע שטעדט אין דרום־רוסלאנד אלס ציוניסטישען אגיטאַ־טאָר. אָבער אין ציוניזם טראָגט ער אריין זיין אייגען וואָרט, זיין אייגענע אויסטייטשונג, זיין סאָציאַליסטישע און מארקסיסטישע אויסטייטשונג. ער אגיטירט מערסטענס צווישען די ארבייטער און אין זיינע רעפעראטען און דעבאטען אנטוויקעלט זיך ביי איהם ביס־לעכווייז די פועלי־ציוניסטישע וועלט־אנשויאונג, ווי זי איז שפּע־טער אזוי גלענצענד באגרינדעט געוואָרען אין זיינע „קלאסען־מאָ־מענטען אין דער נאציאָנאַלער פראגע", אין „אונזער פּלאטפאָרם" און אין אנדערע שריפטען זיינע.

אַז די פּועלי ציון שליסט זיך באָרוכאָוו אָפיציעל אָן אין 1905 ביים זעקסטען ציוניסטישען קאָנגרעס און פון דעמאָלט אָן ווערט ער דער אנערקענטער פירער און טעאָרעטיקער פון'ם פּועלי ציוניזם, וועלכען ער גיט אוועק אלע זיינע כחות. ביי יענעם ציוניסטישען קאָנגרעס איז פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די פּועלי ציון און באָרוכאָוו נעמט אין איהם אנטייל. אָבער דער אָרגאניזאציאָנס קאָמיטעט, וואס ווערט דאָרט אויסגעקליבען און וואס האָט די אויפ־גאבע איינצורופען דעם ערשטען פּארטיי־צוזאמענפאָר, ווערט אָנגע־שטעקט מיט סיימיזם און, אינאיינים מיט איהם, די פּועלי ציון גרו־פּען. און באָרוכאָוו איז אין א נייער אָרגאניזאציאָנס־ביוראָ און קעמפּט מיט'ן סיימיזם און צוזאמען מיט נאָך א פּאָר חברים רופט ער איין אין פּאָלטאווא דעם ערשטען צוזאמענפאָר פון פּאָלטאווער ראיאָן (פּורים, 1905), וואו ער איז דער פירער און פאָרמולירט דעם נייעם קוק אויף דער נאציאָנאלער פראגע. דאָ ווערט געגרינדעט די אידישע סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבייטער־פּארטיי פּועלי ציון און באָרוכאָוו איז איהר פירער, איהר נשמה, איהר טעאָרעטיקער, איהר דעבאטאנט און איהר אָרגאניזאטאָר. דער פּאָלטאווער ראיאָן־קאָמי־טעט גיט ארויס די „יעווריסקאיא ראבאָטשאיא כראָניקא" און באָ־רוכאָוו איז א מיטגליד פון דער רעדאקציע, שרייבט די לייט־ארטיק־לען און אנדערע ארטיקלען און הויבט דאָ אָן צו דרוקען „אונזער פּלאטפאָרם", וועלכע ער פארענדיגט אין „מאָלאָט" (סימפעראָפּאָל,

1906), ווען די „כראָניקא“ ווערט פארמאכט. דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע ליטעראַרישע און וויסענשאפטליכע ארבייטער באָראָכאָוו'ס פון יענער צייט. זיינע פריהריגע ארבייטען: „וועגען כאראקטער פון אידישען שכל“ (זיין ערשטע ארבייט) איז געווען געדרוקט אין פריידענבערג'ס „ציוניסטישען אלמאַנאך“, 1902 און „צו דער פראגע וועגען ציון און טעריטאָריע“ און „די קלאסען־מאָמענטען אין דער נאציאָנאלער פראגע“ זיינען ערשינען אין „יעווריעסקאיא זשיזן“, 1905.

דעם 3טען יוני, 1906, האָט די פּאָליציי צוגעמאכט די „כראָניקא“ און ארעסטירט באָרוכאָוו'ען. נאָך זיין באפרייאונג פאָרט ער איבער אין מינסק און געהט אָן מיט זיין ארבייט פאר'ן פועלי־ציוניזם. ער באטייליגט זיך אין די אויסגאבען „פּראָלעטארישער געדאנק“ און „פּאָרוועַרטס“ (ווילנא, 1907), אונטער פארשידענע פסעוודאָנימען: „פּאָסטאָיאַני“, בר־דומא, דאָנין, גערשענזאָהן, מ—וויטש און אנדערע. דאָ הויבט ער צום ערשטען מאָל אָן צו שרייבען אידיש. ביז דעמאָלט האָט מען איהם איבערזעצט פון רוסיש.

ווען ער איז שפּעטער (אין 1907, געצוואונגען געווען צו פארלאָזען רוסלאנד, איז זיין טעטיגקייט, ליטעראַרישע און אנדערע, פאר דער פּאַרטיי און פאר'ן פועלי ציוניזם אויף א האָר ניט אָפּגעשוואכט געוואָרען. אין קראקוי באטייליגט ער זיך אין דעם ערשטען אָרדענטליכען פּאַרטיי־צוזאמענפאָר. פון דאנען פאָרט ער אלס דעלעגאט צו דער ערשטער קאָנפערענץ פון'ם אלוועלטליכען אידישען סאָציאליסטישען ארבייטער־פארבאנד פועלי ציון אין האאג (1907), און נאָכדעם האָט ער שוין ניט געפעלט ביי קיינעם פון די ווייטערע צוזאמענפאָרען פון פארבאנד. ער איז שטענדיג געווען א מיטגליד פון דער פארבאנד־ביוראָ און א געוויסע צייט — איהר סעקרעטער.

פון קראקוי איז באָרוכאָוו איבערגעפאָרען נאָך וויען, וואו ער איז געווען איינער פון די רעדאקטערע פון „דאָס פרייע וואָרט“ און האָט אנטייל גענומען אין דעם פארזוך צו פאראייניגען אלע אידישע סאָציאליסטישע פּאַרטייען. דאָ הויבט ער אויך אָן צו שטודירען פילאָלאָגיע און פאראינטערעסירט זיך מיט דער אויספאָרשונג פון דער

אידישער שפּראַך און מיט דער געשיכטע פון דער אידישער ליטע־ראַטור. און פון דעמאָלט אָן גיט ער שוין ניט אויף זיין ארבייט אויף דעם געביט. ער באַזוכט נאָכדעם האָלאַנד, בעלגיען, די שווייץ, ענג־לאַנד, פראַנקרייך, און נאָך׳ן אויסברוך פון דער מלחמה, איטאַליען און קומט שפּעטער קיין אמעריקאַ. אומעטום טוט ער פּאַרטיי־אַר־בייט, שרייבט און רעדט, אָבער אומעטום ארבייט ער אויך אין די ביבליאָטעקען און גרייט צו זיין ארבייט וועגן אידיש און וועגן דער אידישער ליטעראַטור. מיט דער ערשטער ארבייט אויפ׳ן געביט פון אידישער פילאָלאָגיע איז באָרוכאָוו ארויסגעטראָטען אין „פּנקס“, און נאָך זיין טויט איז געבליבען אַ כמעט פאַרטיגע גרויסע ארבייט: די געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור און שפּראַך.

אויף זיינע וואַנדערונגען ביז זיין צוריקקער נאָך רוסלאַנד אין 1817, האָט באָרוכאָוו אויך געפונען צייט צו פאַרענדיגען אַן אנדער ארבייט וועגן דער אידישער ארבייטער־באַוועגונג (אין רוסיש). און מיטצואַרבייטען אין דער רוסיש־אידישער ענציקלאָפּעדיע (אונ־טער זיין פולען נאָמען און איבער דער אונטערשריפט ב. ב.). אויר־סערדעם זיינען נאָך פון פריהער ביי איהם פאַרבליבען אין מאַנו־סקריפּט צוויי ווערק: „פּראָלעטאַרישע עטיק“ און „ערקענטניס־טעאָריע“. פון די אנדערע שריפטען באָרוכאָוו׳ס דאַרף דאָ נאָך דער־מאָנט ווערען זיין בראשור „וואָס ווילען די פּועלי ציון“ (אונטער׳ן פּסעוודאָנים דאַניז) און זיין אָפּהאַנדלונג: „די עמיגראַציאָנס־פּאָ־ליטיק (אין דער „יוגענד־שטימע“, אין עסטרייך).

די וועלט־מלחמה ברענגט באָרוכאָוו׳ען קיין אמעריקאַ און דאָ מישט זיך אויף אַ ניי, רייך קאַפּיטעל פון באָרוכאָוו׳ס רייכער, פילפאַרביגער טעטיגקייט.

די מלחמה האָט מיט איין מאָל דערהויבען דאָס אמעריקאַנער אידענטום. מיט איין מאָל איז דאָס היגע אידענטום געוואָרען דער צענטר פון׳ם אלוועלטליכען אידענטום, זיין האָפנונג און זיין טרייסט. מיט איין מאָל איז די גאַנצע אחריות פאַר׳ן אידישען פאָלק ארויפגעלעגט געוואָרען אויף די פּלייצעס פון׳ם אמעריקאַנער אי־דען, אויף וועלכען מען האָט ביז איצט אין אנדערע לענדער געקוקט

פון אויבען אראפּ, וועלכען מען האָט אין בעסטען פאַל באַטראַכט פאַר א רייכען אויפגעקומענעם פעטער און וועלכער האָט אליין פון זיך געהאַט ניט קיין זעהר געהויבענע מיינונג און האָט זיך גענערט מיט די גייסטיגע שיריים פון יענער זייט ים. די וועלט־מלחמה האָט געשטעלט אין סכנה די סאמע עקזיסטענץ פון׳ם אייראָפּעאישען אידענטום. הונדערטע טויזענדע אידען זיינען געווען אויף די שלאַכט־פעלדער און אנדערע הונדערטע טויזענדע אידען האָט מען פּאָגראָ־מירט, געטריבען, געיאָגט און אומגעבראַכט אין פּאָגראָמען, און אויס־וויזונגען. אידישע שטעדט אין רוסלאנד און גאַליציען זיינען חרוב געוואָרען. אידישע קהלות זיינען אָפּגעווישט געוואָרען און דאָס גאַנ־צע אידישע אַלטע לעבען איז אומגעבראַכט געוואָרען. געבליבען גאַנץ און אומבאַרירט איז נאָר דאָס אמעריקאנער אידענטום און אויף איהם איז געפאַלען די שווערע לאַסט ניט נאָר צו געבען די טויטע אויף תכריכים און לעבעדיגע אויף ברויט, נאָר אויך צו ווע־רען א נייער צענטר פון אידישען לעבען, צו זיין דער יורש פון דער גאָלדענער קייט, צו שאַפען פּאָליטישען שוץ פאַר אנדערע טיילען פון אידישען פאָלק, צו אָרגאַניזירען די אידישע כחות און צו זיין גרייט פאַר דער אידישער דערלעזונג, וואָס האָט געזאָלט נאָך דער מלחמה געבאָרען ווערען אויף די אידישע חורבות.

און די דאָזיגע נייע אויפגאַבע פון אמעריקא האָט געמוזט ווערען א באוואוסטזיניגע ארבייט. און מען האָט געמוזט איבער־שאַפען דעם אמעריקאנער אידען, דעם „יאהודי“, פּונקט ווי דעם „גענאָסע“, דעם באַלעבאָס פּונקט ווי דעם ארבייטער — און הויפּט־זעכליך דעם אידישען סאָציאַליסט און דעם אידישען ארבייטער, וועלכער איז פאַרגליווערט געוואָרען אין זיין קאָסמאָפּאָליטיזם, אין זיין גלייכגילטיגקייט צו די אינטערעסען פון׳ם אידישען פאָלק. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען האָבען דאָ די ארבייט אויך פריהער געטאָן. די מלחמה מיט דער איבערקערעניש, וואָס זי האָט געבראַכט אין אַלעמענס מוחות, האָט צוגעהאָלפען. עס האָבען זיך אָבער געפּאָ־דערט אומגעהייערע כחות צו לערנען, פּרעדיגען, אַגיטירען, אויפצו־קלערען און אָרגאַניזירען. און דאָ האָט באָרוכאָוו געפונען א ברייט

פעלד פאר זיך, א נײ פעלד, א פעלד פאר ברײטער געזעלשאפטלי־כער טעטיגקײט, א פעלד פאר נײע לאזונגען, פאר ארגאניזאציע, פאר קאמף, פאר אויפטו.

און אויב אין די מוחות פון דער אידיש־אמעריקאנישער אר־בײטערשאפט איז פארגעקומען א געוואלדיגע רעוואלוציע, האט אין דעם געהאט א גרויסען חלק בארוכאוו. און אויב אין אמעריקא איז נעשאפען געווארען א אידישער קאנגרעס און מען האט זיך פאר־מאסטען אײנצורופען אן אלוועלטליכען אידישען קאנגרעס, איז עס טײלווײז דער רעזולטאט פון בארוכאוו׳ס ענערגישער טעטיגקײט. און װי פיל מען זאל אנדערע ניט דאנקבאר זײן פאר׳ן שאפען א נאציאנאל־באוואוסטזיניגע אמעריקאנער אידענטום און פאר זײן ארגאניזירונג, וועט יעדער אין דער ארבײט אפגעבען בארוכאוו׳ען א בכבוד׳ען פלאץ.

פאר דער צײט, וואס בארוכאוו איז געווען אין אמעריקא, איז ער נעווען פארקערפערטע ענערגיע, פארקערפערטע פיבערישע טע־טיגקײט און קאמף. און בעת ער שרײבט און רעדט פאר א קאנגרעס און פרעדיגט דעם פראלעטארישען ציוניזם און וועקט און מונטערט און ארגאניזירט, פארגעסט ער אויך ניט זײן קולטור־ארבײט, זײן ליטערארישע און וויסענשאפטליכע ארבײט, פארגעסט ער אויך ניט מיטצוהעלפען דערצו, אז דער אמעריקאנער יורש זאל קענען איבער־נעמען די קולטורעלע ירושה פון אײראפא. בעת ער רעדאגירט דעם זאמעלבוך „אין קאמף פאר אידישע רעכט", שרײבט אין „קעמפער" און רעדאגירט איהם א געוויסע צײט, ארבײט פאר׳ן אידישען קאנ־גרעס, קעמפט מיט די בונדיסטישע פליכטלינגע און מיט די אמערי־קאנישע סאציאליסטען פון אלטען חדר און איז טעטיג אין דער פועלי־ציוניסטישער פארטײ — איז ער אין דערזעלבער צײט אויך באשעפטיגט מיט דער אידישער ליטעראטור, שפראך און טעאטער, ארבײט אין די ביבליאטעקען און פארענדיגט זײן ארבײט וועגען דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור און שפראך. א דאנק זײן איניציאטיווע ווערט אײנבארופען א וויסענשאפטליכע שפראך־קאמיסיע צו שאפען א אידישע גראמאטיק און פעסטצושטעלען א

אידישע אַרטאָגראַפיע. און באָרוכאָוו׳ס אַרטאָגראַפיע ווערט צום ערשטען אַמאָל דאָ געברויכט אין די געזאַמעלטע ווערק פון דר. א. הורוויטץ (יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי).

און אגב זאָל דאָ געזאָגט ווערען צו באָרוכאָוו׳ס שבח, אַז בעת אמעריקא איז אריין אין וועלט־קריג, איז באָרוכאָוו ניט מיטגעריסען געוואָרען מיט דער מלחמה־שטימונג און מיט דער פּאַטריאָטישער היסטעריע און האָט אין דער פּאַרטיי און אויסער איהר געקעמפט געגען דעם סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם און געגען דער איבערגעטריבענער, אָפט אומפאַראַנטוואָרטליכער פּראָ־אַנטאַנט־שטימונג, וואָס איז ביי אייניגע געבאָרען געוואָרען אַ דאַנק דעם גרויסען בטחון אין די „אידעאַלען" פון די אַליאירטע און ביי די אַנדערע — אַ דאַנק די אידישע אויסזיכטען אויף ארץ ישראל.

און ווען באָרוכאָוו האָט, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, פאַרלאָזען אמעריקא, האָט ער מיט צופרידענהייט געקענט קוקען צוריק אויף דער קורצער צייט, וואָס ער פאַרבראַכט ביי אונז. ער האָט פיל אויפגעטאָן.

ער האָט פיל אויפגעטאָן זינט ער האָט אין עלטער פון צוואַנציג יאָהר אָנגעהויבען זיין טעטיגקייט. ער האָט פיל אויפגעטאָן אין אמעריקא. און נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, אין אַ וועלט, וואָס האָט געשיינט צו זיין אין גאַנצען ניי, אין אַן עלטער, ווען זיינע כחות האָבען דערגרייכט זייער פולשטענדיגע רייפקייט, האָט ער זיך ערשט געקליבען אויפצוטאָן גרויסע זאַכען און ברייט אַנטוויקלען זיינע כחות.

אויף׳ן וועג פון אמעריקא צוריק נאָך רוסלאַנד פאַרבלייבט באָרוכאָוו אַ קורצע צייט אין שטאָקהאָלם און אַרבייט אויס, אינאיינעם מיט אַנדערע צוויי חברים פון דער פּועלי־ציוניסטישער פאַרבאַנד־ביוראָ, די דעקלאַראַציע וועגען די פּאָסטולאַטען פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט. און די דעקלאַראַציע ווערט אַ טייל פון׳ם מאַניפעסט פון דעם האָלענדיש־סקאַנדינאַווישען סאָציאַליסטישען קאָמיטעט. ער איז אויך איינער פון דער דעלעגאַציע צו דעם דאָזיגען קאָמיטעט. אין אויגוסט 1917 קומט באָרוכאָוו ענדליך צוריק אין

רוסלאנד און פאר איהם הויבט זיך אן א נייע ענערגישע און פיל־פאכע טעטיגקייט — אין דער פארטיי און אויסער איהר, אין אלער־ליי פאליטישע און קולטורעלע אנשטאלטען. און אומעטום פארנעמט ער א בכבוד'יגען פלאץ ביי אידען און ביי ניט־אידען. ער באטייליגט זיך אין דער דעמאקראטישער בעראטונג אין פעטראגראד און נעמט אנטייל אין דעם פעלקער־צוזאמענפאר אין קיעוו. און אין מיטען פון דער ארבייט, ממש אויף'ן פאסטען שטארבט בארוכאוו דעם 17טען דעצעמבער, 1917.

פון 1881 ביז 1917. א קורץ לעבען פון 36 יאהר. א קורץ, אבער זעלטען פרוכטבאר לעבען. און די כחות האבען ערשט נאר־וואס דערגרייכט די פולע רייפקייט. די ארבייט האט זיך ערשט באדארפט אנהויבען. דאס, צו וואס בארוכאוו האט געשטרעבט זיין גאנץ לע־בען, האט געשיינט, ווערט פארווירקליכט. און די גאנצע וועלט, האט געשיינט, האלט ביים איבערבויען זיך אויף נייע סאציאלע יסודות. פעלקער האבען זיך באפרייט און די אידישע דערלעזונג האט זיך אויך דערנענטערט. מיר האבען געהאט ווי אויף דער האנט אידישע נאציאנאלע רעכט אין גלות, און די אידישע טעריטאריאלע אויטאנאמיע האט געהאלטען אט־אט ביים פארווירקליכט ווערען אין ארץ ישראל. בארוכאוו'ס חלום און אונזער אלעמענס חלום איז גע־ווארען כמעט א ווירקליכקייט. די צוגרייטונגס־ארבייט, צו וועלכער בארוכאוו האט אזוי פיל בייגעשטייערט, האט געשיינט, איז געווען צו ענד און די אמת'ע ארבייט, די ארבייט פון אמת'ען שאפען האט זיך אנגעהויבען. עס זיינען געווען נייע, ברייטע האריזאנטען. עס האבען זיך געפאדערט נייע, ריזיגע, ליכטיגע כחות. עס האבען זיך געפאדערט בארוכאוו'ס כחות. אזוי אויף'ן אלגעמיינעם געביט און אזוי אין דער אידישער וועלט. אזוי אויף'ן געביט פון ארגאניזאטא־רישער ארבייט און פון פאליטישער טעטיגקייט. און אזוי אויף'ן קולטורעלען געביט און אויף'ן פעלד פון אידישער וויסענשאפט. אזוי אומעטום. בארוכאוו האט געהאט א סך גרויסע פלענער און מיר האבען פון איהם אזוי פיל דערווארט. און פונקט דעמאלט האבען מיר איהם פארלארען: דאס אידישע פאלק — איינס פון זיינע

שענסטע קינדער, דער אידישער ארבייטער — איינעם פון זיינע באגאבטסטע לערער און מוטיגע פירער, די אידישע וויסענשאפט — איינע פון די וועניגע באמת־גרויסע כחות.

יונג און אין מיטען פון זיין ארבייט איז געשטארבען בארו־כאוו. ער האט אבער דאך צייט געהאט אונז צו לאזען א גרויסע ירושה. און אייביג וועט די ירושה לעבען און שטענדיג וועט זי ווירקען אין יענער ריכטונג, וואס פירט צו דער באפרייאונג פון דער מענשהייט, צו דער באפרייאונג פון ארבייטער־קלאס און צו דער פרייהייט פון אידישען פאלק. און שטענדיג וועט לעבען אין אונ־זער זכרון און שטענדיג וועט לעבען אין דער אידישער געשיכטע דער נאמען —

דוב בער בארוכאוו.

ניו יארק, נאוועמבער 10, 1919.

## א.

# די קלאַסען אינטערעסען און די נאַציאָנאַלע פראַגע

ד. ב. באָראָכאָוו

# די קלאַסען אינטערעסען און די נאַציאָנאַלע פראַגע

די צוויזייטיגע פאַרטיילונג פון דער מענשהייט.

אין דער באַרימטער הקדמה צו זיין בוך „צור קריטיק דער פּאָליטישע עקאָנאָמיע“ זאָגט מארקס אזוי: ביי דער פּראָדוקציע ארבייטען זיך אוים ביי די מענשען געוויסע באַציהונגען. אָט די באַציהונגען זיינען נויטווענדיג פאר דער פּראָדוקציע און זיי הענגען ניט אָפּ פון מענשענס ווילען. אָט די באַציהונגען, די פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען פּאַסען זיך תמיד צו, צו דעם מעמד אין וועלכען עס געפינט זיך די אנטוויקלונג פון די מאַטעריעלע פּראָדוקטיוו־קרעפטען.

כדי צו לעבען — מוזען די מענשען פּראָדוצירען. כדי צו פּראָדוצירען מוזען זיי אויף א געוויסען אופן צונויפשטעלען זייערע אלגעמיינע כוחות. דער מענש קעמפּט ניט פאר זיין לעבען מיט דער נאַטור איינער אליין. די געשיכטע קען ניט דעם מענשען, אז ער זאָל לעבען אויסערהאַלב פון א געזעלשאַפט. יעדען איינעם קומט אוים פּראָדוצירענדיג, האָבען צו טון מיט דעם אנדערען, און אזוי הענגט אָפּ דער צווייטער פון ערשטען און פון דריטען, א. אז. וו. — ווען איך האָב אָבער צו טון מיט א געוויסען מענשען, הייסט עס, אז איך שטעה אין געוויסע באַציהונגען צו איהם. ווען די מענשען מוזען לעבען און זיי לעבען געזעלשאַפטליך — הייסט עס, אז צווישען זיי ארבייטען זיך אוים געוויסע באַציהונגען. אָט די באַציהונגען אנטשטעהע־

צוליעב דער פ ר א ד ו ק צ י ע. מארקס גיט זיי אויך אזא נאמען: פ ר א ד ו ק צ י א נ ס ־ ב א צ י ה ו נ ג ע ן.

די פראדוקציאנס־באציהונגען אין א געוויסער געזעלשאפט, צ. ב. אין כינא, אין פראנקרייך — אדער געניי רעדענדיג: דער קבוץ די געמיינשאפט) פון דער פראדוקציאנס־באציהונגען אין א געוויסער געזעלשאפט — דאס איז עבען די עקאנאמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאפט. די עקאנאמישע סטרוקטור — דאס איז דער יסוד אויף וועלכען עס אנטוויקעלט זיך די גאנצע „געזעלשאפטליכע אָרדנונג", די אָרדנונג פון דער געגעבענער געזעלשאפט.

נאר ווען מיר זאגען: י ע ד ע געזעלשאפט, — הייסט עס שוין, אז עס זיינען דאָ ע ט ל י כ ע געזעלשאפטען. אט די געזעלשאפטען א ו נ ט ע ר ש י י ד ע ן זיך, נאטירליך, מיט וואס עס איז איינע פון די אנדערע. ווען ניט, דאן וואלטען מיר ניט רעדען פון צ. ב. אנ'ענגלישע בורזשואזיע און א דייטשער בורזשואזיע, פון אנ'אמעריקאנישען פראלעטאריאט און א רוסישען פראלעטאריאט וואס האבען שטענדיג צו טון איינער מיט'ן צווייטען (די איינע מיט צאל־טאריפען, די אנדערע מיט געזעצען געגען איינוואנדערער). דענסמאל וואלטען מיר רעדען פון דער מענשהייט, אדער וועניג־סטענס פון דער ציוויליזירטער געזעלשאפט, און ניט מער. אבער, אי די דייטשען, אי די פראנצויזען, אי די רוסען, אי די ענגלענדער זיינען טיילען פון דער מענשהייט און, ווען איהר ווילט, טיילען פון דער ציוויליזירטער געזעלשאפט. זיי אונטערשיידען זיך דאך אבער איינער פונ'ם אנדערען. מיר קומען צו דעם, אז

## די מענשהייט איז פארטיילט אויף געזעלשאפטען

דאס איז א באוואוסטע זאך. קיין משוגע'נעם וועט אויך ניט קומען אין קאפ דאס אפצולייקענען. די פראגע איז אבער, ווי אזוי וועלען מיר דערקלערען די ס ב ה וועלכע ס'רופט ארוים די דאזיגע

פּאַרטיילונג פון דער מענשהייט, ד. ה. דערקלערונגען זיינען דאָ גע־נוג: געהט פרעגט זיך, וועט איהר געפינען תשובות, וועלכע ס'רעדען פון „נאַציאָנאַלע אידעען", פון אַנ'אמת־רוסישען דוך", פון אַנ־„אמת־דייטשען גייסט", פון א „יהדות", א. ד. ג; דער עצם פראַגע איז אָבער: ווי אַזוי זאָל עס דערקלערט ווערען אויפ'ן מאַטעריאַליס־טישען לשון, אַהן שום אַראָפּקריכעניש (ווי ס'טרעפט אפילו מיט אַנדערע „מאַרקסיסטען") פון דעם מאַטעריאַליזם, וועלכער לערנט אונז אויפצוזוכען די גרונד־אורזאַכע פון יעדער געזעלשאַפטליכער ערשיינונג אין עקאָנאָמישען מאַטעריעלען לעבען?

פון וואַנען ס'נעמט זיך די פאַרטיילונג אויף קלאַסען — ווייסען מיר שוין. מיר ווייסען, אַז אַלע מיטגלידער פון דער געזעל־שאַפט געפינען זיך ניט אין איין און דער זעלבער לאַגע אין די פּראָ־דוקציאָנס־באַציהונגען. פאַרשידענע טיילען, גרופּען פון דער גע־זעלשאַפט נעמען אַ פאַרשידענעם אַנטייל אין דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, צ. ב. אין פעאָדאַלען אָדער אין קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוק־ציאָנס־אופן. פאַרשידענע גרופּען האָבען צו די פּראָדוקציאָנס־גע־צייג פאַרשידענע באַציהונגען. איינע קענען זיין די אונטערנעמער, די אַנדערע — די אַרבייטער, די דריטע — פּויערן א. אז. וו. די גרופּען, וואָס אונטערשיידען זיך אויף דעם אויבענדערמאַנטען אופן דאָס זיינען די **פאַרשידענע קלאַסען**.

יעדע געזעלשאַפט איז פאַרטיילט אויף קלאַסען.

פון וואַנען אָבער נעמט זיך די פאַרשידענקייט פון די **גע־זעלשאַפטען**, וואָס דאָס איז סוף כל סוף די הויפּט־סבה פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פראַגע, די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען, די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג (די וויכ־טיגסטע אויפגאַבע פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט פון אַ געדריקטער נאַ־ציע); אויף וועלכען באָדען קומט אַרויס די **פאַרשידענ־קייט**, און וואָס איז דער פּועל־יוצא פון דער ריכטיג פעסט־געשטעלטער טעאָריע?

אויף דעם ענפערן מיר:

---

## פראָדוקציאָנס־באַדינגונגען

אויבען איז געזאָגט: כדי צו לעבען מוזען די מענשען פראָדוצירען. כדי צו פראָדוצירען ארבייטען זיך אוים ביי זיי געוויסע פראָדוקציאָנס־באַציהונגען. נאָר די פראָדוקציע אליין קומט דאָך פאָר ביי געוויסע באַדינגונגען, וועלכע זיינען פארשידען אין פארשידענע ערטער.

שוין אויבען, ציטירענדיג מארקס'ען האָבען מיר געזאָגט, אז דער כאראקטער פון די פראָדוקציאָנס־באַציהונגען איז ניט אָפּהענגיג פון מענשען'ס ווילען, פון מענשען'ס שכל, פון צופאַל. דער כאראקטער פון די פראָדוקציאָנס־באַציהונגען הענגט אָפּ פון דעם, ווי עס זעהט אוים דער מעמד פון די פראָדוקטיוו־קרעפטען, די פראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע עס געפינען זיך אין מענשען'ס רשות. נאָר דער צושטאַנד פון די פראָדוקטיוו־קרעפטען און די אנטוויקלונג זייערע הענגט אָפּ קודם כל פון די נאַטירליכע באַדינגונגען, ביי וועלכע עס קומט אוים דעם מענשען צו קעמפען פאַר זיין עקסיסטענץ.

דער צושטאַנד פון די פראָדוקטיוו־קרעפטען הענגט פריהער פון אַלץ אָפּ פון דער געאָגראַפישער סביבה, און די געאָגראַפישע סביבות זיינען, ווי באַקאַנט, טיף פארשידען.

דאָס איז מיט די פראָדוקטיוו קרעפטען. — די פראָדוקציע בכלל און די אנטוויקלונג פון דער פראָדוקציע קומט שטענדיג פאָר ביי געוויסע נאַטירליכע און היסטאָרישע פארשידענע באַדינגונגען, וואָס ברענגען דערצו, אז די עקאָנאָמיש סטרוקטורען זאָלען ביי פארשידענע גרופען פארשידען זיין.

די פראָדוקציאָנס־באַדינגונגען זיינען זעהר פארשידענאַרטיג:

דאָס זיינען ערשטענס, פיזיש־קלימאַטישע, געאָגראַפישע באַדינגונ־גען; דאָס זיינען צווייטענס, די אַנטראָפּאָלאָגישע באַדינגונגען פון דער ראַסע; דאָס זיינען דריטענס, היסטאָרישע באַדינגונגען, אי־נערליכע, וועלכע עס אַרבייטען זיך אויס אינערהאַלב פון דער באַ־טרעפענדער מענשען גרופּע, און אויסערליכע ד. ה. אַזעלכע באַ־דינגונגען, וועלכע עס דריקען זיך אויס אין די סאָציאַלע באַציהונגען פון דער גרופּע צו איהרע שכנים. אָט דער לעצטער מין פּראָדוק־ציאָנס־באַדינגונגען זיינען אַליין געשאַפען געוואָרען ביי דעם פּראָ־דוקציאָנס־פּראָצעס, נאָר זיי האָבען אַ רעכטע זעלבסטשטענדיגע ווירקונג.

די אַלע באַדינגונגען אַנערקענט ענגעלס אין זיין באַקאַנטען צווייטען בריף אין „סאָציאַליסטישען אַקאַדעמיקער". דאָרטען זאָגט ער, אַז אין דער צאָל פון די פאַקטאָרען, וואָס מאַכען די עקאָנאָמיק פאַרשידענאַרטיג געהען אויך אַריין די געאָגראַפישע סביבה, די ראַסע, און אַפילו די מענשליכע פּערזאָן, וואָס האָט זיך היסטאָריש אויסגעאַרבייט אין איין אָרט אַנדערש ווי אין דעם אַנדערען.

אין דריטען טייל פון „קאַפּיטאַל" זאָגט אויך מאַרקס: „איין און די זעלבע עקאָנאָמישע באַזע (וואָס איז „איין און די זעלבע" לויט איהרע הויפּט־באַדינגונגען) קען זיך אויף פאַרשידענע אופנים אַנטוויקלען, זי קען האָבען פאַרשידענאַרטיגע פאַרענדערונגען צוליב פאַרשידענע פאַקטישע אומשטענדען, נאַטור־באַדינגונגען, ראַסען־פאַרהעלטנישען, און היסטאָרישע איינפלוסען וואָס ווירקען אויף איהר פון אויסען". אַלזאָ, אַזוי ווי די לערער פון היסטאָרישען מאַ־טעריאַליזם אַנערקענען אַליין, קען איין און די זעלבע אַנטוויק־לונגס־סכעמע פון פּראָדוקטיוו־קרעפטען אָננעמען פאַרשידענע אופנים לויט דער פאַרשידענקייט אין די פּראָדוקציאָנס־באַדינ־גונגען*) —

---

*) געוויס זיינען די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען ווי אַלץ אין דער

פון די אויבנאויסגערעכנטע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען וויר־קען מער פון אלץ אין אָנהויב פון דער געשיכטע די נאטירליכע, די ניט־געזעלשאפטליכע. מיט דער וויטערער אנטוויקלונג אָבער, אזוי ווי דער מענש קריגט בכלל די אויבערהאנט איבער דער נאטור, אזוי איז אויך מיט די באדינגונגען. וואָס וויטער, קריגען די געזעלשאפטליכע, די היסטאָרישע באדינגונגען מער איינפלוס, מער ווירקונג ווי די ניט־געזעלשאפטליכע, די נאטירליכע.

אָט אין דעם באגריף „פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען” האָבען מיר א פעסטען אויסגאנגס־פּונקט, פאר אונז, כדי אויפצובויען א ריין־מאטעריאליסטישע טעאָריע פאר דער נאציאָנאלער פראגע. אָט דא אנטהאלט זיך די טעאָריע, די באגרינדונג פון נאציאָנאלען קאמף.

נאָר צוליב דער וויסענשאפטליכער גענויאיגקייט מוזען מיר נאָך צוגעבען פאָלגענדע דערקלערונג:

* * *

אין דער אויבענגעבראכטער ציטאטע פון מארקס'ען רעדט זיך וועגען היסטאָרישע איינפלוסען, וואָס ווירקען פון אויסען. ווען איך זאָג „פון אויסען” הייסט עס, אז די זאך, וועלכע עס ווערט באאיינפלוסט איז אָפּגעשלאָסען, פון דער אנדערער. זי האָט אלזאָ אנ'אינערליכען לעבען און אנ'אויסערליכער לעבען. — נאָר צי איז דען דאָ אין דער וועלט עטוואס אבסאָלוט, לחלוטין אָפּגעשלאָסענעם? ניין, קיין זאך אין דער וועלט איז ניט אָפּגעשלאָסען פון דער אנדערער — לחלוטין, אבסאָלוט. אָבער מיר רעדען דאך יאָ וועגען עטוואס אָפּגעשלאָסענעם; יעדער איינער אין אל־

---

וועלט ניט זעלבסטשטענדיג לחלוטין, זיי אליין אנטוויקלען זיך און ענדערן זיך, זיי קענען זאגאר אליין צוריק באאיינפלוסט ווערען פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען און פּראָדוקציאָנס־באציהונגען, וועלכע ס'זיינען צום אָנהויב פון זיי אליין אנטשטאנען.

טעגליכען לעבען ווייס, אז די מענשהייט מוז מען נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג באטראכטען אלס א קבוץ, א סומע פון געוויסע גאנצע, וואָס זיינען געוויסערמאסען אָפּגעשלאָסען. ווי צ. ב. יעדערער ווייסט און פארשטעהט, אז געוויסערמאסען זיינען די פראנצויזישע פאָלקס־מאסען אָפּגעשלאָסען פון די דייטשע פאָלקס־מאסען, און אז. וו. — וויסענשאפטליך רעדט מען זעהר אָפט וועגען פארשידענע זאכען, וואָס זיינען יאָ ווי עס איז פארבונדען איינע מיט די אנדערע און פונדעסטוועגען באטראכט מען זיי אלס באזונדערע. פארוואָס איז דאָס אזוי?

דאָס איז דערפאר, וואָס ווי מיר האָבען שוין איינמאָל געזאָגט און אונטערגעשטראָכען, געוויסערמאסען אָפּגעשלאָסען זיינען דאָ זעהר פיל ערשיינונגען. טאקע לחלוטין ניט; נאָר, ווי עס הייסט, פארהעלטניסמעסיג, (רעלאטיוו) איז עס יאָ אָפּגעשלאָסען. מיר חזר'ן איבער און אונטערשטרייכען, כדי ס'זאָלען ניט ארויסקומען קיין מיספארשטענדנישען: פארהעלטניסמעסיג. די מענשהייט מוז טאקע ביז אויף היינטיגען טאָג באטראכט ווערען אלס א קבוץ פון פארהעלטניסמעסיג־אָפּגעשלאָסענע גאנצע. און זעלבסט־פארשטענדליך, אז רעדענדיג וועגען אזעלכע פארהעלטניסמעסיג־אָפּגעשלאָסענע גאנצע, קען מען רעדען פון אינערליכע און אויסערליכע באציהונגען. מארקס ווען ער רעדט וועגען „פון אויסען ווירקענדע איינפלוסען" אנערקענט שוין דערמיט אליין די פארהעלטניסמעסיגע אָפּגעשלאָסענקייט פון די היינטיגע געזעלשאפטען.

דורך־וואָס אָבער ווערט דאָס געשאפען די פארהעלטניסמעסיגע אָפּגעשלאָסענקייט פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען ביי א געוויסער גרופע, אזוי אז מיר זאָלען זי קענען באטראכטען אלס עטוואָס באזונדערס? ווי אזוי האָבען מיר דאָס רעכט צו באטראכטען ענגלאנד אלס א באזונדערע זאך פון פראנקרייך, הגם די ביידע געזעלשאפטען האָבען איין און דעם זעלבען

קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן? מיר קענען רעדען און מיר רעדען וועגען א *פאַרהעלטניסמעסיגע אָפּגע־שלאָסענקייט* פון געזעלשאַפטליכע גרופּען ניט מער ווי צוליב דעם, וואָס עס איז דאָ פאַרהעלטניסמעסיגע אָפּגעשלאָסענ־קייט פון די *פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען*, צווי־שען וועלכע עס ארבייט אוים איהר לעבען די דאָזיגע גרופּע.

אמאָל ווערט אזא גרופּע באַצייכענט מיט'ן נאָמען „סאָציאַל־עקאָנאָמישער אָרגאַניזם"*).

מיר קומען אלזאָ צו דער באַגרינדונג און דערקלערונג פון די פאָלגענדע צווייערליי מינים גרופּירונגען פון דער מענשהייט: 1) די גרופּען, אויף וועלכע ס'ווערט פאַרטיילט די מענשהייט לויט דער פאַרשידענהייט אין די *באַדינגונגען* פון דער פאַרהעלט־ניסמעסיג אָפּגעשלאָסענער פּראָדוקציע — רופען זיך *געזעל־שאַפטען*, סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאַניזמען (שטאַמען, פאַ־מיליעס, פעלקער, נאַציעס). 2) די גרופּען, אויף וועלכע ס'פאַרטיילט זיך די געזעלשאַפט לויט זייער פאַרשידענעם אַנטייל נעמען אין

---

*) וואָס מער עס וואַקסען די פּראָדוקטיווע קרעפטען ווערען די באַ־ציהונגען צווישען די מענשען אלץ מער ענגער אי אינערהאלב פון דעם געגעבענעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען אָרגאַניזם, אי *אויסערהאלב* פון איהם, און דער אָרגאַניזם ווערט אלץ ווייניגער און ווייניגער אָפּ־געשלאָסען, און דאָס זעלבע קומט פאָר אויך מיט די שכנות'ע „אָרגאַניז־מען". — עס איז קיין שום ספק ניטאָ, אז דער וואוקס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, אויב עס פירט ניט צו דער *צונויפגיסונג* פון די „אָרגאַניזמען", אויף וועלכע די מענשהייט פאַרטיילט זיך, פירט ער יעדענפאַלס צו זייער *דערנעהענטערונג*, נאָר דער וואוקס גופא פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען קומט דאָך פאָר אינערהאלב פון דעם געגעבענעם קבוץ פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, וועלכע עס זיינען פאַרהעלט־ניסמעסיג אָפּגעשלאָסען.

פּראָדוקציאָנס-אופן גופא, לויט זייער פאַרשידענער באַציהונג צו די פּראָדוקציאָנס-געצייג רופען זיך קלאסען (קאסטען, שטאנדען און אז. וו.).

## דער נאַציאָנאַלער קאמף

אז מיר האָבען שוין פעסטגעשטעלט די אורזאכע, וואָס רופט ארויס די פארטיילונג פון דער מענשהייט אין געזעלשאַפטען, ווע לען מיר שוין קענען איבערגעהן צו דער באַגרינדונג פון נאַציאָנאַלען קאמף און אָנווייזען דעם באָדען אויף וועלכען ער אנטשטעהט.

וואָס עס רופט ארויס דעם קלאסען-קאמף ווייסען מיר: די לאגע פון פארשידענע קלאסען אין דעם פּראָדוקציאָנס-אופן איז פארשידען. די לאגע פון איין קלאס קען זיין בעסער אָדער ערגער, מער באקוועם אָדער ווייניגער באקוועם, ווי די לאגע פון אַן׳אנדער קלאס. די שטרעבונג פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט צו פארנעמען, צו באקעמפען א מער באקוועמערע לאגע, אָדער צו דערהאלטען פאר זיך די שוין פארנומענע פּאָזיציע דריקט זיך אויס אין דעם קלאסען-קאמף.

דער קלאסען-קאמף נעמט אָן א כאראקטער פון א סאָציאַלער פראגע דאָרטען וואו ס׳קומט פאָר א קאָנפליקט (א צונויפשטויסונג) צווישען דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטען און דעם צושטאנד פון די פּראָדוקציאָנס-באַציהונגען, ד. ה. אז דער צושטאנד פון די פּראָדוקציאָנס-באַציהונגען איז אָנ׳אָפּגעלעבטער, אָנ׳אָפּגעשטאָרבענער, און פּאסט זיך ניט צו צו די פאָדערונגען פון דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע.

מיט׳ן נאַציאָנאַלען קאמף איז אויך אזוי: די לאגע אין דער סביבה פון איינערליי מאטעריעלע פּראָדוקציאָנס-באַדינגונגען קען זיין באקוועמער, ווי די לאגע אין דער

סביבה פון אנדערע מאטעריעלע פּראָדוקציאָנס־באוועגונגען; און דאָ קומט פאָר א שטרעבונג וואָס האָט דעם זעלבען כאראקטער ווי די, וואָס מיר האָבען אויבען אָנגעוויזען ביים קלאסען־קאמף. דער רעזולטאט פון דער שטרעבונג איז דער קאמף צווישען געזעלשאפט־ליכע גאנצע.

אָדער מען דארף אפילו ניט, אז די אומשטענדען זאָלען פאר־שידען זיין אין זייער באקוועמליכקייט, וואָרים ווי באקוועם עס זאָל ניט זיין די לאגע פון א געוויסער געזעלשאפט אין דער סביבה פון איהרע געוועגליכע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען, קען זי פונדעסט־וועגען שטרעבען צו פארברייטערען איהר פּראָדוקציע, צו באריי־כערען איהר סכום ענערגיע און דעריבער נויטיגט זי זיך, פאר־ברייטערענדיג די ספערע פון איהרע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען, צו פארכאפען פרעמדע, און דאָ האָבען מיר ווידער די זעלבע ערשיי־נונג: איינע שטרעבען צו פארכאפען, די אנדערע — זיך צו באשי־צען. מיר האָבען פאר אונזערע אויגען א *נאציאָנאלען קאמף*.

אלזאָ האָבען מיר אָנגעוויזען צוויי יסודות, פון וועלכע עס אנטשטעהט דער קאמף פון געזעלשאפטליכע גאנצע. פשוט גערעדט דאָס קומט פאָר דאן, ווען די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען פאָדערט, אז די באדינגונגען פון דער פּראָדוקציע זאָלען בעסער, באקוועמער זיין, אָדער בכלל פארברייטערט ווערען. ד. ה. דער פריהעריגער צושטאנד פון די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען פאסט זיך ניט צו צו דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע. די נאציאָנאלע פּראָבלעם מוז אלזאָ באשטימט ווערען אלס א *קאנ־פליקט צווישען דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען און דעם צו־שטאנד פון די פּראָדוקציאָנס־באדינ־גונגען*.

אבער יעדע געזעלשאפטליכע ערשיינונג האָט קודם כל א

שייכות צו די מאַטעריעלע עקאָנאָמישע עלעמענטען פון געזעל־שאַפטליכען לעבען. קיין קאַמף פירט זיך ניט איבער „גייסטיגע״ זאַכען, נאָר איבער געוויסע מאַטעריעלע זאַכען. דער קלאַסען־קאַמף פירט זיך ניט איבער „גייסטיגע״, נאָר איבער מאַטעריעלע געצייג און מיטלען פון דער ארבייט. אזוי איז אויך מיט'ן נאַציאָנאַלען קאַמף.

דער קלאַסען־קאַמף פירט זיך איבער דעם מאַטע־ריעלען באזיץ פון די קלאַסען; דאָס איז דער באזיץ פון די פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען קענען זיין מאַטריעלע און גייסטיגע. איבערהויפּט א מאַטעריעלער קנין הייסט אזעלכער, וואָס קען אַפּגענומען ווערען. צ. ב. מאַשינען, דאָ־נעגען, א גייסטיגער — ווערט אָנגערופען אזא מין קנין, וועלכען מען קען ניט עקספּראָפּריאירען: דאָס זיינען צ. ב. אלערליי טעכני־שע איבונגען, געשיקטקייט, א. אז. וו. דער קאַמף צווישען צוויי קלאַ־סען פירט זיך ניט צוליב דעם באזיץ פון די גייסטיגע, נאָר צוליב דעם באזיץ פון די מאַטעריעלע געצייג און מיטלען פון דער אַר־בייט, הגם גאַנץ אָפט נעמט ער אָן די פאָרם פון קולטורעל־גייסטיגע אידעאָלאָגיעס.

דער נאַציאָנאַלער קאַמף פירט זיך אויך צוליב דעם מאַטעריע־לען באזיץ פון די געזעלשאַפטליכע גאַנצע. דער קנין פון א געזעל־שאַפט — דאָס איז דער באזיץ פון די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען. די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען קענען אויך זיין מאַטעריעלע און „גייסטיגע״, ד. ה. אזעלכע, וועלכע מען קען יאָ עקספּראָפּריאירען, און אזעלכע, וועלכע מען קען ניט אַפּנעמען. די מאַטעריעלע באדינגונגען — דאָס זיינען די טעריטאָריע און די אלע פּראָדוקטען פון דער מאַטעריעלער קולטור, וועלכע ס'זיינען באשאַ־פען פון די מענשען, איבערהויפּט די „מאַטעריעלע״ פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען. צו די „גייסטיגע״ באדינגונגען געהערען: שפּראַכע, זיטען, מנהגים, וועלטאנשויאונגען — מיט איין וואָרט: „היסטאָרי־

שע" פראָדוקציאָנס־באדינגונגען. דער קאמף צווישען געזעלשאפט־ליכע גאנצע, דער נאציאָנאלער קאמף פירט זיך ניט צוליב דעם „גייסטיגען", נאָר צוליב דעם מאטעריעלען באזיץ, הגם זעהר אָפט פירט זיך דער קאמף אונטער'ן פאָן פון גייסטיגע ווערטען.

דער נאציאָנאליזם האָט תמיד א שייכות צו דעם מאטעריעלען באזיץ פון דער נאציע, הגם פון דרויסען קען ער האָבען פארשידענע מאסקעס. נאָר לאָמיר פריהער באשטימען וואָס איז אזוינס „נאַ־ציאָנאליזם". — דער באגריף „נאציאָנאליזם", נאציאָנאלע פראגע, איז פארבונדען מיט דעם באגריף „נאציע", ממילא דארפען מיר קודם באשטימען, וואָס האָבען מיר צו פארשטעהן אונטער'ן באגריף „נאציע"...

---

## פעלקער און נאַציאָנען

די אויסדרוקען „פאָלק" און „נאַציע" דינען צו באצייכענען פארשידענע צושטאנדען. אנטוויקלונגס־שטופען אין לעבען פון א געוויסער געזעלשאפט. לאָמיר צ. ב. נעמען דאָס וואָרט „קלאס": ס'איז באקאנט ווי דער באגריף איבער א קלאס, מיט וועלכען מארקס האָט זיך באנוצט אין זיינע אויספאָרשונגען, איז ניט פעסט און זאָגאר פארוויקעלט; פון איין זייט רעכענט מארקס פאר א קלאס יעדע געזעלשאפטליכע גרופע, וועלכע עס אונטערשיידט זיך פון אנ־דערע גרופען אין דער זעלבער געזעלשאפט לויט איהר אנטייל וואָס זי נעמט אין דעם פראָדוקציאָנס־אופן, לויט איהר באציהונג צו די פראָדוקציאָנס־געצייג. אין דעם זין האָבען אויך מארקס און ענגעלס באהויפטעט, אז די געשיכטע פון דער געזעלשאפט איז א געשיכטע פון קלאסען־קאמף.

נאָר אגב געפינען מיר ביי מארקס'ען אזעלכע ערטער, וועלכע ס'ווייזען, אז מארקס האָט זיך באנוצט מיט אנ'אנדערען, פיל ענ־גערען באגריף איבער „קלאס". דהיינו: ניט ער פארשטעהט אונטער

קלאַס יעדע עקאָנאָמישע גרופּע, וואָס פאַרנעמט א באַזונדער לאַגע אין דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, נאָר אזא מין גרופּע, וועלכע עס האָט שוין דערגרייכט צו דער שטופע פון זעלבסטבאוואוסטזיין און איז שוין אַרויסגעטראָטען אויף דער פּאָליטישער סצענע מיט קלאר אויסגעדריקטע אינטערעסען און פאָדערונגען. דיביידע באדייטונגען פון איין און דעם זעלבען וואָרט „קלאס" ביי מארקסען, קען מען געפינען צ. ב. אין זיין בוך: „די אָרימקייט פון דער פילאָזאָפיע". אויף דער זייט 178 (ערשטע פראנצויזישע אויסגאבע 1847) לייע־נען מיר: „ביי אזא מין אָרדנונג, ווען ס'וועט מער ניט זיין קיין קלאסען און קיין קלאַסען־געגענזאצען" — דאָ איז געברויכט דער באגריף „קלאס" אין דעם ערשטען פון די צוויי אויבענאָנגעוויזענע פּרטים. — אויף דער זייט 118 האָבען מיר: „אויף וויפיל דער פּראָ־לעטאריאט האָט זיך נאָך ניט גענוג אנטוויקעלט, כדי צו באשטימען זיך אלס קלאס, אויף אזוי פיל טראָגט נאָך ניט דער קאמף גופא צווישען דעם פּראָלעטאריאט מיט דער בורזשואזיע קיין פּאָליטישען כאראקטער. אָדער אויף דער 176־טער זייט: „די פארשידענע היס־טאָרישע פאזען, וועלכע עס איז דורכגעגאנגען די בורזשוזיע, אָנ־הויבענדיג פון דער שטאָדטישער קהילה, ביז זי האָט זיך אויסגע־ארבייט אלס קלאַס". — דאָרט האָבען מיר שוין, פארקערט, דעם באגריף „קלאס" אין צווייטען פּשט. דאָרטען טאקע ברענגט מארקס דעם אונטערשיד צווישען די ביידע צושטאנדען פון דער גרופּע: איין צושטאנד, ווען די גרופּע איז א קלאס ניט מער ווי אין באַ־ציהונג צו אנדערע גרופּען, און דער צווייטער — ווען זי געהט שוין אַרויס צום פּאָליטישען קאמף און ווערט א קלאַס פאַר זיך אליין.

א גאנצע געזעלשאפט געפינט זיך אויך אין אזעלכע צוויי צושטאנדען: איין צושטאנד איז, ווען זי ערשיינט אלס פארהעלט־ניסמעסיג־אָפּגעשלאָסענע גאנצע געזעלשאפט אין באצוג צו אנ־דערע געזעלשאפטען, — דער אנדער צושטאנד, — ווען זי שטעלט פאָר א געזעלשאפט פאר זיך אליין. אין דער הינזיכט געפינען זיך

די, וואס פארנעמען זיך מיט דער פארשונג פון אט דער געזעל־שאפטליכער ערשיינונג, ד. ה. מיט דעם לעבען פון די געזעלשאפטען — אין א בעסערער לאגע ווי די, וואס פארנעמען זיך מיט דער קלא־סען־פראגע.

ווען מען וויל באצייכענען דעם צושטאנד פון א גרופע, וואס פארנעמט א באזונדערע לאגע אין פראדוקציאנס־ *אויפן* און אנווייזען צי געפינט זי זיך נאך פאר דער שטופע פון איהר זעלבסט־באוואוסטזיין, אדער זי איז שוין יא דורכגעדרונגען פון איהר זעלבסט־באוואוסטזיין — באזיצט די וויסענשאפט נאר איין ווארט „קלאס“. און דערפון קומט ארויס די גאנצע פארדרעהעניש: אנ־שטאט וואס עס האבען געזאלט זיין צוויי ווערטער פאר דיביידע אויסדריקען — איז דא נאר איין ווארט. דאגעגען, פאר די גרופען, וואס זיינען אויסגעוואקסען אין פארשידענע פראדוקציאנס־*באדינגונגען*, איז שוין דא צוויי ווערטער צו באצייכענען די צוויי פארשידענע צושטאנדען זייערע, דהיינו: *א געזעל־שאפט, וואס איז אויסגעוואקסען אין איין און דיזעלבע פראדוקציאנס־באדינ־גונגען רופט זיך געוועגליך: פאלק* — *און דיזעלבע געזעלשאפט, וואס איז אויסערדעם פאראייניגט דורך דעם בא־וואוסטזיין פון דער פארוואנדשאפט צווישען איהרע יחידים (מיטגלידער) וואס קומט ארויס פון דער אלגעמיי־נער היסטארישער פארגאנגענהייט — רופט זיך געוועהנליך: נאציע*. אלזא, א פאלק ווערט א נאציע נאר אויף א העכערע מדרגה פון איהר אנטוויקלונג. ווען האבען דאס די פעלקער אנגענומען א כאראקטער פון נאציעס — וועגען דעם וועלען מיר רעדען שפעטער. דערווייל וועלען מיר אי־בערגעהן צו דער דערקלערונג פון דעם באגריף „נאציאנאליזם“.

# נאַציאָנאַליזם

די פּסיכיק פון יעדען פּערזאָן פּאַסט זיך צו, אין דער אָדער אין יענער מאָס, צו די באַדינגונגען אין וועלכע עס לעבט איהר גרופּע. אויף אַזאַ מין אופן ארבייט זיך אויס א גרופּען־פּסיכאָלאָגיע, עס ארבייטען זיך אויס באַשטימטע שטריכען פון א גרופּען כאַראקטער.

א געניטער אָדער א טיפער בליק וועט שטענדיג געפינען אין זיי א שייכות צו די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון פּראָדוקציאָנס־לעבען, צו א באַשטימטען טיפּ פון פּראָדוקציאָנס־אופן און צו א באַשטימטער סומע פון די באַדינגונגען זיינע. די שייכות קען אָפּט־מאָל זעהר פארמאַסקירט זיין.

איבעריגענס, הגם די יחידים פון יעדער גרופּע, זאָל עס זיין א געזעלשאַפט אָדער א קלאַס — האָבען אין אלגעמיין זעהר ענליכע שטריכען, פונדעסטוועגען הייסט עס נאָך ניט, אז די ענליכקייט איז א סימן אויף דעם, אז זייערע אינטערעסען זיינען אין דער אמת'ען גלייכע, סאָלידאַרישע. אפילו ווען עס איז יאָ דאָ אַזאַ מין גלייכקייט פון די אינטערעסען, איז ניט שטענדיג דאָ דער באַוואוסטזיין פון דער דאָזיגער גלייכקייט.

עס זיינען דאָ אזעלכע גרופּען, וואָס זייערע יחידים קענען גאָר ניט האָבען קיינע גלייכע אינטערעסען, ווייל זיי רייסען זיך צוליב זייערע אינערליכע געגענזאצען (היפּוכים). און אפילו גרופּען, וואָס האָבען אין דער אמת'ען גלייכע הארמאָנישע אינטערעסען, קומען ניט אזוי לייכט צום באַוואוסטזיין פון דער גלייכקייט: כדי דער באוואוסטזיין זאָל זיך אויסארבייטען, פּאָדערט זיך א מער אָדער ווייניגער לענגערע צייט.

אָבער אין אזעלכע הארמאָניש־צונויפגעשטעלטע גרופּען א דאנק דעם וואָס די יחידים זייערע פּאַסען זיך אויף איין אופן צו צו דעם ארומיגען לעבען, ווערט סוף כל סוף געשאַפען אויך דער ב א ו ו א ו ס ט ז י י ן פון דער הארמאָניע. אלזאָ א דאנק דעם,

וואָס די גרופּע לעבט אין איינאַרטיגע און אויך האַרמאָנישע פּראָדוקציאָנס־*באַדינגונגען* אָדער פּראָדוקציאָנס־*באַציהונגען*, ווערט נאָך געשאַפען אמאָל, א חוץ דעם גרופּען־כאַראַקטער אויך א גרופּען־זעלבסט־באַוואוסטזיין. די אַלע עמאָציאָנען (געפילען א. אז. וו.) וועלכע ס׳קומען אַרויס צוליב דעם זעלבסטבאַוואוסטזיין — גיבען בסך־הכל דאָס, וואָס עס רופט זיך דער געפיל פון נאָהענטקייט און קרובות׳שאַפט.

דאָס לעבען אין איין און די זעלבע *פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען*, ווען די באַציהונגען זיינען האַרמאָניש פאַר די יחידים פון דער גרופּע רופט ביי איהר אַרויס דעם *קלאַסען־באַוואוסטזיין*, און דאָס געפיל פון *קלאַסען־*ברידערליכקייט.

דאָס לעבען אין איין און די זעלבע *פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען*, ווען די *באַדינגונגען* זיינען האַרמאָניש פאַר די מיטגלידער פון א *געזעלשאַפט* — רופט אַרויס דעם *נאַציאָנאַלען* זעלבסט־באַוואוסטזיין און דאָס געפיהל פון *נאַציאָנאַלער* פאַרוואַנדשאַפט.

אָט די פאַרוואַנדשאַפט פילען די מענשען אַלס עטוואָס, וואָס איז צונויפגעבונדען מיט זייער אַלגעמיינער פאַרגאַנגענהייט. נאַטירליך הייסט עס נאָך ניט, אז זיי האָבען אין דער אמת׳ען אַנ׳אַלטע אַלגעמיינע פאַרגאַנגענהייט. אמאָל איז די אַלטקייט פון דעם אַלגעמיינעם עבר, ניט מער ווי אַנ׳אויסגעטראַכטע זאַך.

*דער פאַרוואַנדשאַפטס־געפיל*, *וואָס ווערט געשאַפען צוליב דעם אַלגעמיינעם היסטאָרישען עבר* און דער שורש פון׳ם אַלגעמיינעם עבר ליגט אין די *אַלגעמיינע גלייכע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען* — *דאָס רופט זיך נאַציאָנאַליזם*.

ד. ב. באָראָכאָוו

# נאַציאָנאַליזם און טעריטאָריע

מיר האָבען שוין געזאָגט, אז דער נאַציאָנאַליזם האָט שטענדיג אין זיין לעצטען סך־הכל א שייכות צום מאטעריעלען באזיץ פון דער נאציע. וואָס איז אזוינס דער מאטעריעלער באזיץ פון דער נאציע?

בכלל דער באזיץ פון א געזעלשאפט, דאָס זיינען, ווי מיר האָבען אויבען דערמאָנט, די באדינגונגען פון איהר פּראָדוקציאָנס־לעבען. די באדינגונגען פארטיילען זיך אויף מאטעריעלע און גייסטיגע. דאָס וויכטיגסטע פון די מאטעריעלע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען איז די טעריטאָריע. די טעריטאָריע איז נאָך א חוץ דעם דער יסוד, וועלכער עס אנטהאלט אויף זיך אלע איבעריגע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען, און דינט ארייבצוברענגען אלע אויסערליכע איינפלוסען.

אויסערדעם האָט נאָך יעדע נאַציאָנאַליטעט, אויף וויפיל זי קען, באשיצונגס־פאָרמען פון איהר באזיץ. דאָס זיינען די פּאָליטישע איינהייט און די פּאָליטישע אינסטיטוטען, די שפּראַך, די נאַציאָנאַלע דערציהונג, און דער נאַציאָנאַליזם אַליין.

נאָר דאָס מוז מען נאָך געדענקען: די נאציע איז דאָך פארטיילט אויף קלאסען (איןביידע זינען פון וואָרט). אין פּראָדוקציאָנס־לעבען פארנעמען זיי פארשידענע לאגעס, זייער אָרט אין די פּראָדוקציאָנס־באציהונגען איז ניט קיין גלייכער. די באדינגונגען קענען שוין אויך פאר זיי בשום אופן ניט האָבען קיין גלייכען ווערט: זיי פארהאלטען זיך פארשידען צו דעם נאַציאָנאלען באזיץ. דער שווער־פּונקט פון זייערע אינטערעסען ליגט אין פארשידענע זייטען פון דעם דאָזיגען באזיץ, און דעריבער האָבען זיי פארשידענע „נאַציאָנאַליזמען". ווען מיר זאָלען פאָרמעל באשטימען דעם נאַציאָנאַליזם אַלס אַ שטרעבונג צו פאָרטיידיגען די נאַציאָנאַלע אינטערעסען, וועלכע עס זיינען תמיד אזוי אָדער אנדערש צונויפגעבונדען מיט דער באזע פון די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען,

ד. ה. מיט דער טעריטאָריע, און מיט איהרע באַשיצונגס־פאָרמען — דאן האבען מיר אויך צוליב די פארשידענקייט פון די נאציאָנאלע אינטערעסען גופא, אויך פארשידענע טיפען פון נאציאָנאליזם.

די נאציאָנאלע אינטערעסען קענען זיין אינערליכע און אויסערליכע, קענען זיין קאָנסערוואטיווע און פראָגרעסיווע, אָנפאלענדע און זיך באשיצענדע. דאָס אלץ ברענגט נאטירליך אריין געוויסע פארענדערונגען אין דעם נאציאָנאליזם.

## די אַנטשטעהונג פון נאַציאָנאַליזם

קיין שום נאציאָנאליזם קען ניט זיין דאָרט וואו די פראָדוקציאָנס־באדינגונגען זיינען נאָך ניט נאציאָנאליזירט, ד. ה. וואו עס האָט זיך נאָך ניט אָפגעגרעניצט פון דרויסען און צונויפגענומען פון אינעווייניג די פארהעלטניסמעסיגע אָפגעשלאָסענע געזעלשאפט.

עס מוזען אָבער באפרידיגט זיין ביידע דערמאָנטע באַדינגונגען. אָפגעגרעניצט פון דרויסען און צונויפגענומען פון אינעווייניג. די פעאָדאלע אָרדנונג האָט באפרידיגט נאָר די ערשטע באדינגונג, ד. ה. זי האָט נאָר ניט מער ווי אָפגעגרעניצט די פארשידענע געזעלשאפטען איינע פון די אנדערע. אָבער זי האָט ניט צונויפגעבונדען זייערע יחידים מיט אנ׳ענגען, אינעווייניגסטען צוזאמענהאנג. די פעאָדאלע עפּאָכע האָט ניט געוואוסט פון א הארמאָניש־גאנצקייט אין די פראָדוקציאָנס־באדינגונגען; זי האָט ניט געוואוסט פון קיין נאציעס, זי האָט נאָר „פעלקער" געקענט — דעריבער האָט זי אויך ניט געוואוסט פון קיין נאציאָנאליזם און פון קיין נאציאָנאלע פראגע.

דער אורשפּרינגליכער (פארצייטיגער) נאציאָנאליזם האָט געהאט א ריין פּאָליטישען כאראקטער, און האָט צייטענווייז סטיכיש אויפגעפלאקערט אין די צייטען, ווען די אויסערליכע באציהונגען

צווישען די פעלקער זיינען שטארק פארשארפט געוואָרען. ער (דער נאציאָנאליזם) האָט אויפגעלעבט און אָפּגעשטאָרבען צוזאמען מיט די גרויסע מלחמות און די מלחמות גופא האָבען זיך ניט געפירט צוליב נאציאָנאלע אינטערעסען, און זיי זיינען ניט געווען נאציאָנאל.

ווען אָבער אין שוים פון דער פעאָדאלער אָרדנונג האָט זיך אָנגעהויבען צו אנטוויקלען דער *האנדעלס־קאפּיטאל*, דענסטמאָל האָט אָנגעהויבען ווערען א גרויסע איבערקערעניש. פּאַמעלאך האָבען אָנגעהויבען באשאפען צו ווערען נאציאָנאליטעטען, דער נאציאָנאליזם און זייער רעזולטאט — די נאציאָנאלע פראגע. די ערשטע פּשוט'ע נאציאָנאלע פּאָליטיק, וועלכע ס'קאָן גאָר ניט הייסען נאָך קיין נאציאָנאלע — איז אריבערגעגאנגען פון דרויסען אין אינווייניג; אָנשטאָט וואָס זי איז פריהער געוועזען א ריין ציימליכע און צופעליגע, האָט זי זיך אָנגעהויבען צו פירען שטענדיג און כסדר. און ערשט אריבערגעהענדיג *אינוועניג* איז זי געוואָרען *נאציאָנאל*. די אנטוויקלונג פון קאפּיטאל האָט פּאמעלאך צוזודערט די יסודות פון דער פריהערדיגער אָרדנונג, און מיט דער הילף פון דעם אייגענעם קאפּיטאל איז ארויסגעקומען „דאָס צונויפקלייבונג פון לאנד"; עס האָבען זיך פּאָרמירט גרויסע מאָנארכיעס. פרעגט זיך, וואָס פאר אנ'אינטערעס האָט געשטופּט די באוועגונג, וועלכע עס האָט נאציאָנאליזירט די באדינגונגען פון דער געזעלשאפטליכער פּראָדוקציע?

אין דעם צווייטען קאפּיטעל ענטפערען מיר אויף דער פראגע. צום סוף פון דעם קאפּיטעל וועלען מיר נאָר אָנווייזען אויף פּאָלגענדעס: די ערשטע טרעגערין פון די נאציאָנאלע געדאנקען, די בורזשואזיע, (די האנדעלס־בורזשואזיע און די אינדוסטריעלע) — וואָס אין איהר צייט אזוי יונג און פּראָגרעסיוו געווען, האָט געפירט אנ'ענערגישען קאמף מיט דעם אלטען רעזשים, און האָט א נייע וועלט געשאפען. זי האָט, זעלבסטפארשטענדליך, ניט געקענט זיין אין דערזעלבער צייט די באשיצערין פון טראדיציאָנעלע

יסודות: פון זיינע ערשטע טריט האָט דער נאַציאָנאַליזם קיין שום שייכות ניט צו טראַדיציעס.

שרעקליך איבערפלעבליך און אומוויסענד זיינען די, וואָס מאַכען אוועק דעם נאַציאָנאַליזם בכלל אלס א זאך וואָס איז שוין אָפּגעלעבט, וואָס איז א רעאַקציאָנערע, א טראַדיציאָנעלע זאך. דער נאַציאָנאַליזם איז א פּראָדוקט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, ער איז געקומען אויף דער וועלט צוזאַמען מיט איהר, ער געוועלטיגט די גאַנצע צייט, וואָס זי געוועלטיגט, מען מוז זיך מיט איהם רעכענען ווי מיט אלע ערשיינונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. און רעדענדיג פון פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט מוזען מיר זאָגען: דער פּראָלעטאַריאַט האָט א דירעקטע שייכות צום נאַציאָנאַליזם, צום נאַציאָנאַלען, באַזיץ — צו דער טעריטאָריע. קוים נעמט דער פּראָלעטאַריאַט אַנ׳אַנטייל אין דער פּראָדוקציע, איז ער פאַראינטערעסירט אין די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, ס׳מוז זיין א געוויסער פּראָלעטאַרישער טיפּ פון נאַציאָנאַליזם — און ער איז דאָ.

---

אלס אַנ׳אַלגעמיינע, נויטווענדיגע באַדינגונג, פאַר־אויסזעצונג פון קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס אופן איז די פרייהייט. דער האַנדעל און די אינדוסטריע שטייגען נאָר ביי דער פרייהייט פון קאָנקורענץ. ד. ה. ווען ס׳איז דאָ די פרייהייט נאָר איבערצופירען די קאַפּיטאַלען און די סחורות און מאַכען אומזאַץ מיט זיי. און דער ארבייטער מוז אויך פריי זיין און פריי באַנוצען זיין ארבייטס קראַפט, ד. ה. ער מוז זיך קענען פריי באַוועגען — און נאָר אזוי קען געשאַפען ווערען דער מערוועדט — דער לעבענסזאַפט פון קאַפּיטאַל.

די פרייהייט אומצופאָרען, בכלל זיך צו באַוועגען, דאָס איז די ערשטע און וויכטיגסטע פון אלערליי פרייהייטען, אָהן איהר

האָבען אלע איבעריגע פּריוויליגיעס קיין שום ווערט ניט — און זי איז די ערשטע באַדינגונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

צום איבערוואנדערן און פּאַרקער, מוז נאַטירליך זיין די טעריטאָריע. א פריי ארומפאָרען, א פרייער פּאַרקער מוז האָבען פּאַר־אוים א פרייע טעריטאָריע. אַט האָבען מיר דעם אינטערעס, וואָס האָט געבראַכט צו דעם קאַמף פון דער בורזשואזיע צו באַפרייען דאָס לאַנד.

און דער קאַמף האָט זיך געפירט צו באַפרייען פריהער פון אלץ א געוויסע טעריטאָריע, וואָס האָט געוויסע גרענעצען. די גרע־נעצען האָבען זיך געענדיגט דאָרט, וואו עס האָט אויפגעהערט צו הערשען די באַטרעפענדע שפּראַך. וואָרים אין דער ערשטער צייט, ווען די בורזשואזנע־ווירטשאַפט האָט זיך אַנטוויקעלט האָט קיינער ניט געקענט האָבען די מעגליכקייט צו טראַכטען וועגען פאַרניכטונג אַט פון די גרענעצען. און פריהער פון אלץ האָט מען געברויכט צו מאַכען פריי פאַר'ן ארומפאָרען — די טעריטאָריע אויף וועלכע עס הערשט די באַטרעפענדע שפּראַך.

מען האָט געברויכט צו באַפרייען די באַפעלקערונג פון דער טעריטאָריע און צו באַזייטיגען די פעאָדאַלע מחיצות, וואָס האָבען באַדעקט דאָס לאַנד ווי א געדיכטע נעץ און האָבען געשטערט די פרייהייט פון ארומפאָרען. די בורזשואזיע האָט אלזאָ דענסטמאָל געשאַפען א פאַרהעלטניסמעסיג־אָפּגע־שלאָסענעם סאָציאַלען אָרגאַניזם, זי האָט איהם באַפרייט פון דער „פאַנשציזנע" און האָט האַרמאָני־זירט די באַדינגונגען פון זיין פּראָ־דוקציע. אַט פאַר וואָס זי איז געווען נאַציאָנאַליסטיש. זי האָט, אויסערדעם, באַפרייט די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַנד, נאַ־טירליך מיט די הענט פון דער באַפעלקערונג גופא. זי האָט זיך פאַראייניגט מיט אלע שיכטען צוזאַמען, געגען איין שיכט — געגען די דאָמאָלסטדיגע „פּני". דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט און

אויפגעמונטערט איהר קעמפענדען, אין דער אמת׳ען, פראָגרעסיווען נאציאָנאליזם.

אזוי זיינען צו יעדער צייט די אייראָפּעאישע **פעלקער** געוואָרען **נאציעס**.

זיי האָבען אויסגעארבייט ביי זיך דעם נאציאָנאלען זעלבסט־באוואוסטזיין, די יחידים פון דער נאציע זיינען דורכגעדרונגען געוואָרען, פון דעם פארוואנדשאפטסגעפיל אויף׳ן באָדען פון זייער אלגעמיינעם היסטאָרישען עבר, ד. ה. אויף׳ן מאטעריאליסטישען לשון: אויף׳ן באָדען פון די אלגעמיינע באדינגונגען פון זייער פראָדוקציאָנס־לעבען. די פעלקער וואָס זיינען פאראינטערעסירט געווען צו שאפען זייער אלגעמיינעם באזיץ האָבען פארשטאנען, אז אזא מין באזיץ געפינט זיך ביי זיי, נאָר מען דארף עס ארויסרייסעןביים הערשענדען פעאָדאליזם פון די הענט. זיי האָבען אלזאָ ליב באקומען זייער טעריטאָריע, — די היימאט, דאָס פאטערלאנד — די אלגעמיינע באזע פון די פראָדוקציאָנס־באדינגונגען. זיי האָבען ליב באקומען איהרע באשיצונגס־פאָרמען, זיי האָבען אָנגעהויבען צו קולטיווירען זייער שפּראך, און גע׳חלום׳ט פון אן אמת־נאציאָנאלער מלוכה.*)

---

*) צוזאמען מיט אָט דעם פראָגרעסיווען נאציאָנאליזם איז געוואקסען ביי דער קעמפענדער בורזשואזיע אויך א קאָסמאָפּאָליטישע, ריכטיגער אנ׳אוניווערסאלע, שטימונג; זי האָט געשטרעבט צו מאכען גליקליך די גאנצע מענשהייט, אָפּצואווישען דעם פעאָדאליזם פון דער וועלט אין גאנצען. די אלוועלטליכע מלחמות פון נאפּאָלעאָנ׳ען האָבען ניט געשטרעבט צו קיין נאציאָנאליסטישע צילען. ס׳איז אפילו קיין סימן ניט געווען, אז ער האָט געוואָלט אונטערדריקען פרעמדע נאציאָנאליטעטען, אויסראָטען זייערע שפּראכען, אָדער אויסגלייכען זייערע זיטען, זייערע מנהגים. ניין, די יונגע בורזשואזיע האָט זיך זעהר אויפריכטיג פארהאלטען צו די באזונדערהייטען פון די אונטערטעניגטע פעלקער. נאפּאָ־

נאָך דער רעוואָלוציע אָבער האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזען די צונג לידערונג פון דער געזעלשאַפט; עס האָט זיך אויסגע־וויזען, אז די נאַציע דאָס איז א שיטה פון פארשידענע קלאַסען. נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּגענומען זייער נאַציאָנאלען באַזיץ, האָ־בען זיי זיך גענומען פאר דער פארטיילונג פון דעם רייכטום. און מיט א גרויסען כח האָט זיך פונאנדערגעברענט דער קלאַסענ־קאַמף. די הארמאָניע און די סאָלידאַריטעט פון וועלכע מען האָט פריהער גערעדט, זיינען צושפּרייט געוואָרען ווי א רויך. דער עיקר־פּרינציפּ פון דער פּאָליטיק „דאָס פאָלק" האָט זיך ארויסגע־וויזען אלס א פיקציע, וואָס האָט קיין ממשות ניט. „אונזער" היי־מאַט, „אונזער" לאנד, „אונזער" שפּראַך, „אונזער" קולטור, די אלע באַדינגונגען פון פּראָדוקציאָנס־לעבען, זיינען טאַקע געבליבען א נאַציאָנאַלער באַזיץ. עס האָט זיך אָבער אויפגעהערט צו דאכטען, אז דאָס איז דאָס אלגעמיינער באַזיץ פון אלע יחידים פון דער נאַציע. און אויך דער עצם פארוואנדשאַפט־באַ־וואוסטזיין אויף'ן באָדען פון אלגעמיינעם היסטאָרישען עבר, האָט פארלאָרען זיין שארפע פאָרם וועלכע ער האָט פריהער געהאַט. ער

לעאָן האָט געוואָלט פארשטאַרקען זיין פּערזענליכען איינפלוס און פארשפּרייטען איבער דער גאנצער וועלט. ער האָט אָבער קיין זאך ניט פאַרגענומען צו אסימילירען די אונטערטעניגטע פעלקער. פארקערט, אומעטום האָט ער ניט מער ווי אומגעביטען די דינאַסטיע און די פעלקער געלאָזען זעלבסטשטענדיג. (ווי באקאנט, האָט נאַפּאָלעאָן אין זיינע מלחמות זיך אָפּטמאָל געשטיצט אויף די אונטערדריקטע פעלקערשאַפטען, בעת ער איז באַפאַלען זייערע אונטערדריקער. — לויט אייניגע דאַטען האָט ער אפילו געקלערט צוריק צו געבען די אידען פּאַלעסטינא.)

נאָר די נאַציאָנאַליסטישע כוואליע, וואָס האָט זיך פונאנדערגעגאָ־סען איבער אייראָפּא האָט צום סוף אָפּגעוואשען אויך דעם דאָזיגען סימן פון קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט ארויסגעוויזען.

איז געוואָרען אויס הייסער געפיל, ער איז געבליבען ניט מער ווי אלס אנ׳איבערלעבונג: ער איז געוואָרען א טראדי־ציע.

דא רעדט זיך וועגען פרייע נאציעס. וואָס אונטערדריקען ניט קיינעם און ווערען פון קיינעם ניט אונ־טערדריקט, — וועגען נאציעס וואָס לעבען אין נאָרמאלע פראָדוקציאָנס־באדינגונגען. ביי זיי איז דאָס פון פארוואנדשאפטס־געפיל און פארוואנדשאפטס־באוואוסטזיין געוואָרען א טראדיציע, א היסטאָרישע עראינערונג. און דאָס לעבען האָט נאך צוגעהאָלפען. די מאטעריעלע לעבענס־באדינגונגען, וואָס האָבען ארויסגערופען דעם קלאסען אנטאגאָניזם האָבען אָפּגערוקט אָט די טראדיציע גאָר אָן א זייט, און ניט צוגעלאָזט זי צו קיין שום געזעלשאפטליכען איינפלוס. יעדער קלאס האָט פארנומען זיין סאָציאלע פּאָזיציע און האָט ליב באקומען, פון זיין קלאסענשטאנדפונקט, א באזונדערע זייט פון דעם נאציאָנאלען באזיץ, אָט די זייט, מיט וועלכער ער האָט מער ווי אלץ צו טון.

ביי פרייע פעלקער וואָס אונטערדריקען ניט קיינעם און ווערען פון קיינעם ניט אונטערדריקט, איז ניטאָ אזאָ מין סביבה, וואו די נאציאָנאלע אינטערעסען זאָלען זיך צונויפקומען, ד. ה. ס׳איז ניטאָ קיין אָרט אין די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען, וואו ס׳זאָלען ווערען אָנגערירט די אלגעמיינע הארמאָנישע אינטערעסען פון אלע יחידים פון דער נאציע: ביי זיי איז ניטאָ קיין לעבעדיגער „נאציאָנאליזם". ער ווייזט זיך נאָר ארוים אין שוואכע סימפּאטיע־געפילען, אזוי צו זאָגען, פון „ליבע צו אייגענע". אָט די „ליבע" קען ברענגען דערצו, אז ביי איבעריגע גלייכע באדינ־גונגען * וועט דער מענש „העלפען זיין אייגענעם" גיכער און מיט מער פארגעניגען אלס א „פרעמדען".

---

*) מיר האָבען געזאָגט: „ביי איבעריגע גלייכע באדינגונגען", ווייל

ביי באזונדערע קלאסען פון פרייע נאציעס אפילו, קען פון דעסטוועגען זיין אמאָל א מער וועזענטליכער נאציאָנאליזם. נאָר אלענפאלס ניט מער ווי א פּאָטענציעלער (אַנ׳איינגעהאלטענער), וואָס ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט ווייזט ער זיך ארויס אין א שארפער פאָרמע.

נאָר תמיד דארף מען גוט געדענקען: אזא מין געלעגענהייט קען פאָרקומען נאָר דענסטמאָל ווען עס ווערט אָנגערירט דער נאַציאָנאלער באזיץ, און נעמליך, דער מ א ט ע ר י ע ל ע ר נאַציאָנאלער באזיץ. און אגב מוז עס ווערען אזוי אָנגערירט, אז דערביי זאָלען אָנגערירט ווערען אויך וועמענס עס איז קלאָסען־אינטערעסען, ווייל דער שווערפּונקט פון פרייע נאציעס ליגט, ניט אין זייער נאציאָנאלען קיום — זייערע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען זיינען דאָך גאנץ נאָרמאל, — נאָר אין זייער קלאסען־סטרוקטור, אין די באציהונגען וואָס ווערען געשאפען אין די ראמען פון׳ם פּראָדוקציאָנס־אופן גופא. כל זמן עס זיינען ניט אָנגערירט די נאַציאָנאלע אינטערעסען פון וועלכען ס׳איז קלאס, אזוי לאנג פארדונקעלט גיכער ווי אלץ די פּראָפּאגאנדא פון נאציאָנאליזם דעם קלאסען־באוואוסטזיין, און דעריבער איז זי שעדליך.

נאָר זעלבסט־פארשטענדליך, אז ווען די באדינגונגען פון פּראָ־

---

ווען די רעאלע סאָלידאריטעט וועגט אריבער אויף׳ן „פרעמדענס" זייט, ווערט אין איין מאָמענט צו נישט דער גאנצער נאציאָנאליזם. צ. ב. דער כח פון האָלענדישען נאציאָנאליזם קען זיך ארויסווייזען אין דעם, וואָס דער האָלענדישער באלעבאָס וועט גיכער העלפען א הונגעריגען האָלענדער איידער א בעלגיער, נאָר ביי אלעם דעם איז איהם פיל נעהענטער צום הארצען דער בעלגישער קאָנסערוואטאָר, אלס דער האָלענדישער סאָציאַליסט. מיט אזעלכע פּשוט׳ע נאציאָנאליסטישע געפילען האָט גאנץ ווייניג שייכות די נאציאָנאלע פראגע, און דער נאציאָנאליזם, אלס אַנ׳ערשיינונג וואָס האָט א גרויסע געזעלשאפטליכע וויכטיגקייט.

דוקציאנס־לעבען ביי א געוויסער נאציע ווערט געשטעלט אין אנ׳־אומנארמאלע לאגע — האט שוין דער נאציאנאליזם א גאנץ אנדערען כאראקטער.

## נאציאנאליזם און קלאסען־באוואוסטזיין

בכלל דארף מען וויסען: די אנאמאליעם אין די פראדוקציאנס־באדינגונגען רופען זיך שעדליך אפ אויף די פראדוקציאנס־באציהונגען גופא, אויף דער קלאסען־סטרוקטור. ס׳איז אנ׳אלגעמיין־באקאנטער פאקט: נ א ר מ א ל ע  פראדוקציאנס־באדינגונגען גיבען די מעגליכקייט די קלאסענגעגענזאצען צו פארשארפען זיך, אומנארמאלע — פארטעמפען זיי. אין דער זעלבער צייט דענאציאנאליזירען די נארמאלע פראדוקציאנס־באדינגונגען דאס פאלק, און פארטעמפען דעם נאציאנאלען זעלבסט־באוואוסטזיין — דאגעגען דורך אומנארמאלע, ד. ה. ווען עס פעלען וועלכע עס איז זייטען פון נאציאנאלען באזיץ און עס זיינען געקירצט זיינע באשיצונגס־פארמען — ווערען די אינטערעסען פון דער נאציע הארמאניש, דער נאציאנאלער זעלבסטבאוואוסטזיין ווערט פארשטארקט און פארגרעסערט. דעריבער עקזיסטירט צווישען דעם  ק ל א ס ע ן ־ ב א ו ו א ו ס ט ז י י ן  און דעם  נ א צ י א נ א ל ע ן  באוואוסטזיין א געוויסער אנטאגאניזם ביז א שטענדיגער מדרגה, און ביידע האבען זיי די טבע איינער דעם אנדערען צו פארדונקלען. א מאל טרעפט, אז די אינטערעסען ביי די יחידים פון א נאציע, וואס געפינט זיך פארשטענדליך אין  א ו מ נ א ר מ א ל ע  פראדוקציאנס־באדינגונגען — זיינען אין דער אמת׳ען הארמאניש אין וועלכער ניט איז הינזיכט, און די אוממעסיגע קלאסען־אידעאלאגען איגנארירען פון דעסטוועגען די נאציאנאלע אינטערעסען וועלכע ס׳זיינען  ו ו י כ ט י ג  פ א ר  ז י י ע ר  ק ל א ס  א ו י ך,  און פארדונקלען דעם נאציאנאלען באוואוסטזיין, וועלכען מען וואלט אין

דעם פאַל גראַדע ניט געברויכט צו פאַרדונקלען, ווייל דאָס איז שעדליך פאַר די אינטערעסען פון זייער קלאַס אויך. דעם זעלבען רושם מאַכט אויך אַ נאַציאָנאַליס־טישע פּראָפּאַגאַנדאַ דאָרטען, וואו וועלכע ניט איז נאַציע געפינט זיך אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, אָדער דאָרטען וואו די פּראָפּאַגאַנדאַ גופא וויל איינרעדען, אַז די אינטערעסען זיינען נאָך מער און ברייטער האַרמאָניש ווי עס איז ווירקליך. אין דעם לעצ־טען פאַל פאַרדונקעלט דער נאַציאָנאַליזם דעם קלאַסען־באַוואוסטזיין; און דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, שעדליך אויך פאַר דער גאַנצער נאַציע, ווייל זי שטעלט ניט ריכטיג פאַר די אמת'ע פאַרהעלטנישען פון די גרופּען. עס ברענגט דערצו, אַז מען נאַרט זיך אַליין, עס ברענגט צו פּוסטע רייד און צו סאָציאַלער קורצזיכטיגקייט.

די פאַרדונקלונג פון באַוואוסטזיין איז שטענדיג שעדליך, צי דאָס קומט אַרויס פון אַ קלאַסען אָדער אַ נאַציאָנאַלער דעמאַגאָגיע, — צי ווערען דאָ פאַרטושט נאַציאָנאַלע אינטערעסען, אָדער קלאַסען־אינטערעסען; צי ווערט שלעכט פאַרשטאַנען דער רעאַלער צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען אָדער פּראָ־דוקציאָנס־באַציהונגען — אַלס איינס, אי דאָס, אי יענעס איז רעאַקציאָנער.

* * *

די הערשענדע קלאַסען פון פרייע און אויך פון אונטערדריקטע נאַציעס נוצען אויס דעם גרונד־אַנטאַגאָניזם וואָס עס איז דאָ צווי־שען דעם נאַציאָנאַלען און קלאַסען־באַוואוסטזיין און זיינען נוטה אַמאָל צו פירען אַ צבועישע נאַציאָנאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ, כדי צו פאַרדונקלען דעם קלאַסען־באַוואוסטזיין פון זייערע אונטערטע־ניגסטע. נאָר דער אומשטאַנד דאַרף אונז ניט נאַרען און מיר דאַר־פען ניט מיינען אַז אַט די הערשענדע קלאַסען זיינען טאַקע אַליין

נאַציאָנאַל געשטימט. אַלענפאַלס זיינען די הערשענדע קלאַסן ניט נ א צ י אָ נ א ל, נאָר נ א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש.

יעדער פּראָפּאַגאַנדע, יעדער באַוועגונג, וואָס איז איינגעוואָר־צעלט אין דעם כאַראַקטער פון די פּראָדוקציאָנס באַדינגונגען פון אַ געזעלשאַפט — ווערען אָנגערופען נ א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש. דענסטמאָל ווען זיי פאַרדונקלען דעם קלאַסען און בירגערליכען באַ־וואוסטזיין פון איהרע מיטגלידער, ווען זיי איגנאָרירען איהר קלאַ־סען סטרוקטור און די געגענזעצליכקייט פון די אינטערעסען. — ווען אָבער זיי פאַרטושען ניט די קלאַסען סטרוקטור פון דער געזעל־שאַפט, ווערט די פּראָפּאַגאַנדאַ און די באַוועגונג אָנגערופען נ א־צ י אָ נ א ל.

דער „נאַציאָנאַלער גייסט", אַלערליי „קולטור־היסטאָרישע סובסטאַנצען", די אַלע אויפגעבלאָזענע טראַדיציעס זיינען די בעס־טע שמשים ביי אַזאַ מין פאַרטוישונג. מיט דעם זיינען אַלע מאָל געדיכט איבערגעשאָטען די נאַציאָנאַליסטישע דרשות. אַלערליי פוס־טע רייד, וואָס זיינען פול מיט די אָדער ענליכע צו זיי באַגריפען — זיינען ניט נאַציאָנאַל, נאָר נאַציאָנאַליסטיש.

אַ מענש אַלזאָ, וואָס דענקט נ א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש, געמענדיג אין אַכט דעם פאַקט, אַז ס'איז דאָ אַן'אַלגעמיינער נאַ־ציאָנאַלער כאַראַקטער, וואָס איז אייגען צו אַלע מיטגלידער פון דער נאַציע, איז גוטה צו פאַרגעסען צוליב דעם, אַלע סאָציאַלע אונטערשידען פון די יחידים וואָס געהען אריין אין כלל פון דער נאַציע. אַ מענש אָבער, וואָס דענקט נ א צ י אָ נ א ל, ווען אפילו ער אַנערקענט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ מין אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער, וועלכער עס איז געשאַפען געוואָרען אין דער סביבה פון אַלגעמיינע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען — פאַרשטעהט ער פון דעסטוועגען: ערשטענס, אַז די שטריכען פון אָט דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, פון דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלען טיפּ איז זעהר שווער צו כאַפּען, זיי זיינען צופיל פאַנאַנדער געשוואומען. צווייטענס, אַז

אינערהאלב פון יעדער באַטרעפענדער נאַציאָנאַליטעט ווייזען זיך ארוים ביי יעדען באַזונדערען קלאַס — זיינע באַזונדערע כאַראַקטער־שטריכען, וועלכע זיינען פיל מעהר בולט און וועלכע מען קען פאַל־שטענדיג אויפנעמען.

צום סוף, א מענש וואָס דענקט נ א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש האלט, אז אלע מיטגלידער פון דער נאַציע דארפען זיין נאַציאָנאַ־ליסטען, ער מאכט דעם נאַציאָנאַליזם און פאַטריאָטיזם פאַר א היי־ליגע פליכט. אָבער אַ מענש וואָס דענקט נ אַ צ י אָ נ אַ ל, געפינט גאָר ניט קיין שום „מרידה” אין דעם, וואָס איינינגע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט זיינען אין גאַנצען פריי פון נאַציאָנאַליזם, און די צווייטע פארשטעהען דעם נאַציאָנאַליזם יעדער אויף זיין ארט, אין צוזאַמענהאַנג מיט זייערע פארשידענע קלאַסען־אינטערעסען.

מיר געהען איבער צו דער כאַראַקטעריזירונג פון די פארשי־דענע טיפּען פון נאַציאָנאַליזם ביי די פאַרשידענע געזעלשאַפטליכע קלאַסען.

---

## דער נאַציאָנאַליזם פון די גרויסע אַגראַריער

די גרויסע אגראַריער — דאָס איז דער קלאַס, וואָס לעבט פון דער רענט. טיילווייז לעבען זיי, נאַטירליך, אויך פון דעם ריוח, וואָס עס גיבען זיי זייערע קאַפּיטאַלען. נאָר די ערד־רענט — דאָס איז דער הויפּט־קוואַל פון זייערע הכנסות. און דאָס ברענגט זיי דערצו, אז זיי זאָלען שעצען מער ווי אלץ די איממאָביליען, דאָס ערד־אייגענטום. די טעריטאָריע איז זיי ליב נאָר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זי נוצט זיי אלס א שטיק ערד, פון וועלכען זיי קריגען זייער רענט. זייער נאַציאָנאַליזם איז בעצם אַנ'ערד־נאַציאָנאַליזם. ער קען אַנגערירט ווערען נאָר דענסטמאָל, ווען אוועלכעס ניט איז שכנ'ישע פאָלק וואָלט געקלערט צו פארכאַפּען די ערד גופא — ווייל אויף אזא אופן פארלירען די אגראַריער די מעגליכקייט צו ציהען זייערע הכנסות. די אגראַריער זיינען ווייט, אייגענטליך, פון צו אינטערע־

סירען זיך מיט דעם, וואָס די טעריטאָריע נוצט נאָך פאַר אנדערע קלאסען פון זייער נאציע אלס נאציאָנאַלער מארק, און זיי וואָלטען זיך ווייניג קימערן ווען א פרעמד פאָלק, פרעמדע קאפיטאליסטען, וואָלטען קלערען ארויסצוכאפּען ביי זייער בורזשואזיע דעם מארק, וועלכען עס שטעלט מיט זיך פאַר די טעריטאָריע. נאָר אנדערע, זייטיגע אינטערעסען פון אַט דעם קלאס ברענגען איהם צו דעם, אז ער זאָל זיך יאָ אינטערעסירען דערמיט.

דען די פּאָזיציע פון דעם אגראַריער קלאס אין דער געזעל־שאפטליכער אנטוויקלונג איז א היסטאָרישע איבערגאנגס־פּאָזיציע. דער קלאס קאפיטאליזירט זיך שנעל אין היינטיגער צייט און ער ווערט שוין אלזאָ געשטעלט אין נייע באציהונגען צו דעם נאציאָ־נאלען באזיץ און צו זיינע באשיצונגס־פאָרמען. נאָר דאס איז נאָך ניט אלעס. דען וואָס זיינען אייגענטליך, די אגראַריער? די אג־ראַריער דאס איז א רעשטעל פון פעאָדאליזם, פון דער אָרדנונג, וואָס די אנטוויקלונג האָט איהר פאַר׳משפּט צום טויט. די אגראַ־ריער האָבען פארלאָרען די עקאָנאָמישע מאכט, און וואָס ווייטער ווערט פון זיי צוגענומען אין גאנצען אויך די פּאָליטישע מאכט, וועלכע ס׳איז נאָך געבליבען ביי זיי אין אנדערע ערטער. און דאס רופט זיך אָפּ אויף זייער נאציאָנאליזם, וועלכער שטעלט מיט זיך פאַר דעם גרעסטען שאָוויניזם.

אין די מער אָפּגעשטאנענע ערטער, וואו דער אגראַריער־קלאס איז נאָך געוויסער־מאסען פארבליבען — שטעהט ער נאָך אַלץ נע־הענטער ווי אנדערע צו דער מלוכה׳שער מאכט. און די היינטיגע מלוכה איז דאָך א קלאסען־מלוכה. די אינטערעסען פון פארשידענע טיילען אין איהר (אין דער מלוכה) זיינען פארשידען. ממילא, גע־הערט ניט די הערשאפט צו אַלע גרופען פון דער באפעלקערונג. די מלוכה־מאכט איז שטענדיג ענגער פון אַלץ צונויפגעבונדען מיט וועלכען ניט איז קלאס. ווי ווייט אָבער עס איז מעגליך, שטרעבט די רעגירונג זיך צו שטיצען אויף דער אכטונג פון דער גאנצער בא־

פעלקערונג, אָהן אונטערשיד פון קלאסען. כדי צו איינהיטען איהר איינפלוס, שטרעבט זי צו פארנעמען כלומרשט אנ'ארט צווישען אלע קלאסען. צו שטעהן אָבער אויף אזא מין פּאזיציע איז מעגליך נאָר דענסטמאָל, ווען מען זאָל אויפהויבען אזא מין פאן וואָס שטעהט העכער איבער אלע צוזאמענשטויסונגען אין דעם מלוכה'שען אָר־גאניזם. אָט די פאָן — איז דער נאציאָנאליזם, די נאציאָנאלע אידעע.

אזוי טוען אויך די אגראריער, וואו זיי האלטען נאָך, ווי מיר האָבען דערמאָנט, די פּאָליטישע מאכט ביי זיך אין די הענט.

צוליב דעם זעהען מיר אָט די וואונדערבארע ערשיינונג; די אייגענע פעאָדאלען, וואָס אמאָל האָבען זיי קיין שום באגריף ניט געהאט איבער „נאציאָנאלע אידעע", „נאציאָנאלע מיסיע", — זיינען היינט די ערשטע שרייערס וועגען דעם. בסך־הכל האָבען זיי זיך נאָר דערוואוסט פון דער דאָזיגער אידעע פון זייער געוועזענעם פיינט, פון דער בורזשואזיע. אָט דער וואונדער ווערט דערקלערט נאָר דורך דעם, וואָס זיי זיינען געצוואונגען צו פארנעמען כלומרשט א פּאָזיציע איבער אלע קלאסען. כדי ניט צו דערוועקען ביי דער אונ־טערטעניגער באפעלקערונג קיין אומצופרידענהייט, שמעקען זיי שוין אוים אלץ וואָס עס האָט א פנים פון אנ'אלגעמיין־נאציאָנאלען ווערט, און זיי קריכען פון דער הויט צו פארטיידיגען דאָס און צו פארבלענדען דערמיט דער באפעלקערונג די אויגען. דערפון קומט ארוים דאָס, וואָס די גרויסע אגראריער האלטען אזוי מורא'דיג פון דער נאציאָנאלער עהרע, און זיינען אָזעלכע גוזמא'דיגע קפדנים אין נאציאָנאלען זין. זיי זיינען, אזוי צו זאָגען דער שטענדיגער אויפ־רייס־מאטעריאל פון'ם נאציאָנאליזם. תמיד זיינען זיי אָנגעגרייט ארויסצושפּרינגען ביי דעם קלענסטען שטויס.

דער נאציאָנאליזם פון די אגראריער האָט נאָך א „מעלה": ביי די אגראריער איז נאָך געבליבען דער אוצר פון די טראדיציעס וועלכע ס'האָבען זיך אָנגעקליבען אין דער פעאָדאלער עפּאָכע. הנם

דער עצם־נאציאָנאליזם, אזוי ווי מיר האָבען געזעהן, האָט נישט געמיינזאמעס מיט קיין טראדיציעס אין דער ערשטער צייט ווען ער איז אנטשטאנען און פארשפרייט זיך — פלאָנטערט זיך אָבער צו־נויף ביי די אגראריער דער נאציאָנאליזם מיט די טראדיציעס אין איין געדיכטען נעץ.*)

אין די לענדער, וואו די הערשאפט געפינט זיך אין די הענט פון דער בורזשואזיע, און די אגראריער זיינען דערווייטערט פון דער רעגירונג, ווייזט זיך ארוים דער טראדיציאָנס־נאציאָנאליזם פון די אגראריער און זייערע רעאקציאָנערע אָהנמעכטיגע שטיק. דערנע־הענטערענדיג זיך צום נאָהענטען קבר, באצייכענען זיי זייער טרויעריגען וועג מיט ניט ווייניגער טרויעריגע סקאנדאלען. אָט אזא מין

*) און דערפאר, וואָס די אגראריער, אלס פאָרשטעהער פון דער פּאָליטישער מאכט, ווארפען זיך דער גאנצער וועלט אין די אויגען, מיינען די נאַאיווע צוקוקער אז דער נאציאָנאליזם איז אין דער אמת'ען איינס און דאָס זעלבע וואָס טראדיציע. אָט אזא מין אויבערפלעכליכער באשלוס גיט ניט צו קיין גרויסען כבוד די מענשען, וואָס גלויבען אין איהם. אלץ וואָס מען רעדט וועגען דעם, אז דער נאציאָנאליזם איז טראדיציאָנעל איז ריכטיג נאָר בנוגע צו די אגראריער און צו זייערע פילע אידעאָלאָגען. אמת, אז אָט דער נאציאָנאליזם איז אויסערהאלב פון דער באטרעפענדער נאציע אגרעסיוו און איז דעם מיליטאריזם א טרייער פריינט. אמת, אז אינערהאלב פון דער נאציע איז ער קאָנ־סערוואטיוו און אלס זיין הויפּט אויפגאבע האלט ער די באשיצונג פון אלע עקזיסטירענדע יסודות. אמת, אז די פאָרשטעהער פון אָט דעם נאציאָנאליזם דערקלערען יעדע אומצופרידענהייט פון די אונטערטעניגע אלס אנטינאציאָנאל, אלס א „פארראט“. אמת, אז אָט דער נאציאָנאליזם וויל פארגלעטען יעדען אונטערשיד צווישען „אינערליכען“ און „אויסער־ליכען“ פיינט און מאכט דעם ערשטען פאר א שותף פון צווייטען, אלס „קראמאלניק“, פארברעכער, א. אז. וו.

„נאַציאָנאַליזם“ געפינען מיר אין פראַנקרייך. נאָך'ן צאָל פון די סקאַנדאַלען קען מען אַלע מאָל ציילען די טעג, וועלכע עס איז נאָך געבליבען איהם צו לעבען.

---

## דער נאַציאָנאַליזם פון דער גרויסער בורזשואַזיע

דער גרויסער קאַפּיטאַל ווייס שוין ניט פון קיין טראַדיציעס, ווי מיר האָבען שוין איינינע מאָל געזעהן. מיר קענען שוין פאָראויס זאָגען, אַז אויב ער איז נאַציאָנאַליסטיש, איז אָבער אָט דער נאַציאָנאַליזם ווייט פון יעדען צוזאַמענהאַנג מיט טראַדיציעס. מיט דעם אינערליכען נאַציאָנאַלען מאַרק און מיט דער שפּראַך, דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וואָס געוועלטיגט אויף'ן מאַרק איז דער גרויסער קאַפּיטאַל שוואַך צוזאַמענגעבונדען. דער גרויסער קאַפּיטאַל איז שוין לאַנג אַריבער די ענגע גרענעצען פון דעם נאַציאָנאַלען מאַרק און שפּראַך, יעצט שפּרייזט ער מיט אַנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ איבער דעם גרויסען, ברייטען וועלט־מאַרק. ביים אויסברענגען איהרע סחורות איז די גרויסע בורזשואַזיע ניט איינגעשלאָסען אין דער סביבה, וואו די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז פאַרשפּרייט, ווייל זי האָט ניט קיין דירעקטע באַציהונגען צום געברויכער. דער געברויכער רעדט ניט מיט'ן פאַבריקאַנט, נאָר מיט'ן קרעמער. דער פאַבריקאַנט דאַרף אפילו ניט קענען קיין אַנדערע שפּראַכען אויסער זיין מוטער־שפּראַך. ער האָט שוין קאָרעספּאָנדענטען מיט בוכהאַלטערס, וואָס ס'שרייבען זיך צונויף פאַר איהם מיט אויסלענדישע פירמעס.

נאָך שוואַכער ווי דער גרויס־אינדוסטריעלער איז צונויפגעבונדען מיט'ן אָרטיגען מאַרק דער פינאַנסיסט, דער געלד־קאַפּיטאַליסט, וועלכער, לעגט אַרויף זיין האַנט אויף'ן גאַנצען גאַנג פון דער היינטיגער ווירטשאַפט. — די גרויסע בורזשואַזיע פירט אַלזאָ ניט קיין א י נ ע ר ל י כ ע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק — זי חלומ'ט פון דער אַלוועלטליכער מעכטיגקייט פון איהר נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל, זי וואָלט וועלען אַרויסשטופּען פון וועלט־מאַרק אַלע „פרעמ־

דע" קאפּיטאלען, כדי צו קריגען א גרעסערען ריוח. און דערצו ברויכט זי צו האָבען א גוטען פלאַץ, א גוטע ארמעע. פון אזעלכע „עדלע" זאכען אָבער ווי „נאציאָנאל־קולטורעלער גייסט", א. אז. וו. וויל זי זעהר זעלטען וויסען. איהר זיינען פיל ליבער צום הארצען שטיקעס, שראפּנעלען און פּאנצער שיפען. די פראגען פון דער שפּראך, נאציאָנאלע דערציהונג אינטערעסירען איהר וועניג. איהר קימערט מער דער בודזשעט פון ארמעע און פלאָט. נאָר כדי צו האָבען די דעה אויף דעם, מוז מען האָבען די פּאָליטישע מאכט. דער רעאַלער יסוד פון דער פּאָליטישער מאכט איז, ווי ס'פארשטעהט זיך ממילא, די טעריטאָריע.

**פאר'ן גרויסען קאפּיטאל האט די טעריטאָריע און איהרע גרענעצען דעם ווערט פון א שטיץ־פּונקט צו פארכאפּען דעם וועלט־מארק.***

---

*) צווישען דער אינטעליגענץ געפינען זיך כמעט ניט קיין אידעאָלאָגען, וועלכע עס זאָלען זיך פארנעמען מיט דער גרויסער בורזשואזיע, וועלכע עס זאָלען נעמען אויף זיך די מיה צו פאָרמולירען איהר לעבענס־אנשויאונג. — אחוץ די אלטעגליכע גרויסע פּרעסע. זי, די פּרעסע, איז ניט קיין גרויסע אויסקלייבערין ווען זי זוכט מיטלען פאר איהר שאָווינים־טישער דעמאָראַליזאציע. די באַגריפען מיט וועלכע זי שטאָפּט אָן די מוחות פון פּובליקום נעמט די פּרעסע פון וואָס עס פאלט איהר נאָר אין האנט אריין. זי כאפּט אויך אריין די טראדיציעס פון די אגראריער, אבי עס זאָל זיין וואָס צו טון. נאָר בעצם, חזר'ן מיר איבער, איז אָט די גרופּע, די גרויסע בורזשואזיע מיט איהר באזונדערען נאציאָנאליזם ווייט פון טראדיציעס, הגם זי איז דער הערשענדער קלאס אין היינטיגער ציים. די אלע געשוואָרענע פּראָקוראָרען פון נאציאָנאלזם וואָלט ניט געשאדט, אז זיי זאָלען דאָס געדענקען. אָט דאָס ווארפט באשיינפּערליך אראָפּ די מיינונג, וועלכע ס'געהט ארום, אז נאציאָנאליזם — טראדיציעס — הערשאַפט איז בלומרשט אלץ איינס.

# דער נאַציאָנאַליזם פון דער מיטעל־און קליין־בורזשואַזיע

יעצט געהט די מיטעלע און די קליין בורזשואזיע. פאר איהר האָט שוין ניט די טעריטאָריע דעם ווערט פון א שטיק ערד, אזוי ווי פאר די אגראריער; פאר איהר האָט די טעריטאָריע דעם ווערט פון א געברויכס־מארק. די גרענעצען פון אָט דעם מארק, פאלען צונויף, נאַטירליך, מיט די גרענעצען, וואו עס ענדיגט זיך די הערשאפט פון דער נאציאָנאַלער שפראך. דער נאָהענטסטער קויפער מוז רעדען אויף דער אייגענער שפראך, וואָס דער נאָהענטסטער פארקויפער. דערפון קומט ארויס אז דער מיטעלער בעל־הבית איז פאראינטערעסירט אין דעם, אז אויף זיין שפראך זאָלען רעדען וואָס מער מענשען. דער נאציאָנאַליזם פון אָט דער בורזשואזער גרופע שעפט זיין גאנצע חיונה פון די אינטערעסען פון נאציאָנאַלען מארק. — אָט די בורזשואזיע איז דעריבער די הויפט שטיצע, — נאַטירליך ניט די איינציגע — פון יענער פּאָליטיק, וואָס שטערט די פרייהייט פון פרעמדע שפראכען. דעם עצם פון דעם נאציאָנאַליזם זעהט זי, אָט די בורזשואזיע, אין דער שפראך און אין אלץ, וואָס עס איז צונויפגעבונדען מיט דער שפראך: די טראַדיציאָנעלע קולטור, די ערציהונג, א. אז. וו.

אמאָל טרעפט, אז די גרויס־אגראריער פון א געוויסער הערשענדער נאציע ווילען פארכאפען די ערד אויף וועלכע עס וואוינט אנ׳אונטערדריקט פאָלק און זיי שטרעבען צוליב דעם צו אסימילירען די ערד. זיי טוען דאן אָן אויף זיך א מאסקע פון קולטור־טרעגעריי, דערשטיקען די שפראך פון דער נאציע, וועלכע זיי ווילען אסימילירען, זיי שטערען איהר ערציהונג. דער מיטעלער און קליין־בורזשוי איז שטענדיג דער בעסטער שותף פון די אגראריער אין דעם דאָזיגען טייערען ענין, ער איז דער טרייער „קעמפער“ פאר דער „קולטור־טרעגערישער“ מיסיע. כדי זיך צו איבערצייגען אין דעם,

איז גענוג זיך צו דערמאָנען אָן די פאַקטען פון דער אסימילאַטאָרי־שער פּאָליטיק אין פּרייסיש־שלעזיען.

די אידעאָלאָגען פון אָט דעם קלאַס באַנוצען זיך מיט דער אייגענער פּראָזעאָלאָגיע, וואָס די אַגראַריער. זיי האָבען נאָך אָגב די אייגענע מעלה פון די אַגראַריער: זיי פאַרנעמען די מיטעלע פּאָזיציע צווישען די צוויי הויפּט־קלאַסען פון דער געזעלשאַפט און זיי האָבען אויך די שוואַכקייט זיך איינצורעדען, אַז זיי שטעהען העכער ווי אַלע רייסעלנישען צווישען די קלאַסען.

בעצם האָבען זיי נאָר שרעקליך מורא פאַר יעדע געזעלשאַפט־ליכע דערשיטערונג, ווייל אין דעם ליגט פאַר זיי די סכנה צו געהן באַנקראָט, צו ווערען יורדים. זייער גאָט איז די אָרדנונג, זייער מלאך־המות איז דער בונט. זיי האַלטען זיך פעסט פאַר דאָס ביסעל אייגענטום, וואָס איז נאָך איבערגעבליבען ביי זיי, און זיי האַלטען אין איין ציטערן, טאָמער ווערט עס אויך צוגענומען, זיי זיינען דארום די שטיצע פון „אָרדנונג“ און „געזעצליכקייט“, זיי זיינען גרייט צו באַשיצען מיט פייער יעדע עקזיסטירענדע אָרדנונג. — און בכלל זיינען זיי שטאַרק פאַררוגז׳ט, ווי מענשען וואָס שטעהען אויף׳ן וועג צו דער פאַראָרמונג, און וואָס קענען ניט קעמפען פאַר זייער צוקונפט, וואָס קענען ניט קוקען איהר אָפען אין די אויגען.

און יעדע זאך, וואָס איז וויפיל עס איז אומגעוועגליך, פרעמד, דאַכטען זיי זיך אָפּ אייביגע בונטען, אינטריגעס, הינטערפּיסלעך. זייער דונקעלער, קליינער שכל דערלאָזט ניט צו דערהויבען זיך איבער זייער וואָכעדיגע באַלעבאַטישקייט.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָבען די פאַרשידענע נאַציאָנאַ־ליסטישע פּאַראָרטייען און אבערגלויבענישען געפונען א גוטען נעסט פאַר זיך. די אָרימע קאָפּ פון דעם „קליין־בורזשוי איז איינגאַנ־צען פאַרנומען נאָר מיט „מיר“ און „זיי“, „אייגענע“ און „פרעמדע“. און אגב איז דאך דאָס א קלאַס, וואָס זיינע יחידים רייסען זיך אייביג אַרום צוליב דער קאָנקורענץ, און איינער דעם אַנדערען איז

גרייט צו דערטרינקען. קיין אַלגעמיינער פּונקט, וואו זייערע קלאַ־סען־אינטערעסען זאָלען זיך צונויפקומען איז ניטאָ. פאַר א קלאַ־סען־באוואוסטזיין איז ביי זיי קיין אָרט ניטאָ — דעריבער קומט ביי זיי ארויס מיט נאָך א גרעסערען כח דער נ א צ י א נ א ל ע ר זעלבסט־באוואוסטזיין. אַט די גרופּע באשאפט אויך איהרע „אידעאַ־לען" — נאָר וועגען דעם איז ניט דאָ דער אָרט זיך פונאנדערצורעדען.

פאַר אונז איז וויכטיג דאָס, וואָס די מיטעלע און קליינע בור־זשואזיע, זייענדיג אוממיטעלבאר פאראינטערעסירט צו באשיצען זייער אינערליכען מארק — האַלטען אונטער אומדירעקט די שאָ־וויניסטישע אינערליכע און אויסערליכע פּאָליטיק פון די אגראריער. קיין זעלבסטשטענדיגע ראָלע שפּילט ניט אַט דער נעבעכדיגער נאַ־ציאָנאַליזם, — און נאָכדעם ווי ער וועט פארלירען זיין שטארקען שותף, די אגראריער, וועט ער אָפּשטארבען, איינגאנצען. וואָס שנע־לער עם דעקלאסירט זיך אַט די גרויסע באַלעבאַטישע מאסע, וואָס מער עס טיילען זיך אויס פון איהר א טייל אין פּראָלעטאריאט, די איבריגע אין די גרויס־בורזשוואזיע — אַלץ שנעלער שטארבט אָפּ ד ע ר טיפּ פון נאַציאָנאַליזם. —

איינינע גרופּען פון דער מיטעל־און־קליין־בורזשואזער אינטע־ליגענץ, וועלכע עס פארנעמען זיך מיט דער נאַציאָנאַלער קולטור: לערער, היסטאָריקער, אנדערע שרייבער, קינסטלער, זינגער — זיי־נען נוטה צו א פרידליכער פאָרם פון אנ'אָרגאַנטליכען, אָנשטענדיי־גען „קולטורעלען" נאציאָנאַליזם. ביי זיי איז זעהר אָנגענומען די אנערקענונג פון דאָס זעלבסט־באשטימונגס־רעכט פון יעטוועדער נאציע. זיי חלום'ען ניט צו פארניכטען אַלע אנדערע פעלקער, זיי ווילען קיינעם ניט איינשלינגען. אין דער אינערליכער פּאָליטיק זיי־נען זיי ליבעראַל, אָפטמאָל אפילו — ראַדיקאַל, דאָס אייגענע פּראַק־טיקירען זיי אין באציהונג צו אנדערע פעלקער אויך. נאָר פונדעסט־וועגען ליבען זיי דאָך מער דאָס „אייגענע" ווי דאָס „פרעמדע" — זיי איז עפּעס נאָהענט צום הארצען די זכרונות פון דער „אייגע־

נער קולטור". זיי האָבען ניט קיין נאציאָנאַלע „גאוה", — זיי ווייסען אָבער אָפּצוהיטען זייער נאציאָנאַלען כבוד.

די מער אינטעלעקטועל־אנטוויקעלטע און פּראָגרעסיווע לייקענען אפילו ניט אָפּ די קלאַסען־סטרוקטור פון דער געזעלשאפט. זיי אינטערעסירען זיך אָבער ווענינ מיט איהר, ווייל זיי ליבען בכלל ניט קיין קאמף און קיין רעש. ביי זיי זיינען פארשטיינערט געבליבען די ערשטע שטימונגען פון דעם בורזשואזען נאציאָנאַליזם פון דער פאר־רעוואָלוציאָנערער צייט. ביי זיי זיינען געבליבען ווי פאר־גליווערט די אַלטע נאציאָנאַל־דעמאָקראטישע טראַדיציעס*).

* * *

ביז איצט האָבען מיר באטראכט דעם נאציאָנאַליזם פון די הערשענדע קלאַסען. ווי מיר האָבען געזעהען, איז ער פיל־פארבינ. עס איז, נאטירליך, זעהר שווער אָפּצוגרעניצען צווישען די נאַציאָנאַלע אידעאַלען פון די אגראריער, דער גרויסער בורזשואזיע, דער מיטעלער און דער קליינער בורזשואזיע, ווייל מען קען עס אפילו אין עקאָנאָמישער הינזיכט אויך ניט אָפּגעניצען. ס'זיינען דאָ איבערגאַנגס־פאָרמען אָהן א צאָל, וואָס דערנעהענטערען איין טיפּ נאציאָנאַליזם צום אנדערען, און פאר דעם ניט־געניטען אויג גיסט זיך עס צונויף אין איין גאַנצע זאך. די מאטעריאַליסטישע אויפ־

---

*) ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, רופט זיך אָן אָט דער טיפּ נאציאָנאַליזם — "גייסטיגער" נאציאָנאַליזם. אָבער דאָס איז ניט דאָס אייגענע, ווי דער כלומר'שטיגער „גייסטיגער" נאציאָנאַליזם פון די אַגראַריער. די אגראריער און באַלעבאַטישע מאסע, וואָס שלעפּט זיך זיי נאָך, שיטען מיט הויכע פראַזען וועגען אַלערליי קולטור־נאציאָנאַלע פיקציעס, ניט באטראַכטענדיג זייער אינהאלט. אָבער די קליין־בורזשואזע אידעאָלאָגען טוען פּארקערט. זיי גלויבען אפילו טיף אין די דאָזיגע פיקציעס. נאָר דערפאר אנאַליזירען זיי עס נאטירליך ניט קריטיש, נאָר דאָגמאטיש — און זיי באשאפען פארשידענע, משונה'דיגע נאציאָנאַליסטישע טעאָריעס.

פאסונג פון דער געשיכטע אבער, לערנט אונז אומעטום צום אונטער־שיידען צווישען די גרונד־שטריכען און די שאטירונגען, אומעטום פארנאנדערצוגלידערן דאס, וואס פאר'ן אויבערפלעכליכען בליק גיסט זיך צונויף אין איינעם.

---

## דער נאציאנאליזם פון פראלעטאריאט

מען דארף ניט נאכגעהן נאך דעם אלגעמיין־פארשפרייטען טעות און מיינען, אז דער פראלעטאריאט האט כלומר'שט ניט קיין שייכות צו נאציאנאלען באזיץ, און דאריבער האט ער ניט קיין נאציאנאלע געפילען און אינטערעסען. אויסערהאלב פון די פראָ־דוקציאנס־באדינגונגען געפינט זיך ניט קיין שום קלאס פון דער געזעלשאפט, און ממילא האט שוין א געוויסען וויכטיגען ווערט אויך פאר'ן פראלעטאריאט דער צושטאנד פון אט די באדינגונגען. לאמיר פארגעסען די פוסטע, געפערליכע נארישקייטען, וואס עס געהען געוועהנליך ארום ביי דעם פראגרעסיווען עולם בנוגע צו אט דער פראגע. אויב די אלגעמיינע באזע און רעזערוואר פון די פראָ־דוקציאנס־באדינגונגען, די טעריטאריע, האט פאר די אגראריער דעם ווערט פון ערד־אייגענטום און שטיץ־פונקט פאר זייער פאלי־טישער מאכט, פאר דער בורזשואזיע — דעם ווערט פון א שטיץ־פונקט צו פארכאפען דעם וועלט מארק, און פאר די מיטעלע קלא־סען פון דער געזעלשאפט — דעם ווערט פון א געברויכס־מארק; און אויב די באשיצונגס־פארמען פון דעם נאציאנאלען באזיץ האבען פאר יעדען פון די דערמאנטע קלאסען זייער אנטשפרעכענדען ווערט — האט שוין די טעריטאריע איהר ווערט אויך פאר'ן פראלעטאריאט, דהיינו: דעם ווערט פון אנ'ארבייטס־פלאץ. די באשיצונגס־פאר־מען האבען אויך פאר איהם זייער אנטשפרעכענדען ווערט.

דער ארבייטער, ווען ער זאל טויזענט מאל זיין א מלאך בצורת אדם (אזוי ווי די אגיטאטארען „דעמאגאגען" פארזיכערען אונז

אויף טויזענטער אופנים) — אלץ מוז ער דאָך עסען, און צוליב דעם, מוז ער נאָך מער ווי אנ'אנדערער — ארבייטען. די ארבייטסלאָזיג־קייט איז פאר איהם גאָר קיין אנגענעמע זאך ניט. מיר וועלען דאָ באמערקען, אז אפילו מארקס האָט אנערקענט דעם פאקט פון קאָנ־קורענץ צווישען ארבייטער, דהיינו, קאָקורענץ איבער'ן ארבייטס־פּלאץ. (פּאראויסזעהענדיג, אז די אָפּאָנענטען וועלען זיך מאכען תמ'עוואטע, אזוי ווי זיי ווייסען גאָר ניט דערפון, וועלען מיר זיי געבען אן עצה אויפמערקזאמער דורכצולייענען די לעצטע זייטען פון "Misere de la Philosophie" — ביי גאַנץ ווילדע ארבייטער דערגעהט עס ביז צו געשלעג צווישען שטעטישע און אויסווערטיגע ארבייטער, אפילו פון איין לאנד. ביי מער קולטורנע ארבייטער זייַ־נען דאָ העכערע, פיינערערע קאָנקורענץ געפילען. זיי וועלען זיך, נאטירליך, ניט שלאָגען מיט אויסערווערטיגע ארבייטער; נאָר ווען ס'שווימען אָן פרעמדע עמיגראנטען און שלאָגען ארונטער דעם אר־בייטס לוין — דאָס רירט שוין צופיל אָן די אינטערעסען פון דעם סאמע קולטורנעם ארבייטער, און ער קען שוין ניט בלייבען קאלט־בלוטיג.

מענשען, וואָס זייערע פעהיגקייטען צו דענקען, זיינען שוין פון אָנהויב ביז'ן סוף פאר'סמ'ט דורך די פּארטייאישע פּלוידערייען, דורך דער וואולגארער אגיטאציע, וועלען אָנהויבען צו קלאָגען, אז מען איז דאָ מחלל זייערע הייליגסטע געבאָטען, ווען מען וועט זיי אָנווייזען אויף פאקטען וועלכע ס'באשטעטיגען אונזערע ווערטער. צי דארפען מיר דען האָבען נאָך מער איבערצייגענדע באווייזען, ווי צ. ב. דאָס, וואָס פּאָלמאר'ס מינכענער צייטונג אוילט זיך יעדער מאָל צו מאכען א ליארם, ווען בייערישע פּריוואטע אָדער קאזיאָנע אונטערנעמער דינגען אָן איטאליענישע ארבייטער אנשטאָט דייטשע. און פּאָלמאר שטעהט דאָך אָן דער שפּיץ פון א גרויסער פּארטיי. אמת טאקע אז ער איז רעוויזיאָניסט, אָבער למשל, אויף'ן פּארטיי־טאָג אין יענא איז ער א גאַנץ אָנגענומענער „גענאָסע". — אָדער

ווען מיר נעמען די פּאָליטיק פון די אויסטראַלישע רעגירונגען איהר באַציהונג צו אימיגראַנטען. ס'איז, דאַכט זיך, גענוג קלאָר, אַז די באַגרענצונגען פאַר'ן אַריינפאָר זיינען ניט צוליב די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל, נאָר צוליב די אינטערעסען פון די אַרבייטער.*)

*) דער ביישפּיל פון די אויסטראַלישע רעגירונגען איז איבערצייגענדער און קלאָרער, אַלס די פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג און פון די רעגירונגען פון די פאַראייניגטע שטאַטען אין אַמעריקא. אין אויסטראַליע און ניו־זעלאַנד האָבען די אַרבייטער אַ גרויסען איינפלוס אויף דער פּאָליטיק אין ענגלאַנד, אָבער אין די פאַראייניגטע שטאַטען, כמעט ווי גאָר ניט. — די אַרבייטער אין די לעצטע צוויי לענדער זיינען אפילו שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז דער אַריינפאָר פון די עמיגראַנטען זאָל באַגרעניצט ווערען, — נאָר ווען די איבעריגע איינפלוסרייכע קלאַסען וואָלטען אין דעם פאַל ניט געשטיצט די אַרבייטער — וואָלטען זיי מיט זייערע אייגענע כחות ניט געקענט דורכפירען די עמיגראַציאָנס געזעצען. עס זיינען דאָרטען פאַראינטערעסירט צו באַגרעניצען דעם עמיגראַנטען־אַריינפאָר: א) די קליינע האַנדעלס אינדוסטריעלע בורזשואזיע, ווייל אַ גרויסער טייל עמיגראַנטען, וואָס קריגען ניט צו פאַרדינען אין די ווערקשטאַטען זיינען געצוואונגען צו נעמען זיך פאַר מסחר אין האַנדווערק און צו קאָנקורירען מיט די דאָרטיגע קרעמער און בעלי־מלאכות. ב) די גרויסע און מיטלע אונטערנעמער. וועלכע ס'ליידען די קאָנקורענץ פון דער שוויצונגס־סיסטעם ווייל דער גרעסטער טייל אַרבייטער אין אָט די ווערקשטאַטען באַשטעהט פון אימיגראַנטען; ווען ניט די עמיגראַציע — וואָלט ניט באַשאַפען געוואָרען אָט דער מין קאָנקורענץ. ג) די אַרבייטס־לאָזע און די אומגעזיכערטע פּראָסטע אַרבייטער וואָס ליידען שטאַרקער און נעהענטער ווי אַלע פון דעם אָנשווימען פון די אַרבייטסלאָזע עמיגראַנטען. — דאָס וואָס דער צוזאַמענפאָר פון די טרייד־יוניאָנס האָט פּראָטעסטירט געגען עליען ביל דערווייזט אונז גאָר ניט, ווייל די טרייד־יוניאָנס באַשטעהען עבען פון קוואַליפיצירטע און געזיכערטע אַרבייטער.

מיר רעדען שוין ניט פון דער אויפפירונג פון אמעריקאנישען פּראָלעטאַריאַט אין באַציהונג צו די כינעזישע קולי: די שרייענדע פאקטען פון די פּאָגראָמען אויף כינעזישע ארבייטער זיינען דעם לעזער גענוג באַקאַנט. — און צי זעהט מען דען ניט קלאָר ארויס פון דעם, וואָס די פאַרטייאישע טעאָרעטיקער זיינען געצוואונגען אלץ מער צו פאַרנעמען זיך מיט דער נאציאָנאַלער פראגע, אז דעם פּראָלעטאַריאַט איז אָט די פאַרשאַלטענע פראגע גאָר ניט פרעמד. נאָר דער נעהנסטער פונקט וואו ס'קען אָנרירען דעם ארבייטער ביי־כער ווי אומעטום די נאציאָנאַלע פראגע — דאָס איז די טעריטאָריע, אלס ארבייטס־פּ ל אַ ץ.

ס'זיינען דאָ נאָך אנדערע ארבייטער אינטערעסען, וועלכע ס'האָבען א שייכות צו דעם — דאָס זיינען די קולטורעלע אינטע־רעסען פון דער שפּראַך, דערציהונג, ליטעראַטור. דאָס אלץ האָט א ווערט פון א מיטעל צו אנטוויקלען דעם קלאַסען־באַוואוסטזיין. — איהר אמת'ע שפּיץ קריגט אָבער די אנטוויקלונג פון קלאַסען־באַ־וואוסטזיין ניט פון דער „קולטור", נאָר דורך די קאַמפּס פּראָצעסען.

דער קאַמף קען אָבער פּאָרקומען נאָר דאָרטען, וואו דער אר־בייטער ארבייט, ד. ה. וואו ער האָט שוין פאַרנומען א געוויסען פּלאַץ; און וואָס מער שוואך עס איז זיין לאַגע אויף דעם פּלאַץ, אלץ ווייניגער באַדען האָט ער פאַר זיין פּלאַנמעסיגען קאַמף. כל זמן דער ארבייטער האָט ניט פאַרנומען קיין פּלאַץ — קען ער קיין קאַמף ניט פירען. עס ליגט אלזאָ אין זיינע דירעקטע אינטערעסען דעם פּלאַץ זיינעם אָפּצוהיטען.

פון וועלכער זייט מיר זאָלען ניט צוגעהן צו דער נאציאָנאַלער

---

פון דער אלגעמיינער ארבייטער־באַפעלקערונג אין ענגלאנד — זיינען זיי די קלענסטע טייל און די אינטערעסען פון א פּריווילעגירטע גרופּקעלע קען מען ניט צונויפמישען מיט די אינטערעסען פון דער גאנצער אר־בייטער מאַסע.

פראגע, כדי צו באטראכטען ווי אזוי עקזיסטירט זי פאר'ן פראלעטאריאט, איז ווען מיר זאלען אפילו תחילת צוקומען נאר צו די קולטורעלע באדערפנישען — וועלען מיר אלע מאל צוקומען ווייטער צום מאטעריעלען יסוד, ד. ה. צו דער פראגע פון *דעם ארבייטס־און קאמפס־פלאץ (סטראטעגישע באזע), וואס עס שטעלט מיט זיך פאר די טעריטאריע פאר'ן פראלעטאריאט*.*)

* * *

די ארבייטס פראגע האט ניט נאר קיין ריין קלאסאווען ווערט, נאר אויך א נאציאנאלען: דער ענגלישער ארבייטער מוז באשיצען זיין פלאץ ניט געגען דער שטרעבונג פון קאפיטאליסט, נאר געגען דעם אריבערגעקומענעם ארבייטער. כל זמן, אלזא, דער נאציאנאלער ארבייטס פלאץ איז ניט געזיכערט, ווענט די נאציאנאלע פראגע אריבער די ריין ארבייטער פראגע. כל זמן די ארבייטער פון דער באטרעפענדער נאציע האבען נאך ניט געזיכערט זייער פלאץ — אזוי לאנג האט פאר זיי די ארבייטס פראגע א מער ברענענדען ווערט ווי די קאמפס־פראגע.

דערפון קומט ארוים: ערשטענס, דאס, אז די זיך־פראלעטארי־

---

*) ס'איז בכלל ניט און מאטעריאליסטישען גייסט דאס, וואס די בונדאווצעס איגנארירען אט דעם מאטעריעלען יסוד פון דער פראלעטארישער נאציאנאלער פראגע. און זייער גאנצער תכן באשטעהט פאר זיי נאר אין דער קולטור, אלס א מיטעל צו אנטוויקלען דעם קלאסען באוואוסטזיין, — אבער צו זארגען וועגען קאמף, ניט נעמענדיג אין באטראכט די באדינגונגען פון דעם קאמפס און ארבייטס פלאץ — דאס איז א שטות. אלענפאלס דארף דער היסטארישער מאטעריאליסט אויפזוכען דעם רעאלען אינהאלט פון א געזעלשאפטליכער פראגע ניט אין דער קולטור, — און אין דעם באשטעהט דער הויפט פעלער פון בונדיזם; דאס דינט אלס קלארער סימן פון זיין ניט אויסגעהאלטענקייט.

זירענדע מאסען, וואָס זוכען ערשט ארבייט — זיינען בכלל ניט פעהיג מקבל צו זיין דעם קלאסען־באוואוסטזיין און זיינען געשטימט נאָר נאציאָנאַליסטיש, צווייטענס, אז אפילו ביים קולטורנעם פּראָלעטאריאט ווערט דער קלאסען־באוואוסטזיין שטארק פארדונקעלט דורך דעם נאציאָנאַלען באוואוסטזיין אין די פאלען, ווען דער פּראָלעטאריאט איז גענויטיגט צו באשיצען זיין נאציאָנאַלען ארבייטס־פּלאַץ. די שטענדיגע אימיגראציע פון פרעמדע ארבייטער אין ענגלאנד און די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא, און די סכנה וואָס ליגט אין דעם פאר דעם ענגלישען און אמעריקאנעם ארבייטס פּלאַץ, פארשארפען שטארק דעם נאציאָנאַלען באוואוסטזיין פון די דאָרטיגע ארבייטער, און שטערען דורך דעם די אנטוויקלונג פון זייער קלאסען־באוואוסטזיין. דאָס איז איינס פון די הויפט אורזאַכען פון דעם, וואָס די ארבייטער באוועגונג איז נאָך דאָרטען ניט ארויסגעגאנגען פון די טרייד־יוניאָניסטישע רעמלעך.

די אָרטאָדאָקסאַלע מארקסיסטישע דאָגמאטיקער האָבען ביז איצט ניט געקענט דערקלערען דעם וואונדערליכען פאקט, וואָס דער ענגלישער און אמעריקאנער פּראָלעטאריאט איז אזוי אָפּגעשטאַנען. און דער פאקט שטעהט זיי טאקע ווי א ביין אין האלז. — נאָר די מעשה איז, וואָס דער דאָזיגער פאקט איז מיט ד י פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ נ ס ־ ב א צ י ה ו נ ג ע ן ניט צונויפגעבונדען. און דאריבער בלייבט ער פאר זיי אומדערקלערט. — כדי דעם פאקט צו דערקלערען, מוז מען זיך נעמען אנאליזירען די ב א ד י נ ג ו נ ג ע ן פון דעם ענגלישען און אמעריקאנעם פּראָדוקציאָנס־לעבען. טיפער און אויפריכטיגער מוז מען זיך פארהאלטען צו דער נאציאָנאַלער פראגע, מען דארף זיך איין מאָל פאר אלע מאָל אָפּזאָגען פון אלע וואולגארע פאָראורטיילען. און מען דארף אלזאָ פארשטעהן, אז דער קלאסען־באוואוסטזיין קען זיך ניט נאָרמאל אנטוויקלען דאָרטען, וואו די נאציאָנאַלע פראגע איז נאָך ניט געלעזט, אין וועלכער פאָרם זי זאָל ניט עקזיסטירען.

די פּאָרשער, וועלכע איגנאָרירען די ראָל פון די פּ ר אָ ד ו ק־צ י אָ נ ס־ב א ד י נ ג ו נ ג ע ן, וואָס פאַרנעמען זיך אויסשליס־ליך מיט די פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ נ ס־ב א צ י ה ו נ ג ע ן זיינען ניט אימשטאנד צו פארשטעהן די נאציאָנאלע פראגע. אלס א סוד, וועלכען מען קען ניט פּותר זיין, מוז בלייבען פאר זיי דער פּאָל־גענדער ווידערשפּרוך פון דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט: פון איין זייט טרעט זי ארויס די קאפּיטאליסטישע ווירטשאפט אלס אן אינטערנאציאָנאלע, זי צושטערט אלע אָפּגרעניצונגען פון שטאנ־דען און פעלקער, זי האקט אונטער אלע טראדיציעס. פון דער אנדער זייט פארשארפט זי אליין דעם נאציאָנאלען קאמף און פארשטארקט דעם נאציאָנאלען זעלבסט־באוואוסטזיין. ווי אזוי איז עס מעגליך, אז אין איין צייט מיט דעם ווי די געזעלשאפטען ווערען עקאָנאָמיש דערנעהנטערט איינע צו די אנדערע און זייער פארהעלטניסמעסיגע אָפּגעשלאָסענקייט פאלט זיך פאנאנדער — זאָל פארשארפט ווערען די נאציאָנאלע פראגע און זאָלען אנטוויקעלט ווערען די נאציאָנאלע באוועגונגען? דאָס איז אזא פראגע, ווען דער היסטאָרישער מא־טעריאליסט פארענטפערט איהר ניט, מוז ער זיך דרייען אין א פּלאָנטער פון ווידערשפּרוכען.

קאוטסקי האָט שוין עטליכע מאָל געפּרואווט פארענטפערען די פּראָבלעם, נאָר דערביי האָט ער שטענדיג בוגד געווען אין זיין מאטעריאליסטישער וועלט אנשויאונג. מען מוז אָבער מודה זיין, אז אין א ריי ארטיקלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבען איבער די נא־ציאָנאלע פראגע, דערנעהנטערט זיך קאוטסקי פאמעלאָך צו דער טעאָריע, וועלכע מיר אנטוויקלען דאָ. און אָט לויט דער טעאָריע נאָך איז די תשובה אויף די אויבען געבראכטע רעטעניש גאנץ קלאָר. ווען מיר נעמען אין באטראכט, אז די מענשהייט איז פאר־טיילט אויף גרופּען, וואָס וואוינען אין פארשידענע פארהעלטניס־מעסיג־אָפּגעשלאָסענע קבוצים פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען — וועלען מיר פארשטעהן, אז די שטערבונג גופא פון׳ם קאפּיטאל, א דאנק

זיין אימאגנענטער אנטוויקלונפ, זיך צו פארברייטערען — מוז ברענגען צו א רייבונג צווישען די פארהעלטניסמעסיג־אפגעשלאָסענע גרופען. איין זייט פון דעם אויבען דערקלערטען ווידער־שפרוך איז די אורזאכע, די אנדערע — די פאָלגען. דאס איז איינס פון יענע וויי־דערשפרוכען, מיט וועלכע די היינטיגע ווירטשאפט איז אזוי איבער־פילט.

*   *   *

מיר האָבען דערקלערט, אז די נאציאָנאלע פראגע און אויך די פארוואנדלונג פון די פעלקער און נאציעס איז א רעזולטאט פון דעם קאפיטאליסטישען פראָדוקציאָנס־אופן. פון דעם קען מען אייגענטליך קומען צום באשלוס, אז דער נאציאָנאלער קאמף דארף פארשווינדען צוזאמען מיט'ן קלאסען־קאמף. נאָר אזא מין באשלוס וואָלט א זעהר פרי־צייטיגער געווען.

פאר נאָך מער ריזיקאליש און פרי־צייטיג מוז יעדער ערנסטער פאָרשער האלטען די מיינונג, וואס זאָגט אז אין איין צייט מיט די קלאסען־אונטערשידען וועלען פארניכטעט ווערען אויך די נאציאָנאלע אונטערשידען. מיר ווילען זיך ניט אפשטעלען אויף דער פראגע, ווייל מיר האלטען עס איצט פאר אן אומזיסטיגע זאך. אגב איז די פראגע העכסט אומבאשטימט און קיין פעסטע תשובה קען איצט אויף איהר ניט געגעבען ווערען. — פאר אונז איז די נאציאָנאלע פראגע אן אויפגאבע פאר היינטיגען טאָג, און וואס וועט זיין אין הונדערט יאָרען שפעטער, צי וועלען די נאציעס זיך דערהאלטען, אָדער זיי וועלען זיך צונויפגיסען איינע מיט די אנדערע — דאס קענען מיר ניט פאָראויס זאָגען. די פראגע קען מען היינט ניט פותר זיין.

---

מיר האָבען אלזאָ אָנגעוויזען די איינפאכסטע קלאסען מאָמענ־

טען פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. איצט וועלען מיר זיך פּרואווען אָנצייכנען איהר אַלגעמיינעם בילד אין עטליכע גרונד־שטריכען.

# רעזיומע

אין פאַרלויף פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע האָבען זיך די מענש־ליכע גרופּען, קעמפּענדיג פאַר זייער עקזיסטענץ, אין פאַרשידענע פאַרהעלטניסמעסיג־אָפּגעשלאָסענע קבוצים (געמיינשאַפטען) פּראָ־דוקציאָנס־באַדינגונגען, אויסגעאַרבייט אַלס פאַרשידענע פ ע ל ־ ק ע ר. די פיזיאָנאָמיע פון יעדער פאָלק און זיין כאַראַקטער האָבען פאַרהעלטניסמעסיג־באַשטימטע שטריכען.

נאָר אין שוים פון דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט האָט זיך אַנט־וויקעלט דער קאַפּיטאַליזם, און צוליב זיין אַנטוויקלונג איז אַרויס־געקומען אין פּראָדוקציאָנס־לעבען אַ דאָפּעלטער מאַטעריעלער, ווירטשאַפטליך עקאָנאָמישער ווידערשפּרוך: פון איין זייט האָבען אויפגעהערט די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, צוליב דער העכערער מדרגה פון זייער אַנטוויקלונג, צוגעפּאַסט צו זיין צו די פאַרגליווערטע פעאָדאַלע פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ נ ס ־ ב אַ צ י ה ו נ ג ע ן ; פון דער אַנדער זייט האָבען זיך מער ניט געפּאַסט די זיך־קאַפּיטאַליזירענדע פּראָדוקטיוו־קרעפטען מיט דער פאַרגליווערטער סיסטעם פון די פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ נ ס ־ ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן . דען די פעאָדאַלע אָרדנונג האָט צוברעקעלט די פעלקער און זייערע טעריטאָריעם דורך אונצעליגע מחיצות פון דער פאַנשציזנע, וועלכע ס'האָבען שרעקליך געשטערט דעם קאַפּיטאַליזם אין זיין אַנטוויקלונג.

בכלל, יעדער ווידערשפּרוך צווישען די פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ־ ק ר ע פ ט ע ן און די פּ ר אָ ד ו ק צ י אָ נ ס ־ ב אַ צ י ה ו נ ג ע ן רופט אַרויס די ס אָ צ י אַ ל ע פראַגען און ווערט געלעזט דורך דער באַפרייאונג פון דעם אונטערדריקטען ק ל אַ ס . דער ווי־דערשפּרוך פון דעם מין, וועלכער ס'איז אַנטשטאַנען ביים אָנהויב אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, האָט זיך מער ווי אַלעמען געלאָזט

פילען פאר דער בורזשואזיע, דעם דריטען שטאנד — און זי, די בור־זשואזיע, האָט טאקע גענומען אויף זיך די איניציאטיווע צו פאר־ניכטען איהם. דערגרייכט געוואָרען איז איהר ציל דורך דער פראנ־צויזישער רעוואלוציע.

יעדער ווידערשפרוך פון צווייטען מין, ד. ה. דער, וועלכער ס'קומט ארויס צווישען די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, בעת זיי שטרעבען צו אנטוויקלען זיך, און די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען, וועלכע שטערען דער דאָזיגער אנטוויקלונג — רופט ארויס די נאציאָנאלע פראגע און ווערט געלעזט נאָר דורך דער באפרייאונג פון דער אונטערדריקטער נאציע. אָט דער מין ווידערשפּרוך, וועלכער ס'איז אנטשטאנען ביים אָנהויב אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם האָט זיך געלאָזט פילען פאר אלע אונטערדריקטע קלאסען פון דער דאמאָלסטדיגער געזעל־שאפט. א דאנק דעם, האָבען אלע אונטערדריקטע קלאסען אין דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע — געפילט זיך אלס איין נאציע, וועלכע ווערט אונטערדריקט פון די „אויבערשטע" שיכטען. עס האָט זיך אויסגעארבייט די מיינונג, אז עס איז כלומר'שט פאראן אן אלגעמיין־נאציאָנאלע הארמאָניע אין די אינטערעסען; און נאָר די הערשענדע קלאסען פון יענער צייט זיינען אויסגעשלאָסען געווען פון דער דאָזיגער כלומר'שטדיגער הארמאָניע. דאמאָלסט האָט זיך באוויזען דער נאציאָנאליזם אין היינטיגען זין פון וואָרט.

אלזאָ, די אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט האָט געשאפען דעם יסוד, אויף וועלכען ס'האָט זיך אויסגעארבייט דאָס פארוואנדשאפטס־באוואוסטזיין אויף'ן באָדען פון דעם אלגע־מיינעם היסטאָרישען עבר, ד. ה. אויף'ן באָדען פון די אלגעמיינע באדינגונגען פון פּראָדוקציאָנס־לעבען, — קורץ גערעדט: דער נאַ־ציאָנאליזם. די אנטוויקלונג האָט פארוואנדעלט די פריהערדיגע פעלקער אין די מאָדערנע נאציעס.

דער נאַציאָנאַליזם האַט זיך אַלזאָ תחילת ארויסגעוויזען ניט אין דער אויסערליכער פּאָליטיק פון די הערשענדע קלאַסען, נאָר אין דער אינערליכער פּאָליטיק פון די געדריקטע קלאַסען. ערשט שפּעטער איז דער נאַציאָנאַליזם אין היינטיגען זין פון וואָרט אריבערגעטראָגען געוואָרען אין דער אויסערליכער פּאָליטיק, — דענסטמאָל ווען ס'איז ארויסגעקומען די נאַציאָנאַלע פראַגע.

גלייך נאָכדעם ווי דער אויסגעוואַקסענער קאַפּיטאַל האָט באַזייגט די פאַנשציזנע, האָט זיך אויסגעוויזען אז די פאַרברייטערונג פון זיינע פּראָדוקטיוו־קרעפטען ווערט געשטערט ניט נאָר צוליב דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס באַדינגונגען אינער־האַלב פון די פאַרהעלטניסמעסיג־אָפּגעשלאָסענע געזעלשאַפטען, — נאָר צוליב די פאַרהעלטניסמעסיגע אָפּגעשלאָסענקייט גופא פון די פאַרשידענע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען. יעדער געזעלשאַפט, שטרעבענדיג נאַטירליכערווייזע צו פאַרברייטערען די ספערע פון איהר פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, שטויסט זיך אָן אויף די שכנות'ע געזעלשאַפטען, וועלכע עס גיבען איהר א ווידערשטאַנד. די אנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט שטעלט אַלזאָ ארויף אויף דעם טאַגעסאָרדנונג די נאַציאָנאַלע פראַגע אין היינטיגען זין פון וואָרט.

דער שורש פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע ליגט אין דער געגענזייטיגער צוזאַמענשטויסונג פון די פאַרהעלטניסמעסיג אָפּגעשלאָסענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאַניזמען. די נאַציאָנאַלע פראַגע דריקט זיך אויס אין די ערשיינונגען פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ.

די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ קומט ארויס ניט צוליב וועלכע ס'איז רשעות'דיגע, עגאָאיסטישע פניות פון די הערשענדע קלאַסען. די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ איז א רעזולטאַט פון דעם וואָס די קאַפּי־

טאליסטישע ווירטשאפטען, אנטוויקלענדיג זיך, האָבען אומבאדינגט די שטרעבונג זיך צו פארברייטערן.

אויף׳ן באָדען פון אָט דער קאָנקורענץ ווערען געשאפען ביי די מענשען, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין דעם, געוויסע געפילען, עמאָציאָנען און ווייל זייער שורש ליגט טיף אין עקאָנאָמישען לעבען. דאכט זיך אָפּ אין פלוג די מענשען, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט אָט די געפילען, אז זיי, די געפילען, זיינען פריי פון יעדען צוזאמענהאנג מיט׳ן מאטעריעלען לעבען. מען זעהט ניט דעם טיפען עקאָנאָמישען יסוד פון דיזע געפילען, און מען פארלירט די מעגליכקייט זיי צו מאָטיווירען. עס דוכט זיך אָפּ, אז דאָס זיינען היילינע, ערהאבענע געפילען, ווייט פון יעדען „מאַטעריאליזם“.

אויף אָט דעם באָדען וואקסען אויס און צווייגען זיך פאנאנדער משונה׳דיגע, פארוויקעלטע נאציאָנאליסטישע אידעאָלאָגיעס, וואס צוליב דעם פרינציפיעלען אנטאגאָניזם, וועלכער עס עקזיסטירט צווישען דעם קלאסען־באוואוסטזיין און דעם נאציאָנאלען באוואוסטזיין — זיינען זיי נוטה צו פארדונקלען דעם לעצטען און איהם טעמפּ צו מאכען. —

די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט האָט מיטגעבראכט מיט זיך די נאציאָנאלע פראגע נאָר פאר דער בורזשואזיע אליין, נאָר פאר אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט, ווייל אלע זיינען זיי פארמישט אויף דעם אָדער יענעם אופן אין דער נאציאָנאלער קאָנקורענץ. פאר אלעמען האָט דאָך א געוויסען ווערט די אָדער יענע זייט פון דער טעריטאָריע, אלס באזע פון די פראָדוקציאָנס־באדינגונגען.

ביי פרייע פעלקער, וואס אונטערדריקען ניט קיינעם און ווערען פון קיינעם ניט אונטערדריקט, געפינט זיך דער נאציאָנאליזם אין א צושטאנד פון א פּאָטענציאלער (איינגעהאלטענער) ענערגיע. נאָר ביי דער ערשטער מעגליכקייט געהט די ענערגיע אריבער אין

א קינעטישען, ווירקענדען צושטאנד. גיכער פאַר אַלעמען פאַרלירען זייער גלייכגעוויכט די הערשענדע קלאסען. זיי האָבען שטענדיג — און עס קען גאָר אנדערש ניט זיין — די נייגונג צו פאַרכאַפּען דעם וועלטמארק אָדער צו פאַרברייטערען דעם אינערליכען געברויכס־ געברויכס־מארק. אין אזעלכע מאָמענטען, ווען די גלייכגעוויכט ווערט צושטערט, ברענען זיך פאַנאַנדער די נאַציאָנאַליסטישע געפילען, וואָס האָבען ביז אהער רוהיג, שטיל געפלעמעלט — אין א גרויסען פלאם פייער. ווען דער נאַציאָנאַליזם שטאמט ארויס פון דער שטרעבונג צו פאַרברייטערען דעם אייגענעם מארק, נעמט ער אן אגרעסיווען, באוואוסטזיניג־קעמפערישען כאראקטער. אלס מיטעל דינט די עָאבערונגס־פּאָליטיק און די אסימילאציע דורך געוואלד.

די שטרעבונג פון פּראָלעטאריאט ברייטער צו מאכען זיין ארבייטסמארק און ארבייטס־פּלאַץ קען זיך אָבער ניט אויסדריקען אין אן ערָאבערונגס־פּאָליטיק. דער פּראָלעטאריאט און די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען האָבען ניט, ווי עס איז באוואוסט, קיין דירעקטען איינפלוס אויף דער אינטערנאציאָנאלער פּאָליטיק. דער איינציגער מיטעל צו פאַרברייטערען דעם ארבייטס־פּלאַץ — דאָס איז די פּרידליכע אימיגראציע אין פרעמדע לענדער. —

די עמיגרירענדע מאסען אָבער, וועלכע וואנדערען ארום איבער דער וועלט זוכענדיג ארבייט — פּירען ניט אריין קיין נאַציאָנאלע פּאָליטיק. דער וואנדערנדער ארבייטער, וואָס ווערט ארויסגעשטופּט פון זיין ספּערע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען פילט ניט קיין טיפען צובונד צו זיין היים. און ווען ניט קיין זייטיגע אומשטענדען, ווען ניט טראדיציעס פון דער דערציהונג, אָדער די קרובות'שאפט מיט די וואָס זיינען געבליבען אין דער היים, וואָלטען זיך ביים עמיגרירענדען ארבייטער ניט ארויסגעוויזען אפילו יענע שוואכע סימנים פון צובונד צום פאטערלאנד, וועלכער עס רופען זיך נאָך אָפּ אמאָל ביי איהם.

אנדערש איז אָבער מיט דעם פּראָלעטאריאט פון די לענדער, וואוהין די עמיגראנטען וואנדערען. דאָ זעהט מען שוין אַ שטרעבונג צו פארהאלטען פאר זיך דעם ארבייטספּלאץ און צוזאמען מיט דעם ווערט פארשארפט דער נאציאָנאלער זעלבסט־באוואוסטזיין. ביים פּראָלעטאריאט פון אַ פרייער נאציע נעמט עס אָן דעם שארף־אויס־געדריקטען קעמפערישען, ז י ך ־ ב א ש י צ ע נ ד ע ן כאראק־טער פון אנטי־אליעניזם. — אין נאָך אַ גרעסערער מאָס ווייזט זיך דאָס איינענע ארויס אין דער אויפפירונג און שטימונג פון די דאָר־טיגע זיך פּראָלעטאריזירענדע מאסען. ווייל זיי זיינען נאָך מער ווי דער פּראָלעטאריאט פאראינטערעסירט אין דעם, אז זייער נאַ־ציאָנאלער ארבייטס פּלאץ זאָל ניט אָנגערירט ווערען.

מיר זעהען אלזאָ ערשטענס, אז פאר דעם פּראָלעטאריאט גיסט זיך בעצם צונויף די נאציאָנאלע פראגע מיט דער עמי־און אימי־גראציאָנס פראגע, — אין דעם ווייזט זיך ארויס דער לאָקאליסטישער כאראקטער פון פּראָלעטארישען נאציאָנאליזם. צווייטענס, זעהען מיר, אז ביי פרייע פעלקער, וואָס ווערען פון קיינעם ניט אונטער־דריקט, האָט דער נאציאָנאליזם זעהר פילארטיגע פאָרמען, ווייל שטענדיג הענגט עס אָפּ פון דעם, ווער ס'ווייזט ארויס דעם נאציאָ־נאליזם, די הערשענדע קלאסען אָדער די אונטערדריקטע.

*   *   *

אין אַ פיל מער איינארטיגער באלייכטונג קומט ארויס דער נאציאָנאליזם ביי אונטערדריקטע פעלקער. זיי, די אונטערדריקטע פעלקער געפינען זיך שטענדיג ביי זייער פּראָדוקציאָנס־לעבען אין אומנאָרמאלע באדינגונגען. אומנאָרמאל זיינען די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען, אזוי ווי מיר האָבען אויבען געזאָגט — אין דעם פאל, ווען עס פעלען אָדער עס זיינען געקירצט די טעריטאָריע און איהרע באשיצונגס־פאָרמען: די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, די פריי־הייט פון דער שפּראך און פון דער קולטורעלער אנטוויקלונג. אזעלכע אומנאָרמאלע באדינגונגען מאכען פאר די מיטגלידער פון דער נאַ־

ציע זייערע אינטערעסען הארמאָניש. א דאנק דער אויסערליכער דריקונג, וואָס שטערט און דעזאָרגאניזירט דעם איינפלוס פון די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען — ווערען די פּראָדוקציאָנס־באציהונגען און דער קלאסען־קאמף גופא געשטערט אין זייער אנטוויקלונג, ווייל עס ווערט געשטערט דער ריכטיגער גאנג פון׳ם פּראָדוקציאָנס אופן. די קלאסען אנטאגאָניזמען ווערען אומנאָרמאל פארטעמפּט, און די נאציאָנאלע סאָלידאריטעט באקומט אלץ א גרעסערען כח.

אחוץ וואָס די באזונדערע אינטערעסען פון יעדען איינצעלנעם קלאס ווערען געשטערט דורך דעם אויסערליכען דרוק, אחוץ וואָס די בורזשואזיע ווערט געדריקט אויף מארק און דעם פּראָלעטאריאט פעלט די פרייהייט צו באהערשען זיין פּלאץ — לאָזט זיך דער דרוק פילען פאר אלע יחידים פון דער נאציע, און אלע פילען זיי און פארשטעהען, אז דער דרוק איז א נאציאָנאלער — ער שטאמט פון א פרעמדער נאציע און איז געווענדעט געגען זייער נאציאָנאליטעט אלס אזעלכער. די שפּראך צ. ב. קריגט איצט א גאנץ העכערען ווערט ווי דער ווערט פון אן איינפאַכען מיטעל צו באשיצען דעם מארק. ווען די פרייהייט פון דער שפּראך ווערט געשטערט, ווערט דער אונטערדריקטער אלץ שטארקער צוגעבונדען צו איהר. קורץ, פאר אן אונטערדריקט פאָלק ווערט זיין נאציאָנאלע פראגע שטארק אָפּגעריסען פון דעם צוזאמענהאנג וואָס זי האָט מיט איהר יסוד, מיט די מאטעריעלע באדינגונגען פון דעם פּראָדוקציאָנס־לעבען. די קולטורעלע באדערפנישען ערווערבען א זעלבסטשטענדיגען ווערט און די אלע מיטגלידער פון דער נאציע זיינען פאראינטערעסירט אין דער פרייהייט פון נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג.

נאָר בעת דעם קאמף פאר דער נאציאָנאלער באפרייאונג ווייזט זיך ארויס די קלאסען־סטרוקטור און די קלאסען פסיכיק. די גרופּען פון אן אונטערדריקט פאָלק, וועלכע זיינען בכלל צונויפגעבונדען מיט טראדיציעס, — דאָס זיינען די מיטעל־און קליין־בורזשואזנע שיכ־

טען, מערער פון אלעמען די „גייסטליכע" און די אגראריער. די מתעסקים אין דעם נאציאָנאלער דערציהונג און נאציאָנאלער ליי־טעראטור: לערער, שרייבער — פארבען אָפּ זייער טראדיציאָניזם אויך אין א נאציאָנאלען פארב. — די הויפּט־מאכערס אבער ביי דער נאציאָנאלער באפרייאונג זיינען תמיד די פּראָגרעסיווע שיכטען פון פאָלק און פון דער אינטעליגענץ. ווען אָט די שיכטען זיינען גענוג הויך אנטוויקעלט, ווען זיי אליין האָבען זיך שוין באפרייט פון די איינגע רעמלעך פון טראדיציאָניזם — קריגט זייער נאציאָנא־ליזם אויך א ריינעם, ר ע א ל ע ן כאראקטער. בעצם איז דער באפרייאונגס־פּראָצעס ניט נאציאָנאליסטיש, נאָר נאציאָנאל. און ביי די פּראָגרעסיווע עלעמענטען פון אן אונטערדריקטער נאציע אנטוויקעלט זיך דער ר ע א ל ע ר נ א צ י אָ נ א ל י ז ם: ער חלום'ט ניט וועגען דער דערהאלטונג פון די טראדיציעס, ער איז זיי ניט מגזם, ער נארט זיך ניט אָפּ מיט דער כלומר'שטדיגער איי־ניגקייט פון דער נאציע, ער פארשטעהט קלאָר די קלאסען־סטרוקטור פון דער געזעלשאפט, און קיינעמס רעאלע אינטערעסען פארטושט ער ניט. זיין ציל איז די רעאלע באפרייאונג פון דער נאציע, די נאָר־מאליזירונג פון איהרע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען און באציהונגען.

ד ע ר ר ע א ל ע ר נ א צ י אָ נ א ל י ז ם — ד א ס א י ז ע ב ע ן ד ע ר ט י פ, ו ו ע ל כ ע ר ע ס פ א ר ד ו נ ־ק ע ל ט נ י ט ד ע ם ק ל א ס ע ן ־ ב א ו ו א ו ס ט ז י י ן. ע ר ט ר ע פ ט ז י ך נ אָ ר ב י י ד י פּ ר אָ ג ר ע ס י ־ו ו ע ע ל ע מ ע נ ט ע ן פ ו ן ד י א ו נ ט ע ר ד ר י ק ט ע נ א צ י ע ס. ביים פּראָגרעסיווסטען קלאס, ביים אָרגאניזירטען, רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט פון אן אונטערדריקטער נאציע, דריקט זיך אוים זיין רעאלער נאציאָנאליזם אין די שטרענג, און קלאָר פאָרמולירטע פאָדערונגען, וועלכע ער שטעלט ארוים אין זיין פּראָגראם־מינימום, וואס האָבען דעם קלאָר־אָנגעוויזענעם ציל, צו ברענגען, דורך'ן אוועקשטעלען די נאציע אין נאָרמאלע פּראָדוק־

ציאָנס־באדינגונגען — **צו א נאָרמאלען ארבייטס־ און קאמפס־פלאץ פאר'ן פראָלעטאריאט.**

ווען דער ציל ווערט דערגרייכט, איז די אויפגאבע פון רעאלען נאציאָנאליזם דערפילט. אויף'ן אָרט פון דער פריהערדיגער סאָלידאַריטעט פון די נאציאָנאלע אינטערעסען בשעת געוויסע באפריי־אונגס־פּראָצעסען — א סאָלידאריטעט א געצוואונגענע און א אומ־נאָרמאלע, — טרעט ארוים אויף דאָס ניי אין א העלער פאָרם א געזונטע קלאסען־סטרוקטור און א געזונטער קלאסען־קאמף.

ב.

# וואָס ווילען די פּועלי ציון ?

אין דער סאציאליסטישער ארבייטער־באוועגונג שיידען זיך פאנאנדער צוויי פראגראמען. די פראגראם, וואס ווייזט אן די צוקונפט, די דיקטאטור פון דעם פראלעטאריאט, די אומוואנדלונג פון דער געזעלשאפט אויף קאמוניסטישע יסודות — הייסט פראגראם־מאקסימום. די פראגראם, אבער, וועלכע האט צו טאן מיט די איצטיגע אינטערעסען פון׳ם ארבייטער־קלאס, וועלכע שטרעבט שוין אין דער געגענווארט צו פארשטארקערען איהם אין זיין קאמף פאר דער צוקונפט — הייסט פראגראם־מינימום.

די פראגראם־מאקסימום פון אלע סאציאל־דעמאקראטישע באוועגונגען איז אלע לענדער און ביי אלע פעלקער איז אינטערנאציאנאל; אין דער פראגראם־מינימום שפילען, אבער, זעהר א וויכטיגע ראלע, חוץ אזעלכע פונקטען, וואס זיינען געמיינזאם פאר׳ן פראלעטאריאט פון אלע נאציעס, אויך ריין נאציאנאלע פונקטען. דער פראלעטאריער פון יעדער אונטערדריקטער נאציע פילט אויך אויף פארשידענע אופנים דעם דרוק, וועלכער ליגט אויף זיין גאנצער נאציע. אין דער ערשטער צייט האט דער סאציאליזם הויך אויסגערופען, אז פראלעטאריער האבען ניט קיין פאטערלאנד, און דורך דעם זיינען די סאציאליסטישע טעארעטיקער געקומען צו דער אילוזיע, אז סאציאליסטען דארפען כלומר׳שט ניט און ס׳איז אויך ניט שען פאר זיי צו פארנעמען זיך מיט דער נאציאנאלער פראגע. אבער וואס מער עס האט זיך אנטוויקעלט דער רעוואלוציאנערער־פראלעטארישער געדאנק, אלץ מער איז פארשוואונדען געווארען אט די אילוזיע, איבערהויפט ביי דעם ארבייטער־קלאס פון די אונטערגעדריקטע נאציעס. דער פראלעטאריאט פון די אונטערדריקטע נאציעס האט זיך גאר ניט צוגעהערט צו דער התנגדות פון די קורצ־

זיכטיגע קאָסמאָפּאָליטען, ביי וועלכע עס פעלט די היסטאָרישע פּערספּעקטיווע און וועלכע מישען־צונויף די פּראָגראַם־מאַקסימום מיט דער פּראָגראַם־מינימום — און האַלטענדיג, אז עס איז זעהר רעאַקציאָנער צו איגנאָרירען די נאַציאָנאַלע פראגע, האָט דער פּראָ־לעטאַריאַט טאַקי ערנסט א טראַכט געטאָן וועגען דער דאָזיגער פּראָגע, און ער האָט זי אויף דעם אָדער יענעם אופן אויך פאַר־ענטפערט.

די פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראגע קען נאָר דאַן זיין א ריכטיגע און אמת־רעוואָלוציאָנערע, ווען מען האַלט זיך אַן די פאָלגענדע כללים: ערשטענס, מען דאַרף אַנווייזען דעם סאַמע וואָרצעל פון דעם נאַציאָנאַלען דרוק, וואָס רופט־זיך־אָפּ שאַרף אויף דעם באַטרעפענדען טייל פון׳ם ארבייטער־קלאַס; צווייטענס, א טייל פון דער פּראָגראַם־מינימום דאַרף זיין געריכטעט, אויף מבטל־זיין אין שורש יענע תנאים, וועלכע באַשאַפען דעם נאַציאָ־נאַלען דרוק — און אויף אזא אופן וועט ניט זיין קיין אומבאַשטימ־טעם זיצען צווישען צוויי שטולען, בעת דער לעזונג פון דער נאַ־ציאָנאַלער פראגע; דריטענס, די לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראָ־גע דאַרף דערגרייכט ווערען, גלייך ווי אַלע איבריגע פּונקטען פון דעם פּראָלעטאַרישען פּראָגראַם־מינימום, דורך קלאַסען־קאַמף — דער איינציגער מיטעל, וואָס געפינט זיך אין׳ם רשות פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט; פערטענס, די לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראגע דורך קלאַסען־קאַמף דאַרף זיין א פּועל־יוצא פון א סטיכישען היסטאָרי־שען פּראָצעס, וואו די געזעלשאַפטליכע תנאים און קרעפטען־פאַר־העלטנישען אַבשאַפען אַלעס, און די באַוואוסטזיניגע טעטיגקייט פון דעם אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט רעגולירט נאָר דאָס, וואָס ס׳איז שוין דורך׳ן לעבען זעלבסט באַשאַפען געוואָרען.

צו אזא ראַדיקאַלער לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראגע קאָן מען קומען, נאָר נאָך א לאַנגען פאַרוויקעלטען אידעען־קאַמף, ווייל ניט אַלע מאָל זיינען די אידעאָלאָגען פון׳ם פּראָלעטאַריאַט פון אַ

אונטערדריקטער נאַציע, ביכולת ארײַנצוטראָגן אין זײער פּראָ־גראַם־מינימום אזא רעװאָלוציאָנערע, ריכטיג־אױסגעהאַלטענע פאַר־שטעהן די נאַציאָנאַלע פראַגע. אין דער ערשטער צײט זײַנען אַט די אידעאָלאָגען עפּעס װי „פּוסח על שתי הסעיפים", האַלב איגנאָרי־רען זײ, האַלב אנערקענען זײ די נאַציאָנאַלע פראַגע; נאָר דער רעװאָלוציאָנערער געדאַנק, הגם ער געפינט־זיך נאָך אין דער מדרגה פון א האַלבער אנטװיקלונג, שטעלט פאָרט די נאַציאָנאַלע פראַגע און דערנעהנטערט זיך ביסלעכװײז צו איהר לעזונג.

די ערשטע פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגען פון דער אידישער גאַס האָבען ארײַנגעבראַכט אין די רײהען פון די אידישע ארבײטער־מאַסען דאָס סאָציאַליסטישע פּראָגראַם־מאַקסימום, דעם רײנעם אינטערנאַציאָנאַלען אידעאַל. באַלד האָט זיך אָבער ארױסגעװיזען, אז דער קלאַסען־קאַמף פון'ם אידישען ארבײטער באַגעגענט־זיך מיט באַזונדערע, ספּעציפישע מניעות. נאָר פאַר די ערשטע אינטעליגענ־טען, װעלכע האָבען ארײַנגעטראָגען אין דער אידישער געטאָ דעם סאָציאַליסטישען באַװאוסטזײן, — פאַר זײ איז ניט קלאָר געװען דער מקור פון דיזער ערשײנונג. אמת, זײ האָבען פאַרשטאַנען, אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט נאַציאָנאַלע אױסנאַמליכקײטען, אָבער אנשטאַט דער ערשטער סבה, דעם ערשטען מקור פון אַט דער אױס־נאַמליכקײט האָבען זײ אָנגענומען די פאָלגען, דעם פּועל־יוצא דער־פון. זײ האָבען געמײנט, אז דער אײנציגער אינהאַלט פון אַט דער אױסנאַמליכקײט איז דאָס, װאָס די קולטורעלע אנטװיקלונג פון דעם אידישען פאָלק איז פאַרקירצט און פאַרשמעלט. אין זײער װעלט־אנשויאונג איז, אלזאָ, געװען א געװאַלטיגע סתירה: דער מאַטע־ריאַליזם פון דעם פּראָגראַם מאַקסימום האָט זיך פאַראײניגט מיט אידעאַליזם פון דעם פּראָגראַם־מינימום. פונדעסטװעגען איז דאָס אויך געװען א גרױסער שריט פאָרװערטס; די מאַסע האָט געצװאונ־גען די אינטעליגענץ צו אנערקענען די נאַציאָנאַלע פראַגע. די אינ־טעליגענץ, װעלכע האָט גענומען אויף זיך די הנחה פון דער ארבײ־

בער־באוועגונג האט זיך געפונען אין א צוויי־פנים'דיגער לאגע: אנשטאט דעם, וואס זי האט געדארפט אנטוויקלען דעם סאציאליס־טישען באוואוסטזיין, אנהויבענדיג פון אונטען, האט זי אנגעהויבען פון אויבען; אנשטאט דעם, וואס זי האט געדארפט ארויסגעהן פון די אלטעגליכע אינטערעסען פון'ם ארבייטער קלאס און קומען צום ענד־ציל, האט זי אפגעשאצט די באדערפנישען פון דעם ארבייטער מיט א מאס פון עגנען קאסמאפאליטיזם, איגנארירענדיג יענע באַ־דערפנישען, וועלכע זיי האבען ניט געקענט באגרייפען און בא־טראכטענדיג די ארבייטער אלס מיטעל צום ציל; אלזא, אנשטאט זיך צו פיהרען ווי סאציאל־ד ע מ א ק ר א ט ע ן, האט זיך די אינ־טעליגענץ געפירט, ווי סאציאל־א ר י ס ט א ק ר א ט ע ן.

אזא איז געוועזן און אזא איז פארבליבען דעם בונד'ס טאקטיק. אבער די מאסע האט איהם געצוואונגען א סוף צו מאכען מיט זיין קינדישער תמימות, און ער איז פארקראכען אין א זומפ פון אפאר־טוניזם, פון פשרה־מאכערייען. דער רעוואלוציאנערער געדאנק האט זיך ניט געקאנט אפשטעלען ביי דער דאזיגער מדרגה, ער האט גע־מוזט אנטוויקלען ביז'ן סוף איינעם פון דיזע צוויי פרינציפען, וועלכע דער בונד האט זיך אזוי פיל געסטארעט צו פאראייניגען, וואס עס האט זיך איהם, אבער, ניט איינגעגעבען. די לעזונג פון בעַב נאַ־ציאנאלער פראגע האט געדארפט באטראכט ווערען אלס א היסטא־רישע נויטווענדיגקייט, זי האט געדארפט אויך אריינגעהן אין דיזעלבינע ראמען, וועלכע פאראייניגען יעדער פונקט פון דעם פראגראם־מינימום מיט דעם פראגראם־מאקסימום. די אנטוויקלונג פון'ם אידישען פראלעטאריאט האט געדארפט באטראכט ווערען אלס דויערענדער פראצעס, וועלכער הויבט־זיך־אן אין געטא און ענדיגט־זיך אין'ם סאציאליזם. איינס פון דיביידע: אדער מען מוז אינגאנצען כופר־זיין אין דער עקזיסטענץ פון דער געטא, אדער מען מוז נעמען אין אכט זיין ראלע און זיין השפעה אויף'ן קלאסען־קאמף פון דעם אידישען פראלעטאריאט; אדער אסימילאציע, אדער נאַ־

ציאָנאַליזם. און אזוי ווי דער ערשטער וועג איז פאַר דעם אידישען ארבייטער געווען אינגאַנצען פרעמד, כמעט אומבאַגרייפליך, האָט די ווייטערע אנטוויקלונג געבראַכט דערצו, אז דער אידישער רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישער געדאַנק איז ארויס פון דעם בונד׳ס ענגער פּאָזיציע, און האָט זיך ערנסט גענומען אנאַליזירען די אידישע ווירקליכקייט.

דאָ האָט זיך דער אנאַליזירענדער געדאַנק באַגעגענט מיט דעם פאַקט, וואָס וואַרפט זיך אזוי אין די אויגען, וואָס דער אידישער ארבייטער איז אינגאַנצען דערווייטערט פון דעם באַוועגענדען נערוו פון דער היינטיגער ווירטשאַפט, פון דער גרויס־אינדוסטריע. „ניט אין גערוימיגע, ברייטע שאַכטען־הוילען, ניט ביי דער דאַמף־מאַשין דערציט זיך זיין קאַמף־גייסט און זיין קלאַסען־באַוואוסטזיין". — נאָר אין דושנע, ענגע ווערקשאַפטס־הייזער, ביי דעם איינפאַכען ווערקשטאַט, אויף דעם נידריגען „דרייפּיסעל" ווערען געבוירען זיינע אידעאַלען; ניט אין דעם רויך און גערויש פון דער פאַבריק ווערט זיין גוף מסוגל צו די כל־ערליי אומאַנגענעמליכקייטען פון קאַמף, נאָר אין׳ם שווארצען פייכטען רויך פון די קליינע קעראָסין־לעמפּע־לעך, צונויפגעמישט מיט דער נאַסער, קאַלטער „פּאַרע", וועלכע שלאָגט פון די קעלער־שטיבלעך".

דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז פאַרנומען אין דער קליין־פּראָדוקציע, רייסט זיך, גאַרט צו דער גרויס־אינדוסטריע, פילענדיג, אז דאָרטען שמעלצען זיך צונויף זיינע כחות און אָרגאַניזירען זיך אין איין שטאַרקען אָרגאַניזם, אז דאָרטען קאָן ער זיך שאַפען די מעכטיגע קאַמף־געווער, כדי דורך זיי בעסער און ערפאָלגרייכער צו באַוואָרענען און פאַרטיידיגען זיינע אינטערעסען. נאָר פאַר דעם אידישען ארבייטער איז דער צוטריט צו דער גרויס־אינדוסטריע פאַרשטעלט; דער טרויעריגער גורל פון דער גאַנצער אידישער נאַציע, גיט זיך צו פילען שטאַרקער אָדער שוואַכער אויף אלע איהרע קלאַסען; אויף א באַזונדערען אופן רופט־זיך־אָפּ דער דרוק אויף

יעדען איינציגען קלאַס; יעדער איינציגער קלאַס סטאַרעט־זיך מיט זיינע מיטלען צו באַפרייען־זיך פון דעם דאָזיגען דרוק. די עקסטעריטאָריאַליטעט איז ביים אידישען פאָלק דער באָדען, אויף וועלכען עס איז אויסגעוואַקסען די גיפטיגע פרוכט פון דעם גלות; יעדער איינציגער קלאַס ליידט אויף אַן אַנדער אופן פון דער עקס־טעריטאָריאַליטעט, און אין זיין אנטוויקלונג באַגעגענט זיך יעדער קלאַס מיט די פרוכט פון'ם גלות.

א נאַציע אָהן א לאַנד, אָהן א זעלבסטשטענדיגען עקאָנאָמישען באַזיס, א נאַציע, וועלכע איז מיט אמאָל אַנגעקומען אין פרעמדע ווירטשאַפטליכע באַציהונגען, וואָס האָבען שוין אַנגענומען א געוויסע פאָרם, — אזא נאַציע מוז בילדען אַן איינזאַמע און אָפּגעזונדערטע, איזאָלירטע גרופּע, וועלכע די אָרטיגע באַפעלקערונג דערלאָזט ניט צו איהרע אייגענע, שוין פאַרנומענע, עקאָנאָמישע פונקציעס; וואו זי קערט־זיך באַגעגענט זי נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ. און ניט זייענדיג צוגעפּאַסט צום קאַמף, ניט האָבענדיג קיין עקאָנאָמישען באַזיס, אויף וועלכען זיך צו שטיצען, מוז דיזע עקסטעריטאָריאַלע נאַציע פאַרשטופּט ווערען אין די סאַמע אָפּגעשטאַנענע, אין די סאַמע ניט וויכטיגע צווייגען פון דער פּראָדוקציע. דאָס מאַכט שמע־לער ביז דעם קלענסטען גראַד דעם ארבייטס־פּלאַץ פון'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט, וועלכער ליידט אויך אַזוי פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, וועלכער איז אויך אזוי הילפלאָז ווי די אַנדערע קלאַ־סען פון דעם אידישען פאָלק.

בכדי צו פירען א קאַמף געגען קאַפּיטאַל, מוז דער ארבייטער פריהער פאַר זיך געפינען ארבייט. נאָר דאַן, בעת ער איז שוין באַ־וואָרענט מיט דעם ארבייטס־פּלאַץ, קאָן דער ארבייטער איהם אויס־נוצען אלס א סטראַטעגישע באַזע, אלס א קאַמפּס־פּלאַץ. כל זמן דער ארבייטער האָט נאָך ניט קיין אָרט וואו צו ארבייטען, איז ער גענויטיגט צו קאָנקורירען מיט די אַנדערע ארבייטער, און זיין קאָנ־קורענץ איז אַלזאָ אי א פּערזענליכע אי א נאַציאָנאַלע. נאָר נאָך

דעם, ווי ער האָט שוין געפונען אַן אָרט אין דער פּראָדוקציע, הויבט־אָן דער ארבייטער צו קעמפען מיט'ן קאַפּיטאַל, וועלכער איז איצט פאַר'ן ארבייטער דער נאָהענטסטער און וויכטיגסטער אונטערדריקער. פון דעם מאָמענט אָן, ווען דער ארבייטס־פּלאַץ ווערט דער באַזיס, אויף וועלכען עס קומט־פאָר די מלחמה נעגען קאַפּיטאַל, — פאַרשווינדען ביסלעכווייז די קאָנקורענץ־געפילען פון די פּראָלעטאַריער און אנשטאַט זיי קומען אָן געפילען פון אחדות, דאַן ערשט, הויבט־זיך־אָן צו פּואנדערטראָגען צווישען די ברייטע שיכטען פון'ם פּראָלעטאַריאַט דער אויסרוף: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט זיך!“, דאַן הויבט זיך אָן צו אנטוויקלען דער קלאַסען־באַוואוסטזיין פון'ם ארבייטער, דאַן פאַרשטאַרקט זיך און פאַרטיפט זיך ביי איהם די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע. די סאָציאַלסטשע אידעאָלאָגיע איז אינטערנאַציאָנאַל; און אַלס אַזעלכע, טרעט זי אַרויס באַלד פון אָנפאַנג־אָן. די אינטערנאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון דער סאָציאַלער באַוועגונג דריקען־זיך־אויס אין דעם פּראָגראַם־מאַקסימום פון'ם סאָציאַליזם; זיי וועלען פאַרווירקליכט ווערען נאָך אַ לאַנגען פאַרפּלאָנטערטען היסטאָרישען פּראָצעס; צווישען דעם „היינט“, געגען וועלכען דער סאָציאַליסטישער אידעאַל קעמפט און צווישען יענעם ווייטען „מאָרגען“, ווען דער דאָזיגער אידעאַל וועט פייערען זיין נצחון, ליגט אַ לאַנגער וועג פון קאַמף און פון עראָבערונגען ביסלעכווייז. בעת מען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער אידעאַל וועט פאַרווירקליכט ווערען, נאָר אַ דאַנק דעם קאַמף פאַר'ן ווייטען „מאָרגען“ אַליין, האָט דער סאָציאַליסטישער קוק אויף'ן לעבען געטראָגען אַנ'אוטאָפּיסטישען כאַראַקטער; ביי איהם האָט געפעלט די היסטאָרישע פּערספּעקטיווע, און די באַוועגונג איז באַטראַכט געוואָרען אַלס אַן אויפגאַבע פון איינצעלנע אידעאַליסטען, אָבער ניט אַלס די זאַך פון די ברייטע באַוואוסטזיניגע מאַסען. די מאַסען ווערען באַוואוסטזיניג נאָר דעמאָלט, ווען עס קומען פאָר פּראָצעסען פון אַ רעאַלען קאַמף, אַז אבסטראַקטער אידעאַל קאָן די

מאַסע אין א קאַמף ניט אריינציהען ; דער קאַמף פון ברייטע מאַסען קאָן זיך פירען נאָר אין דעם נאָמען פון אלטעגליכע באַדערפֿנישען, וועלכע לײַדען ניט קיין שהיות.

ווען דער אידעאָלאָג ווענדעט זיך צום ערשטען מאָל צו די אר־בייטער־מאַסען, ברענגט ער זיי דעם אידעאַל אין א שוין פאַרענ־דיגטער פאָרם און אויף א געוויסע צייט געלינגט איהם טאַקי צו הויבען זייער שטימונג פאר דעם ווייטען היסטאָרישען ציל. נאָר די מעכטיגע שטימע פון די אלטעגליכע באַדערפֿנישען ווערט אלץ היל־כיגער און שטאַרקער, די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָגראַם מאַקסימום ווייזט ארויס אלץ דײַטליכער איהר איינזייטיגקייט, און עס פאַנגט זיך אָן צונויפשטעלען א פּראָגראַם־מינימום. אין אָנהויב פון איהר ארויסטרעטען איז אין איהר קיין שום אָרדנונג נישטאָ, עס איז אין איהר נישטאָ אפילו א רמז אויף אַנ'אינערליכען צוזאַמענהאַנג און אויסגעהאַלטענקייט, נאָר וואָס מער די ארבייטער־באַוועגונג אנט־וויקעלט זיך, וואָס מער עס וואַקסט דער באַוואוסטזיין ביי די אר־בייטער־מאַסען, געהט אריין אלץ מיט א בעסערער אָרדנונג די פּראָגראַם־מינימום אין די ראַמען פון דער היסטאָרישער פּערספּעק־טיווע. דער אידעאַל באַקומט, א חוץ זיין באַדײַטונג פון'ם סוביעק־טיווען וואונש, אויך א בידײַטונג פון א סטיכישען פּראָצעס און פון א היסטאָרישען מוז ; און אלס אַן אויפגאַבע פון די באַוואוסטזיניגע מאַסען טרעט ארויס די צוועקמעסיגע רעגולירונג פון אָט דיזע סטי־כישע פּראָצעסען. ניט נאָר די אלגעמיינע פּראָגראַם־מאַקסימום, נאָר אויך איינציגע פונקטען פון דעם פּראָגראַם־מינימום זיינען אזוי פאַרפלאָכטען, אזוי ווייט ביז זייער פאַרווירקליכונג, אז אויך זיי מוז מען ביסלעכוויז ארייננעמען אין די ראַמען פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע, ביסלעכוויז באַפרייען פון זייערע אוטאָפּיסטישע עלעמענטען. נאָר אויב בנוגע דעם פּראָגראַם־מאַקסימום, דעם סאָ־ציאַליסטישען אידעאַל גופא, פאָדערט זיך א צייט פון איינציגע דורות, בכדי צו פאַרענדיגען דעם פּראָצעס, אויב דאָ קומט פאַר דער ארי־

בערגאנג פון אוטאָפּיע צו וויסענשאַפט אין א משך פון צעהנדליגער יאָרען, קאָן שוין דיזעלבע אנטוויקלונג פון אוטאָפּיע צו וויסענשאפט פון איינצעלנע פונקטען פון דעם פּראָגראם־מינימום, פאָר־קומען אין דעם פּעריאָד פון'ם גייסטיגען און קולטורעלען וואוקס פון איינצעלנע אינדיווידען.

דער נאציאָנאלער דרוק קומט ארויס איבערהויפּט דערפון, וואָס דאס אידישע פאָלק איז ניט צוגעפּאסט אויסצוהאלטען די נאציאָ־נאלע קאָנקורענץ, און אָט דער נאציאָנאלער דרוק ווייזט זיך ארויס פאר דעם אידישען ארבייטער פון צוויי זייטען: ער קירצט־איין זיין ארבייטס־פּלאן און מאכט פאר אומנאָרמאל זיין סטראטעגישע באזע. יעדער ארבייטער טרעט ארויס אין דער היינטיגער ווירטשאפט מיט צוויי פיזיאָנאָמיעס: אלס ארבייטער, וועלכער איז פארנומען אין דער פּראָדוקציע און אלס קעמפער געגען דעם קאפּיטאליזם. טייל־מאָל גיסען זיך צונויף אין איינם די ארבייט און דער קאמף, אבער אין א געוויסער מדרגה זיינען זיי זיך אויך סותר; ווען דער פּראָלע־טאריאט פירט א קאמף געגען דער גאנצער קאפּיטאליסטישער ווירט שאפט, קעמפט ער אויך געגען איהרע אינערליכע אנטאגאָניזמען, געגען די אלע ווידערשפּרוכען וואָס דער קאפּיטאליזם באשאפט, נאָר אָט די ווידערשפּרוכען ווייזען זיך ארויס אויך ביים ארבייטער־קלאס גופא, זיי שאפען פאר איהם אויך א געוויסע צווייאיגקייט אין זיין לאגע. זיין סאָציאל־עקאָנאָמישע קראפט שעפּט דער ארבייטער אין זיין ארבייט, אין זיין אָנטייל־נעמען אין דער געזעלשאפטליכער פּראָדוקציע; אָבער בכדי אויסצונוצען דיזע קראפט, בכדי ארויס־צוטרעטען אין קאמף געגען דעם קאפּיטאל, מוז ער ווארפען די אר־בייט. כדי צו פארבאררייטען זיך צום קאמף דארף דער ארבייטער האָבען פרייע צייט, דארף ער זיין פריי פון דער ארבייט. ווען דער פּראָלעטאריער איז ארבייטסלאָז קאָן ער קיין קאמף ניט פירען, נאָר בעת'ן קאמף ווערט ער מיט'ן גוטען ווילען אויף א צייט אן אר־בייטסלאָזער, און אין דעם רעזולטאט פון א ניט־געלונגענעם קאמף

בלייבט ער אפט ניט ווילענדיג אויך אויף ווייטער אן ארבייטס־לאזער. די ארבייטס באדינגונגען גיסען זיך צוזאמען מיט די קאמפס־באדינגונגען אויף אזוי פיל, אויף וויפיל דאס אנטייל נעמען אין דער פראדוקציע גיט די מעגליכקייט צו קעמפען: אויף אזוי פיל גיסט זיך אויך צונויף די סטראטעגישע באזע מיט׳ן ארבייטס־פלאץ. און פארקערט, דער ווידערשפרוך וועלכער, עקזיסטירט צווישען ארבייט און קאמף, ברענגט דערצו, דאס דער ארבייטס־פלאץ שטימט ניט איינגאנצען מיט דער סטראטעגישער באזע. מיט דער אנט־וויקלונג פון דער סאציאליסטישער באוועגונג ווערט דיזער ווידער־שפרוך ביסלעכווייז באזייטיגט. ווען דער קליין־בירגער ווערט א יורד פון זיין מצב געהט ער אריין אין די רייהען פון די זיך־פראלעטא־ריזירענדע מאסען און נאר פון זיי געהט ער ארויס אלס א פראלע־טאריער. כל זמן ער געפינט זיך אין דעם מצב פון זוכען ארבייט איז זיין איינציגער ציל און דער אלגעמיינער סכום פון זיינע אינ־טערעסען — דער ארבייטס־פלאץ; אבער ביי דעם ארבייטער, וועל־כער האט זיך שוין פראלעטאריזירט (וועלכער האט שוין פארנומען אנ׳ארט אין דער פראדוקציע), וואס מער ער ווערט קלאסען־באַ־וואוסטזיניג, אלץ מער טרעטען ביי איהם אפ די אינטערעסען פונ׳ם ארבייטס־פלאץ אן א זייט, און זייער ארט פארנעמען די אינטערע־סען פון דער סטראטעגישער באזע. דאס, וואס דאס אידישע פאלק איז אפגעריסען פון א טעריטאריע, איז דער ערשטער מקור פון דעם, וואס אי דער ארבייטס־פלאץ פון די אידישע פראדוצירער (ארביי־טער), אי די סטראטעגישע באזע פונ׳ם אידישען קעמפענדען פרא־לעטאריאט זיינען ניט נארמאל.

דער וואוקס און דאס פארטיפט־ווערען פון דעם פראגרעסיווען געדאנק ביי דעם אידישען ארבייטער־קלאס האבען געבראכט סוף־כל־סוף צו דעם, אז דיזער פאקט זאל פאר אלעמען קלאר ווערען; די אידען־פראגע האט מען שוין אנגעהויבען צו באטראכטען אלס א פועל־יוצא פון דער עקסטריטאריאליטעט פונ׳ם אידישען פאלק,

און די לעזונג פון אַט דער פראגע האָט מען אָנגעהויבען איינצוזעהן אין דעם טעריטאָריאַליזם. אין דעם פּראָצעס פון זיין קלאַסען־קאמף האָט דער אידישער פּראָלעטאַריער געמוזט קומען צום טעריטאָריאַליזם, דאָס האָט איהם אָבער געמוזט קאָסטען אַ סך מיה, ער איז ניט געקומען צו איהם איבער אַ גלייכען און לאָגישען וועג, נאָר גיכער איבער זייט־וועגעלאַך, וועלכע זיינען פול געווען מיט ווידערשפּרוכען. אַנערקענענדיג די נויטיגקייט פון'ם טעריטאָריאַליזם, האָט דער אידישער פּראָגרעסיווער אַרבייטער־געדאַנק איהם באַלד אריינגענומען אין זיין פּראָגראַם־מינימום, דאָס איז אָבער געמאַכט געוואָרען אין כאָפּעניש, בחפזון, אָהן דעם נויטיגען און קלאָרען צוזאַמענהאַנג צווישען דעם טעריטאָריאַליזם און סאָציאַליזם אין אָנהויב האָט מען די נויטיגקייט פון דעם טעריטאָריאַליזם דער־קלערט דורכדעם, וואָס דער אַרבייטס־פּלאַץ איז ניט נאָרמאַל פאַר די אידישע מאַסען, און אויף אזא אופן האָט דיזע באַדערפניש קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט די באַדערפנישען פון דעם קעמפּענדען סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט. אויף אַט דער נידריגער מדרגה פון אַנטוויקלונג זיינען געשטאַנען די ציוניסטען־סאָציאַליסטען, פון די צוויי פיזיאָנאָמיעס פון'ם אַרבייטער האָבען זיי באַטראַכט נאָר די ערשטע: אין דעם באַגרינדען די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך פאַר זיי דער אַרבייטער פאָרגעשטעלט אַלס אַ פּראָדוצירער, און ניט אַלס אַ קעמפּפער.

אמת, אייניגערמאַסען האָבען די ציוניסטען־סאָציאַליסטען אָנגעמערקט די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען פון'ם קלאַסען־קאמף אין דער אידישער גאַס, דאָס איז אָבער ניט געווען דער גרונד־מאָטיוו פון זייער פּראָגראַם: דער קלאַסען־קאמף איז אריינגעגאַנגען אין זייער וועלט־אַנשויאונג נאָר אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע דעקאָראַציע, אין בעסטען פאַל, אַלס אַ זייטיגער מאָמענט פון אַרגומענטאַציע, אָבער ניט אַלס אַן אויסגאַנגס־פּונקט, ניט אַלס דער וועג, וואָס פירט צו דער פאַרווירקליכונג. און ווייל די ציוניסטען־סאָציאַליסטען האָבען

פון זייער שטאנדפונקט געקוקט אויפ'ן ארבייטער, אלס אויף א פראדוצירער, דארום טראגט זייער טעריטאריאליזם אלע כאראק־טער סימנים פון דער אידעאלאגיע פון די זיך־פראלעטאריזירענדע מאסען. זייער אויסגאנגס־פונקט איז — די עמיגראציע; נאר בעת'ן אויסוואנדערן פירט דאך דער ארבייטער קיין קלאסען־קאמף ניט. דער וועג צו פארווירקליכען דעם טעריטאריאליזם איז ביי זיי — זוכען טעריטאריעס און פירען דיפלאמאטישע אונטערהאנדלונ־גען מיט די קאלאניאלע מלוכות; דער קלאסען־קאמף שליסט דאך אבער אויס יעדע דיפלאמאטיע, דער קלאסען־קאמף קאן דאך ניט געפירט ווערען דורך עקספעדיציעס. דיזעלבע געזעלשאפטליכע הילפלאזיגקייט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר די זיך־פרא־לעטאריזירענדע מאסען, איז אויך פאראן אין דער גאנצער רעאלי־זירונג פונ'ם טעריטאריאליזם ביי די ציוניסטען־סאציאליסטען. פונקט אזוי ווי די ריכטונג פונ'ם ארבייטער אימיגראנט ווענדט זיך אן דעם, וואוהין עס אימיגרירט דער קאפיטאל — אזוי איז אויך מיט דעם טעריטאריאליזם ביי די ציוניסטען־סאציאליסטען: אויס־קלייבען די טעריטאריע און באקומען זי — דאס איז די זאך פון די בורזשואזע טעריטאריאליסטען, דער פראלעטאריאט, אבער, שטיצט נאר מאראליש דעם בורזשואזען טעריטאריאליזם. אין דעם וואנ־גארד פון דער באוועגונג שטעהט די בורזשואזיע, און דער ארבייטער קלאס שלעפט זיך נאר נאך, נאך איהר, הויך קלינגענדיג מיט'ן כלי־זין פון פראזעאלאגיע.

באטראכטענדיג די לאגע פון דעם פראלעטאריאט אין דער רעאליזירונג פונ'ם טעריטאריאליזם אלס א הילפלאזע, מוזען שוין די ציוניסטען־סאציאליסטען פארשטעלען פאר זיך די דאזיגע רעאלי־זירונג ניט אלס א היסטארישע נויטווענדיגקייט, נאר בלויז אלס א סוביעקטיווען וואונש; און ווען זיי רעדען דאך וועגען א היסטא־רישער נויטווענדיגקייט, איז דאס נאר א רעאליסטישע דעקאראציע. די ציוניסטען־סאציאליסטען פאנגען אן פון א סטיכישער

עמיגראַציע און קומען צו אַ קינסטליך־קאָנצענ־
טרירטער איינוואַנדערונג, און די געקינסטעלטע
קאָנצענטרירונג וואַרפען זיי אינגאַנצען אַרויף אויף דער בורזשואַ־
זיע. אויף אַזאַ אופן, נעמען די ציוניסטען־סאָציאַליסטען דעם טערי־
טאָריאַליזם ניט אַריין אין דער אַלגעמיינער היסטאָרישער פּערספּעק־
טיווע; צווישען דער איצטיגער און דער קומענדיגער צייט איז ביי
זיי קיין שום איבערגאַנג, קיין בריק נישטאָ. צווישען דעם גלות און
דער טעריטאָריע איז פאַראַן ביי זיי אַ גאַנצער תהום: דאָ איז
גאָר שלעכט, קיין איינציגע פרעליכע רגע איז נישטאָ, דאָ איז גאָר
ניטאָ פאַר וואָס צו קעמפען, אַלע געדאַנקען, אַלע האָפנונגען זיינען
געריכטעט אויף דאָרטען; דאָס זיינען אָבער געדאַנקען אָהן
כח, האָפנונגען ביי הילפלאָזיגקייט. ניט דער טעריטאָריאַליזם, ניט
דער קלאַסען־קאַמף, וועלכע די ס"ס־אַוואַציעס פירען דאָך דאָ
אויפ'ן אָרט און פירען איהם זעהר ענערגיש — זיינען ניט אַריינגע־
נומען אינ'ם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער היסטאָרישער נויטווענדיג־
קייט, אַז די ביידע פּראָצעסען עקזיסטירען באַזונדער אין זייער נאָך
אומצייטיגער אידעאָלאָגיע. דער פּעסימיסטישער קוק פון די ס"ס־
אַוואַציעס אויף די פאַרבאָרגענע כחות פון דעם אידישען לעבען אין
דער איצטיגער צייט דערלאָזט ניט אַריינעמען אין זייער פּראָגראַם
אַפילו אַ רמז אויף נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין גלות; דער תהום
וואָס איז פאַראַן צווישען דעם גלות און דעם טעריטאָריאַליזם, קומט־
זיך־צונויף מיט נאָך אַ תהום, וואָס איז פאַראַן צווישען דעם טערי־
טאָריאַליזם און דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל. אין זייער פּראָ־
גראַם־מינימום האָבען זיי אַריינגעטראָגען אַזאַ פּונקט וועגען טע־
ריטאָריאַליזם, אַז ער, דער טעריטאָריאַליזם, ווי זיי פאַרשטעהען,
ווערט ניט פאַרווירקליכט אין אַן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון אָביעק־
טיווע כחות, און אַז ביי זיין רעאַליזירונג נעמט דער פּראָלעטאַריאַט
קיין אַנטייל ניט דורך קלאַסען־קאַמף. דורך דיזען ווידערשפּרוך פאַר־
לירט די פּראָגראַם פון די ציוניסטען־סאָציאַליסטען יעדען פּאָלי־

טישען ווערט און דאָס ברענגט צום זוכען נייע פּראָגראַמען. אין דעם פּראָגראַם פון די ס"ס־אָווצעס איז פאַראַן נאָר אַ צוקונפט, אָבער ניט קיין געגענוואַרט, עס איז נישטאָ קיין פּראָצעס, עס פעלט ביי זיי די היסטאָרישע פּערספּעקטיווע צווישען דעם היינט און דעם מאָרגען.

אַלס אָפּאָזיציע צו דעם פּראָגראַם פון די ציוניסטען־סאָציאַליס־טען האָבען זיך באַוויזען צוויי נייע שטרעמונגען. איינע פון זיי, וועלכע איז באַקאַנט מיט דעם נאָמען „סיימיזם", ווענדעט איהר בליק נאָר אויף דער איצטיגער צייט, אויף דעם גלות, נאָר אויף דעם סאַמע מינימאַלען טייל פון דעם פּראָגראַם־מינימום, — נאָר אויף דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע פאַרבאָרגענע כחות פון'ם אי־דישען פאָלק אויפ'ן אָרט, און די צוקונפט — דער טעריטאָריאַליזם — שפּילט ביי די סיימאָווצעס נאָר אַ ראָל פון אַן'אַגיטאַציאָנער דעקאָראַציע. ביי די ס"ס איז פאַראַן אַ צוקונפט אָהן אַ געגענוואַרט, ביי די סיימאָווצעס — אַ געגענוואַרט אָהן אַ צוקונפט; ניט ביי די, ניט ביי יענע איז נישטאָ קיין היסטאָרישע פּערספּעקטיווע.

די צווייטע שטרעמונג איז אונזערע — זי דריקט־זיך־אויס אין דער אידיש־סאָציאַל דעמאָקראַטישער ארבייטער פּאַרטיי „פּועלי־ציון" — וועלכע שטעלט פעסט אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיווע צווי־שען דעם איצט און דער קומענדיגער צייט, צווישען דעם גלות און דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, צווישען דעם טעריטאָריאַליזם און דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל.

צוויי גרונד־מאָמענטען כאַראַקטעריזירען און טיילען אָפּ אונ־זער וועלט אנשויאונג פון אַלע פריהערדיגע אַנטוויקלונגס־מדרגות פון דעם אידיש פּראָלעטאַרישען געדאַנק. פּונקט אַזוי ווי דער סאָציאַ־ליזם ווערט פאַרווירקליכט אין אַ סטיכישען פּראָצעס פון קאָנצענ־טראַציע פון דער פּראָדוקציע, ניט אָפּהענגיג פון אַ וועלכער־עס־איז באַוואוסטזיניגער ראָל, אַזוי פאַנגען אויך אָן די אידישע וואַנדער־

מאַסען סטיכיש זיך צו קאָנצענטרירען אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, ניט אָפּהענגיג פון וועמעס־ניט־איז רצון.

די דאָזיגע טעריטאָריע דאַרף זיין לויט איהר סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור אַ האַלב אַגראַרע, וואוהין עס וועלען קענען במילא אַריינדרינגען די אידישע עמיגרירענדע קליינער און מיטעלער קאַפּיטאַל און די אַרבייטס־קראַפט. דער וואוקס פון אָט די פּראָדוקטיוו־קרעפטען קאָן זיך פריי. אַנטוויקלען און ניט ווערען אָפּגעהאַלטען אויפ'ן וועג נאָר דאָרט, וואו די היימישע באַפעלקערונג האָט זיך אין איהר עקאָנאָמישען און בכלל אין איהר סאָציאַלען לעבען נאָך ניט צונויפגעשמאָלצען אין אַ ווירטשאַפטליך־געשלאָסענעם אָרגאַניזם, אין אַ נאַציע, וועלכע זאָל אָנפיהרען אַ נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ מיט דעם אידישען קאַפּיטאַל אין אַרבייטס קראַפט ; נאָר דאָרט, וואו דער מאַרק איז הויפּטזעכליך אַנ'אויסערליכער און איז ניט באַגרענצט מיט די ראַמען פון דער אינערליכער נאָכפראַגע. אָט די טעריטאָריע איז — פּאַלעסטינא און אויף איהר קומט טאַקע סטיכיש פאָר אַן עקאָנאָמישע אויטאָנאָמיזירונג פון דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען. אויף אַזא אופן ווערט דער טעריטאָריאַליזם, אַלס די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע אינ'ם אידישען לעבען, פאַרווירקליכט סטיכיש ; און אויב אָט דיזע גראַנדיעזע איבערקערעניש וואָלט־זיך גענויטיגט אין קינסטליכע פאַרבאַדינגונגען, וואָלט דער טעריטאָריאַליזם געווען די גרעסטע אוטאָפּיע, ווי ער בלייבט טאַקע אין דער וועלט־אַנשויאונג פון די ס. ס. און די סיימאָווצעס. אין אונזער פּראָגראַם ווערט דער טעריטאָריאַליזם אַרויסגעשטעלט ניט בלויז אַלס אַ היסטאָרישער פאַרלאַנג, נאָר אויך אַלס אַ היסטאָרישער מוז, וועלכער וועט דורך זיך גופא פאַרווירקליכט ווערען. פאַר אונז איז ער ניט בלויז אַ פאָדערונג, נאָר אויך אַ וויסענשאַפטליכער פּראָגנאָז פון דער אידישער צוקונפט. כל זמן ביי אונז איז ניט געווען קיין קאָנקרעטע טעריטאָריע, כל זמן מיר האָבען געהאט צו טאָן מיט אַן אַבסטראַקטער טעריטאָריע, וועלכע שוועבט אין לופטען, צווישען

הימעל און ערד, אזוי לאנג איז דער טעריטאָריאַליזם געבליבען בלויז אַ סוביעקטיווער פאַרלאַנג, און זיין פאַרווירקליכונג איז געווען פאַרבונדען מיט אַוואַנטורעס און מיט פּראָיעקטען־מאַכעריי. דער טעריטאָריאַליזם ווערט אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט נאָר פון יענעם מאָמענט אָן, ווען דער גענויער אַנאַליז פון די אָביעקטיווע טענדענצען פון דער אידישער עמיגראַציע ווייזט אונז אָן, אויף יענער קאָנקרעטער טעריטאָריע, וואו די אידישע איינוואַנדערונג וועט זיך סטיכיש קאָנצענטרירען.

דאָס איז דער ערשטער פּונקט, וועלכער טיילט אונז אָפּ פון די אַנדערע שטרעמונגען אינ׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט.

פּונקט אזוי ווי אין דעם סטיכישען פּראָצעס פון דער פאַרווירקליכונג פונ׳ם סאָציאַליזם מישט זיך אַריין דער רעגולירענדער רצון פון די באַוואוסטזיניגע אַרבייטער־מאַסען, וועלכע שטעלען פאַר זיך אַלס אויפגאַבע דורכ׳ן קלאַסען־קאַמף אָנצופירען אָט די סטיכישע פּראָצעסען און אַריינטראָגען אין זיי דעם פּרינציפּ פון איינשפּאָרען כחות — אזוי מישט זיך אַריין אויך אינ׳ם סטיכישען פּראָצעס פון דער רעאַליזירונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם דער רצון פון די באַוואוסטזיניגע מאַסען פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט. אייבעריגענס, שטרעבען צום טעריטאָריאַליזם אויך אַנדערע קלאַסען פונ׳ם אידישען פאָלק, און יעדערער פון זיי סטאַרעט־זיך אויך צו רעגולירען דיזען סטיכישען פּראָצעס מיט זיינע אייגענע וועגען. נאָר יעטווידער קלאַס פונ׳ם אידישען פאָלק באַטראַכט דעם טעריטאָריאַליזם אין הסכם מיט זיינע אינטערעסען, און דער געגענזאַץ פון אָט די אינטערעסען ברענגט דערצו, אַז צווישען די געגענזעצליכע קלאַסען פונ׳ם אידישען פאָלק קומט פאָר אַ ברענענדיגער קאַמף אין דעם פּראָצעס פונ׳ם רעאַליזירען דעם טעריטאָריאַליזם גופא. די דערגרייכונג פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינא איז אין אָט דער הינזיכט עהנליך מיט׳ן פאַרניכטען דעם אַבסאָלוטיזם אין רוסלאַנד. די דעזאָרגאַניזירונג פונ׳ם אַבסאָלו־

טיזם, ווי אויך די דעמאָקראַטיזירונג פון דעם רוסלענדישען געזעלשאַפטליכען לעבען, איז אַ סטיכישער פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר פון זיך אַליין, ניט־אָפּהענגיג פון וועמעס־ניט־איז רצון, נאָר דער פּראָלעטאַריאַט סטאַרעט זיך דורכ'ן קלאַסען־קאַמף באַוואוסטזיניג צו רעגולירען דעם דאָזיגען סטיכישען פּראָצעס. פונדעסטוועגען זיינען אין דער צושטערונג פונ'ם אַבסאָלוטיזם פאַראינטערעסירט אויך אַנדערע קלאַסען פון דער רוסלענדישער געזעלשאַפט, און זיי סטאַרען־זיך אויסצונוצען דיזען סטיכישען פּראָצעס לטובת פון זייערע אינטערעסען. אויף דעם באָדען קומען פאָר מערקווירדיגע איבערגענג: דער קאַמף, וואָס קומט לכתחילה פאָר צווישען דעם אַרבייטער און דעם קאַפּיטאַל, ווענדעט זיך צום סוף געגען דער רעגירונג און אויף אַ געוויסער צייט ווערט עס עפּעס ווי אַ מין אחדות צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל, וועלכע טרעטען־ארויס נעגען דעם געמיינזאַמען שונא — געגען דעם אַבסאָלוטיזם; נאָכער אַבער פלאַמט זיך פאַנאַנדער נאָך אַ מער ברענענדיגער און מער באַוואוסטזיניגער קאַמף צווישען דער אַרבייט און דעם קאַפּיטאַל איבער דעם, ווי אויסצונוצען די ערָאָבערונג, ווי אויך איבער די אופנים פון דעם קאַמף גופא. פונקט אזוי שטעלען מיר זיך פאָר די רעאַליזירונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע. ביי דעם איצטיגען מאָמענט זיינען סיי די אידישע בורזשואַזיע, סיי דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פאַראינטערעסירט אין דער פאַרווירקליכונג פונ'ם טעריטאָריאַליזם, נאָר שוין דאָ ווייזט זיך ארויס דער גרינדליכער אַנטאַגאָניזם פון דיביידע קלאַסען: די בורזשואַזיע לעגט איהרע עיקר־האָפנונגען אויף די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם סולטאַן און אויף דער קינסטליכער קאָלאָניזאַציע; מיר, אַבער, פּראָטעסטירען שטאַרק געגען יעדער שתדלנות־פּאָליטיק, ווי אויך געגען דער קאָלאָניזאַטאָרישער פּראָיעקטען־מאַכעריי. אַט דער אידעען־אונטערשיד, וועלכער מאַכט אונז שוין איצט פאַר גרויסע שונאים מיט די בורזשואַזע ציוניס־

טען, וועט אין פּאַלעסטינא גופא איבערגעהן אין די שאַרפסטע פאָרמען פון קלאַסען־קאמף. די היציגסטע נאַציאָנאַלע פּראָזעאַ־לאָגיע פון די בורזשואזע ציוניסטען קאָן ניט פאַרדונקלען דעם פּאַקט דאָס די אידישע בורזשואזיע וועט אין פּאַלעסטינא, פּונקט אַזוי ווי דאָ אין גלות, אויסזויגען „מער ווערט" פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט. אין פּאַלעסטינא וועט אריינדרינגען פון זיך אַליין אַ קלאַסען־אַנטאַגאָניזם צווישען ארבייט און קאַפּיטאַל, און אַט דער אַנטאַגאָניזם וועט צום סוף גערוכטעט ווערען דער טערקי־שער רעגירונג. אין דעם ערפאָלג פונ'ם קאמף מיט דער טערקי־שער רעגירונג וועט די אידישע בורזשואזיע אויך זיין פּאַראינטע־רעסירט, ווייל זי וועט אויך ארויסשטעלען דעם לאָזונג פון טערי־טאָריאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאר דעם אידישען פאָלק אין פּאַ־לעסטינא. דאָס וואָס די עקאָנאָמישע אויטאָנאָמיזירונג פון דעם אידישען לעבען אין פּאַלעסטינא אנטוויקעלט זיך סטיכיש וועט באַוואָרענען דעם ערפאָלג פון דיזען לאָזונג, און סוף כל סוף וועט דאָס טאַקי ברענגען צו אן אמת'ער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע. נאָר אַ חוץ דעם קאַמף מיט דער טערקישער רעגירונג וועט דער אי־דישער פּראָלעטאַריאַט מוזען פירען אַ קאַמף אויך מיט דער אי־דישער בורזשואזיע, וועלכע וועט, נאַטירליך, זיך סטאַרען אויס־צונוצען די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע פאַר איהרע אייגענע אינ־טערעסען. כל־זמן דער פּראָלעטארישער טעריטאָריאַליזם האָט זיך נאָך געפונען אין דער אוטאָפּישער סטאַדיע, האָט ער זיך פּאָרגע־שטעלט אַלס אַ פּראָיעקט, וועלכער ווערט פּאַרווירקליכט אָהן יסורים, רוהיג און שטיל, דורך דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, ביי אַן ענגען צוזאַמענבונד צווישען דער טעריטאָריאַליסטישער בורזשואזיע און דעם טעריטאָריאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט — און אַלס אַזאַ טאַקי שטעלט ער זיך פאַר די ציוניסטען־סאָציאַליס־טען. מיר, אָבער, שטעלען זיך פאַר דעם טעריטאָריאַליזם אַלס אַ טיפען רעוואָלוציאָנערען פּראָצעס, וועלכער איז פול מיט די סאַמע

פּאַרוויקעלטסטע און סאַמע פּאַרפּלאָנטערסטע פאָרמען פון סאָ־ציאַלען קאַמף, און אין אַט די אַלע פּראָצעסן נעמט דער פּראָלע־טאַריאַט אַנטייל דורך קלאַסען־קאַמף.

דאָס איז דער צווייטער פּונקט, וועלכער טיילט אונז אָפּ פון די אַנדערע שטרעמונגען אין דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט.

אַנווייזענדיג אַ גענויען און ענגען צוזאַמענהאַנג צווישען דער געגענוואַרט און דער צוקונפט, צווישען דעם גלות און דער טערי־טאָריאַלער אויטאָנאָמיע, צווישען דעם טעריטאָריאַליזם און דעם סאָציאַליזם, אַנטוויקלען מיר אונזער קאַמף אין צוויי ריכטונגען: מיר שטרעבען אויפצוהויבען דעם מצב פון׳ם אידישען פּראָלעטאַ־ריאַט אין גלות און צו פאַרשטאַרקערן זיינע פּאָזיציעס אין פּאַ־לעסטינא. בנוגע דער ערשטער ריכטונג, שטרעבען מיר וואָס מער, וואָס ברייטער אויסנוצען די דעמאָקראַטיזירונג פון׳ם געזעלשאַפט־ליכען לעבען אין די גלות־לענדער; אַזוי ווי די טעריטאָראַליע אויי־טאָנאָמיע איז אַ לאַנג־דויערנדער פּראָצעס, אין דעם משך פון וועל־כען מיר קאָנען ניט איגנאָרירען די אַלטעגליכע באַדערפנישען פון די ברייטע פאָלקס־שיכטען — שטעלען מיר ארויס אויך אַ גאַנצע רייהע פון נאַציאָנאַלע פאָדערונגען — פרייהייט פון נאַציאָנאַלער דערציהונג, נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פון די קהילות, גלייך באַרעכטיגונג פון די שפּראַכען, די פאַרשפּרייטונג פון׳ם אַלגעמיי־נעם וואַלרעכט אויך אַ ל ע צ ו ו י י ג ע ן פון פאַרוואַלטונג, און פּראָ־פּאָרציאָנעלע פאַרטרעטונג, לויט די נאַציאָנאַלע קוריעס אין אַלע גע־זעצגעבערישע, אַדמיניסטראַטיווע און געריכטס־אָרגאַנען: די אַלע פאָדערונגען זיינען טיף־דעמאָקראַטישע גאַראַנטיעס, פאַרבאַדינגונ־גען און הוספות צו דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, אָט די אַלע פאָדערונגען וועלען פאַרווירקליכט ווערען ניט מיט אַמאָל נאָר ביסלעכווייז, לויט דעם, וואָס מער די קאַפּיטאַליסטישע גע־זעלשאַפט וועט זיך דעמאָקראַטיזירען און נאַציאָנאַליזירען. וועלכע גאַראַנטיעס, פאַרבאַדינגונגען און הוספות דאַרפען מיר ארויסשטע־

לען בנוגע דער פאָדערונג פון דער טעריטאָריאַל־פּאָליטישער אױ־טאָנאָמיע אין פּאַלעסטינא — קאָנען מיר ביי היינטיגען טאָג דייט־ליך ניט אָנווייזען: דער וואוקס פון דער אידישער איינוואַנדע־רונג אין פּאַלעסטינא וועט שוין במילא ארויסשטעלען קאָנקרעטע פּאָדערונגען, וועלכע מיר וועלען מיט־דער־צייט אריינעמען אין אונ־זער פּראָגראַם. דערווייל קאָנען מיר אָנווייזען נור די רעכטליכע גאַראַנטיע פאַר'ן פרייען אריינפאָהרען אין פּאַלעסטינא, איינינגע רעכטליכע גאַראַנטיעס פאַר דער אומבאַרירליכקייט פון די פּערזענ־ליכע רעכט בנוגע די איינוואַנדערער אין פּאַלעסטינא, ווי אויך מו־ניציפּאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די אידישע ישובים אין פּאַלעסטינא. אָט די אַלע פאָדערונגען ווערען פאַרווירקליכט און וועלען פאַר־ווירקליכט ווערען ניט דורך דיפּלאָמאַטיע, נאָר דורכאוים דורך קלאַ־סען־קאַמף: נאָר דער ענערגישער און הארטנעקיגער קאַמף פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין גלות וועט עראָבערן פאַר אידען דעם גאַראַנטירטען פרייען צוטריט צו פּאַלעסטינא, ווי אויך די אַנ־דערע נויטיגע גאַראַנטיעס. אונזערע פּרינציפּען זיינען ניט גע־בויט אויף אָפּמאַכונגען אָדער אויף בעלי־בית'שע סברות, נאָר אויף דער רעאַלער קרעפטען־פאַרהעלטניש, וועלכע ווערט ממילא באשאַ־פען אין די סטיכישע אנטוויקלונגס־פּראָצעסען פונ'ם אידישען לע־בען אין גלות און דער אידישער איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינא. אונזער ארבייט דאָ און אונזער ארבייט דאָרטען זיינען ניט קיין געגענזעצען, נאָר צוויי זייטען פון איין און דעמזעלבען פּראָצעס: ניט קיין צוויי פאַרשידענע שטחים, נאָר צוויי ליניעס אויף איין און דעמזעלבען שטח, צווישען וועלכע עס פליסט איין און דערזעל־בער סטיכישער פּראָצעס פון דער אידישער דינאַמיק. די אידישע פּראָלעטאַריער לעבען דאָ און קעמפען דאָ פאַר זייערע אַלטעגליכע אינטערעסען. אין דעם כלל פון די פאַרשידענאַרטיגע באַדערפני־שען דאָ, אויפ'ן אָרט געהט אויך אריין די אַלטעגליכע פאַר־אינטערעסירטקייט אין דער פרייהייט צום איינוואַנדערען אין דער

טעריטאָריע, אין דעם אָפּשאַפֿען די מניעות פֿון דעם וועג נאָך דאָרטען, אין דער באַקוועמליכקייט פֿון דעם לעבען דאָרט. די סטיכישע פּראָצעסען טרייבען אַ באַדייטענדע טייל פֿון די אידישע פּראָלעטאַריער אַהין, און לעבענדיג דאָרטען פֿירען די אידישע ארבייטער אַ קאַמף אויף דאָרטען. וואָס פֿרייער און פֿולבארעכטיגטער דאָס לעבען איז דאָ, אַלץ לייכטער איז צו דערשלאָגען זיך פֿרייהייט דאָרטען; וואָס מער פֿרייהייט מיר האָבען דאָרטען, אַלץ מער רעאַלע גאַראַנטיעס האָבען מיר פֿאַר די רעכט, צו וועלכע מיר האָבען זיך שוין דערשלאָגען דאָ. „וואָס בעסער ס'איז דאָ, אַלץ בעסער איז דאָרטען, און פֿאַרקערט". דער מאַקסימום פֿון די פֿאַרשידענאַרטיגע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס ס'איז מעגליך פֿאַר אונז צו דערגרייכען אין גלות אַנטהאַלט־זיך אין דעם באַגריף פֿון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע; דער מאַקסימום פֿון די פֿאַרשידענאַרטיגע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס ס'איז פֿאַר אונז מעגליך צו דערגרייכען דאָרטען אין פּאַלעסטינא, אַנטהאַלט־זיך אין דעם באַגריף פֿון טעריטאָריאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע. די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע איז ניט קיין מיטעל צום דערגרייכען די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, נאָר זי איז אַ ציל אַליין פֿאַר זיך, גלייך מיט דער טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע — דאָס זיינען צוויי ציל'ען, וואָס זיינען פֿאַרבונדען דורך אַ סטיכישען פּראָצעס: זיי ציהען זיך ניט אין איין גראַדער ליניע, נאָר זיי וויקלען זיך פֿונאַנדער אין דער גאַנצער ברייטקייט פֿון דער פֿילזייטיגער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע און גלייכצייטיג אי דאָ אי דאָרטען. און אָט די היסטאָרישע פּערספּעקטיווע דריקען מיר אויס אין אונזער פּראָגראַם, און יעדער פּונקט פֿון דער דאָזיגער פּראָגראַם ווערט פֿאַרווירקליכט דורך קלאַסען־קאַמף.

אין פֿאַרשידענע לענדער, אין פֿאַרשידענע צייטען, אין פֿאַרשידענע תקופות ביי פֿאַרשידענע תנאים שטעלט זיך דער ארבייטער־קלאַס אַ חוץ דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישען ענד־אידעאַל אויף

פאַרשידענאַרטיגע פּריוואַט־צילען, וועלכע געהען אַריין אין דעם פּראָגראַם־מינימום: הגם אַז די אַלע צילען און אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען זיינען אַזוי פאַרשידען, בלייבען פונדעסטוועגען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאַמף'ס־פאָרמען ביי דעם פּראָלעטאַריאַט בעצם, די אייגענע. דער אונטערשיעד אין די לאָזונגען און פאָדערונגען באַדייט ניט קיין אונטערשיד אין דעם קלאַסען־קאַמף.

בכדי צו רעאַליזירען דעם טעריטאָריאַליזם און די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע שטעלען מיר אַרויס נאָר נייע לאָזונגען, — ביי אונז בלייבט אָבער דער אַלטער, אויסגעפּרואווטער, איינציג־ריכטיגער מיטעל — דער קלאַסען־קאַמף.

ג.

# אונזער פּלאַטפאָרם

ד. ב. באָראָכאָוו

# אונזער פּלאַטפאָרם

איז וואָס באשטעהט די אידישע נאציאָנאלע פּראָבלעם? ווי אזוי שטעלט די פּראָבלעם אוועק דער אידישער פּראָלעטאריאט? ווי לעזט ער זי?

---

א.

די אלגעמיינע דעפיניציע פון דער נאציאָנאלער פּראָבלעם, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך ווי־סענשאפטליכען אנאליז, איז: דאָס איז א קאָנפליקט צווישען דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות און דעם מצב פון אַלע פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען פון דער געזעלשאפטליכער גרופּע. דערביי שאפט זיך דער הערשענדער טיפּ פון די נאציאָנאלע קאָנפליקטען דורך דעם צוזא־מענשטויס מיט די אויסערליכע פּראָדוקציאָנס־באדינ־גונגען. די אלגעמיינסטע באדינגונג פון דער פּראָדוקציע, וועלכע אַנטהאלט אלע אינערליכע באדינגונגען, איז זייער יסוד און לייטעט די אויסערליכע ווירקונגען, איז די טעריטאָריע, אויף וועלכער עס לעבט א געוויסע געזעלשאפטליכע גרופּע. די טעריטאָריע איז דער פּאָזיטיווער יסוד פון אן איינגעאָרטיגען נאַ־ציאָנאלען לעבען.

ביי עקס־טעריטאָראלע פעלקער פעלט אָט דער פּאָזיטיווער יסוד. זיך צופּאסענדיג צו די נאטירליכע און היסטאָרישע באדינ־גונגען פון דער פּרעמדער נאציאָנאלער סביבה, אין וועלכער זיי לעבען, זיינען זיי געניינט אַנצואווערען די באזונדערע שטריכען פון

זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און זיך צונויפגיסען מיט'ן ארומי־גען געזעלשאַפטליכען לעבען. און אויב אַזעלכע עקס־טעריטאָריאַלע פעלקער האָבען דאָך אַן אייגענע, באַזונדערע נאַציאָנאַלע עקזיס־טענץ, דערקלערט זיך די ערשיינונג מיט דער ווירקונג פון אַזעלכע אויסערליכע כחות, וועלכע לאָזען ניט דאָס דאָזיגע פאָלק זיך צו־פּאַסען צום ארומיגען לעבען און צו דער געזעלשאַפטליכער סביבה; יעדענפאַלס שטערען זיי און מאַכען שווער די דאָזיגע צו־פּאַסונג. אין דעם לעבען פון אַזעלכע נאַציעס ווירקען צוויי די־רעקט־אנטקעגענגעזעצטע פאַקטאָרען: דער אַסימילירענדער פאַק־טאָר, וואָס קומט פון דער שטרעבונג פון דער באַשטימטער גרופּע זיך צוצופּאַסען צו דער סביבה, און דער פאַקטאָר, וואָס איזאָלירט זי פון דער ווירקונג פון דער סביבה. דער צווייטער, איזאָלירענדער פאַקטאָר איז דער נ ע ג א ט י ו ו ע ר יסוד פון דעם נאַציאָנאַ־לען לעבען.

דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענבונד ביי טעריטאָריאַלע גרופּען איז געבויט אויף דעם נ א צ י אָ נ א ל ע ן מ א ט ע ר י ע ל ע ן פ א ר מ ע ג ע ן פון די גרופּען. דאָס הייסט, אויף דער טעריטאָריע און אויף דעם סכום פון מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען איז דער טעריטאָריע. א טעריטאָריאַלע נאַציע פאַרמאָגט אַן אייגענע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט און שטעלט מיט זיך פאָר א פאָלשטענדיגע ווירטשאַפטליכע איינהייט; אין דער ווירטשאַפט קומט פאָר די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון דער נאַציע. ווען, אין פּראָצעס פון אנטוויקלונג, שטויסען זיך איהרע פּראָדוקטיווע כחות אָן אַן דעם ווידערשטאַנד פון די צו ענגע ראַמען פון די באַדינגונגען פון איהר פּראָדוקציאָנס־לעבען, אנטשטעהט פאַר איהר א נאַציאָ־נאַלער קאָנפליקט, וואָס ווערט געשאַפען א דאַנק דער נויטיגקייט אויסצובנייטען די ספערע פון איהרע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען; דאָס מיינט די נויטיגקייט צו פאַרכאַפּען וועמענס עס איז פרעמדע ספערע.

די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער גרופּע נעמט אין אזא פאַל
אָן אַן אַגרעסיווען כאַראַקטער. ווען, פאַרקערט, די פּראָדוקטיווע
כחות פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט ליידען דערפון, וואָס
פרעמדע כחות דרינגען אַריין אין דער ספערע פון זייערע פּראָדוק־
ציאָנס־באַדינגונגען, דאַן קומט פאַר דער גרופּע אַ נאַציאָנאַלער קאָנ־
פליקט, וואָס ווערט געשאַפען דורך דער נויטיגקייט אָפּצוהיטען איהר
ספערע פון פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען; די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק
פון דער גרופּע נעמט אין דעם פאַל אָן דעם כאַראַקטער פון פאַרטיי־
דיגונג. פונקט ווי די סאָציאַלע קאָנפליקטען צווישען דער אַנטוויק־
לונג פון די פּראָדוקטיווע כחות און צווישען דעם צושטאַנד פון די
פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטענישען דריקט זיך קאָנקרעט אויס אין
קלאַסען־קאַמף, פונקט אַזוי דריקען זיך קאָנקרעט אויס אין נאַציאָ־
נאַלען קאַמף די קאָנפליקטען צווישען דער אַנטוויקלונג פון די פּראָ־
דוקטיווע כחות און דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונ־
גען. אָבער דערביי קומען די סאָציאַלע קאָנפליקטען פאָר אין די
ווירטשאַפטליך־עקאָנאָמישע אָרגאַניזמען, בעת די נאַציאָנאַלע געהן
אַרויס פון די גרעניצען פון די ווירטשאַפטליכע איינהייטען. זעלבסט־
פאַרשטענדליך, האַנדעלט עס זיך דאָ ניט וועגען פאָלשטענדיג אַי־
זאָלירטע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזמען, נאָר וועגען פ א ר ה ע ל ט -
נ י ס מ ע ס י ג אָפּגעשלאָסענע ווירטשאַפטליכע איינהייטען און
עס פאַרשטעהט זיך, אַז די שטענדיגע פאַרבינדונגען, וואָס פאַרמע־
רען זיך אַלץ אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט צווישען אַזעל־
כע פאַרהעלטניסמעסיג אָפּגעשלאָסענע ווירטשאַפטען, געבען דאָס
רעכט צו רעדען, אויסער נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטען, אויך וועגען
אַן אַלוועלטליכער ווירטשאַפט.

צווישען די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע קאָנפליקטען איז פאַר־
האַן אַ וויכטיגער און אַ שאַרפער אונטערשיד. בעת דער קלאַסען־
קאַמף וואַקסט אויס אויף'ן באָדען פון עקאָנאָמישער ע ק ס -
פּ ל ו אַ ט אַ צ י ע און די קאָנקורענץ אין די גרעניצען פון דער

באַשטימטער געזעלשאַפטליכער גרופּע איז פון אינדיווידועלען כאַ־ראַקטער און שאַפט ניט קיין סאָציאַלע קאָנפליקטען; בעת דער א י נ ה א ל ט פון די סאָציאַלע פּראָגען איז די עקספּלואַטאַציע און די קאָנקורענץ איז נאָר א געזעלשאַפטליכע ע ר ש י י נ ו נ ג, אָבער ניט קיין געזעלשאַפטליכע פּ ר א ג ע — אין דערזעלבער צייט, וואַקסט, פאַרקערט, דער נאַציאָנאַלער קאַמף אויס אויף'ן באָדען פון נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, און די נאַציאָנאַלע עקספּלואַ־טאַציע איז געוועהנליך נאָר א זייטיגע געזעלשאַפטליכע ערשיינונג, וואָס שאַפט ניט קיין געזעלשאַפטליכע פּראַגע. נאָר אין איין פאַל דערהויבט זיך די נאַציאָנאַלע עקספּלואַטאַציע צו דער באַדייטונג פון א שאַרפער געזעלשאַפטליכער פּראַגע; דאָס איז אין דעם פאַל, ווען צוויי נאַציאָנאַלע גרופּען, וועלכע געהן אריין אין איין און דעמזעלבען ווירטשאַפטליכען אָרגאַניזם, שטעלען מיט זיך פאָר אין איהם צוויי באַזונדערע קלאַסען. די נאַציאָנאַלע עקספּלואַטאַציע מאַכט נאָר דעמאָלט קאָמפּליצירטער דעם סאָציאַלען קאָנפליקט, ווען די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען פאַלען זיך צונויף מיט די פּראָדוק־ציאָנס־פאַרהעלטנישען, ווען די ליניע פון דער נאַציאָנאַלער טיילונג פון צוויי גרופּען פאַלט זיך צונויף מיט דער ליניע פון זייער קלאַסען־טיילונג. אזעלכע באַציהונגען עקזיסטירען, למשל, צווישען די דייטשע גוט־באַזיצער און די לעטישע פּויערים אין דער באַלטישער געגענד, צווישען די פּאָליאַקען און רוטענער אין גאַליציען, צווישען די ענגלענדער און אירלענדער, צווישען די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען און ביוראָקראַטען אין אינדיע פון איין זייט און צווישען די אינ־דישע פּויערים און ארבייטער פון דער צווייטער זייט.

אין די אלע געבראַכטע ביישפּילען איז די נאַציאָנאַלע עקס־פּלואַטאַציע דער אינהאַלט פון דער פּראַגע, אָבער ניט דער איינצי־גער אינהאַלט, וואָרים שטענדיג שטעהן מיר פּנים אל פּנים אויך מיט דער קאָנקורענץ צווישען די נאַציאָנאַלע גרופּען. יעדענפאַלס אונטערשיידען זיך ניט די ערשיינונגען פון דער נאַציאָנאַלער עקס־

פלואטאציע פון די ערשייַנונגען פון דער קלאסען־עקספּלואטאציע, און דיזעלבע געזעצען רעגולירען אי די, אי יענע. דא האבען מיר די געוועגליכע קלאסען־עקספּלואטאציע, אבער דערבייַ איז אויך פאראן די נאציאנאלע פארשידענהייט פון די קעמפענדע קלאסען. די ענג־לענדער האבען פארטריבען די אירלענדער פון זייער ערד, פונקט ווי זיי האבען עס געטאן מיט זייערע שטאם־גענאסען און רעליגי־אנס־ברידער — די ענגלענדער; נאר די הילפלאזיגקייט פון די איר־לענדער האט זיי אוועקגעשטעלט אין אן אויסנאם־לאגע.

די באלטישע באראנען עקספּלואטירען די לעטישע פויערים: און די פוילישע פאנים אין מזרח־גאליציען עקספּלואטירען די רו־טענישע פויערים ניט ערגער ווי די פוילישע פריצים עקספּלואטירען די פוילישע פויערים אין מערב־גאליציען.

די נאציאנאלע קאנקורענץ, פארקערט, איז סאציאל שטארק פארשיידען פון דער געוועגליכער אינדיווידועלער קאנקורענץ. די אינדיווידועלע קאנקורענץ העלפט דער אנטוויקלונג פון די פּראדוק־טיווע כחות פון דער אנטאגאניסטישער קאפּיטאליסטישער געזעל־שאפט, וועלכע איז פול מיט ווידערשפּרוכען און וועלכע געהט האנט אין האנט מיט דער אנארכיע פון דער פּראדוקציע און מיט דער פרייַ־הייט פון קאנקורענץ; שטויסענדיג פאראוים די קאפּיטאליסטישע פּראדוקציאנס־כחות, גראבט די פרייהייט פון פּערזענליכער קאנ־קורענץ אין דערזעלבער צייט אונטער דעם פונדאמענט פון דער קא־פּאליסטישער געזעלשאפט. די נאציאנאלע קאנקורענץ, ווידער, איז א שטערונג פאר דער פרייהייט פון דער אינדיווידועלער קאנקו־רענץ און שפּילט די ראלע פון יעדער מאנאפּאל. דער איד וואלט פריי קאנקורירט מיט'ן רוס, אבער זיך שטיצענדיג אויף דער נא־ציאנאלער קאנקורענץ, קען דער רוס פאראליזירען די קאנקורענץ פון יעדען באזונדערען אידען און איהם מאכען אומשעדליך פאר זיך. די נאציאנאלע קאנקורענץ, ווי אלץ, וואס פאראליזירט די פרייַ־הייט פון פּערזענליכער קאנקורענץ, האלט אפּ די אנטוויקלונג פון

דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט און פארלענגערט די צייט פון איהר רייפקייט און פון איהר אונטערגאנג. די נאציאנאלע קאנקור־רענץ איז ניט קיין פשוט'ער קאמף צווישען צוויי גרופען; ניין, עס איז געוועגליך א שטרעבונג פון איין נאציע צו פארכאפען די מאטעריעלע באזע פון א צווייטער נאציע און זי ארויסשטויסען פון איהרע פאזיציעס.

די נאציאנאלע קאנקורענץ ווערט שטענדיג געפירט צוליב דעם מאטעריעלען פארמעגען פון נאציעס און נאר דעמאלט, ווען א נאציע באזיצט וועלכע עס איז מאטעריעלען פארמעגען און שטיצט זיך אויף איהם, קען זי האבען אויסזיכטען אויף ערפאלג אין דער דאזיגער קאנקורענץ. אהן אזא פארמעגען און הויפטזעכליך אהן א טעריטאריע מוז א נאציע געשלאגען ווערען. ווען צוויי טעריטא־ריאלע נאציעס קאנקורירען, שטרעבט געוועגליך די שטארקערע צו פארכאפען דאס מאטעריעלע פארמעגען פון דער שוואכערער; פאר־קערט, אין דער קאנקורענץ צווישען א פאלק מיט א טעריטאריע אין צווישען א פאלק אהן א טעריטאריע, שטרעבט די טעריטאריאלע נאציע ארויסצושטויסען יענע פון דער ספערע פון איהר (פון דער טעריטאריאלער נאציע) מאטעריעלען פארמעגען און צוצונעמען ביי יענער די מעגליכקייט זיך צו באנוצען מיט איהר פארמעגען, אהן וועלכער די אנדערע קען ניט עקזיסטירען. די נאציע אהן א טערי־טאריע, וועלכע האט ניט קיין אייגענעם מאטעריעלען פארמעגען, קען ניט אנטוויקלען איהרע פראדוקטיווע כחות און, פשוט, עקזיסטי־רען, אויב זי האט ניט קיין מעגליכקייט צו נעמען אלס יסוד פון איהר עקזיסטענץ דאס פרעמדע פארמעגען.

כדי אריינצודרינגען אין דער ספערע פון א פרעמדען פאר־מעגען, מוז אזא גרופע זיך צופאסען צו די לעבענס־באדינגונגען פון דעם צווייטען פאלק און דאס דאזיגע פאלק האלט זי צוריק פון די פארנומענע געביטען. ווערט דא, ווי מיר האבען שוין פריהער גע־זעהן, געשאפען א קאמף צווישען דעם אסימילירענדען און איזאלי־

רענדען פּאַקטאָר אין דעם לעבען פון עקס־טעריטאָריאַלע נאַ־ציעס. דעריבער האָבען די עקס־טעריטאָריאַלע פעלקער ניט קיין אייגענע נאַציאָנעלע ווירטשאַפט, נאָר ווערען טיילען פון אנדערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאַניזמען.

דער נאַציאָנאַלער קאָנפליקט פאַר אַזעלכע פעלקער ווערט גע־שאַפען דורך דעם איזאָלירענדען פאַקטאָר. אַזוי לאַנג, ווי זיי זיינען מיט עפּעס „ניצליך" דער ארומיגער געזעלשאַפט, דאָס הייסט, אַזוי לאַנג ווי זיי דערפילען א פונקציע, וואָס קיינער אין דער געזעל־שאַפט האָט נאָך ניט גענומען פאַר זיך און וואָס העלפט דער אַנט־וויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט, „דולדעט מען" די דאָזיגע „פרעמדע" און זיי ווערען עקספּלואַטירט פון די אַרומיגע טעריטאָריאַלע פעלקער.

ווען אָבער די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון דער אַרומיגער באַפעלקערונג דערגרייכט אַזא מדרגה, אַז די באַפעלקע־רונג קען שוין אַליין דערפילען די פונקציע, וואָס מען האָט פריהער איבערגעלאָזט צו דער „פרעמדער" גרופּע, דעמאָלט הערט די דאָזיגע גרופּע אויף צו זיין אַן אָביעקט פון געוווּנשטער פאַר איהר עקס־פּלואַטאַציע; די אַנוועזענהייט פון דער גרופּע איז א שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון דעם „תושבים"־פאָלק, די „פרעמדע" ווערען „איבעריג" און מען הויבט זיי אַן אַרויס־צושטויסען. אַזוי ווי די „פרעמדע" באַזיצען ניט קיין מאַטעריעלען נאַציאָנאַלען פאַרמעגען, אויף וועלכען זיי זאָלען זיך קענען שטיצען אין דער קאָנקורענץ, פאַרלירען זיי דעם עקאָנאָמישען באָדען הינ־טער זיך. די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער ערדלאָזער נאַציאָנאַליטעט איז מער־ווייניגער דערטרעגליך נאָר אַזוי לאַנג, ווי זי ווערט נאַ־ציאָנאַל עקספּלואַטירט, און ווען דעם פּלאַץ פון עקספּלואַטאַציע פאַרנעמט די קאָנקורענץ, פאַרלירט אַזא פאָלק זיינע פּאָזיציעס. אונ־טער דער עקספּלואַטאַציע פאַרנעמען די „פרעמדע" יענע געביטען, וואָס זיינען נאָך ניט פאַרנומען פון דער „איינגעבאָרענער" באַפעל־

קערונג, זיינען אפהענגיג פון איהר און זיינען נ י ט פ א ל־ש ט ע נ ד י ג איזאלירט, דאס הייסט, מען לאזט זיי ניט דערפילען אזעלכע פונקציעס און פארנעמען אזעלכע פלעצער, וואס זיינען שוין פארנומען. די דאזיגע פארנומענע געביטען זיינען שטענדיג די אגריקולטור־טעכניק, די פראדוקציע פון מאטעריאלען און געצייג און בכלל די פראדוקציאנס־מיטלען. — מיט אייןווארט, די אזוי־גערופענע ערשטע סטאדיען פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס, און די ערדלאזע גרופע געפינט פאר זיך א פלאץ נאר אין האנדעל און אין די ענד־סטאדיען פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס.*) אבער ווען עס קומט די קאנקורענץ פון דער „תושבים"־באפעלקערונג, ווערט די עקס־טעריטאריאלע גרופע א ל ז י י ט י ג איזאלירט און דע־מאלט ווערט געבארען דער קאנפליקט צווישען דער אנטוויקלונג פון איהרע פראדוקטיווע כחות, וועלכע פאדערען א צופאסונג צו דער סביבה, און צווישען די אויסערליכע פראדוקציאנס־באדינגונ־גען, דאס הייסט, צווישען דער איזאלאציע. דער קלאסישער ביי־שפיל פון אזא עקס־טעריטאריאלער גרופע אהן אן אייגענעם מא־טעריעלען פארמעגען, וואס איז דעריבער הילפלאז אין דער נאציא־נאלער קאנקורענץ, זיינען די אידען.

בדי גענויער צו אנאליזירען דעם כאראקטער פון דער נאציא־נאלער אידישער פראבלעם, מוזען מיר, ערשטענס, האבען אין זינען, אז דער נאציאנאלער קאנפליקט פלעכט זיך תמיד צונויף מיט'ן

*) ב. באוערק אונטערשיידט באזונדערע סטאדיען פון דער פראדוקציאנס־פראצעס לויט זייער ווייטקייט פון געברויך. למשל, אין דער לעדער־פראדוקציע איז די אורשפרינגליכע אדער ערשטע סטאדיע — די פיה־צוכט, די ווייטערע סטאדיען זיינען דאס שינדען די פעל און די לעדער־פראדוקציע און די לעצטע, די סאמע ענד־סטאדיע איז די שוך־פראדוקציע. עס איז באקאנט, אז די אידען נעמען ווענינ אנטייל אין די ערשטע סטאדיען און זעהר פיעל אין די לעצטע.

סאָציאַלע. עס עקזיסטירען ניט קיין אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אינטע־רעסען; עס עקזיסטירען נאַציאָנאַלע אינטערעסען ביי די באַזונדערע קלאַסען פון פאָלק, און ביי יעדען קלאַס זיינען זיי באַזונדערע, אין תוך פארשידען פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון אַנדערע קלאַ־סען. די נאַציאָנאַלע פראַגע און די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען הויבען זיך ניט אויף איבער די קלאַסען, נאָר דאָס איז אַ פראַגע און דאָס זיינען באַוועגונגען פון אַלע אָדער עטליכע קלאַסען פון פאָלק. דער נאַציאָנאַלער קאָנפליקט וואַקסט אַרויס פאַר דעם אָדער יענעם קלאַס פון דער געזעלשאַפט ניט דערפאַר, ווייל די פּראָדוקטיווע כחות פון גאַנצען פאָלק שטויסען זיך צונויף מיט די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, נאָר דערפאַר, ווייל די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוק־טיווע כחות פון דעם דאָזיגען קלאַס קומען אין ווי־דערשפּרוך מיט די באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע פון זיין גאַנצער נאַציאָנאַלער גרופּע. דערפון שטאַמט עס די פילפאַכיגקייט פון די קלאַסען־טיפּען פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, פון דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע און אַזוי ווייטער. צווייטענס, דאַרף מען בעת דעם אַנאַליז האַבען אין זינען, אַז אַזוי ווי ביי אידען פעלט דער ערד־אַרבייטער קלאַס, בלייבען נאָר די שטאָטישע קלאַסען: די גרויסע, מיטעלע און קליין־בורזשואַזיע, די מאַסען, וואָס האַלטען זיך אין פּראָלעטאַריזירען, און דער פּראָלעטאַריאַט.

די ראַמען פון דער ענגער ספערע פון דער נאַציאָנאַלער פּראָ־דוקציע און פון דער נאַציאָנאַלען מאַרק בינדט בכלל ווייניג די גרויס־בורזשואַזיע, און דעריבער איז איהר פרעמד דער נאַ־ציאָנאַליזם אין דעם אייגענטליכען זין פון דעם וואָרט; זי איז קאָסמאָפּאָליטיש, און איהר נאַציאָנאַליזם איז ניט געשמידט אין די ענגע גרענעצען פון אינערליכען מאַרק. אויב ביי איהר וואַקסט אויס אַ נאַציאָנאַלער קאָנפליקט, איז דער גרונד־מאָטיוו די שטרע־בונג צו פארכאַפּען דעם וועלט־מאַרק. דער נאַציאָנאַליזם פון דער גרויס־בורזשואַזיע איז אויך קאָסמאָפּאָליטיש. זי איז אימפּעריאַליס־

טיש. נאטירליך, קען דאס אידישע נאציאנאלע לעבען ניט דער־
וועקען קיין אימפעריאליסטישע האפנונגען, ביי דער אידישער גרויס־
בורזשואזיע. אויף'ן אידישען באדען וואקסען ניט אזעלכע פירות.
דערפאר איז אבער די אידישע גרויס־בורזשואזיע, וועלכע האט זיך
אין א הויכען גראד צוגעפאסט צום ארומיגען לעבען און פיהלט
כמעט ניט קיין איזאלאציע, געשטימט עכט אסימילאטאריש. ווען
ניט די „ארימע מזרח־אידען", וועלכע דערמאנען וועגען זיך מיט
אזא עקשנות דא דורך עמיגראציע און דא דורך טעלעגראמען וועגען
פאגראמען, וואלט די אידישע גרויס־בורזשואזיע אי פון מערב, אי
פון מזרח־אייראפא זיך ווייניג געקימערט וועגען דער אידישער פרא־
גע. די מזרח־אייראפעאישע אידישע גרויס־קאפיטאליסטען וועלכע
פיהלען מער דירעקט אויף זיך דעם דרוק פון דער אלגעמיינער
אידישער רעכטלאזיגקייט, זיינען נאך ווי עס איז מיט דער אייגענער
הויט פאראינטערעסירט אין דער דאזיגער אומגליקליכער פראגע,
אבער פאר די מערב־אייראפעאישע איז זי פשוט אן איבריגע און
אומאנגענעמע משא. און דאך קענען זיי קיין רעטונג און קיין מקום
מקלט ניט געפינען פון דער דאזיגער מזרח־אייראפעאישער אידישער
מאסע אונזערער. אזוי ווי די אידישע גרויס־בורזשואזיע וואלט זעהר
געוואלט פארלירען איהר אייגען פנים און זיך פאלשטענדיג אסימי־
לירען מיט דער „איינגעבארענער" בורזשואזיע, דעריבער רירט
זי זעהר שמערצליך אן דער אנטיסעמיטיזם און זי האט שטארק
מורא פאר אלץ, וואס צובלאזט די אנטיסעמיטישע באוועגונג. ווען
די טרעגער פון דעם אנטיסעמיטיזם וואלטען געווען נאר געצעהלטע
פסיכאפאטען און קרעטינען ווי לועגער און דרומאן, וואלט קיין גע־
פאהר ניט געווען; אבער דער אנטיסעמיטיזם איז זעהר פאפולער
צווישען די מאסען און ער פארבינדט זאגאר זיין פראפאגאנדע מיט
דער סאציאלער אומצופרידענהייט פון די צוריקגעשטאנענסטע אר־
בייטער־שיכטען, און דאס רופט שוין ארויס א געפעהרליכע אנזאמ־
לונג פון יודאפאבישער עלעקטריציטעט; דער אנטיסעמיטיזם פאר־

וואנדעלט זיך אין א פּאָליטישער באוועגונג און ווערט געפעהרליך. זיין יניקה, ווידער, ציהט דער מאסען־אנטיסעמיטיזם פון דער נאַציאָנאלער קאָנקורענץ צווישען די קליין־בורזשואזע און ארבייטס־לאָזע אידישע און קריסטליכע מאסען. דער אנטיסעמיטיזם טרעט ארויס אי געגען דעם הילפלאָזען אָרימען אידען, אי געגען דעם אומ־דערגרייכבארען ראָטשילד'ען, וועלכער פארשטעהט אויסגעצייכענט, פון וואנען די צרה נעמט זיך. די אָרימע אידישע פאָלקס־מאסען — זיי זיינען שולדיג. און דער אידישער געלט־אריסטאָקראט האסט די דאָזיגע מאסען, אָבער אין דערזעלבער צייט האלט דער אנטיסע־מיטיזם אין איין באנייען די שוין פארגעסענע קרובה'שאפט מיט די דאָזיגע מאסען.

דער אידישער גרויס־בורזשוא — „צוויי זעעלען וואהנען, אך, אין זיין ברוסט" : די נשמה פון א גרויסארטיגען אייראָפּעער און די נשמה פון א געצוואונגענעם אפּטרופּות פון זיינע אומגליקליכע אָסט־ליכע גלויבענס־ברידער. ווען עס וואָלט קיין אנטיסעמיטיזם ניט גע־ווען, וואָלט מען געקענט איגנאָרירען דעם אידישען עלענד, וואָס שטראָמט פון מזרח און בלייבט שטעקען אויף'ן וועג אין די שטעט פון מערב־אייראָפּא ; אָבער איבערלאָזען די אידישע וואנדערענדע מאסען אויף גאָט'ס באראָט און זיי אָנווארפען אויף'ן האלז פון דער אָרטיגער געזעלשאפט, הייסט פאר'ן אידישען מיוחס ארויס־צורופען געגען זיך א שטורם פון אנטיסעמיטישען צאָרן. און דערי־בער מוז מען מיט א פארקלעמטען הארצען זיך פארנעמען מיט דער פארשאָלטענער אידען־פראגע, מען מוז ווערען א פילאנטראָפּ, מען מוז זאָרגען וועגען דעם אידישען עמיגראנט, מען מוז קלייבען נדבות פאר די פּאָגראָמירטע אידען. אומעטום באשעפטיגט זיך די אָידישע גרויס־בורזשואזיע מיט דער אידען־פראגע, כדי צו געפינען אן ענטפער אויף איהר ניט פאר זיך, נאָר פאר אנדערע. די גרויס־בורזשואזיע ווייסט ניט פון קיין אידען־פראגען און פארשטעהט זי זעהר וועניג. איהר באציהונג צו דער אידען־פראגע איז א באצי־

הונג פון א געצוואונגענעם אפּעקון צו אומאנגענעמע קרובים, וועלכע מען האָט אויף איהם ארויפגעצוואונגען. דער ציל איז — זיך צו באפרייען ניט נאָר פון דער אידען־פּראגע, נאָר, אינאיינעם מיט איהר, אויך פון די אומגעבעטענע קרובים. אין קיין אנדער פאָרם, ווי די, עקזיסטירט ניט די אידען־פראגע פֿאַר דער אידישער גרויס־בורזשואזיע און קיין אנדער שייכות צום אידישען פּאָלק האָט ניט די גרויס־בורזשואזיע.

די מיטעלע בורזשואזיע — די גרופּע פון מער אָדער ווייניגער פארזיכערטע אידישע „באלעבאטים" איז פיל ענגער צונויפגעבונדען מיט די איבריגע טיילען פון אידישען פּאָלק. בכלל, זיינען פאַר דעם מיטעלער און קליין־בורזשואזיע די נאציאָנאלע אינטערעסען פריהער פאר אלעמען אינטערעסען פון אינוועניגסטען מארק, און דער מארק איז ענג פארבונדען מיט די גרעניצען פון דער נאציאָנאַלער שפּראך און מיט אלץ, וואָס איז געבוים אויף דער שפּראך: מיט דער ליטעראטור, מיט דער ערציהונג — בכלל, מיט דער „גייסטיגער" קולטור. ביי פעלקער מיט אן אייגענער טעריטאָריע איז דעריבער די מיטעלע און קליין־בורזשאזיע די הויפּט שטיצע פון דעם „קולטוריסטישען" נאציאָנאַליזם אין אלע זיינע פאָרמען און גע־שטאַלטען. די מיטעלע און קליין־בורזשואזיע ביים אידישען פּאָלק, וואָס פארמאָגט ניט קיין טעריטאָריע, האָט, נאַטירליך, ניט קיין איינענעם נאציאָנאלען מארק און אויף די פרעמדע אינוועניגע מאַר־קען פאלט זי ארונטער אונטער דער ווירקונג פון דעם אסימילירענדען פאקטאָר פון דעם אידישען לעבען. אָבער א דאנק דער אָנגעשטרענג־טער נאציאָנאלער קאָנקורענץ, וועלכע בושעוועט אין די רייהען פון דער מיטעלער און קליינער בורזשואזיע, פילען אויף זיך די צוויי־שען־שיכטען פון דעם אידישען פּאָלק אויף אלע געביטען פון זייער טעטיגקייט די ווירקונג פון דעם איזאָלירענדען פאקטאָר: דער אנ־טיסעמיטיזם פארפאָלגט זיי און ברענגט זיי שווערע אויסנאַם־געזעצען אין לענדער מיט א צוריקגעשטאנענעם רעזשים און א גע־

זעלשאפטליכען באַיקאַט אין בורזשואַז־דעמאָקראַטישע לענדער. אין דער דאָזיגער באַיקאַט, וועלכער ווערט אלץ באַוואוסטזיניגער, אלץ אבזיכטליכער און אלץ מער אָרגאַניזירט, דערגרייכט דעם אידישען בורזשואַ אומעטום: אין האנדעל, אין פּראָדוקציע, אין דער „געזעל־שאפט", אין דער פּרעסע, מיט'ן וואוקס פון דעם קאפּיטאַליזם פאר־גרעסערט זיך, פון איין זייט, די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע און פון דער צווייטער זייט פאַרשאַרפט זיך די נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ. גוט־הארציגע פּובליציסטען, וואָס שרייבען וועגען דער אידישער פראַגע, באמערקען געוועהנליך נאָר איינעם פון די צוויי פּראָצעסען, וועלכע זיינען ענג פארבונדען מיט דער אנטוויקלונג פון דער קאפּיטאַליס־טישער ווירטשאפט. די אָפּטימיסטען פארשטעהן ניט, אז זיי האָ־בען דאָ צו טאָן מיט א בורזשואַזער אָרדנונג, וואָס איז פול מיט ווי־דערשפּרוכען און אין באצוג צו דער אידען־פראַגע זעהן זיי נאָר איין פּראָצעס — די דעמאָקראַטיזאַציע, וועלכע טרייבט ארוים פון די קאָנסטיטוציעס און פון די געשריבענע געזעצען אלע באשרענקונ־גען נעגען די אידען און שוואכט אָפּ אזעלכע שארפע פאָרמען פון יודאָפאָביע, ווי פּאָגראָמען. אָבער דער פּראָצעס פון פארשארפטער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, וועלכער געהט פּאראַלעל מיט'ן פּראָצעס פון דעמאָקראַטיזאַציע, פארשטארקט נאָך די אידען־פיינדשאפט אין די ראַמען פון דעם ניט־געשריבענעם געזעץ — מאכט זי מער באַ־וואוסטזיניג און אָרגאַניזירט דעם געזעלשאפטליכען באַיקאַט נעגען די אידען אזוי, אז קעמפען געגען איהם איז בשום אופן ניט בכח די אידישע בורזשואַזיע, וואָס האָט ניט קיין טעריטאָריע און האָט ניט קיין איינענעם מארק, אויף וועלכען זי זאָל זיך קענען שטיצען.

די דאָזיגע איזאָלאַציע, וועלכע עס פיהלט אם שטאַרקסטען דער אידישער מעדיקער, אינזשינער, זשורנאַליסט, קאָמערסאַנט, איז פאר זיי א פּראָדוקציאָנס־באַדינגונג, וואָס שטערט די אנטוויק־לונג פון זייערע פּראָדוקטיווע כחות און שאפט פאר זיי די אידען־פּראַגע. דעריבער נעמען זיי זיך מער צום הארצען די אידישע נויי־

טען, ווי די גרויסע גבירים, אָבער זייער נאציאָנאַליזם איז פון א ספּעציפישער מיטעל־און־קליין־בורזשואזער פארם. אזוי ווי זיי האָבען זיך ניט אָן וואָס אָנצושפּארען אין זייער קאַמף פאר'ן מארק, זיינען זיי געניינט צו רעדען וועגען א זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער עקזיסטענץ, וועגען א אידישען שטאאַט, וואו זיי וואָלטען געשפּילט א פירענדע פּאָליטישע ראָלע. זיי פילען שווער דעם דרוק פון דער אידישער פּאָליטישער רעכטלאָזיגקייט דאָרט, וואו עס עקזיסטירט נאָך רעגירונגס־אנטיסעמיטיזם, און זיי שטרעבען גאַנץ ענערגיש, אויף ווי פיל עס איז פאר זיי, ווי פאר בורזשועז, מעגליך, צו באַשיצען די אידישע בירגערליכע און נאציאָנאַלע רעכט. זיי ליידען אויך דירעקט צוליב דער נויט פון די ברייטע מאסען פון אידישען פּאָלק און פון זייער אנטאַרטונג, און זיי זיינען דעריבער מער געניינט צו א נאציאָנאַלער אידישער פּאָליטיק. אזוי לאַנג אָבער ווי זייער אייגענע וואָהלהאבענהייט איז נאָך ניט צורייסעלט, אזוי לאַנג ווי זיי האַלטען נאָך אָן זייער מיטעל־בורזשואזע פּאָזיציע, אזוי לאַנג ווי די איזאָלאַציע און דער באָיקאָט האָבען זיך נאָך ניט אונטערגעגראָבען אונטער זייער מאַטעריעלען באָדען, איז דער שווער־פּונקט פון אלע זייערע פארבינדונגען און אינטערעסען דאָך אין גלות, אין זייערע וואוין־ערטער, וואו זיי באַשעפטיגען זיך מיט זייערע פּראָפעסיעס; זייערע באדערפנישען זיינען נאָך אלץ אויסער דער אידישער נאציאָנאַלער ספּערע, וואָרים עס איז נאָך ניט רייף געוואָרען פאר זיי דער קאָנפליקט מיט די פּראָדוקציאָנס־באדינגונגען פון אידישען לעבען. מיט איין וואָרט: אזוי לאַנג ווי די אידישע מיטעלע בורזשואזיע בלייבט דאָס, וואָס זי איז, איז איהר די אידישע פראגע פארהעלטניסמעסיג וויים. די פראגע איז פאר איהר די אורזאַך פון געוויסע אומבאַקוועמליכקייטען און קען נאָך ביי איהר ניט ארויסרופען קיין שטארקע אָנשטרענגונג ראדיקאל צו ענדערען איהרע לעבענס־באדינגונגען. איהר נאציאָנאַלע ענערגיע קען מען נאָך טיילווייז אויסנוצען פאר א ראַ־

דיקאַלען איבערבוי פון׳ם גאַנצען אידישען לעבען, אָבער זי נוצען אַלס פונדאַמענט פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג קען מען נים. דערצו איז די מיטעלע בורזשואַזיע רעאַקציאָנער און איז אומפעהיג פאַר ברייטער רעאַלער שאַפונג. אָהן דער הילף פון אַנדערע, פּראָגרעסיווע שיכטען פון פאָלק איז די מיטעלע בורזשואַזיע נים בכח צו שאַפען דעם מאַטעריאַל פאַר אַ לאַנגער, היסטאָרישער שאַפונג און זי איז נים בכח צוצוגעבען לעבענס־פעהיגע פאָרמען דעם שווין פאַרטיגען מאַטעריאַל. די זעלבסטשטענדיגע פּאָליטיק פון דער אידישער מיטעלער בורזשואַזיע כאַפּט גיכער דעם אָנבליק פון אַ שפּיל און פון אַ צייט־פאַרטרייב, ווי פון אַן ערנסטער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט.

ב.

אין די אינטערעסען פון דער ווייטערער פאָרשונג האָבען מיר אַ רעכט אוועקצושטעלען אונטער איין רובריק די אידישע קליין־בורזשואַזיע און די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען. צוליב אַ גאַנץ צער ריי היסטאָרישע באַדינגונגען שטעלט דיזער שיכט מיט זיך פאַר די אומגעהייערע מאַיאָריטעט פון דעם אידישען פאָלק. פאַר אונז, פּראָלעטאַרישע ציוניסטען האָט דער קלאַס אַ צווייאַיגען אינטערעס: ערשטענס, איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, דער טרעגער פון דער אידישער צוקונפט, ערשט נים לאַנג צוריק אַרוים פון דער דאָזיגער קאָמפּאַקטער, גרויער מאַסע, און פאַרשטעהן די סאָציאַלע סטרוקטור פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט קען מען נאָר נאָכדעם ווי מען אַנאַליזירט די קליין־בורזשואַזיע, פון וועמענס רייהען עס קומען אָהן אויפהער צו נייע עלעמענטען צום פּראָלעטאַריאַט; צווייטענס, איז די עמיגרירענדע קליין־בורזשואַזיע און די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען — יענער רויהער מאַטעריאַל, פון וועלכען די סטיכישע פּראָצעסען פון דער אידישער דינאַמיק וועלען, ביי אַ באַוואוסטזיניגער און אָרגאַניזירטער ציוניסטישער רעגולירונג, שאַפען די צוקונפטיגע אידישע ווירטשאַפט.

די גאנצע דריקענדע לאסט פון דער נאציאָנאַלער קאָנקורענץ, פון דער רעכטלאָזיגקייט, וואָס איז פארבונדען מיט דער איזאָלאַציע, מיט׳ן רעגירונגס־באַיקאָט און מיט׳ן געזעלשאפטליכען באַיקאָט, אָרגאַניזירטען און ניט־אָרגאַניזירטען, לעגט זיך אויף דער אידישער קליין־בורזשוּאַזיע. אין דער קאפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט ווערט די קליין־בורזשואזיע בכלל ארויסגעשטויסען און רואינירט, און חוץ לזה איז נאָך די אידישע קליין־בורזשואזיע ניט צוגעפּאַסט אויסצוהאַלטען די נאציאָנאַלע קאָנקורענץ. די אידישע קליין־בורזשואזיע ווערט שנעלער און שטארקער רואינירט ווי דערזעלבער קלאַס ביי וועלכען עס איז אנדערען פאָלק. עס ווערט געשאַפען די אומבאַדינגטע נויטיגקייט זיך צו פּראָלעטאריזירען, אָבער די באַדערפניש געפינט ניט קיין גענוגענדע באפרידיגונג, ניט קוואַליטאַטיוו, ניט קוואַנטיטיוו. די קאפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט קען זיך בכלל ניט באַגעהן אָהן אַ רעזערוו־אַרמעע, אָבער פון דער אידישער קליין־בורזשואזיע פאַלט אריין אין דער רעזערוו־אַרמעע אַ גרעסערער פּראָצענט, ווי פון דער קליין־בורזשואזיע פון אנדערע פעלקער. אויב מיר וועלען די גאנצע וועלט־פּראָדוקציע צוטיילען אין אַ פּראָדוקציע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אין אַ פּראָדוקציע פון געברויך־מיטלען, וועלען מיר זיך איבערצייגען, אז דער מיטעלער אידישער קאפּיטאַל, אינאיינעם מיט׳ן קליינעם קאפּיטאַל, איז באַשעפטיגט אָדער אין וואַארען־האַנדעל אָדער אין געלט־האַנדעל, און אויב ער איז באַשעפטיגט אין פּראָדוקציע, איז עס כמעט דורכאויס אין דער פּראָדוקציע פון געברויך־מיטלען. אונטער דער ווירקונג פון דער נאציאָנאַלער קאָנקורענץ צווישען די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען, וואָס זוכען אַרבייט, געפינט די אידישע אַרבייט אַנווענדונג כמעט אויסשליסליך ביים אידישען מיטעלען קאפּיטאַל: די יודאַפאָביע פון די ניט־אידישע אונטערנעמער און פון די ניט־אידישע אַרבייטער שליסט אויס די אידישע אַרבייט פון די ניט־אידישע ווערקשטאַטען.

אויסער דעם באוואוסטזיניגען באַיקאַט, דעם אָרגאַניזירטען ווי דעם ניט־אָרגאַניזירטען, ווירקען דאָ נאָך סטיכישע פאַקטאָרען, וועלכע וואַרצלען זיך אין דער אינערליכער ניט־צוגעפּאַסטקייט פון דעם אידישען ארבייטער אויסצוהאַלטען די קאָנקורענץ מיט דעם ניט־אידען, וואָס זוכט ארבייט. די אידישע זיך־פּראָלעטאַריזירענדע עלעמענטען ווערען רעקרוטירט אויסשליסליך פון די שטאַטישע איינוואוינער, בעת די מינאָריטעט פון זייערע קריסטליכע קאָנקור־רענטען קומען פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. און אַזאַ באַפעל־קערונג האָט אַ גאַנצע ריי פאָרטיילען אין פאַרגלייך מיט די אי־דישע ארבייטער: געזונטע מוסקולען, קליינע פאָדערונגען און די פעהיגקייט זיך צו באַגנוגענען מיט קלענערע פאַרדינסטען שוין צו־ליב דעם אליין, וואָס דעם דאָרפסמענשען קאָסט וואָלוועלער די וואוינונג, די קליידונג און דאָס עסען און אַמאָל באַקומט ער גאָר דאָס אַלץ „אומזיסט" פון זיין בעל־הבית'ישקייט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דאָרף. דער אידישער ארבייטער, ווידער, אַ שטאָדטישער תושב, האַלט נאָך לאַנג אָן די טראַדיציעס פון אַ ניט־ארבייטער לעבען, ער אָריענטירט זיך שנעלער, ווי דער ארבייטער, וואָס קומט פון דאָרף, אין דער סאָציאַלער פראַגע און טרעט שנע־לער אריין אין קאַמף מיט'ן ארבייטס־געבער צו באַשיצען זיינע אינטערעסען געגען עקספּלואַטאַציע. און — נאָך אַ ספּעציפיש־אי־דישע איינגענשאַפט: דעם אידישען ארבייטער איז שווער זיך אָפּ־צוגעוואוינען פון זיין שבת־רוהה. און צולעצט, צוליב אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע אורזאַכען, איז דער אידישער ארבייטער טעכ־ניש ניט געשוהלט און איז אין דער הינזיכט הינטערשטעליג אין פאַרגלייך מיט'ן קריסטליכען שטאָדט־מענשען. אָבער די אַלע איי־גענטימליכקייטען זיינען נאָר זייטיגע און צייטליכע פאַקטאָרען; דער וויכטיגסטער און שטענדיגער פאַקטאָר איז די נאַציאָנאַלע קאָנ־קורענץ. די דאָזיגע קאָנקורענץ ווירקט אויך דעמאָלט, ווען די אי־דישע זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען עמיגרירען אין אַנדערע,

גרויס־קאפיטאליסטישע לענדער, זוכענדיג ארבייט. אין אמעריקא, ענגלאנד, זיד־אפריקא שטויסען זיך די אידען ווידער צונויף מיט קאמפאקטע מאסען אימיגראנטען פון אנדערע פעלקער, וועלכע זיינען, ווידער טאקע, אדער גענזינטער און וועניגער קולטורעל, אדער זיינען טעכניש מער ערפארען און געאיבט. און אויך דא שטעלט זיך די אידישע ארבייט אין דינסט נאר דעם אידישען מיטעלען קאפיטאל. און ווען עס ווערען רייף די נאציאנאלע קאנפליקטען אין די אימיגראציאנס־לענדער, פארשארפט זיך שטארק די נאציאנאלע קאנקורענץ, וועלכע רופט אויך דא ארויס אן אינטענסיווען און באוואוסטזיניגען באיקאט, און דער באיקאט דריקט זיך אויס אין ספעציעלע געזעצען צו באשרענקען די אימיגראציע. אי אין ענגלאנד, אי אין אמעריקא וואקסט אויס דער אנטיסעמיטיזם מיט אלע זיינע כאראקטעריסטישע רעאקציאנערע שטריכען און איינגענשאפטען. און עס איז נאטירליך: אזוי ווי דער אידישער קאפיטאל, געדרענגט פון דער נאציאנאלער קאנקורענץ, ווערט טאקע דורך דער קאנקורענץ דאס איינציגע געביט פאר דער אידישער ארבייט, קען די אנגעוואקסענע באדערפניש פון פראלעטאריזאציע קוואנטיטאטיוו ניט באפרידיגט ווערען.

און פון דער צווייטער זייט איז לייכט צו זעהן, אז דיזעלבע באדערפניש ווערט אויך קוואליטאטיוו ניט באפרידיגט. דאס איז דערפאר, ווייל דער אידישער קאפיטאל איז פארוועדט כמעט אויסשליסליך אין דער פראדוקציע פון געברויך־מיטלען, און דא איז די ארבייט מייסטענס א סעזאן־ארבייט, דא הערשט די מאנופעקטור מיט איהר הויכער עקספלואטאציע און נישטיג־קליינע ווערקשטאטען און עס פעהלט די מאשין־פראדוקציע, און דא ארבייט מען מייסטענס שטיק־ארבייט. די באזייטיגונג פון דער אידישער ארבייט פון דער גרויס־אינדוסטריע און פון דער מאשין איז אזוי ווייט פארשפרייט און ווארפט זיך אזוי שטארק אין די אויגען, אז ביי די קריסטליכע ארבייטער האט זיך אויסגעארבייט א מיינונג, אז די

ארבייט ביי דער מאשין איז זייער באזונדער רעכט און פריווילע־
גיע, און זיי לאזען ניט צו קיין אידען צו די מאשינען אפילו דע־
מאלט, ווען די מאשין דרינגט אריין אהין, וואו אידען ארבייטען.
דעם דאזיגען פאקט אונטערשטרייכען די צוזאמענשטויסען צווישען
די אידישע און קריסטליכע ארבייטער, וואס זיינען ניט לאנג צוריק
פארגעקומען אין ביאלאסטאק — איינער פון א גאנצער ריי ענלי־
כע פאסירונגען, וואס האבען געפונען אן אפקלאנג אין דער פרעסע.

פאר דער אידישער קליין־בורזשואזיע, וועלכע האלט ביים פאר־
ארימט ווערען, דריקט זיך די נאציאנאלע פראגע אויס אין זוכען
אזא מארק, וואו עס זאל זי ניט דערשטיקען יענע שוידערליכע איזא־
לאציע, וועלכע פארפאלגט זי אין אלע ווינקעלעך פון איהר עלענדען
עקאנאמישען אויף־מיר־לעבען. די נאציאנאלע פראגע איז א פראגע
פון לעבען און טויט. די פראגע הויבט ארויס די אידישע קליין־
בורזשואזיע פון די איינגעזעסענע ערטער און טרייבט זי איבער'ן
אקעאן. אבער אויך נאכדעם, ווי זי האט זיך גענומען צום וואנדער־
שטעקען, געפינט זי פון יענער זייט ים אויך ניט קיין גענוגענדע
באפרידיגונג פאר איהרע באדערפנישען. זי ווערט שנעל רואינירט,
פארזינקט אין ארימקייט, לאזט זיך ארויס אויפ'ן מארק צו פארקוי־
פען איהר ארבייטס־קראפט און ווערט א טייל פון די זיך־פראלע־
טאריזירענדע מאסען. אבער אויך דא יאגט זי אן די נאציאנאלע
קאנקורענץ און זי קען זיך צושלאגען נאר צו דער סאמע מיזערנער,
צו דער סאמע צוריקגעשטאנענער פראלעטאריזאציע אין די ניד־
ריגע געביטען פון דער פראדוקציע, אין דער פראדוק־
ציע פון געברויך־מיטלען; און אויך אין דער פראדוקציע זיינען
פאר איהר, א דאנק דערזעלבער נאציאנאלער קאנקורענץ, אפען,
ווידער טאקע, די נידריגע פראדוקציאנס־פארמען, די מאנופאק־
טור־פארמען, און דער צוטריט צו די מאשינען איז איהר
פארשפארט. ווערט געבארען דערפון א נאציאנאלער קאנפליקט
צווישען דער באדערפניש און אוממעגליכקייט. א פארצווייגענער

קאָנפליקט, אַ קאָנפליקט, וואָס פאַרשאַרפט זיך אַלץ מעהר, אַ דאַנק דעם וואוקס פון דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ — אַ קאָנפליקט צווישען דער באַדערפניש פון דער קליין־בורזשואַזיע און פון די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען אַנצואווענדען און אַנטוויקלען זייערע פּראָדוקטיווע כחות, און צווישען די איזאָלירענדע אויסערליכע באַדינגונגען פון זייער פּראָדוקציאָנס־לעבען. די נאַציאָנאַלע פראַגע נעמט ביי דער קליין־בורזשואַזיע אַן די פאָרם פון זוכען אַ נאַציאָנאַלען מארק און פון אַפּהיטען אַלץ, וואָס איז פאַרבונדען מיט אַ קליין־בורזשואַזען מארק: די שפּראַך, די נאַציאָנאַלע דערציהונג — בקיצור, די גייסטיגע קולטור; אין תוך איז דאָס אַן עמיגראַציאָנס־פראַגע. אין זיין ריינער פאָרם זעהט מען דעם עמיגראַציאָנס־אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביי די אידישע זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען, וועלכע האָבען ניט קיין טעריטאָריע, האָבען, הייסט עס, ניט קיין אייגענעם ארבייטס־פּלאַץ און זוכען איהם אויף דער גאַרער וועלט.

די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע אידישע מאַסען און טיילווייז אויך די קליין־בורזשואַזיע פיהלען ניט נאָר אַליין די אידישע פראַגע אין איהרע שאַרפסטע פאָרמען, נאָר זיי צוטראָגען זיך אויך איבער דער גאַנצער וועלט און שאַפען אַ אידען־פראַגע דאָרט, וואו זי האָט פריהער ניט עקזיסטירט. פון די עמיגראַציאָנס־לענדער בריינגען די אידישע מאַסען אַריבער די אידען־פראַגע אין די אימיגראַציאָנס־לענדער און זיי פאַרזעען די פראַגע אויך אין די טראַנסמיגראַציאָנס־לענדער, וואו עס בלייבען טיילען פון זיי, וועלכע קענען, צוליב דער אָדער יענער אורזאַך, ניט געהן ווייטער. די אידישע וואַנדערונג, אין איינעם מיט דער אינטענסיווער פּאַופּעריזאַציע און בכלל מיט דער דעגענעראַציע פון די ברייטע מאַסען פון דער אידישער קליין־בורזשואַזיע אי אין איהרע אַלטע וואוינונגס־ערטער, אי אין די נייע, שאַפט אַן אַלוועלטליכע אידען־פראַגע אי פאַר די אידען, אי פאַר דער ניט־אידישער געזעלשאַפט, פון וועלכער די אידען זיינען דאָך אַ

טייל, כאטש זיי זיינען ניט בכח זיך איינצוואָרצלען אין איהר. די דירעקטע רעזולטאטען פון דער אינטענסיווער איזאלאציע, די אידישע אנטארטונג און די אידישע וואנדערונגען ציהען אריין אין דער אידען־פראגע ניט נאר די גרויסע אידישע געלט־מיוחסים, נאר אויך די פאליטישע כחות פון די ציוויליזירטע־פעלקער. אזוי לאנג ווי עס עקזיסטירט בכלל א קליין־בורזשואזיע און אן ארבייטסלאזער לומפען־פראלעטאריאט — אט די פוילע איבערבלייבענישען פון דער פארגאנגענהייט, וואס האבען זיך ניט צוגעפאסט צו די מעכטיגע טענדענצען פון דער געגענווארט, אט־די פסיכיש און סאציאל דע־זארגאניזירטע עלעמענטען, וועלכע זיינען נאר פעהיג אומעטום אריינצוברייגען כאאס און פוילונג — אזוי לאנג עקזיסטירט א גראבער המון, וואס לעגט אויף אלץ ארויף זיין אייגענעם שטעמפעל פון כאאס און רעאקציע. דארט, וואו מען לאזט די דאזיגע געזעל־שאפטליכע שיכטען איבער אויף זייער אייגענעם באראט ; דארט, וואו זיי נעמען זיך אליין לעזען זייערע פראגען און פארטיידיגען זייערע אינטערעסען — דארט ברייגגען זיי אריין בלויז דעזארגא־ניזאציע אין דעם געזעלשאפטליכען און פאליטישען לעבען. די פארטגעשריטענע און הערשענדע געזעלשאפטליכע עלעמענטען מוזען תמיד זיין אויף דער וואך און וואכזאם היטען, אז די קליין־בירגער און די לומפען־פראלעטאריער זאלען ניט אנטאן קיין צרות. די דאזיגע אפשטארבענדע רודימענטען פון דער פארגאנגענהייט, די דאזיגע דעמאראליזירטע פראדוקטען פון דעם קאנפליקט צווישען דעם קאפיטאליזם און פעאדאליזם, ברייגגען אריין זייערע ספעצי־פישע מאנערען אויך אין דער לעזונג פון דער אידען־פראגע. פא־גראמען און אנדערע כאאטישע, פרימיטיווע פארמען פון רעאקציע — דאס איז זייער מעטאד צו לעזען די אידען־פראגע, א מעטאד, וואס דערגרייכט ניט דעם ציעל און פארגיפטעט נאר נאך מעהר דאס אידישע לעבען און רופט ארויס קרענקליכע ערשיינונגען אין דעם פאליטישען לעבען פון דער גאנצער ארומיגער געזעלשאפט. דער

גראבער המון, וועלכער איז ערצויגען אויף די ווידערשפרוכען פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט און אויף די ווידערשפרוכען צווישען איהר און צווישען די פריהעריגע, נאך ניט אין גאנצען אפּ־געשטארבענע פּראדוקציאנס־אופנים, איז דערזעלבער אומעטום: אין באקו און אין לאנדאן, אין קישינעוו און אין ניו יארק, אין ניו־ארלעאנס און אין בערלין, אין טאקיא און אין מעלבורן, אין סאן פראנציסקא און אין ווין. אומעטום איז זיין באליבטער מעטאד — פּאגראמירען און מארדען; ער מארדעט די אידען אין רוסלאנד און אין גאליציען, די ארמעניער אין קאווקאז, די נעגרען און כינע־זער אין די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. אט אויף דעם המון שטיצען זיך די פאליטישע שארלאטאנעס, ווי למשל נאפּא־לעאן דער דריטער, און אלע פינסטערע כחות פון די אפּשטארבענדע געזעלשאפטליכע פארמאציעס.

דיזעלבע שווארץ־מאה'דיגע ענערגיע פון דעם אלוועלטליכען גראבען המון, וועלכע דער אפּשטארבענדער רעזשים קולטיווירט אזוי שטארק, איז אין די דעמאקראטישע לענדער א שטענדיגע דראהונג פאר דער ארדנונג און רוה. אזוי לאנג ווי עס וועט אנגעהן אן אי־בערוואנדערונג פון דער קליין־בורזשואזיע און פון די זיך־פּראלע־טאריזירענדע עלעמענטען, און אזוי לאנג ווי עס קומט פאר א נא־ציאנאלע קאנקורענץ צווישען זיי און די אנטשפרעכענדע אידישע קלאסען — בקיצור, אזוי לאנג ווי עס האלט אן די קאפּיטאליסטישע ארדנונג, וועלען זיין אומפארמיידליך אזעלכע אנטי־געזעלשאפט־ליכע מעטאדען צו לעזען די אידען־פראגע, ווי עס ווענדען אן די פינסטערסטע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט, די קליין־בורזשואזיע און די לומפּען־פּראלעטאריער, וועמענס אנפירער אין די עקצעסען זיינען תמיד און וועלען תמיד זיין אייניגע פארטרעטער פון דער מיטעלער בורזשואזיע און פון דער שאוויניסטישער אינטעליגענץ. אבער די בורזשואז־דעמאקראטישע מלוכות קענען ניט דולדען אזעל־כע כאאטישע מיטלען צו לעזען וועלכע עס איז פראגען.

די דעמאָקראַטיזירונג פון דעם בורזשואזען שטאַאַט קען ניט באַזייטיגען, למשל, די פּאָגראָמען, אָבער די פּאָגראָמען ווערען אַלין אומבאַקוועמער פאַר דער אַרומיגער געזעלשאַפט גופא. עס קענען ניט דולדען די פּאָגראָמען די בורזשואזע רעגירונגען, וועלכע שעצען זעהר שטאַרק די רוה און די אָרדנונג אין די אינטערעסען פון דער אומגעשטערטער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַל, כאָטש זיי קענען זעהר ווייניג פאַרזיכערען די דאָזיגע רוה און אָרדנונג. די גאַסען־אומאָרדנונגען און סקאַנדאַלען זיינען ניט אין די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע. עס דולדעט אויך ניט די אומאָרדנונגען די פּראָלעטאַרישע אָפּאָזיציע, ווייל אומאָרדנונגען שטערען דעם נאָרמאַלען שטראָם פון דעם פּאָליטישען לעבען. מיט איין וואָרט, אין די דעמאָקראַטישע לענדער זיינען אי די הערשענדע בורזשואזיע, אי דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט גלייך פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז מען זאָל אויף א פרידליכען, פּלאַנמעסיגען, סיסטעמאַטישען אופן לעזען די פאַרשידענע געזעלשאַפטליכע פראַגען און צווישען זיי אויך די אידישע פראַגע. אָבער דער רעאַקציאָנערער געזעלשאַפטליכער אָפּפאַל, געבאָרען פון דעם קאַפּיטאַליזם, שטעלט אַלץ אַרויס די אידען־פראַגע און די נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל אין א כאָאָטישער פאָרם. דאָס, אינאיינעם מיט די דירעקטע פאָלגען פון דער אידישער אַנטאָרטונג און וואַנדערונג פאַרוואַנדעלט די אידישע פראַגע אויף פאַר די אַרומיגע פעלקערשאַפטען אין א פאַרצוויגענעם קאָנפליקט, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרשאַרפען, און כאָטש פאַר זיי דערגרייכט ער ניט אַזעלכע שרעקליכע פאָרמען ווי פאַר די אידען, פאָדערט ער אָבער פאַר׳עקשנ׳ט א לעזונג.

אָבער אין וועלכער ריכטונג דאַרף מען זוכען די לעזונג? יענע פאַקטאָרען פון קאָנפליקט, וואָס מאַכען איהם אונערטרעגליך און שטייסען איהם צו א לעזונג, האָבען ניט עקזיסטירט אַזוי לאַנג ווי די אידען־פראַגע האָט עקזיסטירט נאָר אין די פעאָדאַלע לענדער, וואו די אידען האָבען געלעבט פון לאַנג אָן. און די דאָזיגע פאַק־

טארען זיינען : די אלזייטיגע אידישע איזאלאציע, די אייגענאר־טיגע אידישע וואנדערונג און די אלץ וואקסענדע אלוועלטליכע פאר־אינטערעסירטקייט אין דער לעזונג פון דער אידען־פראגע. די אלע פאקטארען זיינען נייע און זיינען ענג פארבונדען מיט דער אנט־וויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט. אונטער די אומ־שטענדען איז אוממעגליך צו זוכען א לעזונג אין אסימילאציע, אויף וועלכער אזוי פיעל מענשען האפען נאך ביז איצט. עס איז פאל־שטענדיג ריכטיג די באהויפטונג, וואס קלינגט ווי א פאראדאקס. אז אין מיטעל־אלטער וואלטען די אויסזיכטען אויף אידישער אסי־מילאציע ניט געווען אזוי אוטאפיסטיש, ווי אין דער קאפיטאליסטי־שער ארדנונג. אין מיטעל־אלטער איז די אידישע איזאלאציע ניט געווען אזוי אלזייטיג, ווי אין די איצטיגע צייטען. עס האט אויך טיילווייז געווירקט דער אסימילירענדער פאקטאר: דערפילענדיג א פונקציע, וועלכע האט פארשנעלערט די אנטוויקלונג פון די פרא־דוקטיווע כחות פון דער געזעלשאפט, כאטש די פונקציע איז גע־ווען פרעמד דער סטרוקטור פון דער געזעלשאפט, זיינען די אידען ארויסגעשטויסען פון די פונדאמענטאלע ווירטשאפטליכע פראצע־סען דאך געשטאנען אויף א פעסטען עקאנאמישען באדען — די אידען זיינען געווען „ניצליך”, די גאנצע דעמאלדיגע וועלט איז גע־ווען זייער נאציאנאלער מארק. שפעטער, ווען ביי דער איינגעבארע־נער באפעלקערונג אין אנטשטאנען דער האנדעלס־קאפיטאליזם, פלעגט מען די אידען ארויסשטויסען און עס פלעגען פארקומען גירושים, אבער קיין מאל פלעגט עס ניט פארקומען אומעטום און איינצייטיג. ווען די קליין־בורזשואזע קאנקורענץ פרעגט ארויס־שטויסען די אידען פון איין לאנד, פלעגען זיי געהן אין אן אנדער לאנד, וואו זיי זיינען נאך געווען „ניצליך”, וואו זיי האבען, הייסט עס, נאך געקענט אונטערפאלען אונטער'ן דרוק פון דער דערלעזענדער נאציאנאלער קאנקורענץ. און אזוי, איבערגעהע־ענדיג פון דער ספערע פון דער פארניכטענדער קאנקורענץ אין דער

ספערע פון דער לעזענדער עקספלואטאציע, האבען די אידען געוואנדערט פון מערב־אייראפא נאך מזרח־אייראפא.

בלויז אין דער ערשטער עפאכע פון דעם ניי־געבארענעם מאשין־קאפיטאליזם האט אין אידישען לעבען כמעט אומבאשרענקט געהערשט דער אסימילירענדער פאקטאר. דאס איז געווען דעמאלט, ווען די עקאנאמישע רעוואלוציע האט צוטרייסעלט די ווענט פון דער געטא און האט ארויסגעפירט די אידען אויף'ן ברייטען פעלד פון פרייער קאנקורענץ. די עפאכע פון דעם ענדליכען קאמף צווישען דעם קאפיטאל און דעם פעאדאליזם, צווישען דער בורזשואזיע און דעם אבסאלוטיזם איז די גאלדענע עפאכע פון דער אידישער אסימילאציע. אבער נאכדעם ערשיינט יענער שרעקליכער קארעקטיוו אין דער פרייהייט פון דער פערזענליכער קאנקורענץ — די נאציאנאלע קאנקורענץ. און נאך א קורץ־דויערענדער הערשאפט, כאטש ניט אהן פאר'עקשנ'טען קאמף, טרעט דער אסימילירענדער פאקטאר שוין פאלשטענדיג אפ זיין פלאץ דעם איזאלירענדען פאקטאר, וועלבער מאכט אין גאנצען אוממעגליך די אידישע אסימילאציע. די אסימילאטארען, די אפענע און באהאלטענע, די אויסגעהאלטענע און קאמפראמיסליכע זיינען אלע אוטאפיסטען, ווייל אלע רעאלע כחות פון דער אידישער דינאמיק פירען אין א פונקט אנטקעגענגעזעצטער ריכטונג. אן אלזייטיגע פארשטארקטע נאציאנאלע קאנקורענץ אסימילירט ניט דאס אידענטום, נאר, פארקערט, נאציאנאליזירט עס. זי פאראייניגט אין איין איזאלירט־גאנצעם אלע צוזעעטע טיילען פון אידישען פאלק און קאנסאלידירט די אלוועלטליכע אידישע נאציאנאליטעט און די אלוועלטליכע אידישע פראגע. און פאראלעל מיט דער אנטוויקלונג פון די אינערליכע נאציאנאלע כחות רופט די אלזייטיגע, פארשטארקטע נאציאנאלע קאנקורענץ ארויס אן אלוועלטליכע פאראינטערעסירטקייט אין דער פלאנמעסיגער לעזונג פון דער אידען־פראגע.

די גרונד־אורזאך פון די דאזיגע פראצעסען איז די נאציאנאלע

קאנקורענץ און די פראצעסען ווערען געליטעט פון דער אידישער וואנדערונג. ווען מיר ווילען אויספארשען די טענדענצען פון דער וואנדערונג, ווילען מיר קענען האבען א קלארען באגריף וועגען די פערספעקטיווען פון דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער אידישער דינאמיק.

פאר־זיך גיט די עמיגראציע ניט קיין ענטפער אויף דער אידען־פראגע, ווייל זי לאזט דעם אידען א הילפלאזען אין א פרעמדען לאנד, צו וועמענס באדינגונגען ער איז ניט צוגעפאסט. דעריבער האט די אידישע וואנדערונג, ווי יעדע אנדערע נאציאנאלע וואנדערונג, סטיכיש אויסגעארבייט א ספעציעלע צופאסונג, וואס באשטעהט אין קאנצענטרירען די אימיגראציע. די דאזיגע קאנצענטראציע פארלייכטערט די אימיגראנטען דעם פראצעס פון צופאסען זיך צו די נייע באדינגונגען, אבער אין דערזעלבער צייט פארשנעלערט זי די געבורט פון דער נאציאנאלער קאנקורענץ אין די אימיגראציאנס־לענדער און פארשארפט זי. ווען די גרויסע צאהל אידישע אימיגראנטען, וואס האבען זיך קאנצענטרירט אין ניו יארק, פילאדעלפיא און שיקאגא, וואלטען זיך ניט צונויפגעדריקט אין די עטליכע אנגעזעהענע צענטרען, נאר וואלטען זיך באזעצט איבער'ן גאנצען לאנד, וואלט די געבורט פון דער נאציאנאלער קאנקורענץ געווען צווייפעלהאפט, דערפאר אבער וואלט אויך אוממעגליך געווען פאר די אידען זיך צו דערהאלטען אין לאנד. די אויסערליכע ווידערשפרוכען פון דער אידישער עמיגראציע — דער צוזאמענשטויס צווישען די אלטע געוועהנהייטען, וואס אידען האבען געבראכט פון זייערע פריהעריגע וואוין־ערטער, און צווישען די נייע לעבענס־באדינגונגען — רופען ארויס די נויטיגקייט פון קאנצענטראציע. אבער די קאנצענטראציע אנטהאלט א טאפעלטען אינערליכען ווידערשפרוך.

ערשטענס: די קאנצענטראציע האט דעם ציל צו פארלייכ־

טערען דאָס צופאַסען־זיך צו די פרעמדע באַדינגונגען, און זי ברענגט גאָר דערצו, אַז עס הויבט אָן צו ווירקען דער איזאָלירענדער פאַק־טאָר, וועלכער פאַראַליזירט די צופאַסונג. צווייטענס: אין דעם נייעם פאַטערלאַנד זוכען די עמיגראַנטען אַ צוטריט צו די העכערע פאַר־מען פון דעם פּראָדוקציאָנס־לעבען; ווען זיי קאָנצענטרירען זיך אָבער אין די שטעדט און ברייגנען מיט זיך די פריהעריגע עקאָנאָ־מישע געוועהנהייטען, וועלכע באַפעסטיגען זיך דורך דער קאָנ־צענטראַציע, פאַראורטיילען זיך די אידען דערמיט אַליין צו בלייבען ביי דיזעלבע לעצטע סטאַדיען פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס — אין דער מאַנופעקטור־פּראָדוקציע פון געברויך־מיטלען, אויף די נידריגסטע געביטען פון דער פּראָדוקציע. און עס בלייבט, ווי פריהער, אי קוואַנטיטאַטיוו, אי קוואַליטאַטיוו, אומ־באַפרידיגט די באַדערפעניש צו אַנטוויקלען די פּראָדוקטיווע כחות און די שטרעבונג צו פּראָלעטאַריזאַציע.

אָט די אַלע אינערליכע ווידערשפּרעכונגען פון דער אידישער עמיגראַציע און קאָנצענטראַציע מאַכען ניט־צופרידענשטעלענד די אַלע פריהעריגע מעטאָדען פון צופאַסונג און באַשרענקען זיי — זיי פאַרהאַלטען די קאָנצענטראַציע אין איינציגע ערטער און רופען אַרויס אַן עמיגראַציע און קאָנצענטראַציע אין נייע ערטער. די אי־נערליכע ווידערשפּרוכען פירען צו דער דעצענטראַליזאַציע פון דער קאָנצענטראַציע גופא. דאָס אידענטום קאָנצענטרירט זיך, אָבער ניט אין איין אָרט, נאָר אין פיל ערטער, קאָנצענטרירט זיך דאָ אין גרעסערע און דאָ אין קלענערע מאָסען. אָבער די קאָנצענטראַציע, וואָס האַלט זיך אין איין דעצענטראַליזירען, לעזט ניט די אידען־פראַגע, נאָר פאַרקערט, פאַרמערט זי: אַנשטאַט אין איין פונקט, וואַקסען די ווידערשפּרוכען אויס אין אַ סך פונקטען, און די אידען־פראַגע פאַרשאַרפט זיך נאָך מער, קאָנסאָלידירט זיך נאָך מער און נעמט אַלץ מער אָן אַן אַלוועלטליכען כאַראַקטער.

אין איינקלאַנג מיט די צוויי אינערליכע גרונד־ווידערשפּרוכען

פון דער אידישער קאָנצענטראַציע ווערען ביי דער עמיגרירענדער אידישער קליין־בורזשואזיע און זיך־פּראָלעטאַריזירענדער מאסע גע־באָרען צוויי באַדערפנישען.

דער ווידערשפּרוך צווישען דער באַדערפניש איבערצוגעהן צו די העכערע געביטען פון דער פּראָדוקציע, און צווישען דער אומ־מעגליכקייט דאָס צו דערגרייכען דורך קאָנצענטראַציע אין גרויס־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו די פּראָדוקציע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען און בכלל אַלע ערשטע סטאַדיען פון דעם ווירטשאַפטליכען פּראָצעס זיינען שוין פאַרנומען פון דער איינגעבאָרענער באַפעלקע־רונג און פון ניט־אידישע אימיגראַנטען — אָט דער ווידערשפּרוך רופט אַרויס די באַדערפניש פון אַ קאָנצענטרירטער וואַנדערונג נאָך אַזאַ לאַנד, וואו די אידען וואָלטען באַלד געקענט פאַרנעמען די ערשטע־סטאַדיען פון דעם ווירטשאַפטליכען פּראָצעס. אַנשטאַט צו געהן נאָך לענדער, וואָס זייער עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז צו הויך פאַר די אידישע אימיגראַנטען, קומט די נויטיגקייט איינצוואַנ־דערען אין אַזעלכע לענדער, וואו די שטופע פון עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג איז נידריגער פון דער אַנטוויקלונגס־שטופע פון דער אי־דישער פּראָדוקציע, אַזוי, אַז די אידען זאָלען באַלד פאַרנעמען אַ העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציע אין לאַנד, זיי זאָלען ניט בליי־בען ביים סאַמע ענד פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון לאַנד, ווי עס איז דער פאַל אין די אַלטע אידישע וואוינונגס־ערטער און אין די אימיגראַציאָנס־לענדער, נאָר זאָלען שטעהן אין פּראָנט פון דער אַנטוויקלונג. עס פאָדערט זיך, אַז די אידישע איבער־וואַנדערונג זאָל פאַרלירען דעם כאַראַקטער פון פּשוט'ער אימיגראַ־ציע און זאָל אָננעמען דעם כאַראַקטער פון קאָלאָניזאַציע.

דער ווידערשפּרוך, ווידער, צווישען דער שטרעבונג פון דער אימיגראַציע צו קאָנצענטראַציע און צווישען דער דעצענטראַליזאַציע פון דער קאָנצענטראַציע גופא רופט אַרויס די באַדערפניש סיסטע־מאַטיש און פּלאַנמעסיג צו ריכטען די גאַנצע אידישע אימיגראַציע

נאך א באשטימטען לאנד, אויף א באשטימטער טעריטאריע, וואו אידען זאלען זיך קענען פריי באזעצען.

מיט איין ווארט, עס ווערט געשאפען די באדערפניש טערי־טאריעל צו לעזען די אידישע פראגע.

טא וואס זיינען די כחות, וואס זאלען פון דער באדערפניש מאכען ניט א פשוט'ען סוביעקטיווען וואונש פון די אידישע מא־סען, נאר א מעכטיגען סאציאלען אינסטינקט, וואס שטרעבט זיך צו פארקערפערען אין לעבען? די פראגע איז דא ניט וועגען אוי־סערליכע גאראנטירענדע און מיטהעלפענדע כחות, נאר וועגען די אינוועניגסטע טענדענצען פון דער אידישער דינאמיק.

כדי די אידישע עמיגראציע זאל זיך אפווענדען פון די אויס־געטראטענע וועגען, וואס האבען געפירט צו די גרויס־קאפיטא־ליסטישע לענדער, און כדי זי זאל זיך פארוואנדלען אין א קאלא־ניזאציע פון אזעלכע לענדער, וואס האבען נאך ניט אנטוויקעלט קיין קאפיטאליסטישעווירטשאפט, איז ווייניג, אז אזא קאלאני־זאציע זאל זיין ניצליך פאר אידען; עס איז נויטיג, אז די פריהע־ריגע, געוועהנליכע עמיגראציע זאל ווערען אלץ שווערער, אלץ אומ־מעגליכער, און דאס קומט איצט פאר. צוליב דער נאציאנא־לער קאנקורענץ ווערט פאר די אידישע אימיגראנטען אלץ שווערער און שווערער ארייצוקומען אין די גרויס־קאפיטאליסטישע לענ־דער. עס ווערט אלץ גרעסער די נויטיגקייט צו עמיגרירען און עס ווערט אין דערזעלבער צייט אלץ אוממעגליכער צו עמיגרירען נאך די פריהריגע אימיגראציאנס־פונקטען. און עס ווערט געשאפען א דרינגענדע נויטווענדיגקייט צו געפינען נייע פונקטען. און די אימיגראציע נייגט זיך פאקטיש אלץ מעהר נאך האלב־אגריקול־טורעלע לענדער.

כדי די קאנצענטראציע אליין זאל זיך ניט דעצענטראליזי־רען, זיינען נויטיג צוזאמענהאלטענדע כחות, וואס זאלען אריינ־ברייגען פלאנמעסיגקייט אין די סטיכישע וואנדערונגס־פראצע־

סען. פון זיך אַליין וועט די אידישע אימיגראַציע אויך ווייטער זיך צוזעען און זיך צושפּרייטען. עס פאָדערט זיך אַ נייער, באַוואוסטזיניגער עלעמענט. עס פאָדערט זיך די אָרגאַניזירונג פון די אידישע עמיגרירענדע מאַסען. עס פאָדערט זיך אַ רעגולירונג פון דער אימיגראַציע.

דער פּאַסיווער מאַטעריאַל פון די סטיכישע פּראָצעסען — די אידישע קליין־בורזשואַזיע און די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען — זיינען ניט בכח צו ענדערען די באַדינגונגען פון זייערע איבערוואַנדערונגען און אריינבריינגען אין זיי דעם נייעם, רעוואָלוציאָניזירענדען מאָמענט פון אָרגאַניזאַציע. די גרויסע און מיטעלע אידישע בורזשואַזיע איז צוליב איהר לאַגע צו רעאַקציאָנער און איז צו ווייניג פאַראינטערעסירט אין דער לעזונג פון דער אידישער פראַגע, אַז זי זאָל זעלבסטשטענדיג נעמען אויף זיך די דאָזיגע אויפגאַבע און מיט אייגענע כחות נעמען ערנסטע שריט די פראַגע צו לעזען.

כדי אריינצובריינגען דעם רעוואָלוציאָנערען עלעמענט אין די סטיכישע פּראָצעסען פון דער אידישער וואַנדערונג, פאָדערט זיך דער אָנטייל פון דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַס, דעם טרעגער פון דער אַלמענשליכער צוקונפט. אריינבריינגען אָרגאַניזאַציע און פּלאַנמעסיגע רעגולירונג אין די פּראָצעסען פון דער זיך־קאָנצענטרירענדער אידישער אימיגראַציע און מעגליך מאַכען אַ אידישע קאָלאָניזאַציע אין האַלב־אַגריקולטורעלע לענדער — איז די אויפגאַבע פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט.

עמיגראַציע פון דער אידישער קליין־בורזשואַזיע און פון די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען, קאָנצענטראַציע פון די אידישע אימיגראַנטען און אָרגאַניזירטע רעגולירונג פון דער זיך־קאָנצענטרירענדער אימיגראַציע — דאָס איז די סכעמע פון דער אידישער דינאַמיק. די ערשטע צוויי מאָמענטען ווערען געשאַפען דורך די סטיכישע פּראָצעסען פון דער אידישער ווירקליכקייט און דער

לעצטער מאָמענט ווערט אריינגעבראכט פון דעם אָרגאַניזירטען אידישען פּראָלעטאַריאַט.

---

„דאָס אידישע פאָלק דאַרף האָבען א טעריטאָריע" — אָט דער פּשוט'ער און קלאָרער געדאַנק האָט פאַר דער לעצטער צייט זיך אָנגעהויבען ברייט פאַרשפּרייטען אין דער אידישער געזעלשאַפט. די אידישע גרויס-בורזשואַזיע דאַרף ניט די טעריטאָריע. די טעריטאָריע איז אָבער פאַר איהר ניצליך, ווייל זי וועט קענען וואָס ווייטער פאַרשטופּען פון זיך די אידישע פאָלקסמאַסען, וואָס זיינען איהר נמאס געוואָרען. די מיטעלע בורזשואַזיע דאַרף די טעריטאָריע, אלס א מאַרק, אלס אן „אייגענע" מלוכה, וואו זי וועט קענען געבען דעם טאָן, וועט קענען פירען די אמת'ע פּאָליטיק, וועט באַקומען מיניסטאָרען-פּאָרטפעלען און וואַרימע געהאַלטען; דערצו, וועלען דאָרט אלץ זיין אייגענע מענשען; דאָרט וועט ניט זיין קיין אַנטיסעמיטיזם און ניט קיין באָיקאָט. דאָרט וועט די אידישע מיטעלע בורזשואַזיע איינפירען אן אייגענע, „אמת-אידישע" קולטור און וועט באַפעסטיגען די נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקייט פון פאָלק ישראל, צום רוהם פון אידישען פאָלק און צו דער אייגענער מזל וברכה. און די טעריטאָריע איז נויטיג פאַר דער אידישער קליין-בורזשואַזיע, נויטיג ווי לופט, נויטיג צו פאַרלענגערען און באַפעסטיגען איהר עלענד לעבען, נויטיג אלס געזיכערטער אינערליכער מאַרק.

די מיטעלע בורזשואַזיע קען זעהר איינדרוקספול ריידען וועגען ציוניזם און א טעריטאָריע, קען מאַכען א טומעל ארום איהר ציוניזם, קען זיך שפּילען אין פּאָליטיק אויף קאָנפערענצען און קאָנגרעסען און קען זיך פאַרשאַפען אן אנגענעמען צייט-פאַרטרייב און אפילו שטאַרקע איבערלעבונגען אין דעם טשאַד פון קלינגענדע פראַזען און כלומר'שט-פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען. די קליין-בורזשואַזיע קען זיך אפילו ניט אָפּנאַרען — זי קען נאָר

חלום'ען וועגען אן אייגענער מלוכה. אבער די פאלשטענדיג רו־אינירטע מאסען, וואס זיינען ארייין אין די רייהען פון די זיך־פראָ־לעטאריזירענדע, קענען אפילו ניט חלום'ען. זיי בלאנדזשען סטי־כיש איבער'ן גאנצען ערד־קוגעל, זוכענדיג אן ארבייטס־פלאץ. זיי זיינען דער טויטער מאטעריאל פון דער אימיגראציע און זיינען ניט בכח אליין באוואוסטזיניג דורכצופירען וועלכע עס איז היס־טארישע טענדענצען.

צווישען די אלע שיכטען קען מען נאך עפעס ערוואַרטען פון דער מיטעלער בורזשואזיע. ביי איהר איז ביז א געוויסען גראד אנטוויקעלט די איניציאטיווע, אבער די באוועגענדע סטימולען זיי־נען ביי איהר צו שוואך. עס איז נויטיג, אז די קאנפליקטען זאלען ווערען זעהר שטארק און עס זאלען געבארען ווערען אייגענע נייע טענדענצען, אויב מען וויל אויף א מעהר אדער ווייניגער ברייטען מאסשטאב אויסנוצען איהר טעריטאריאליסטישע שטימונג.

די קאפיטאליסטישע ווירטשאפט האט איצטער שוין דער־גרייכט אזא שטופע פון אנטוויקלונג, אז אהן דעם אנטייל פון דעם פראלעטאריאט, און, דערצו, דעם ארגאניזירטען פראלעטאריאט, איז קיין רעוואלוציע ניט מעגליך. נאך די ערשטע רוסישע סאָ־ציאל־דעמאקראטען האבען געהאט דאס פאלשטענדיגע רעכט צו זאגען : רוסלאנד'ס באפרייאונג וועט קומען פון דער ארבייטער־באוועגונג, אדער זי וועט גאר ניט קומען. דאס זעלבע זאגען מיר וועגען דעם טעריטאריאליזם : די באפרייאונג פון אידישען פאלק וועט אדער פארווירקליכט ווערען דורך דער ארבייטער־באוועגונג, אדער זי וועט אין גאנצען ניט פארווירקליכט ווערען. אבער די ארבייטער־באוועגונג האט נאר איין וועג — דעם קלאסען־קאמף, און דער קלאסען־קאמף פירט נאר דעמאלט צו א בעסערער צוו־קונפט, ווען ער באקומט א פאליטישען כאראקטער. מעג זיך דער טעריטאריאליזם זיין דיי דרינגענדסטע באדערפניש פון דעם אידי־שען פאלק — ער וועט דאך בלייבען אן אוטאפיע, אויב דער אר־

גאָניזירטער רעוואָלוציאָנערער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט צושטעהן צו דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג און וועט איהם ניט פאַרווירקליכען אויף זיין אייגענעם אייגנאַרטיגען וועג — דורכ'ן קלאַסען־קאַמף.

דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם איז מעגליך נאָר דעמאָלט, ווען דער ציוניזם קען רעאַליזירט ווערען דורך קלאַסען־קאַמף, און דער ציוניזם איז מעגליך נאָר דאַמאָלט, ווען עס איז מעגליך דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם. אויב ווידער, דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין באַזונדערע וועגען צו פאַרווירקליכען דעם ציוניזם, איז אין אַזאַ פאַל דער ציוניזם אַ פּוסטער חלום.

## ג.

דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם איז אַ קאָמפּליצירטער פּראָדוקט פון אַ לאַנגער און פאַרפּלאָנטערטער געשיכטע פון דער געדאַנקען־אַנטוויקלונג פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט. ווען מיר באַזייטיגען אָבער אַלץ, וואָס איז צופעליג, צייטווייליג און לאָקאַל, אַלע וואַקלונגען, וואָס פאַרפּלאָנטערען אומפאַרמיידליך דעם גאַנג פון יעדען טיפען געזעלשאַפטליכען פּראָצעס, קענען מיר געפינען אין דער אַנטוויקלונג אַ געוויסע און זאָגאַר אויסערגעוועהנליך שטרענגע אויסגעהאַלטענקייט, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט'ן געזעץ פון עקאָנאָמיע פון קרעפטען.

ווי יעדע געזעלשאַפטליכע באַוועגונג, איז די עוואָלוציע פונ'ם אידישען פּראָלעטאַרישען געדאַנק אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרצווייגענעם קאָנפליקט צווישען דער באַדערפניש פון די ברייטע סאָציאַלע מאַסען און צווישען דער אוממעגליכקייט די באַדערפנישען צו באַפרידיגען.

די הויפּט כחות, וואָס רופען אַרויס דעם קאָנפליקט, ווירקען אין צוויי גרונד־ריכטונגען: דער אוממיטעלבאַרער **סאָציאַלער** קאָנפליקט צווישען דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט און דעם צושטאַנד פון די **גע־**

געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטני־שען, אונטער וועלכע ער לעבט; און דער אוממיטעלבארער נאַציאָנאַלער קאָנפליקט צווישען דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון דעם אידישען פּראָלעטאריאַט און צווישען דעם סכום פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, אונ־טער וועלכע ער אנטוויקעלט זיך. פאַר'ן אידישען פּראָלעטאריאַט שטעלען זיך אוועק אומגעהייערע גרויסע אויפגאַבען — די סאָציאַ־לע פּראָבלעם און די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, די פאַרניכטונג פון דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, וואָס שטערט דער אנטוויקלונג פון די פּראָ־דוקטיווע כחות פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, און די באַזייטי־גונג פון'ם נאַציאָנאַלען דרוק, וועלכער איז ניט קיין קלענערע שטע־רונג.

דער סאָציאַלער קאָנפליקט איז תמיד פיל קלאָרער און נעהנ־טער דעם פּראָלעטאריער, ווי דער נאַציאָנאַלער. אין אָנהויב פאַרקערפּערט זיך דער סאָציאַלער קאָנפליקט אין די פּערזענליכע באַציהונגען פון דעם ארבייטער צו זיין בעל־הבית, און די לאַגע, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט שאַפט, אַז דער ארבייטער איז פאַקטיש דער בעל הבית איבער דער באַוועגונג פון די פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען, גיט מיט איין מאָל דעם ארבייטער אַ וואָפע אין קאַמף. די באַשיינפּערליכע עקספּלואַטאַציע פונ'ם ארבייטער פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט די אוממיטעלבאַרע מעג־ליכקייט אוועקצולעגען די ארבייט און דורך דעם צו צווינגען דעם בעל־הבית נאָכצוגעבען, גיט אַ קלאָרען אויסזעהן דער עקאָנאָמי־שער זייט פון דעם סאָציאַלען קאָנפליקט. דעריבער נויטיגט זיך ניט דער ארבייטער אין אַ לאַנגער אנטוויקלונג פון דעם קאָנפליקט, כדי צו באַנעמען די דאָזיגע זייט זיינע. פיעל פאַרפּלאָנטערטער איז אָבער די פּאָליטישע זייט פון דעמזעלבען קאָנפליקט, און עס איז זי שווערער צו אנאַליזירען און באַגרייפען. דאָ געפינען זיך די ווירקענדע כחות פיעל ווייטער פונ'ם ארבייטער און דער צוזאַ־

מענשטוים מיט זיי קומט פאַר בלויז אויף אַ פאַרהעלטניסמעסיג הויכער אנטוויקלונגס־שטופע פון דעם עקאָנאָמישען קאַמף.

אויפ'ן גרונד פונ'ם געזעץ פון עקאָנאָמיע פון כחות, פון דעם דאָזיגען גרויסען פּרינציפּ פון דער אָרגאַנישער און סאָציאַלער מע־כאַניק, פון דער דאָזיגער דירעקטער פאָלגע פון דעם נאָך מעהר אַלגעמיינעם פּרינציפּ — רעזערווירונג פון ענערגיע — שטרעבט יעדער קאָנפליקט צווישען באַדערפניש און אוממעגליכקייט פריי־הער פאַר אַלעמען צו געפינען אַ לעזונג אין יענע באַדינגונגען, אונטער וועלכע די באַדערפניש איז אויסגעוואַקסען, און בלויז שטופענוויז ווערט רייף די נויטווענדיגקייט צו ענדערען די באַ־דינגונגען גופא ; דערביי טראָגט זיך בּיסלעכוויז איבער דער שווער־פּונקט פון דעם קאָנפליקט אין נייערע, אַלץ ווייטערע סכומים פון באַדינגונגען. אויפ'ן גרונד פון דעם דאָזיגען אַלגע־מיינעם געזעץ שטרעבט אין אָנהויב דער פּראָלעטאַריאַט צו באַ־פרייאונג אין דעם עקאָנאָמישען קאַמף און ערשט שפּעטער באַ־קומט זיין קאַמף אַ פּאָליטישען כאַראַקטער. דער אידישער פּראָ־לעטאַריאַט איז זעהר שנעל דורכגעגאַנגען ביידע הויפּט אנטוויק־לונגס־סטאַדיען פון דעם סאָציאַלען קאָנפליקט : דער עקאָנאָמי־שער קאַמף האָט אויסערגעווענליך לייכט, אַ דאַנק די ספּעציעל שווערע באַדינגונגען פון רוסישען רעזשים, זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פּאָליטישען קאַמף.

דער נאַציאָנאַלער קאָנפליקט איז שטענדיג אומפאַרגלייכליך קאָמפּליצירטער, ווי דער סאָציאַלער. דאָ שפּיעלען ניט אַזאַ אָנ־געזעהענע ראָלע די פּערזענליכע באַציהונגען פונ'ם אונטערדריקער צום אונטערדריקטען : אינאיינעם מיט'ן פּערזענליכען כאַראַקטער פון די נאַציאָנאַלע צוזאַמענשטויסען, טרעט אויפ'ן ערשטען בליק קלאָר אַרויס דער אומפּערזענליכער כאַראַקטער פון דעם נאַציאָנאַלען דרוק. דער אומפּערזענליכער, סטיכישער כאַראַקטער פון דער קלאַסען־עקספּלואַטאַציע צייגט זיך אַרויס

ערשט אויף א גענוג ווייטער שטופע פון אנטוויקלונג פון געדאנק, אבער די נאציאנאלע אונטערדריקונג ווייזט אויפ'ן ערשטען בליק ארויס איהרע מאסאווע, איבער־אינדיווידועלע שטריכען. דער אונטערדריקטער איד האט ניט פאר זיך יענעם אינדיווידועלען גוי, אויף וועלכען עס פאלט די שולד פאר זיינע ליידען; ניין, עס איז קלאר, אז איהם דערשטיקט א גאנצע סאציאלע גרופע און זיך פאנאנדערקלייבען אין זיינע געזעלשאפטליכע באציהונגען צו דער דאזיגער גרופע איז דער איד די ערשטע צייט גאר ניט בכח: עס פאדערט זיך, אז דער נאציאנאלער קאנפליקט זאל זיך באדייטענד אנטוויקלען, מען זאל ענדליך פארלירען אויף זיין אנאליז אזוי פיל ענערגיע, וויפיל עס איז גענוג, כדי ריכטיג אוועקצושטעלען די פראגע. דערצו גיבען ניט די געגענזייטיגע נאציאנאלע באציהונגען קיין דירעקטע קאמפס־וואפען דער אונטערדריקטער גרופע.

אפילו דער פארטגעשריטענער געדאנק פון דער איצטיגער צייט האט ביז איצט נאך ניט אויסגעארבייט קיין קלארען, באשטימטען שטאנדפונקט אויף דער נאציאנאלער פראגע, בעת די סאציאלע פראגע איז באארבייט געווארען טיעף און גרינדליך. מיט פולען רעכט קען מען זאגען, אז די נאציאנאלע פראגע ווארט ערשט אויף איהר אויסטייטשער, און אז איצט איז די פראגע נאך פונקט אזוי טונקעל ווי מיט עטליכע יארצענדלינגע צוריק.

דעריבער זיינען פאר דעם פראלעטאריאט די אנטוויקלונגס־סטאדיען פון די נאציאנאלע קאנפליקטען פיל צאלרייכער ווי פון די סאציאלע קאנפליקטען. און דא בלייבט אין פולער קראפט דאס געזעץ פון עקאנאמיע פון כחות, און דער אידישער פראלעטאריאט, לעזענדיג זיין נאציאנאלע פראבלעם, האט פריי־ער פאר אלעמען געשטרעבט זי צו לעזען אין דיזעלבע באדינגונגען, אונטער וועלכע זי איז געבארען געווארען, און בלויז שטופעוויז איז ער געקומען צום דער באמת רעוואלוציאנערער לעזונג

— צו דער נויטווענדיגקייט ראדיקאַל צו ענדערען די באדינגונגען גופא פון זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

די ערשטע, עלעמענטארע צופּאַסונגען זיינען אין דעם גאַנג פון אַנטוויקלונג פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג און זיי ווערען אומגעביטען אויף מעהר קאָמפּליצירטע, מעהר פּלאַסטישע, אַזוי צו זאָגען; די צוקונפט באַלאַנגט ניט צו די פּשוט'סטע פאָר־מען פון רעאַגירען אויף פאַרצוויגענע קאָנפליקטען. אָבער דערוויל, אַזוי לאַנג ווי די קאָמפּליצירטע און קאָאָרדינירטע פאָרמען פון רעאַגירען געבען זיך שווער איין, באַקומען די פּשוט'ע און צו־ריקגעשטאַנענע צופּאַסונגען אַ פיעל גרעסערע פאַרשפּרייטונג אין דער פאַראינטערעסירטער גרופּע, ווי די מעהר אַנטוויקעלטע. די צוקונפט באַלאַנגט צו די קאָמפּליצירטע צופּאַסונגען : אין דער געגענוואַרט אָבער זעהן אויס צו זיין זיגרייך די פּרימיטיווערע.

אין פאַרבינדונג מיט די דערקלערטע אונטערשידען צווישען דעם סאָציאַלען און נאַציאָנאַלען קאָנפליקט מערקט זיך אָפט אַזאַ געגענזייטע באַציהונג, ווען איין און דיזעלבע פּראָלעטארישע פּראָ־גראַם פאַרמאָגט שטריכען פון אַ זעהר הויכער און אַנטוויקעלטער צופּאַסונג צום סאָציאַלען קאָנפליקט און אין דערזעלבער צייט איז זי זעהר פּשוט און צוריקגעשטאַנען אין איהר רעאַגירען אויף דעם נאַציאָנאַלען דרוק. בעת זי איז פאָלשטענדיג פּראָגרעסיוו אין אויפפּאַסען די קלאַסען־אויפגאַבען און די פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטנישען, קען דיזעלבע פּראָגראַם זיין הינטער־שטעליג אין אַנטוויקלונג און אָפט אפילו עקסטרעם־רעאַקציאָנער אין איהר אויפפּאַסען די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און די באַדינ־גונגען פון דעם פּראָדוקציאָנס־לעבען. ווען מען פאַרגלייכט פון דעם שטאַנדפּונקט די פּראָגראַמען פון פאַרשידענע אידישע פּראָלעטארישע פּאַרטייען און מען שליסט אויס אַזעלכע, ווי למשל, די אַלט־מינסקער פּועלי ציון, וועלכע האָבען לחלוטין קיין געמיינשאַפטליכעס ניט מיט דער אייגענטליך פּראָלעטארישער אי־

דעאָלאָגיע, איבערצייגען מיר זיך, אז אלע — די פראָגראַם פון בונד, פון די ס. ס. און פועלי ציון — זיינען גלייך פראָגרעסיוו אין אלץ, וואָס האָט א שייכות צו די פראָדוקציאָנס־באַציהונגען, האָבען די־זעלבע באמת פראָלעטאַרישע פאַרשטענדנים פאַר דעם קלאַסען־קאַמף און פאַר דער סאָציאלער פראַגע; דערפאַר אָבער זיינען זיי ניט גלייך פראָגרעסיוו אין זייער באַנעמען די נאַציאָנאלע פראַגע. בעת די נאַציאָנאלע פראָגראַם פון די פועלי ציון איז פאָלשטענדיג פראָגרעסיוו און ריין פראָלעטאַריש, צייגט די נאַ־ציאָנאלע פראָגראַם פון די ס. ס. ארוים אלע סמנים פון ניט־גע־ניגע;דער אנטוויקלונג און די נאַציאָנאלע פראָגראַם פון בונד איז לויט איהר געבוי שוין פשוט רעאַקציאָנער און עכט פרימיטיוו. און דאָס, וואָס די ברייטע מאַסען פון אידישען פראָלעטאַריאַט געהן נאָך דעם בונד, שטרייכט נאָך אמאָל אונטער דעם פאַקט, אז עס זיינען נאָך ניט אין גאַנצען רייף געוואָרען די נאַציאָנאלע קאָנ־פליקטען, אין וועלכע דער אידישער פראָלעטאַריאַט ווערט ארייג־געצויגען, און אז נאָך ביז איצט זיינען ברייט פאַרשפּרייט אין די מאַסען די פרימיטיווערע צופאַסונגען.

די צוקונפט געהערט צו דער פראָגרעסיווער פראָגראַם. די צויקגעשטאַנענע פראָגראַמען זיינען אין דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון די נאַציאָנאלע קאָנפליקטען פאַראורטיילט צום טויט, ווי בלי־הענד עס זאָלען זיך ניט אויסוויזען אין דעם איצטיגען מאָמענט די פאַרטייען, וואָס שטיצען זיי.

אויב א פראָגראַם פון וועלכער עס איז פראָלעטאַרישער פּאַר־טיי האָט ערפאָלג אין ברייטע קרייזען פונ׳ם פראָלעטאַריאַט, איז דאָס נאָך לחלוטין ניט קיין באַוויז, אז די פראָגראַם דריקט אוים די אמת׳ע פראָגרעסיווע אידעאָלאָגיע פון דעם פראָלעטאַרישען קלאַס, אלס אזעלכען.

דער היסטאָרישער באַרוף פון דעם פראָלעטאַרישען קלאַס איז פאָלשטענדיג באַשטימט און פאַרמאָגט א קלאָרען אייגענאַרטיגען

קלאַסען־כאַראַקטער. אָבער די אַרבייטער, וועלכע שטעלען צו־נויף, אַלע אינאיינעם, דעם דאָזיגען קלאַס, זיינען ניט אַלע פון איין מין און ווייזען אָפּט אַרויס גרינדליכע אָפּנייגונגען פון דעם שטרענג פּראָלעטאַרישען טיפּ. אין דער ערשטער צייט פון זייער סאָציאַלען אַרויסטריט באַפרייען זיך נאָך ניט די אַרבייטער פון פיעלע רעאַקציאָנערע איבערבלייבענישען פון יענע צייטען, ווען זיי זיינען, אַלס איינצעלנע, געווען אַ טייל פון אַנדערע, צוריקגעשטאַ־נענע געזעלשאַפטליכע קלאַסען. דער פּראָלעטאַריער, וואָס שאַפט איצט דאָס געזעלשאַפטליכע פאַרמעגען און קעמפט געגען דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, האָט פריהער באַלאַנגט צו דער קליין־בורזשואזיע, איז אַליין געווען אַ קליינער אייגענטימער און ווען ער איז שוין רואינירט געוואָרען און איז געוואָרען „פריי פון איי־גענטום“, האָט ער פאַר אַ געוויסער צייט, ביז ער איז איבערגע־גאַנגען אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט, זיך געפונען אין דעם צווישען־שיכט, וואָס טראָגט דעם נאָמען : זיך־פּראָלעטאַריזי־רענדע מאַסען.

אויף אַזאַ אופן בלייבען די ערשטע צייט אין דעם אַרביי־טער'ס פּסיכאָלאָגיע שיכטען פון דער קליין־בורזשואזער אידעאָ־לאָגיע און אויך פון דער אידעאָלאָגיע פון די זיך־פּראָלעטאַריזי־רענדע מאַסען, וואָס זוכען אַרבייט, וואָס נויטיגען זיך פריהער פאַר אַלעמען אין אַרבייט, און ערשט ביסלעכווייז, מיט דער אַנט־וויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע קאָנפליקטען, זאַמעלט זיך אָן די פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע, די אידעאָלאָגיע פון קלאַ־סען־קאַמף און קאָלעקטיוויזם, און די דאָזיגע פּראָגרעסיווע אידעאָלאָגיע באַזיגט מיט גרויס מיה און טרייבט אַרויס די פריהריגע רעאַקציאָנערע איבערבלייבענישען. נאָר אויף אַזאַ אופן ערקלערט זיך דאָס, וואָס אין די ברייטע אַרבייטער־מאַסען האָבען ניט זעלטען אַ גרויסען, כאָטש צייטווייליגען ערפאָלג אַזעל־כע אין תוך אַנטי־פּראָלעטאַרישע און רעאַקציאָנערע שטרעמונגען,

ווי דער קריסטליכער סאָציאַליזם, דער אַנאַרכיזם, אָדער גאָר די שוואַרצע מאה.

און דאָ טרעטען ווידער פאַר אונז אַרויס די רעזולטאַטען פון דעם גרינדליכען אונטערשיד צווישען דער פאַרהעלטניסמעסיגער איינפאַכקייט פון דעם סאָציאַלען קאָנפליקט און דעם נאַציאָנאַלען קאָנפליקט. מיט פולען רעכט זאָגט מען ניט זעלטען, אַז די אָדער יענע פּראָפּאַגאַנדע, די אָדער יענע אַגיטאַציע פאַרטונקעלט דאָס פּראָלעטאַרישע זעלבסט־באַוואוסטזיין. די פאַרטונקלונג איז מעגליך אַ דאַנק דער פריהער אַנגעוויזענער פאַרשידענאַרטיגקייט פון דעם אַרבייטער'ס פּסיכאָלאָגיע, אַ דאַנק די איבערבלייבענישען פון פריהריגע קלאַסען־צושטאַנדען. און אַם אָפּטסטען קומט די פאַרטונקלונג פון דעם פּראָלעטאַרישען באַוואוסטזיין פאַר אויף'ן באָדען פון נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען, וועלכע עס איז בכלל שווער קלאָר צו אַנאַליזירען. אמת, עס טרעפט, אַז אויך סאָציאַלע פּראָפּאַגאַנדע פאַרשטיקט דאָס קלאַסען־באַוואוסטזיין, ווי למשל, די אַנאַרכיסטישע דעמאַגאָגיע. אָבער די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַ גרעסערען ערפאָלג צווישען די אַרבייטסלאָזע און צווישען די אָפּגעזונדערטע אַרבייטער מיט אַ זעהר הויכער אינדיווידועלער קוואַליפיקאַציע פון אַרבייט. צווישען די מאַסאַווע אַרבייטער פון די גרויס־אינדוסטריען שטויסט זיך די אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע אָן אָן דעם ווידערשטאַנד פון דעם קלאַסען־־באַוואוסטזיין, וואָס פאַרמירט זיך סטיכיש אונטער'ן דרוק פון די פאַרצוויגענע סאָציאַלע קאָנפליקטען. די נאַציאָנאַליסטישע דעמאַגאָגיע, ווידער, האָט געוועהנליך אַ גרעסערען און זיכערען ערפאָלג צווישען די אמת'ע אַרבייטער, ביי וועלכער עס קולטיווירט זיך גאַנץ גרינג דער פאַרביסענסטער נאַציאָנאַלער האַס, איינאיינעם מיט'ן האַס צום עקספּלואַטאַטאָר און מיט גאַנץ טונקעלע באַגריפען וועגען סאָציאַליזם.

נאָך אַלעם דעם, וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרען, ווער

אונז ניט וואונדערען, אויב מיר וועלען זיך ווייטער איבערציייגען, אז אין דער פּראָגראַם פון איין און דערזעלבער פּראָלעטאַרישער אידישער פּאַרטיי געפינען מיר איינצייטיג אי פּאָלשטענדיג פּראָגרעסיווע פּראָלעטאַרישע עלעמענטען אין זייער סאָציאַלען טייל, אי אויסערגעוועהנליך רעאַקציאָנערע, קליין־בירגערליכע — אין זייער נאַציאָנאַלען טייל. און דאָס וועט אונז נאָך ווייניגער איבערראַשען, ווען מיר וועלען זיך דערמאָנען, אז ס'א האַנדעלט עס זיך ווענען דער אידישער פראגע, וועגען דער פאַרפּלאָנטערטסטער פראגע אין דער גאַנצער וועלט. די ריכטיגע לעזונג פון דער פראגע, וועלכע זאָל ענטהאַלטען א פּאָלשטענדיגע צופּאַסונג צו די רעאַלע טענדענצען פון די פאַרצוויגענע קאָנפליקטען, וואָס שאַפען די פראגע, וואָלט געפאָדערט א צו גרויסע פאַרוועגדונג פון ענערגיע. דאַריבער זיי־נען ביי די אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען די אָנפאַנגס־פּאָר־מען פון רעאַגירען אויף זייער נאַציאָנאַלען קאָנפליקט עכסט פּרי־מיטיוו און רעאַקציאָנער און באַגרינדען זיך ניט אויף די פּאָרט־געשריטענע, ריין פּראָלעטאַרישע עלעמענטען פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם אידישען ארבייטער, נאָר אויף די אָפּגעשטאַנענע אָנהויבונ־גען, אָדער קליין־בורזשואזע, אָדער אַזעלכע, וואָס באַלאַנגען צו דער איבערגאַנגס־שטופּע און זיינען נאָך ניט קיין פּאָלשטענדיג פּראָ־לעטאַרישע.

צום אַלעם ערשטען, אַלזאָ : אין וואָס באַשטעהט פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם בכלל ? ווי איז פאַר איהם מעגליך דער דויערענדער קאָנפליקט צווישען דער אַנט־וויקלונג פון זיינע פּראָדוקטיווע כחות און צווישען די פּראָדוק־ציאָנס־באַדינגונגען פון יענער נאַציאָנאַלער גרופּע, צו וועלכער ער באַלאַנגט ?

דעם פּראָלעטאַריאַט דאַרף מען תמיד באַטראַכטען פון צוויי זייטען. ערשטענס, שטעלט ער מיט זיך פאָר א סכום אַרבייטער, וועלכע פּראָדוצירען דאָס געזעלשאַפטליכע רייכטום ; צווייטענס,

איז ער א קלאַס, וואָס פיהרט זיין אייגענע פּאָליטיק און זיין איי־
גענעם קאמף מיט אנדערע קלאסען. דער ארבייטער, אלס ארביי־
טער, איז פאראינטערעסירט נאָר אין דעם, עס זאָל געהעכערט
ווערען דער ארבייטס־לוין און עס זאָלען פארבעסערט ווערען די
ארבייטס־באדינגונגען; פאר דעם צוועק איז פאר איהם פריהער
פאר אלץ נויטיג זיך צו פארזיכערען מיט'ן ארבייטס־פּלאץ. פאר
דעם פּלאץ קאָנקורירט ער מיט אנדערע מענשען, וועלכע זוכען
באשעפטיגונג פאר זייערע הענט. אויף וויפיעל עס קומט איהם
אוים צו קאָנקורירען פאר'ן ארבייטס פּלאץ, אויף אזוי פיעל האָט
ער זיך נאָך ניט אָפּגעזונדערט פון די זיך־פּראָלעטאריזירענדע
מאסען, צו וועלכע ער האָט פריהער באלאנגט, און האָט נאָך ניט
באקומען קיין פּראָלעטארישע קלאסען־פיזיאָגנאָמיע. די דאָזיגע
פיזיאָגנאָמיע באקומט ער ערשט דעמאָלט, ווען ער פארזיכערט זיין
ארבייטס־פּלאץ געגען אנדערע און הויבט אָן א קאמף מיט'ן קאַ־
פּיטאל פאר דער פארבעסערונג פון זיין ארבייטס־פּלאץ. פון דעם
מאָמענט אָן ווערט דער ארבייטס־פּלאץ א סטראטעגישע באזע,
אנשטאט דעם וואָס פריהער האָט מען פאר איהם קאָנקורירט און
מען האָט פאר איהם געפירט א פארצווייפעלטע מלחמה מיט'ן
אייגענעם ברודער־פּראָלעטאריער; אויף דער סצענע טרעט ארוים
די פּראָלעטארישע סאָלידאריטעט. מען קען ניט זאָגען, אז די סאָ־
לידאריטעט איז פאָלשטענדיג גאראנטירט געגען קאָנקורענץ. פאר־
קערט, די געפאר צו פארלירען די ארבייט לויערט שטענדיג אויפ'ן
ארבייטער און צווינגט איהם ניט זעלטען אויפס־ניי אָנצוגורטען
זיינע לענדען געגען זיינע ברידער, אויפס־ניי צו קאָנקורירען מיט
זיי. ווידער ערשיינט פאר אונז דער ארבייטער אלס פּאָטענציעלער
מיטגליעד פון דער רעזערוו־ארמעע, ווידער שווימען ארוים זיינע
אינטערעסען, וואָס טרייבען איהם צו פארכאפּען און אָנצוהאלטען
דעם ארבייטס־פּלאץ — די אינטערעסען פון'ם פריהעריגען צו־
שטאנד, אין דעם איבערגאנג־פּראָצעס פון פּראָלעטאריזאציע. און

אַט אזוי, אין זיגזאגען, אַפּט פאלענדיג אויף'ן וועג און אָפט אָפּ־שטעלענדיג זיך אויף'ן וועג קומט דער פּראָלעטארישער גייסט בלויז שטופּענווייז ארויס א גערייניגטער פון דעם גיהנום פון ליידען אין דעם גרויזאמען קאמף פאר ארבייט און ברויט. שווער פּאָרמירט זיך דאָס קלאָסען־באַוואוסטזיין.

דער ארבייטער, אלס אזעלכער, דער ארבייטער, וואָס איז נאָך געשמידט דורך זיין נויט צום ארבייטס־פּלאַץ און האָט זיך נאָך ניט דערהויבען דערצו, ער זאָל דעם פּלאַץ נוצען פאר א סטראטעגי־שער באַזע, קען ניט פירען וועלכע עס איז פּאָליטיק און שפּילט ניט קיין היסטאָרישע ראָלע. מיט איהם קומט סטיכיש פאָר זעהר וויכטיגעס און אנטשיידענעס, אָבער ניט ער שמידט זיין אייגענעם גורל. און ווען מען רעדט פון'ם פּראָלעטאריאט ווי פון א קלאַס, שליסען זיינע אינטערעסען אוים דעם קאמף צווישען די ארביי־טער פאר'ן ארבייטס־פּלאַץ און שליסען איין אן אומצושטערבא־רע קלאַסען־סאָלידאריטעט און דעם קאמף געגען דער הערשאפט פון קאפּיטאל. דעם ארבייטער'ס אינטערעסען פאלען זיך צונויף מיט די אינטערעסען פון דעם ארבייטס־פּלאַץ נאָר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל דער ארבייטער האָט זיך נאָך ניט אין גאנצען אָפּ־געריסען פון די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען, אין וועמענס ריי־הען ער האָט זיך פריהער געפונען און אין וועמענס רייהען ער קען נאָכאמאָל אריינפאלען. די אינטערעסען, ווידער, פון'ם פּראָלעטא־ריאט — און פּראָלעטאריאט מיינט א קלאַס, אלס באזונדערע סאָ־ציאַלע קראפט — האָבען א שייכות נאָר מיט זיין סטראטעגישער באַזע, נאָר מיט יענע סכום באדינגונגען, אין וועלכע ער פירט אָן זיין קאמף. די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען צווינגט זיי זיך צו זאָרגען וועגען דעם ארבייטס־פּלאַץ; די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פון'ם פּראָלעטאריאט פּאָדערט א נאָרמאלע סטראטעגישע באזע פאר א פרייען און ערפּאָלגרייכען קלאסען־קאמף. די אינטערעסען

פון דער סטראטעגישער באזע זיינען ניט ווענינער מאטעריאליס־טיש און ניט מער אידעאליסטיש ווי די אינטערעסען פון׳ם אר־בייטס־פלאץ, אבער די ערשטע זיינען אינטערעסען פון א גאנצען סאציאלען שיכט און, דערצו, פראגרעסיווע אינטערעסען פון א פראגרעסיווען שיכט, און די צווייטע זיינען אינטערעסען פון אינ־דיווידוען, אין בעסטען פאל — גרופען־אינטערעסען. אויף׳ן בא־דען פון די ארבייטס־פלאץ־אינטערעסען ווערט געבארען ביי די ארבייטער ניט נאר א פערזענליכע, נאר אויך א נאציאנאלע קאנ־קורענץ. די אנטוויקלונג פון דער סטראטעגישער באזע באזייטיגט אי די פערזענליכע, אי די נאציאנאלע קאנקורענץ. אהן ארבייט איז אבער אוממעגליך צו פירען א קאמף און אזוי לאנג ווי וועלכע עס איז גרופע ארבייטער איז ניט פריי פון נאציאנאלער קאנקור־רענץ, איז אוממעגליך ערפאלגרייך אנצופירען דעם קלאסען־קאמף, אזוי לאנג ליידט די סטראטעגישע באזע פון דער דאזיגער גרופע.

אויף אזא אופן איז דער פראלעטאריאט, אלס קלאס, זעהר ווייט פון דער נאציאנאלער קאנקורענץ, אבער די קאנקורענץ קען זיך אינדירעקט שטארק אפרופען אויף זיינע אינטערעסען. בעת ביי דער קליין־בורזשואזיע און ביי די זיך־פראלעטאריזירענדע מאסען, פון וועלכע דער פראלעטאריאט איז ארויסגעקומען, גיסען זיך די נאציאנאלע קאנפליקטען קאנקרעט אויס אין דער פארם פון א נאציאנאלען ק א מ ף , נעמען זיי ביים פראלעטאריאט אן די ריינע פארם פון א נאציאנאלער פ ר א ג ע , אהן וועלכע עס איז שטרייטיגקייטען. אבער די נאציאנאלע פראגע עקזיסטירט דאך פאר׳ן פראלעטאריאט ניט ווענינער ווי פאר די אנדערע קלא־סען פון דער נאציע. אויב די אנטוויקלונג פון זיינע פראדוקטיווע כחות, דאס הייסט, פון זיין קלאסען־קאמף ווערט געשטערט פון די אומנארמאלע באדינגונגען פון זיין סטראטעגישער באזע, דאן אנטשטעהט פאר איהם די נאציאנאלע פראבלעם און עס וואקסט

אוים דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסט־באוואוסטזיין. ביי די אָפּגעשלאָ־סענע קלאַסען, וואָס האָבען אָנגעהאַלטען א קאַסטען־כאַראַקטער, איז דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסט־באוואוסטזיין אָפּגעטיילט פון'ם קלאַסען־באוואוסטזיין און ביידע פונקציאָנירען אומאָפּהענגיג איינס פון צווייטען. די דאָזיגע ערשיינונג קען מען, למשל, באָאָב־אַכטען ביי די פעאָדאַלע אגראַריער, וואָס זיינען פאַרבליבען נאָך ביז היינטיגער צייט אין איניגע מער צוריקגעשטאַנענע לענדער זיי זיינען — רוסען, „עכטע רוסען" און זיי זיינען אדעליגע. דאָס זיינען ביי זיי צוויי באַזונדערע זאַכען. אַלס רוסען, „זאָרגען" זיי וועגען גאַנצען פאָלק; אַלס אדעליגע, זיינען זיי גרייט צו אונ־טערדריקען דאָס גאַנצע פאָלק. ביי דער מיטעלער און קליין־בור־זשואזיע און ביי די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען פעלט בכלל דאָס קלאַסען־באוואוסטזיין; עס פאַרשווינדט אין דעם נאַציאָ־נאַלען באוואוסטזיין. דאָס קלאַסען־באוואוסטזיין איז ביי זיי אין חרם. עס איז ביי זיי אָ געפאַר פאַר דער „נאַציאָנאַלער איינהייט".
די דאָזיגע אַלע קלאַסען זיינען נ א צ י אָ נ א ל י ס ט י ש. נאָר ביים פּראָלעטאַריאַט איז די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פאַרבונדען מיט דער־זעלבער סטראַטעגישער באַזע, מיט דיזעלבע באַדערפנישען פון קלאַ־סען־קאַמף, אויף וועלכע עס איז געבויט זיין קלאַסען־באוואוסטזיין. ביים פּראָלעטאַריאַט פון אונטערדריקטע נאַציעס ליידען פון דער אונטערדריקונג די באַדינגונגען פון דער סטראַטעגישער באַזע און דאָס קלאַסען־באוואוסטזיין איז ענג פאַרבונדען מיט'ן נאַציאָ־נאַלען; דער קלאַסען־קאַמף ווערט אי אָביעקטיוו, אי סוביעקטיוו געפאַרבט אין נאַציאָנאַלען קאָליר.

עס איז וויכטיג אונטערצושטרייכען איין אייגענשאַפט פון דער דאָזיגער פאַרבינדונג. אַזוי ווי די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון'ם פּראָלעטאַריאַט האָבען קיין געמיינשאַפטליכעס ניט מיט'ן נאַציאָנאַלען קאַמף, טראָגט דער פּראָלעטאַרישער נאַציאָנאַליזם ניט קיין אגרעסיווען כאַראַקטער. דער דאָזיגער נאַציאָנאַליזם איז

דורך און דורך א נעגאטיווער. ער שעפּט זיך אין גאנצען אוים מיט דער נויטווענדיגקייט צו מאכען נאָרמאל די סטראטעגישע באזע און וואקסט אוים פון די נעגאטיווע יסודות — פון די קרענקליכע אנאמאליען. דאָס הייסט ניט, אז ער האָט ניט קיין פּאָזיטיווען נאציאָנאלען אינהאלט; פארקערט, ארויסוואקסענדיג אָ ב י ע ק ־ ט י ו ו פון די נעגאטיווע יסודות, פילט זיך דער נאציאָנאַליזם פון׳ם פּראָגרעסיווען קלאס אָן מיט א פּאָזיטיווען אינהאלט. און קיין קלאס גיט ניט און איז ניט פעהיג ווען־עס־איז צו געבען אזא רעאלע נאציאָנאלע פּראָגראם, ווי די, וואָס דער פּראָלעטאריאט פירט דורך. אָבער דער כאראקטער פון דעם נאציאָנאַליזם און זיין נעגאטיווע אָפּשטאמונג זיינען אזוי אייגענארטיג, אז עס איז שווער זיי ריכטיג צו פארשטעהן. שוין ניט צו רעדען וועגען די בורזשואזע נאציאָנאליסטען, וועלכע האבען קיין מאָל ניט קיין צוטרויען צו דער נאציאָנאלער שטימונג פון דעם פּראָלעטאריאט און אין וועמענס צוטרויען ער נויטיגט זיך, נאטירליך, ניט — אפילו פילע פּראָלעטארישע אידעאָלאָגען, ווי למשל, די אומגע־הייער גרויסע מאיאָריטעט פון די אידישע „איסקראָוויצעס" זעהן ניט אין דעם פּראָלעטארישען נאציאָנאַליזם קיין פּאָזיטיווע יסודות און דעריבער באשליסען זיי נאאיוו, אז ער איז פּשוט רעאקציאָ־נער.

ביי אנדערע, נאציאָנאל געשטימטע נעמט דערזעלבער טעות אָן גאָר אן אבנאָרמאלע פאָרם; ווייל זיי זעהן, אז אָביעקטיוו זיי־נען די יסודות פון׳ם פּראָלעטארישען נאציאָנאַליזם נעגאטיוו, און ווייל זיי פארשטעהן ניט, אז סוביעקטיוו ווערט ביים פּראָלעטאַ־ריאט דאָס נעגאטיווע פארוואנדעלט אין אן עכט־רעאלער און עכט־פּאָזיטיווער פּראָגראם, זיינען אייניגע טעאָרעטיקער גענייגט, פארשעמט צו פארענטפערען זייער נאציאָנאַליזם: דעם פּלאַץ פוּי היסטאָרישער נויטווענדיגקייט פארנעמט ביי זיי א נויטווענדיג־קייט אָ טרויעריגע. „ליידער, זיינען מיר גענויטיגט דורכצופירען

א נאַציאָנאַלע פּראָגראַם", „מיר וואָלטען געוואָלט זיך אַסימילי־רען, אָבער, צום אומגליק, זיינען מיר געצוואונגען צו בלייבען אי־דען" — די דאָזיגע קלאָג־נאָטע קלינגט ניט זעלטען אין דער אַגי־טאַציע פון די ס. ס.

אָבער דאָס זיינען איינצעלנע קוריאָזען פון דעם ניט רייפען געדאַנק. דעם פּראָלעטאַריאַט איז גלייך טייער און פּאַר איהם איז גלייך ווערטפול אַלץ, וואָס פירט צו דער אַנטוויקלונג פון זיינע פּראָדוקטיווע כחות, און פאַר איהם איז פיינדליך אַלץ, וואָס פאַר־האַלט די אַנטוויקלונג. און דעריבער איז ביי איהם גלייך פאַרהאַסט די פאַרטונקלונג פון דעם קלאַסען־באַוואוסטזיין און די פאַרטונקלונג פון דעם נאַציאָנאַלען־באַוואוסטזיין. ער שעמט זיך ניט מיט זיין קלאַסען־באַרוף און ער שעמט זיך אויך ניט מיט זיין נאַציאָנאַלען באַרוף. מיט'ן זעלבען שטאָלץ ערקלערען מיר: מיר זיינען סאָציאַל־דעמאָקראַטען און מיר זיינען אידען. אונזער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין איז, נאַטירליך, נעגאַטיוו — עס טראָגט אַ באַפרייאונגס־כאַראַקטער; ווען מיר וואָל־טען געווען אַ פּראָלעטאַריאַט פון אַ פרייער נאַציע, וואָס אונטער־דריקט ניט און ווערט ניט אונטערדריקט, וואָלטען אונז לחלוטין ניט אינטערעסירט די פראַגען פון נאַציאָנאַלען לעבען, און אפילו איצט, ווען מיר האָבען אונטער'ן דרוק פון די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען באַקומען אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין, קימערען אונז וועני־גער די פּראָבלעמען פון דער גייסטיגער קולטור, די פראַגע וועגען אויפהאַלטען די נאַציע און איהר איינהייט און אַזוי ווייטער, ווי איהר סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעם: אַ רעאַלער נאַציאָנאַ־ליזם, פריי פון וועלכער עס איז קולטוריסטישערביימישונג.

פאַר'ן אידישען פּראָלעטאַריאַט איז די נאַציאָנאַלע פראַגע אַ פּראָדוקט פון דעם קאָנפליקט צווישען די אַנטוויקלונגס־באַדערפ־נישען פון זיינע פּראָדוקטיווע כחות, דאָס הייסט, פון קלאַסען־קאַמף און צווישען די באַדינגונגען פון זיין סטראַטעגישער באַזע.

די סטראטעגישע באזע פון׳ם אידישע פראלעטאריער איז ניט צו־פרידענשטעלענד ניט אין דער עקאנאמישער, ניט אין דער פאלי־טישער הינזיכט. דער עקאנאמישער קאמף פון דעם אידישער אר־בייטער איז זעהר ערפאלגרייך אין דער ברענענדער סעזאן־צייט, ווען די בעלי־הבתים זיינען געצוואונגען נאכצוגעבען, כדי ניט צו פארלירען קיין צייט. דערפאר, ווען דער סעזאן איז פאראיבער, קע־רען זיך די בעלי־הבתים אום דאס, וואס זיי האבען פארלארען; ביז׳ן נעכסטען סעזאן פארשווינדען די פרוכטען פון׳ם עקאנאמישען קאמף און די ארבייטער קומט אויפס־ניי אוים צו פירען דעמזעלבען קאמף, כדי צום צווייטען מאל צו דערגרייכען דיזעלבע ניט זיכערע רעזולטאטען. און נאך וועניגער צופרידענשטעלענד איז די אידישע סטראטעגישע באזע אין דעם פאליטישען זין — אין דער פאליטי־שער ווירקונג פון דעם קאמף פון׳ם אידישען פראלעטאריאט. אזוי ווי ער איז כמעט אין גאנצען באשעפטיגט אין דער פראדוקציע פון געברויך־מיטלען; אזוי ווי ער פונקציאנירט ניט אין קיינער פון די ערשטע סטאדיען פון די ווירטשאפטליכע פראצעסען. האלט ניט דער אידישער פראלעטאריאט אין זיינע הענט קיין איינ־ציגען גרונד־פאדים פון דער ווירטשאפט פון דעם לאנד, אין וועל־כען ער לעבט. אויף אזא אופן מוז זיין ווירקונג אויף׳ן אלגעמיינעם גאנג פון לעבען זיין זעהר באשרענקט. ער איז ניט פעהיג מיט איין קלאפ אפצושטעלען דעם גאנצען ווירטשאפטליכען מעכאניזם, ווי דאס קענען טאן די אייזענבאהן־ארבייטער און אנדערע ארבייטער, וואס זיינען אין א בעסערער לאגע. איהם עקספלואטירט ניט דער גרויס־קאפיטאל, נאר אויסשליסליך דער מיטעלער, וועמענס ראלע אין דער פראדוקציע איז אויך אונבאדייטענד. ווען דער אידישער פראלעטאריער פאראליזירט מיט זיין קאמף די טעטיגקייט פון׳ם קאפיטאל, וואס עקספלואטירט איהם, קען ער ניט ארויסרופען קיין מער אדער וועניגער מערקבארע פערטורבאציעס אין לאנד. ער האט קיין כח ניט אויסצוקעמפען אפילו זיינע גערעכטסטע פאדערונגען,

אויב ער ווערט ניט געשטיצט פון אנדערע, גליקליכערע ארבייטער פון די ארומיגע פעלקער. ער קען זיך ניט דערשלאָגען צו די קלענסטע פארבעסערונגען דארט, וואו עס האנדעלט זיך וועגען זיינע באזונדערע, נאציאָנאלע נויטען, וואָס אנדערע טיילען מיט איהם ניט. דאָס פארשטארקט ביי איהם נאָך מער דעם געפיל פון פּראָלעטארישער סאָלידאריטעט, ברענגט איהם נאָך נעהענטער צו רעוואָלוציאָנערע אידעאלען. און די קלאסען־אנטאגאָניזמען זיינען אין דער אידישער געזעלשאפט פארהעלטניסמעסיג קליין, ערשטענס, צוליב דער אומגעניגענדער קאָנצענטראציע פון קאפּיטאל; צווייטענס, ווייל די אידישע מיטעלע בורזשואזיע, וואָס איז אם מייסטען אונטערדריקט, מער אפילו ווי די ליטווישע, ארמענישע, א. א. וו., איז אליין זעהר אָפּאָזיציאָנעל געשטימט און ניט פּאָליטיש דעם פּראָלעטאריאט א געווויסע, כאָטש א ניט זעהר זיכערע, שטיצע. ביז ניט לאנג צוריק האָט זי זאָגאר רוהיג פארטראָגען אלע זידלערייען פון די פּראָלעטארישע אגיטאטאָרען און האָט מיט הכנעה פינאנציעל געהאָלפען דעם „בונד" און אנדערע. איצטער, איבריגענס, האָפּט זי צו ציהען מער נוצען פון דער פאראייניגונג מיט די „קאדעטען" און האָט מיט איין מאָל „פאררעטען" די פּראָלעטארישע פּארטייען. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען איז דער אידישער פּראָלעטאריאט פאראורטיילט זיך נאָכצושלעפּען פון הינטען אין די מעכטיגע פּאָליטישע ארבייטער־באוועגונגען פון לאנד, און אז עס פעלט רעאלע קלאסענמאכט, פארבייט מען זי מיט אן אָנגעבלאָזענער, אָפּט ביז לעכערליכקייט, פּראזעאָלאָגיע. אויף דעם באָדען וואקסען אויס אומגעלומפּערטע איבערטרייבונגען, וואָס זיינען פיינליך פאר יעדען ע. נסטען און דענקענדען סאָציאל־דעמאָקראט.

אין דעם אויגענשיינליכען קאמיזם זיינען באהאלטען טיף־טראגישע ווידערשפּרוכען. די רעוואָלוציע איז נויטיג פאר דעם אידישען פּראָלעטאריאט, מער ווי פאר וועלכען עס איז אנדערען; איהם ציהט מער צו אל־דאָס גוטע, וואָס מען דערווארט פון דער דעמאָ־

קראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט. דער שרעקליכער נאַציאָנאַלער דרוק, די דריקענדע עקספּלואַטאַציע פון דעם נישטיגען און דערפאַר מער גיריגען אידישען קאַפּיטאַל; דערצו, די דורכשניטליך הויכע קולטור און נערוועזיטעט פון דעם אידישען פּראָלעטאַריער, דעם אַלטען שטאָדט־איינוואוינער, דעם זון פון דעם „עם הספר“ — דאָס אַלץ שאַפט א געוואַלדיגע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, אן עקזאַל־טירטע אָפּפערוויליגקייט. און די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע היפּער־טראָפיע, געשמידט אין דער ענגשאַפט פון דער סטראַטעגישער באַזע, נעמט אָן קאַריקאַטור־פאָרמען. א קראַנקהייט פון צו פיל כחות — אָט דאָס איז די מאַטערניש פון׳ם אידישען פּראָלעטאַ־ריאַט, דאָס איז דער קוואַל פון זיינע ליידען.

א געשמידטער פּראָמעטעאוס, וועלכער רייסט, אין אומבע־האָלפענעם צאָרן, די פעדערען פון׳ם רויב־פויגעל, וואָס פּיקט זיין האַרץ — אָט דאָס איז דער סימבאָל פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט.

## ד.

אָט דאָס איז די פּראָבלעם, אָט דאָס איז דער נאַציאָנאַלער קאָנפליקט פון דעם אידישען פּראָלעטאַריער. טא ווי אַזוי רעאַ־גירט ער?

די נאָהנטסטע, סאַמע פּרימיטיווע צופּאַסונג צום קאָנפליקט, וואָס ווערט געשאַפען א דאַנק די פעלערען פון דער סטראַטעגישער באַזע, איז א פּאַרזוך צו היילען די פּאָלגען, ניט אָנרירענדיג די אור־זאַכען. אויפ׳ן ערשטען בליק קומט אויס, אז דער רעזולטאַט פון די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען פון קלאַסען־קאַמף איז א ניט גענוג אַנט־וויקעלט קלאַסען־באַוואוסטזיין. ווען דער אַגיטאַטאָר, וואָס האָט שוין אַביסעל געכאַפּט די סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג, א היציגער ווי יעדער פּראָזעליט, קומט צום אידישען אַרבייטער, שטויסט ער זיך באַלד אָן אויף א גאַנצער רייה טעכנישע שוועריג־קייטען. דער דאָזיגער אַרבייטער רעדט נאָר אידיש — א שפּראַך, וואָס איז ניט בויגזאַם פּאַר וועלכע עס איז קאָמפּליצירטע באַגרי־

פען, און עס איז ניטאָ קיין ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין צוגענגליך פאַר'ן ארבייטער און זאָל איהם אויפקלערען אין זיין אייגענער שפּראַך. די גייסטיגע קולטור הינקט אונטער, די קולטור איז גע־דריקט און באַשרענקט — און דאָס איז אויפ'ן ערשטען בליק דער ווארצעל פון אלע אַנאָמאַליען פונ'ם אידישען ארבייטער, דאָס איז דער אינהאַלט פון זיין נאַציאָנאַלער פראַגע. דאָס איז אַזוי פשוט און קלאָר, אַז עס פאָדערט זיך אַ סך מאַטעריאַליסטישע אויסגע־האַלטענקייט בייצוקומען די דאָזיגע פּרימיטיווע צופאַסונג. „מען דאַרף אַנטוויקלען דאָס קלאַסען־באַוואוסטזיין און דעמאַלט וועט אַלץ זיין אין אָרדנונג; מען דאַרף צוליב דעם באַפרידיגען די קולטור־באַדערפנישען פונ'ם אידישען ארבייטער — דאָס איז די אויפגאַ־בע". ביי דער דאָזיגער עלעמענטאַרער צופאַסונג איז געבליבען שטעקען דער בונד. די ריזיגע אַנזאַמלונג פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע ביים אידישען ארבייטער איז געווען די אורזאַך פון דעם אומפאַרגלייכליכען ערפאָלג פון דער ערשטער אידישער פּראָלעטאַ־רישע אָרגאַניזאַציע; צום ערפאָלג האָט, אַגב, אויך ניט וועניג ביי־געטראָגען די פינאַנציעלע שטיצע פון דער אידישער מיטעלער בור־זשואַזיע. די פשוט'סטע רעגירונגס־פאָרם און די פשוט'סטע, כאָטש געגוג קאָנסעקווענטע, לאָזונגען האָבען זיך מיט אַ קאָפּ־שווינד־לענדער שנעלקייט פאַרשפּרייט צווישען די מאַסען. עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דער „מעכטיגער בונד", „דער איינציגער פאַרשטעהער פון אידישען פּראָלעטאַריאַט". די עלעמענטאַרע אוועקשטעלונג פון דער אידישער פּראָבלעם און איהר זעהר פשוט'ע לעזונג האָבען גע־מוזט פאַר דער ערשטער צייט פאָלשטענדיג באַפרידיגען דעם אַר־בייטער און האָבען רעזערווירט פאַר'ן קלאַסען־קאַמף אַ מאַסע ענער־גיע, וועלכע וואָלט אין אַן אַנדער פאַל אוועקגעגאַנגען אויף אַ גע־נויעם אַנאַליז פון דער פאַרפּלאָנטערטער נאַציאָנאַלער פראַגע. בעת אַנדערע גרופּען, וואָס האָבען זיך מער פאַרטיפט אין דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע, האָבען פאַרווענדט וועניגער ענערגיע אויפ'ן קאַמף

און האָבען ניט געקענט אימפּאָנירען מיט זייער רעוואָלוציאָנערער שטראַלען־קרויז, האָט דיזעלבע קרויז, אונטערגעוואָרימט פון דער צולאָזענסטער פראַזעאָלאָגיע, זיך אַלץ העלער צופלאַקערט ביים בונד. אָבער פאַר דענקענדע באַאָבאַכטער האָט באַלד געמוזט קלאָר ווערען דער אמת׳ער ווערט פון דעם אופן, ווי דער בונד האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע. דאָס לעבען האָט באַשיינפּערליך באַוויזען, אַז פאַר אַ קורצער צייט האָט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַזוי שטאַרק אַנטוויקעלט אַ קלאַסען־באַוואוסטזיין, אַז עס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע; אַז די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין דער אידישער שפּראַך איז זיך גוואַלדיג צוּוואַקסען; אַז, בקצור, די גייסטיג־קולטורעלע נויטען פונ׳ם אידישען ארבייטער זיינען באַפרידיגט — יעדענפאלס ניט ווייניגער ווי ביי די ניט־אידישע פּראָלעטאַריער; און דאָך ווערט די נאַציאָנאַלע פראַגע נאָך שאַרפער, נאָך שווערער ווי זי איז געווען בעת דער בונד איז נאַר־וואָס געבאָרען געוואָרען. דאָס לעבען האָט באַוויזען, אַז כאָטש די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון בונד איז אַזוי אָרים און באַשיידען און איז אַזוי צוגענגליך פאַר׳ן ניט רייפען פארשטאנד פון די כמעט אונבאַוואוסטזיניגע אַרבייטער, ווייזט די אידישע פּראָלעטארישע מאסע אַרויס אַלץ מער אומצופרידענהייט מיט דער דאָזיגער פּראָגראַם און געהט אַלץ מער אַריבער אין די רייהען פון די ס. ס. און פּועלי ציון. אינאיינעם מיט דער וואַקסענדער קריטישער באַציהונג צום בונד פון די אידישע ארבייטער האָט זיך אויף איהם אויך אויסגעגאָסען די טעאָרעטישע קריטיק פון די יונגערע שטרעמונגען. אויף דער קריטיק האָט דער בונד ביז דער לעצטער צייט גאָרניט געענטפערט *). די בונדיסטען האָבען באַשלאָסען, אַז עס איז גלייכער צו ענטפערען מיט פויסטען, שטעקענס, גע־

*) די לעזער דאַרפען אין זינען האָבען, אַז דאָס איז געשריבען געוואָרען אין יאָר 1906. — איבערזעצער.

שרייען, מיט צושטערען פאַרזאַמלונגען און אזוי ווייטער. פאַר דער לעצטער צייט האָט דער ערפאָלג פון טעריטאָריאַליזם ענדליך געצוואונגען דעם בונד אַרויסצוקומען געגען טעריטאָריאַליזם מיט צוויי בראָשורען, וועגען וועלכע עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו ריידען. עס איז נאָר וויכטיג אָנצואווייזען, אַז דער בונד פאַרשוויינט נאָך אַלץ די קאַרדינאַלע פראַגען, וואָס מיר האָבען איהם געשטעלט.

דעם בונד׳ס גרונד־זינד באַשטעהט אין זיין אָפּאָרטוניסטישער באַציהונג צו דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם און אין זיין אומפעהיגקייט די פראַגע קלאָר אָוועקצושטעלען. פון איין זייט, האָט זיך דער בונד נאָך ניט אָפּגעזאָגט פון דער אַלטער קאָסמאָפּאָליטישער טראַדיציע צו שטעמפּלען יעדען מין נאַציאָנאַליזם פאַר רעאַקציאָנער, בורזשואַז און אוטאָפּיסטיש, און פון דער צווייטער זייט, האָבען די רעאַלע אינטערעסען פון די אידישע מאַסען געצוואונגען דעם בונד אַריינצונעמען אין זיין פּראָגראַם־מינימום די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. און דעריבער איז אין די בונדיסטישע חקירות וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַראַן עפּעס ניט־דערזאָגטעס, עפּעס, וואָס איז אי אַהער און אי אַהין, עפּעס האַלב־אַסימילאַטאָרישעס און האַלב־נאַציאָנאַלעס. כדי צו פאַרמאַסקירען זיין זיצען צווישען צוויי שטול׳ען, האָט דער בונד ליב צו דערקלערען, אַז ער איז כלומרשט נ י י ט ר אַ ל אין דער פראַגע וועגען נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע; אַז די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע באַצוועקט צו געבען די נאַציאָנאַליטעטען אַ גאַראַנטירטע פרייהייט אויף זעלבסט־באַשטימונג; אַז די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע דאַרף לייכטער מאַכען פאַר׳ן פאָלק דעם וועג צו אַסימילאַציע, אויב איהם איז באַשערט צו פאַרשווינדען, און איהם לייכטער מאַכען דעם וועג פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, אויב איהם איז באַשערט צו בלייבען לעבען. אָט די אַלע חקירות זיינען מערקווירדיג אומגעלומפּערט. עס איז שוין לעכערליך דער געדאַנק גופא, אַז איין און דערזעלבער פּאָליטישער מיטעל דאַרף „אויף יע־

דען פאל" דינען צוויי דירעקט־אנטקעגענגעזעצטע צילען. אויב דעם פאלק איז באשערט צו פארשווינדען, דאן פארלייכטערט ניט די נאציאנאלע אויטאנאמיע דעם פראצעס פון אסימילאציע, נאר, פארקערט, שטערט איהם, און דאריבער איז די דאזיגע אויטאנאמיע רעאקציאנער און אוטאפיסטיש. אויב, ווידער, די נאציאנאלע אויטאנאמיע איז נויטיג, הייסט עס, אז אין די גרעניצען פון דער צוקונפט, וואס מיר קענען פאראויסזעהן, וועט די נאציאנאליטעט זיך זעלבסטשטענדיג אנטוויקלען. *) מאדנע איז אזא פראגראם „אויף יעדען פאל" ביי סאציאל־דעמאקראטען. דאס אלגעמיינע שטימרעכט, דאס רעכט צו אפצוזעצען אין שטעלען פאר'ן געריכט באאמטע און פיל אנדערע מינימאלע פאדערונגען שטעלט מען ארויס ניט אויף יעדען פאל, נאר מיט א קלארער פארשטענדניש וועגען די צילען. און נאר די נאציאנאלע פראגראם איז געווירדיגט געווארען פון בונד מיט אזא בכבוד'ער ראלע. דאס ברענגט אויפ'ן געדאנק, אז גראד מיט דער נאציאנאלער פראגע האלט עס ביים בונד ניט גלאט. הויך קלינגט דעם בונד'ס „נייטראליטעט", זי דינט אבער ניט מער ווי פאר אז asylum ignorantiae (א מקום מקלט פאר אומוויסענהייט.) מען קען זיין גלייכגילטיג צו דער פראגע וועגען דער אויפהאלטונג פון דער נאציע אדער איהר פארשמעלצונג מיט אנדערע; מען קען זיך ניט נעמען צום הארצען איהר פארשווינדונג און מען קען זיך ניט פרעהען מיט איהר זעלבסט־דערהאלטונג. דאס איז א פראגע פון געפיל, און אונז, פועלי ציון פרעהט עס

*) אונז אינטערעסירט, נאטירליך, ניט, וואס עס וועט פאסירען מיט דער נאציע אין דער ווייטער צוקונפט. אבער פארמולירען א נאציאנאלע פראגראם האט א רעכט נאר דער, וואס האט זיך אויסגעארבייט א קלארע פארשטעלונג וועגען די טענדענצען, וואס מערקען זיך שוין איצט.

אויך ניט און עס באַאונרוהיגט אונז אויך ניט. עס איז אָבער אַן אַנדער פראַגע דאָס פאַרשטעהן און באַנעמען. מען קען ניט, זיך ניט איגנאָרירען מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. יעדענ־פאַלס, אויב די בונדיסטען װייסען ניט, װאָס עס װעט זיין מיט'ן אידישען פאָלק, איז עס מער װי מאָדנע, װען זיי פאָרמולירען ספּע־ציעלע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. עס קען זיין, אַז עס איז זעהר פּראַקטיש זיך צו פאַרזאָרגען מיט אַ רעגען־שירם, װען מען װייסט ניט, אויב עס װעט רעגענען אָדער ניט ; עס האָט אָבער פּאָליטיש קיין זין ניט אָנצוגרייטען אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, װען מען װייסט ניט, אויב זי װעט צו־נוץ קומען, אָדער ניט.

דער רעװאָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער געדאַנק דולדעט אין קיין זאַך ניט קיין אָפּאָרטוניזם. אויב ער װייסט נאָך עפּעס ניט, הייסט עס, ערשטענס, אַז עס זיינען נאָך ניט אָנגעװאַקסען יענע אָביעקטיװע כחות, װאָס מאַכען מעגליך, ער זאָל זאָגען זיין װאָרט װעגען דער פראַגע ; צװייטענס, פאַרפליכטעט דאָס ניט־װיסען די פּאַרטיי צו שװייגען און ניט אַרויסצושטעלען קיין פאָדערונגען. אויף דער קאַרדינאַלער פראַגע : װאוהין געהט איצט די אידישע נאַ־ציאָנאַליטעט, װאוהין ריכטען זיך די טענדענצען פון איהר אַנט־װיקלונג אין די גרעניצען פון דער צוקונפט, װאָס לאָזען זיך באַ־שטימען ? — אויף דער פראַגע מוז דער רעװאָלוציאָנערער געדאַנק געבען אַ קלאָרען און דירעקטען ענטפער. און אויב דער פּראָלעטאַ־רישער אַנאַליז װעט פירען צום שלום, אַז די אידישע נאַציאָנאַלי־טעט שטרעבט צו פאַרשװינדען, איז די פּאַרטיי פון רעװאָלוציאָ־נערען פּראָלעטאַריאַט מחויב פאָלשטענדיג זיך אָפּצוזאָגען פון אַלע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פון דער ארבייטער־מאַסע און פירען מיט זיין אַן אומ'ברחמנות'דיגען קאַמף ; די פּאַרטיי מוז אָפען געהן אויפ'ן װעג פון אַסימילאַציע אָהן מורא פאַר די פאָרװאורפען פון די נאַציאָנאַליסטען. דעמאָלט דאַרף ניט זיין קיין אונטערשיד צװישען אַסימילאַציע און אַסימילאַטאָרישקייט, װע־

גען וועלכער די בונדיסטען ריידען מיט אזא ברייטקייט. „מיר — זאגען זיי — זיינען ניט געגען אסימילאציע, נאר געגען „אסימילאטארישקייט". מיט'ן זעלבען ערפאלג וואלט מען געקענט זאגען: „מיר זיינען ניט געגען דער סאציאליזאציע פון דער ערד, מיר זיינען אבער געגען סאציאליזאטארישקייט, מיר זיינען פאר דער אנטוויקלונג פון דעם קלאסען־באוואוסטזיין, נאר מיר זיינען געגען זיין „אנטוויקלערישקייט". האט מען איין מאל באגריפען דעם היסטארישען גאנג, איז א רעוואלוציאנער מחויב איהם מיטצוהעלפען. און ווען מיר האבען באנומען די אנטשיידענדע טענדענץ פון דער אידישער דינאמיק צו קאנסאלידירען די אידישע פראגע און דאס אידישע פאלק, צו נאציאנאליזירען דאס אידישע לעבען, האבען מיר זיך פונקט אזוי אנטשיידען אפגעזאגט פון די קאסמאפאליטישע טראדיציעס פון'ם אומרייפען פראלעטארישען געדאנק, און מיר זיינען מחויב צו פארמולירען באמת־רעוואלוציאנערע נאציאנאלע פאדערונגען. און אונז ארען ניט די בייזע עם־הארץ'ישע אנפאלען: מיר ווייסען, אז אין דער נאציאנאלער פראגע זיינען זיי — רעאקציאנערען און דאן־קיכאטען, וועלכע שטרענגען זיך אומזיסט אן צו פארשפארען דעם וועג דער אלמעכטיגער היסטארישער אנטוויקלונג.

אבער כדי צו באקומען א רעוואלוציאנערען ענטפער אויף דער נאציאנאלער פראגע, מוז מען פריהער פאר אלעמען אנאליזירען ניט נאר די אויסערליכע און באשיינפערליכע פאלגען פון'ם נאציאנאלען קאנפליקט, ווי דאס טוט דער בונד, נאר אויספארשען זיינע טיפע און באהאלטענע יסודות.

און עס פאדערט זיך, מען זאל געהן ווייטער פון זיינע גייסטיג־קולטורעלע אויסדרוקען, מען זאל ווארפען א בליק אין דער סאמע מיפעניש פון זיין עקאנאמישער „באזע". דא פארראטען די בונדיסמישע טעארעטיקער זייערע אייגענע מאטעריאליסטישע פרינציפען.

עס איז אונפארצייליך פאר א סאָציאַל־דעמאָקראַט אויסצוטייטשען אַזאַ קאָמפּליצירטע און וויכטיגע ערשיינונג פון׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי נאַציאָנאַליטעט, אויסשליסליך אין טערמינען פון גייס־טיגער קולטור. עס איז אומפארצייליך זיך פאָרצושטעלען, אַז אַ געזעלשאַפטליכע פראַגע פון אַזאַ גרויסער וויכטיגקייט ווערט גע־לעזט, אפילו אין דער קלענסטער מאָס, מיט גייסטיג־קולטורעלע מיטלען. עס איז פשוט ערשטוינענד די מיינונג, אַז דער נאַציאָנאַ־לער סכסוך ווערט געבאָרען אויסשליסליך אויפ׳ן באָדען פון שפּראַך און דערציהונג. אַזעלכע ערשיינונגען, ווי דאָס פארשטויסען די איר־לענדער פון זייער ערד דורך ענגלענדער, ווי דער דרוק פון דעם דייט־שען יונקער אויף די פּאָליאַקען אין שלעזיען און פּאָזען, ווי די אי־דישע רעכטלאָזיגקייט, באָיקאָט און פּאָגראָמען, ווי די אומצעהליגע פאָרמען פון עקאָנאָמישער אונטערדריקונג פון נאַציאָנאַלע גרופּען — זיינען דאָס אַלץ „פראַגען פון שפּראַך, דערציהונג און, בכלל, קול־טור“? און ווען וועט ניט ערשטוינען דער דאָזיגער מיטעל צו לעזען די פראַגע, די דאָזיגע פּאַנאַצעאַ — די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע? מיר האָבען שוין פריהער געוויזען, אַז עס איז אומ־מעגליך אויסצוראָטען די פּאָגראָמען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. שטעלט זיך נאָר פאָר דאָס שעהנע בילד: אַ אי־דישער סיים, וואָס נעמט זיך באַשפּרעכען די שול־פראַגע אין אַ צייט פון פּאָגראָמען און פון אַ פארשטאַרקטער אידישער עמיגראַ־ציע! אַ אידישער סיים, וועלכער וועט, ווי די יק״א, כדי צו טרייס־טען די פּאָגראָמירטע אידען, גרינדען נאָך אַ גימנאַזיע, אָדער וועט אַרויסלאָזען נאָך אַ באַלערענד ליטעראַריש ווערק וועגען הומאַני־טעט און אַלמענשליכער אחדות! און צום זיי־געזונד וועט דער סיים ראַטען די עמיגראַנטען צו באַזוכען דאָס אידישע טעאַטער!

ווען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ליידט פון׳ם נאַציאָנאַלען דרוק, הייסט עס, אַז צום אַלעם ערשטען ליידט ער מאַטעריעל, ווירט־שאַפטליך־עקאָנאָמיש, און די קנאַפּע אַנטוויקלונג פון זיין קלאַסען־

באוואוסטזיין וואָלט מען געקענט אויסטייטשען נאָר אלס רעזולטאט פון די מאטעריעלע אנאָמאליען. דערצו, פארשטעהט פּאָלש דער בונד, אין וואָס עס באשטעהט די אומנאָרמאלע אנטוויק־לונג פון׳ם קלאסען־באוואוסטזיין פון׳ם אידישען פּראָלעטא־ריאט. די בונדיסטישע טעאָרעטיקער דענקען, אז ווייל עס פעלט דעם אידישען פּראָלעטאריאט א געזונטע נאציאָנאלע קולטור, נעמט ער שווערער איבער די סאָציאליסטישע וועלט־אנשויאונג, ווי די ארבייטער פון די ארומיגע פעלקער; עס קומט אויס, אז די אנאָמא־ליע איז נאָר א קוואליטאטיווע. אין אמת׳ען אָבער, זאָגען מיר נאָך אמאָל, איז דאָס קלאסען־באוואוסטזיין ביי די אידישע ארבייטער אנטוויקעלט ניט ווענינער, אויב ניט נאָך מער, ווי ביי די ארומיגע פעלקער; אָבער צוליב דער אומצופרידענשטע־לענדער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער ווערטה פון דער אידישער פּראָלעטארישער סטראטעגישער באזע, ווערען געשאפען קוואנ־טיטאטיווע אנאָמאליען: אומצופרידענשטעלענדע רעזול־טאטען פון קלאסען־קאמף, אן איבערטריבענע רעוואָלוציאָנערע פּראזעאָלאָגיע און אן אבנאָרמאל־פארשפּרייטע נייגונג פון די אידי־שע ארבייטער צום אנארכיזם.*)

אָבער די אלע פיינליכע עקאָנאָמישע אנאָמאליען עקזיסטירען ניט פאר די בונדיסטישע „דענקער“. זיי ווייסען איינס: „שפּראַך,

---

*) אפילו דער בונד האָט אויף זיין צוזאמענפאָר געפונען פאר נויטיג זיך אָפּצורופען אויף דער אבנאָרמאלער ערשיינונג פון אידישען לעבען אין „תחום“ — אויף׳ן אַנאַרכיזם. אָבער, ווי תמיד פּרואווט ער באזייטיגען די רעזולטאטען, בעת ער פארטראכט זיך אפילו ניט וועגען די אורזאכען. פונקט ווי אין טעריטאָריאליזם, זעהט דער בונד אין אנאר־כיזם ניט מער ווי א פארפירעניש. און ווי אלע רעאקציאָנערען, דענקען די בונדיסטען, אז מיט זייער אגיטאציע און רעזאָלוציעס וועלען זיי מאכען אן ענד צו דער „מרידה“.

דערציהונג, בכלל — קולטור". אין דער הינזיכט שטימען די בונדיס־טען פאָלשטענדיג איין מיט אזעלכע רעאקציאָנערען, ווי אחד־העם, דובנאָוו און אנדערע.

דאָס איז א טיפּישע קליין־בורזשואזנע מאנערע: צו זוכען אין דער גייסטיגער קולטור דעם אינהאלט און דעם זין פון טיפע געזעלשאפטליכע פּראָבלעמען. פאר דער קליין־בורזשואזיע איז די גייסטיגע קולטור א זעהר וויכטיגע וואפע אין קאמף פאר'ן מארק, ווייל די שפּראך און אלץ, וואָס איז מיט איהר פארבונדען, איז די נאָהענטסטע טעכנישע פארבינדונג צווישען דעם געברויכער און הענדלער; און אזוי לאנג ווי דער קליינער פּראָדוצירער בלייבט נאָך א זעלבסטשטענדיגער בעל הבית, איז ער שטענדיג אויך דער פארקויפער פון זיינע פּראָדוקטען. דער אידישער ארבייטער, וועלכער האָט זיך דערצויגען אין דער פּאטריארכאלער אידישער קליין־בורזשואזער פאמיליע, האָט זיך נאָך ניט באפרייט פון געוויסע שטריכען פון דער קליין־בורזשואזער פּסיכאָלאָגיע, און דאָס פילט זיך אין זיין צוגעבונדענקייט צו די גייסטיגע קולטור־פאָרמען און אין דעם, וואָס ער ווערט אזוי לייכט באאיינפלוסט פון דער קולטוריסטישער אגיטאציע. דאן קומט נאָך די ספּערע פון ווירטשאפט־ליכער איזאָלאציע פון דער ברייטער אידישער מאסע און זי גיט געננוג יניקה אי דער אידישער קולטור און שפּראך, אי דער צוגעבונדענקייט פון די ארבייטער צו די דאָזיגע ווערטען. אויף אזא אופן איז די צוגעבונדענקייט פון'ם אידישען ארבייטער צו דער אידישער שפּראך און צו דער ליטעראטור אין דער שפּראך ניט רעאקציאָנער. פארקערט, זי וואָרצעלט זיך אין די רעאלע באדינגונגען פון זיין לעבען און מען קען ניט זאָגען, אז דאָס איז אן איבער־בלייבעניש פון אָפּגעלעבטע טראדיציעס. אָבער די נייגונג קולטוריסטיש צו באנעמען די אידישע פראגע, די בונדיסטישע נייגונג, איז, אָהן ספק, רע־

אקציאָנער און ווייזט ארויס אלע סמנים פון קליין־בירגערליכער אָפּשטאמונג.

דער בונד האָט גרויסע פארדינסטען ביים אידישען פראָלעטאריאט. אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג וועט דעם בונד׳ס נאָמען פארשריבען ווערען מיט גאָלדענע אותיות און די קומענדע דורות פון אידישען פראָלעטאריאט וועלען דעם בונד שטעלען א פראכטפולען מאָנומענט אין פאלעסטינא... ער האָט אנטוויקעלט דאָס קלאסען־באוואוסטזיין פון די אידישע ארבייטער, ער האָט זיי צוגעוועהנט צו אן אָרגאניזירטען קאמף פאר זייערע אינטערעסען, ער האָט ביי זיי אנטוויקעלט דעם גייסט פון דיסציפּלין און האָט קולטיווירט זייערע דעמאָקראטישע באגריפען. אָבער דעם בונד׳ס נאציאָנאלע פראָגראם מאכט אלץ קאליע און גראָבט פון אינוועניג אונטער זיין עקזיסטענץ. אלס א שטרענג קאָנספּיראטיווע אָרגאניזאציע, איז דער בונד געווען אויסגעצייכענט צוגעפּאסט צו די באדינגונגען פון פראָלעטארישער פארטיי־ארבייט. מען קען אָבער מיט זיכערהייט פאָראויסזאָגען, אז אין דער קומענדער פרייער רוסלאנד וועט דער בונד ניט לאנג בליהען. דער אינערליכער ריס, וועלכען גוט־אינפאָרמירטע מענשען באמערקען שוין איצט, וועלכען מען באהאלט אָבער נאָך אלץ פון דעם גרויסען עולם אונטער׳ן צודעק פון קאָנספּיראציע; די רעאקציאָנערע אגיטאציע פון די אנארכיסטען, פון איין זייט; און פון דער צווייטער זייט, די פראָגרעסיווע אגיטאציע פון די טעריטאָריאליסטען, וואָס גראָבט שוין איצט אונטער דעם בונד, פון דרויסען, טראָץ דער שטרענגער דיסציפּלין פון דער אָרגאניזאציע, וועלכע ווענדט אָן איהר גאנצען קאָנספּיראטיווען אפּאראט, אז צו דער בונדיסטישער מאסע זאָלען ניט דערגרייכען די ווערטער און ארגומענטען פון די יונגערע שטרעמונגען — דאָס אלץ וועט זיך שנעל אנטוויקלען אין א פרייער רוסלאנד, ווען אונזער אגיטאציע און דעם בונד׳ס אגיטאציע וועט ארויס פון אונטער דער ערד און וועלען זיך צונויפשטויסען אויף א פרייער

פּאָליטישער טריבונע. דער אינערליכער ריס און די אויסערליכע קריטיק וועלען שנעל פאַרענדיגען דעם בונד'ס חורבן.

ה.

אויפ'ן בונד'ס פּלאַץ קומט אַ נייע שטרעמונג. זי געהט ארויס פון די מאַטעריעלע אינטערעסען פונ'ם אידישען אַרבייטער, מאַכט אַ מאַטעריאַליסטישען אַנאַליז פון זיין נאַציאָנאַלער פּראָבלעם און קומט צו יענע טעריטאָריאַליסטישע שלוסען, וואָס מיר האָבען פעסטגעשטעלט אין צווייטען קאַפּיטעל. אין דער שטרעמונג אונטערשיידען זיך שאַרף צוויי אַנטוויקלונגס־סטאַדיען, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען פאַרמירען אין איין צייט, האָבען זיך אָבער באַוויזען אין פאַרשידענע צייטען אויף דער פּאָליטישער ארענא, אלס אָרגאַניזירטע כחות. פריהער האָבען זיך אָרגאַניזירט די „ציוניסטען־סאָציאַליסטען" — מיט אנדערטהאַלבען יאָר צוריק.*) און גאָר ניט לאַנג צוריק — די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבייטער־פּאַרטיי פּועלי ציון.

די פּראָגראַם פון די ס. ס. איז פיל אַנטוויקעלטער ווי די בונדיסטישע און דירקט אויס אַ קאָמפּליצירטערע — פּאָלגליך, אַ שווערערע צופּאַסונג. די בונדיסטען זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ האַלב־אַסימילאַטאָרישער טענדענץ: זיי שטרעבען צו געפינען אַ לעזונג פאַרן נאַציאָנאַלען קאָנפליקט אין דיזעלבע באַדינגונגען, אין וועלכער ער איז אַנשטאַנען; די ס. ס. האָבען שוין פאַרשטאַנען די נויטווענדיגקייט ראַדיקאַל צו ענדערען די באַדינגונגען, אונטער וועלכע דאָס אידישע פּאָלק לעבט.

די בונדיסטישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז אַן אויסדרוק פון דער קליין־בירגערליכער פּסיכאָלאָגיע פונ'ם אידישען אַרבייטער — פון די איבערבלייבענישען פון דער אידעאָלאָגיע פון יע־

*) געשריבען אין יאָר 1906. — איבערזעצער

נעם קלאַס, פאַר וועלכען דער נאַציאָנאַלער קאָנפליקט איז נאָך ניט פאַלשטענדיג רייף געוואָרען. אַזוי לאַנג ווי דער קליין־בורזשואַ איז נאָך ניט פאָלשטענדיג אַרויסגעשטויסען, איז ער נאָך אַלץ געניינט, אַפילו אונטער די ערגסטע באַדינגונגען, צו האָפען אויף אַ מעגליכ־קייט זיך איינצואוואָרצלען דאַ, אין גלות. דער אידישער פּראָלע־טאַריער, וואָס פירט אַ קלאַסען־קאַמף, איז אויך ניט זעלטען גע־נייגט זיך אַרומצוטראָגען מיט די ליכטיגסטע האָפנונגען אויפ׳ן באַלדיגען ערפאָלג פון דעם דאָזיגען קאַמף. אויף אַזאַ אופן זיינען די קליין־בורזשואַזע איבערבלייבענישען ביים בונדיסטישען אַרביי־טער נאָך ניט געקומען אין ווידערשפּרוך מיט זיין פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף און דעריבער שלינגט ער אַראָפּ די קליין־בורזשואַזע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, אַזוי לאַנג ווי ער בלייבט אַ גלויביגער בונ־דיסט. דער ס. ס.׳שער אַרבייטער האָט זיך שוין אָפּגעטרייסעלט פון די קליין־בורזשואַזע נאַציאָנאַלע איבערבלייבישען און האָט פאַרלאָרען די האָפנונג זיך איינצואוואָרצלען אין גלות. עס הייסט, אַז פאַר איהם איז שוין דער נאַ־ציאָנאַלער קאָנפליקט צווישען דער באַדערפניש צו אַנטוויק־לען דעם קלאַסען־קאַמף און צווישען דער אומפאָלקאָמענהייט פון זיין סטראַטעגישער באַזע גענוג אויסגעוואַקסען, אַז ער זאָל די פּראָגראַם פאָרמולירען אין אַ רעוואָלוציאָנערער ריכטונג. פרעגט עס זיך: איז די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע ריכטונג ביי די ס. ס. אויסגעהאַלטען ביז׳ן סוף? דריקען זיי אויס די ריין פּראָלעטאַ־רישע נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע? קען מען זייער נאַציאָנאַלע פּראָ־גראַם באַטראַכטען פאַר אַ באמת־פּראָלעטאַרישער, ווען מען פאַר־שטעהט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט פּשוט אַ סכום אַרבייטער, נאָר אַ באַשטימטער קלאַס, וואָס פירט אָן אַ באַוואוסטזיניגען פּאָליטישען קאַמף?

אין יעדער באַוואוסטזיניגער שטרעמונג קען מען אונטער־שיידען: דעם מאָטיווירענדען אויסגאַנג־ אינטערעס,

דעם ציל און דעם וועג צום ציל. מיר שטעלען זיך ניט אָפּ אויף דעם ענדליכען ציל פון די ס. ס., דאָס הייסט, אויף'ן סאָציאַליזם, און אויף זייער וועג צום ציל, דאָס הייסט, אויפ'ן קלאַסען־קאַמף; מיר שטעלען זיך אויך ניט אָפּ אויף זייער מינימאַלען ציל — אויף דעם טעריטאָריאַליזם, ווייל די דאָזיגע צילען זיינען ביי זיי דיזעלבע, ווי ביי אונז, פועלי ציון און דער וועג צום סאָציאַליזם דורך קלאַסען־קאַמף איז אויך דערזעלבער ביי זיי און ביי אונז. מיר נעמען זיך צום אַנאַליז פון זייער אויסגאַנג־אינטערעס און פון זייערע אַנערקענטע וועגען און מיטלען.

ליידער, האָבען די ס. ס. ניט נאָר נאָך קיין צייט ניט געהאַט*) זיך פאָלשטענדיג אַרויסצוזאָגען וועגען די דאָזיגע פראַגען אין דער ליטעראַטור, נאָר זיי בייטען אויך אויף שריט און טריט זייער קוק. פאַר די 14—15 חדשים זינט עס עקזיסטירט די אָרגאַניזירטע פּאַרטיי ס. ס., האָבען זיי שוין צייט געהאַט דריי מאָל צו ביי־טען דעם באַגריף וועגען די אויסגאַנג־אינטערעסען פונ'ם פּראָלעטאַ־רישען טעריטאָריאַליזם. פאַר אונז ליגט די באַרימטע „דעקלאַראַ־ציע" זייערע, דער לייטאַרטיקעל פון „דער אידישער פּראָלעטאַריער" און אַרטיקלען פון „דער נייער וועג".

אין דער „דעקלאַראַציע" איז די געשיכטע פּשוט און קלאָר. די אידישע קליין־בורזשואזע מאַסען האַלטען ניט אויס אין דער קאַפּי־טאַליסטישער ווירטשאַפט די אומ'ברחמנות'דיגע קאָנקורענץ, ווע־רען רואינירט און געהען איבער די רייהען פון דער רעזערוו־אַר־מעע. די רעזערוו־אַרמעע נויטיגט זיך אין „פּראָלעטאַריזאַציע", דאָס הייסט, זי זוכט לוין־אַרבייט. אָן אומבאַדייטענדער טייל פון דער אידישער קליין־בורזשואזיע באַקומט אַ צוטריט צו דער פּראָ־דוקציע, אי דאָס אויך נאָר צו די סאַמע נידריגסטע געביטען, און

*) דעמאָלט, ווען דאָס איז צום ערשטען מאָל פאַרעפענטליכט געוואָ־רען — אין יאָר 1906. — איבערזעצער.

די גרויסע מאַיאָריטעט בלייבט אויסער דער מאָדערנער ווירט־שאַפט און איז געצוואונגען צו זוכען רעטונג אין עמיגראציע. אָבער אויך אין די נייע לענדער קענען זיי ניט צוקומען צו די העכערע פּראָדוקציאָנס־געביטען און פּראָלעטאַריזירען זיך ווידער ניט. דער־פאַר ווערט ביים אידישען פאָלק געבאָרען אַ שטרעבונג צו קאָנ־צענטרירען די עמיגראציע אויף איין טעריטאָריע, וואו עס דאַרף גע־שאַפען ווערען אַ אידישע אויטאָנאָמע געזעלשאַפט. דער אידי־שער פּראָלעטאַריאַט, אַלס דער אונטערדריקסטער קלאַס פון אידי־שען פאָלק, ליידט מער פון אַלע פון ניט־פּראָלעטאַריזאַציע און פון די אומגינסטיגע עמיגראַציאָנס־באַדינגונגען און נויטיגט זיך דע־ריבער מער פון אַלע אין אַ טעריטאָריע. שטרעבענדיג אַלס סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטען צום סאָציאַליסטישען אידעאַל, שטרעבען דע־ריבער די ס. ס. אויף'ן וועג צום אידעאַל, אויך צום טעריטאָ־ריאַליזם; דער טעריטאָריאַליזם וועט זיי געבען יענע מעגליכקייט צו קעמפען פאַר'ן סאָציאַליזם, וועלכע פעלט זיי אין גלות, אַ דאַנק דער „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע“ *)

די דאָזיגע „טעאָריע“ רופט דורך און דורך ארויס ערשטוינונג. אויב די ס. ס. זיינען סאָציאַל־דעמאָקראַטען, דאַרפען זיי זיין פאַר־טרעטער פון'ם פּראָלעטאַריאַט, און די ס. ס. האָבען דאָך אין אמת'ען גאַנץ הויך דערקלערט, אַז זיי זיינען דער פּראָלעטאַריאַט און האָבען זיך גאַנץ אייפריג אָפּגעגרעניצט פון די בורזשואזע ציוניסטען. אויב אָבער די אידישע מאַסען „פּראָלעטאַריזירען זיך ניט“, טאָ פון וואַ־

*) אָט די אַלע טעאָריעס וועגען „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע“ און אַזוי ווייטער פון דער „דעקלאַראַציע“ זיינען גענוי, מיט ציפערן אין די הענט באַגרינדעט געוואָרען פון די פּועלי ציון אין מינדליכע רעפעראַטען און דיסקוסיעס. די ס. ס. האָבען זיך אָפּגעטיילט פון די פּועלי ציון, האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַ פּאַרטיי און האָבען דערביי די ערשטע צייט אָנגע־האַלטען אומבאַרירט די פּרימיטיווע טעאָריע פון „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע“.

נען האָט עס זיך גענומען יענער פּראָלעטאַריאַט, אין וועמענס נאָמען די ס. ס. זיינען ארויסגעטראָטען? און ווייטער: צוגעגעבען, אז א געוויסער טייל אידען פּראָלעטאַריזירט זיך יאָ און אז דעם פּראָלעטאַריאַט האָבען עס אין זינען די ס. ס., ווען זיי זאָגען, אז זיי זיינען סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואונדערען מיר זיך אַלץ: צו וואָס דאַרף אָט דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך שוין פּראָלעטאַריזירט, אַן עמיגראַציע, א קאָנצענטראַציע און א טעריטאָריע?*) עס איז קלאָר אויף'ן ערשטען בליק, אז די טעאָריע האָט זיך גענויטיגט אין וויכטיגע אויסבעסערונגען. אייניגע ס. ס. האָבען געפּרואווט זאָגען, אז זיי זיינען א „פּראָלעטאַריאַט אין פּאָטענץ". אָבער אויב אזוי, טאָ פאַרוואָס האָבען זיי זיך אויך ניט אָנגערופען „סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין פּאָטענץ?" עס האָט זיך ניט געוואָלט! האָט מען אריינגעבראַכט א וויכטיגע אויסבעסערונג: מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אומגעלומפּערטען באַגריף „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע" און מען האָט איהם פאַרביטען מיט אומנאָרמאַלער פּראָלעטאַריזאַציע. פאָלשטענדיג ריכטיג איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דער פאַקט, אז די אידישע קליין־בורזשואַזיע פּראָלעטאַריזירט זיך אומנאָרמאַל און דעריבער געפינען זיך די אידישע ארבייטער אין די נידריגערע פּראָדוקציאָנס־צווייגען און זאָגאַר אין די נידריגסטע (מאַנופאַקטור) פאָרמען פון די נידריגסטע געביטען; עס איז אמת, אז די אידישע ארבייטער האָבען ניט קיין צוטריט צו די העכערע געביטען און מען קען אפשר צוגעבען (כדי ניט לאַנג צו

---

*) די דאָזיגע אָנווענדונגען, וואָס מיר האָבען אמאָל געמאַכט געגען די ס. ס., כאַפּען איצט אונטער די בונדיסטען. עס איז אינטערעסאַנט, אז די דאָזיגע ארגומענטען זיינען שוין פאַרעלטערט, ווייל די ס. ס., און די פּועלי ציון אודאי, האָבען שוין צייט געהאַט שטארק צו פאַרפאָלקאָמענען זייער ארגומענטאַציע. אָבער דער בונד איז תמיד שטארק הינטערשטעליג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. איבערזעצער.

פּאַלעמיזירען), אז די אידישע ארבייטער וועלען ארויסגעשטויסען ווערען אויך פון די צוריקגעשטאנענע געביטען; עס איז אויסער צוויי־פעל, אז די אידען עמיגרירען און קאָנצענטרירען זיך אין עטליכע ערטער. אָבער וואָס פאָלגט דערפון?

מען קען דערפון דירעקט ציהען דעם שלוס, אז די אידישע קליין־בורזשואזיע און די אידישע זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען און אויך די אידישע ארבייטער, וואָס האָבען פארלאָרען זייער אר־בייט, נויטיגען זיך אין א טעריטאָריע. די קליין־בורזשואזיע נויטיגט זיך אין איהר אלס אין א מארק און פאר די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען (צו זיי באלאנגען אויך די ארויסגעשטויסענע ארבייטער) איז די טעריטאָריע נויטיג אלס ארבייטס־פּלאַץ. אָבער ווי שליסט מען דערפון, אז דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער קעמפּפענדער אידי־שער פּראָלעטאריאט — ד ע ר פּ ר אָ ל ע ט א ר י א ט א ל ס ק ל א ס — איז פאראינטערעסירט אין טעריטאָריאליזם? א לץ האָט זיך אויסגעדריקט, אז די ס. ס. זיינען זעהר גוטהארציגע מענשען און כאָטש זיי אליין נויטיגען זיך ניט אין א טעריטאָריע, זאָרגען זיי פונדעסטוועגען, אז די אידישע עמיגראנטען זאָלען יאָ באקומען א טעריטאָריע. א זעהר טרעפענדער וויץ! בקצור, מיר פרעגען: וועמענס אינטערעסען פארטיידיגען די ס. ס. — די אינטערעסען פון די ע מ י ג ר י ר ע נ ד ע א ר ב י י ט ע ר, אָדער די אינטערעסען פון'ם ק ע מ פּ פ ע נ ד ע ן פּ ר אָ ל ע ט א ר י א ט? אין ערשטען פאל זיינען נאָך די ס. ס. אפשר טעריטאָריאליסטען, זיי זיינען אָבער פאר קיין פאל ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראטען, און מיר זעהן ניט קיין ב א ג ר י נ ד ע ט ע ן אונטערשיד צווישען זיי און צווישען די אלט־מינסקער פּועלי ציון. אין צווייטען פאל, ווידער, זיינען די ס. ס. אומצווייפעלהאפט סאָציאַל־דעמאָקראטען; עס איז אָבער נאָך ניט פארשטענדליך, פארוואָס זיי זיינען טעריטאָריאליסטען.

די דאָזיגע פראגע האָבען זיך די ס. ס. קיין מאָל ניט געשטעלט, זיי האָבען אָבער, ווייזט אויס, געפילט, אז עפּעס איז ניט גלאַט אין

זייערע פרינציפען, כאטש זיי האבען נים געקענט באנעמען, וואס דאס איז. דארט, וואו דער געדאנק האט זיך פארפלאנטערט אין נעבעלהאפטיגקייטען, זוכט ער געדן אן אויסוועג אין אנזאמלען נע־בעלהאפטע האר־שפאלטעריי. א פארזוך זיך ארויסצופלאנטערען פון די שוועריגקייטען מיט דער הילף פון סכאלאסטיק האבען די ס. ס. געמאכט אין דעם לייט־ארטיקעל פון זייער פארטיי־ארגאן „דער אידישער פראלעטאריער".

דא ווערט געזאגט, אז ביי אידען עקזיסטירט א פראלעטאריאט, און די פריהערינע „ניט־פראלעטאריזאציע" ווערט דא פארמאסקירט מיט'ן מער וויסענשאפטליכען טערמין „ניט־אינדוסטריאליזאציע". אבער דער אידישער פראלעטאריאט איז ניט קיין נארמאלער: בעת ביי די אנדערע פעלקער איז דער קעמפענדער פראלעטאריאט באַ־שעפטיגט אין דער גרויס־אינדוסטריע, איז ער ביי די אידען באַ־שעפטיגט אין דער קליין־אינדוסטריע און ביי האנד־ווערקעריי. דאס סאציאליסטישע באוואוסטזיין אנטהאלט צוויי מאמענטען. דער פראלעטאריער איז אומצופרידען מיט דער עקזיסטירענדער ארד־נונג און שטרעבט זי אפצושאפען — דאס איז דער נעגאטי־ווער מאמענט. אבער דער מאמענט איז ניט גענוג פאר'ן סאַ־ציאליזם: אן אומצופרידענהייט מיט דער עקזיסטירענדער ארד־נונג איז געוועז אויך ביי די פארצייטיגע שקלאפען; פאר'ן סאציא־ליזם איז נויטיג נאך א צווייטער, פאזיטיווער מאמענט: די שטרעבונג צו פארגעזעלשאפטליכען די פראדוקציאנס־מיטלען. דער פאזיטיווער מאמענט פון דעם סאציאליסטישען באוואוסטזיין קען האבען א פלאץ נאר ביים גרויס־אינדוסטריעלען פראלעטאריאט, וועלכער באאבאכט אויף זיינע פאבריקען מיט זיינע אייגענע אויגען דעם קאנצענטראציאנס־פראצעס פון דער פראדוקציע, און מיט זיין קלאסען־קאמף פארשנעלערט (?) דער פראלעטאריאט דעם פראצעס. דער אידישער פראלעטאריאט, ווידער, האט ניט קיין מעג־ליכקייט צו באאבאכטען דעם דאזיגען פראצעס אין זיינע קליינע

ווערקשטאטען, און דעריבער פעלט איהם דער פאזיטיווער מאמענט פון דעם סאציאליסטישען באוואוסטזיין. אויף דער נאטירליכער פראגע: ווי אזוי קומט עס דאך, וואס די ס. ס. אונטערשיידען זיך נאך אלעם דעם פון די פארצייטיגע שקלאפען און זיינען סאציאל־דעמאקראטען? — גיט דער מחבר אזא אומערווארטעטען ענטפער: דער פלאץ פון דעם פעלענדען רעאלען פאזיטיווען מאמענט פאר־נעמט ביים אידישען פראלעטאריאט די עמיגראציע און דעם פלאץ פון דעם פאזיטיווען מאמענט אין באוואוסטזיין פארנעמט, אזוי צו זאגען א אידעען־אנשטעקונג. ווי אזוי „די עמיגראציע גיט דעם פעלענדען פאזיטיווען מאמענט" און ווי אזוי „דער טעריטאריאליזם שטעלט מיט זיך פאר א באוואוסטזיניגען אויסדרוק פונ'ם אומבאוואוסטזיניגען פראצעס" — וועגען דעם שווייגט באשיידען די טעאריע; דאס איז דער סוד פון דעם שרייבער פון'ם לייט־ארטיקעל. דערפאר אבער דערוויסען מיר זיך אלץ וועגען דאס, וואס מיר האבען אנגערופען א אידעען־אנשטעקונג: אזוי ווי אומעטום הערשט איצט די סאציאל־דעמאקראטישע אידעאלאגיע, און אזוי ווי לויט דער לערע פון דעם באקאנטען מאטעריאליסט קויטסקי, צייכענען זיך די אידישע ארבייטער אויס מיט זייערע פעהיגקייטען אין אבסטראקטען דענקען, דעריבער דרינגען זיך די אידישע ארבייטער זעהר גרינג דורך מיט'ן סאציאליסטישען אידעאל.

די דאזיגע דיאלעקטישע פאקוסען זיינען אן איבעראשונג פון אנהויב ביז ענד. מיר וועלען שוין פארבייגעהן די מעטאפיזיק פון „פאזיטיוו" און „נעגאטיוו". אומפארשטענדליך! קאנצענטרירט דען בכלל דער פראלעטאריאט מיט זיין קלאסען־קאמף די פראדוקציע? דאס טוט די בורזשואזיע מיט איהר קאנקורענץ. אומפארשטענד־

ליך! באקומט דען בכלל דער פראָלעטאריאט א באגריף וועגען דער קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע און וועגען דעם סאָציאליזם נאָר ביי זיך אין פאבריק? איז דען דעם ארבייטער׳ס וועלט פון באאָבאכטונגען באשרענקט מיט זיין ווערקשטאט, וואו ער ארבייט? אין דער פאבריק, טרעפט זיך, זעהט ער דאָך גאָר קיין מאָל ניט זיין בעל הבית — הייסט עס, אַז ער קען אין אזא פאל ניט באקומען קיין באגריף וועגען דער עקזיסטענץ פון דער בורזשואזיע? און די גאנצע „טעאָריע“ וועגען דעם ריין־נעגאטיווען אינהאַלט פון דעם אידישען פּראָלעטארישען קלאַסען־באוואוסטזיין איז דאָך געבויט אויף׳ן געדאנק, אַז דער פּראָלעטאריער באאָבאכט כלומרשט אלע פּראָצעסען פון דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט נאָר אין זיין ווערקשטאט.

נאָר לאָמיר שוין אפילו אָננעמען די דאָזיגע גאנצע קונצען־מאכעריי מיט׳ן „פּאָזיטיווען“ און „נעגאטיווען“. טאָ וואָס פאָלגט דערפון? אַז דער אידישער פּראָלעטאריאט האָט ניט קיין רעאלען עקאָנאָמישען באָדען פאר דער אנטוויקלונג פון׳ם סאָציאליסטישען באוואוסטזיין. און פון דעם קען מען ציהען נאָר איין שלום: בלויז צוליב א מיספארשטענדניש רופען זיך די ס. ס. אַז סאָציאַלדעמאָקראטען! און דאָ קומט צו הילף די אידעען־מגפה און די נייגונג פון׳ם אידישען מוח צו אבסטראקציעס. די דאָזיגע נייגונג האָט, אָהן צווייפעל, ארויסגעוויזען דער שרייבער פון׳ם לייט־ארטיקעל. אויב אָבער קאוטסקי האָט א רעכט צו זינדיגען געגען מארקסיזם און מאטעריאליזם, האָבען אָבער דערויף קיין רעכט ניט די ס. ס.! פיינע סאָציאַל־דעמאָקראטען, וואָס ווערען סאָציאַל־דעמאָקראטען נאָר דערפאר, ווייל זיי זיינען גענייגט צו אבסטראקציעס!

און ביי אלעם דעם האָט דער דאָזיגער לייט־ארטיקעל פאָלשטענדיג פארשוויגען די גרונד־פראגע: פארוואָס איז דער אידישער פּראָלעטאריאט פאראינטערעסירט אין טעריטאָריאליזם? איז עס נאָר דערפאר, וואָס ער האָט ניט קיין „פּאָזיטיווען“ סאָציאליסטי־

שען באוואוסטזיין? טאַ וואָס איז דאַ דער אומגליק? האָט דאָך שוין קאוטסקי געזאָגט, אַז די ס. ס. זאָלען זיך אָנזאַפּען מיט'ן סאָציאַליזם פון דער ארומיגער אַטמאָספּערע — און גענוג! אָדער קען אפשר דאַ דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ניט פיהרען קיין קלאסען־קאַמף? טאַ פארוואָס זאָגט איהר עס ניט? דעמאָלט וואָלט קלאָר געוואָרען, אַז צווישען די ס. ס. און די אַלט־מינסקער פּועלי ציון איז קיין חלוק ניטאַ. אָדער דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פירט אַ קלאַסען־קאַמף, נאָר די באַדינגונגען פון זיין סטראַטעגישער באַזע מאַכען זי אומצופרידענשטעלענד?

מיט איין וואָרט, אַלץ בלייבט ניט קלאָר, ווי פריהער. אין „דער נייער וועג" (אין ערשטען נומער) הערען זיך שוין נייע לידער, וועלכע באַצייכענען אַ שאַרפע אומווענדונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער ס.־ס.'ישער וועלט־אַנשויאונג. דעריבער וועלען מיר צום „נייעם וועג" זיך אומקערען שפּעטער.

אויב די ס. ס. האָבען ניט קיין קלאַסען־פּראָלעטאַרישען אויסגאַנג־ אינטערעס, איז פאַרשטענדליך, אַז זיי קענען אויך ניט האָבען קיין פּראָלעטאַרישען וועג צום טעריטאָריאַליזם. די וועלט־אַנשויאונג פון די ס. ס. מוז נויטווענדיגערוויַיז זיך צו־שווימען איבער די באַקאַנטע „צוויי פלעכען", בעת זיי שטרענגען זיך אומזיסט אַן זיי צונויפצובינדען אין איין גאַנצען פּראָלעטאַרישען סינטעז. דער קלאַסען־קאַמף איז זיך איין זאַך און דער טעריטאָריאַליזם איז זיך אַ זאַך פאַר־זיך. אי אין דער „דעקלאַראַציע" און אי אין דעם „אידישען פּראָלעטאַריער" צייגט זיך קלאָר ארויס און עס זאָגט זיך זאָגאַר ארויס, אַז דער נויטיגער פּאָסטולאַט פון רעאַלער אַרבייט אויף דער טעריטאָריע איז אַ פּאָלשטענדיגע גאַראַנטיע פון רעכט (אַ טשאַרטער). דאָס הייסט, פריהער דאַרף מען באַקומען גאַראַנטיען אויף טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פאַר'ן אידישען

פאָלק און נאָכדעם זיך נעמען פאר קאָלאָניזאציע (א „ברייטע קאָ־לאָניזאציע„). טאָ וואָס איז די פארבינדונג צווישען דעם קלאסען־קאמף פון׳ם אידישען פראָלעטאריאט אין גלות און צווישען קריגען א „טשארטער“? לחלוטין קיין שייכות ניט! דעם „טשארטער“ וועלען באקומען די בורזשואזע טעריטאָריאליסטען און די קאָלאָניזאַ־ציאָנס־אונטערנעמונגען זיינען אויך אויסשליסליך די ארבייט פון דער בורזשואזיע. אין דעם ארטיקעל „איניגע געדאנקען וועגען דער רעאליזירונג פון טעריטאָריאליזם“ איז זיך דער שרייבער מודה, אז די בורזשואזיע איז דער אוואנגארד פון דער טעריטאָריאליסטי־שער באוועגונג. און באמת: פועל׳ען א טשארטער דארף די בור־זשואזיע, דינגען דאמף־שיפען דארף די בורזשואזיע און געבען געלט אויף קאָלאָניזאציע דארף ווידער טאקע די בורזשואזיע. טאָ וואָס איז די אויפגאבע פון׳ם פ ר אָ ל ע ט א ר י ש ע ן טעריטאָרי־אליזם? אגיטירען דעם פראָלעטאריאט, אז ער זאָל שטיצען די פאר־שידענע בורזשואזע דיפּלאָמאטען? מאכען אבסטרוקציעס אוסיש־קינ׳ען? אָבער דאָס האָט מען דאָך שוין געטאָן מיט ערפאָלג אויף׳ן זיבעטען קאָנגרעס. דער קלאסען־קאמף מיט אוסישקינ׳ען האָט זיך געענדיגט, דער פראָלעטאריאט האָט באזיגט „דער מוטער רחל׳ס קבר“ — נו, און וואָס בלייבט פאר די ס. ס. ווייטער צו טאָן? ווידער אגיטירען, ר ע ד ע ן וועגען א טעריטאָריע און געבען די בור־זשואזע דיפּלאָמאטען קלוגע עצות וועגען דיפּלאָמאטיע און קאָ־לאָניזאציע — עצות, וואָס יענע פאָלגען ניט? דער קלאסען־קאמף — ווי עס דערקלערט דער שרייבער פון דעם ס.־ס.׳ישען ליטארטי־קעל — פיהרט צו דער דעמאָקראטיזאציע פון דער געזעלשאפט און דער טעריטאָריאליזם קען פארווירקליכט ווערען נאָר אין דעמאָ־קראטישע לעבענס־פאָרמען. לאָמיר איינשטימען מיט דער פראזע; אָבער וואָס פאָלגט דערפון? אָהן דעם אנטייל פון׳ם אידישען פראָ־לעטאריאט וועט זיך די געזעלשאפט אויך דעמאָקראטיזירען; אָדער אפשר איז פאראן א געפאר, אז אָהן דער מעכטיגער הילף פון די

ס. ס. וועט די אַלוועלטליכע דעמאָקראַטיע געשלאָגן ווערן? און מיר פרעגן ענדליך: צו וואָס דאַרף מען בכלל די ס. ס., וואָס איז דער זין פון זייער אָפּגעזונדערטער עקזיסטענץ אַלס באַזונדערע אידישע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע? דער בונד עקזיסטירט צוליב דעם, ער זאָל פאָדערן ביי דער רוסישער קאָנסטיטואירענדער פאַרזאַמלונג נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר אידען. און וואָס וועלען פּ אָ ד ע ר ע ן די ס. ס. און פון וועמען וועלען זיי פאָדערן? צי דענקען זיי אפשר ניט אין א שענעם טאָג צו פאָדערן פון „ענגלאַנד" א טשאַרטער אויף אוגאַנדאַ מיט'ן סטראַשונאָק, אז אויב מען וועט זיי ניט נאָכגעבען, וועלען זיי ארויסרופען אן אַלגעמיינעם שטריק פון די אידישע שניידער אין די שטעדטלעך קאַבצאַנסק און הונגערעווקא? אָדער, וועלען זיי אפשר ווירקען אויף'ן אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט, אז מען זאָל מיט זיין הילף באַקומען א טשאַרטער? קומט ווידער אויס, אז קעמפען מוזען אַנדערע און פאַר די ס. ס. בלייבט איבער נאָר אונטערצושטופּען אַנדערע אין דעם קאַמף און אין דער אַרבייט און אליין נאָר זיך באַנוצען מיט די רעזולטאַטען!

כדי צו האָבען פאַר זיך א קלאָרען וועג, איז פריהער פאַר אַלעמען נויטיג א פאָלשטענדיגער, קאָנקרעטער פּראָגנאָז פון די צוקונפטיגע פּערספּעקטיווען פון יענער גרופּע, וועגען וועלכער עס האַנדעלט זיך — אין אונזער פאַל, פון'ם אידישען פאָלק און פון'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט. אין זייער אַנאַליז זיינען די ס. ס. דערגאַנגען נאָר ביז דער נויטיגקייט פון א טעריטאָריע פאַר'ן אידישען פאָלק, נאָר דערצו, אז די אידען ד א ר פ ע ן א טעריטאָריע. זיי פעלט אָבער די ה י ס ט אָ ר י ש ע נויטוועגדיגקייט פון א טעריטאָריע. זיי האָבען ניט קיין היסטאָרישע וועגען און מיטלען. זיי ווייסען גאָר ניט וועגען קאָנקרעטיזירען דעם טעריטאָריאַלען פּרינציפּ און זאָגען זיך פּרינציפּיעל אָפּ דאָס צו טאָן און באַשטימט אַנצואווייזען אויף א טעריטאָריע, ביז זי וועט ניט געפונען ווערען

און וועט ניט אויסגעפאָרשט ווערן. אַן אבסטראקטער טעריטאָריאַליזם שליסט, נאטירליך, אויס דאָס פאָראויסזעהן פון קאָנקרעטע וועגען. און דער איינציגער וועג, וואָס די ס. ס. קענען דערווייל באַגרייפען, איז „דאָס זוכען און אויספאָרשען א טעריטאָריע" — לאַנד־זוכעריי.

און ווידער פרעגען מיר: ווער וועט נעמען אויף זיך די אַרבייט צו זוכען א טעריטאָריע? ווער וועט זי אויספאָרשען? לעגט עס זיך אויף'ן שכל, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל זוכען די טעריטאָריע און אז ער זאָל עפּעס האָבען צו טאָן מיט'ן ארויסשיקען די עקספּעדיציעס? און איז עס ניט לעכערליך אָנצונעמען, אז דורך עקספּעדיציעס וועט מען דאָס לאַנד קענען אזוי אויספאָרשען, אז מען זאָל אַנטשידען קענען לעזען די פראגע, אויב דאָרט איז מעגליך צו שאפען א אידישע אויטאָנאָמע געזעלשאפט? דאָס איז א פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע פּראַגע. קיין מאָל האָט מען נאָך אזעלכע פּראגען ניט געלעזט מיט עקספּעדיציעס. די אבסטראקטע טעריטאָריאַליסטען דענקען, ווייזט אויס, אז די לעזונג פון דער אידישער פּראגע הענגט הויפּטזעכליך אָפּ פון געאָגראפישע (און קלימאטישע) באַדינגונגען. נאטירליך איז פאַראַן אַ מינימום געאָגראַפישע פאָדערונגען, וואָס א טעריטאָריע דארף נאָכקומען, כדי מען זאָל וועגען איהר קענען ערנסט רעדען; נאטירליך, קען מען ניט גרינדען א אידישע אויטאָנאָמע געזעלשאפט אויף'ן נאָרד־פּאָל אָדער אין דער סאַכארער מדבר. אָבער דאָ זיינען וויכטיגער די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווי די געאָגראפישע לאגע און דער קלימאט. פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע פּראגען איז נאָך קיין מאָל קיינעם ניט איינגעפאלען צו לעזען דורך עקספּעדיציעס. פּאַר אזעלכע פּראגען זיינען פאַראַן מעטאָדען פון סאָציאלאָגישען אנאליז און פּראגנאָז, וועלכע קענען בעסער, ווי עקספּעדיציעס, ווייזען, אויב דאָס לאַנד טויג אין אַלגעמיין פאר אַן אויטאָנאָמען

אידישען לעבען. די איינצעלהייטען, ווידער, דער־נעהט מען נאר ביסלעכווייז, שטודירענדיג דאס לאנד געננוי, אהן אויפהער און פלאנמעסיג. און אזא שטודיום מיינט שוין קאלאני־זאציע. עס הייסט: כדי אויסצופארשען ווי עס באדארף צו זיין דאס לאנד, דארף מען עס קאלאניזירען. מיט איין ווארט, דער אב־סטראקטער טעריטאריאליזם פירט די ס. ס. דירעקט צום אידעען־אוואנטיוריזם, וועלכער בייט אויס דעם געזעלשאפטליכען פראצעס און די דויערענדע אנטוויקלונג פון היסטארישע טענדענ־צען אויף צופעליגע קאמבינאציעס פון אינטערעסען און מעגליכ־קייטען. עס פעלט דער באגריף וועגען א סטיכישער אנזאמלונג און וואוקס פון כחות, וואס זאלען פירען צו דער פארווירקליכונג פון'ם טעריטאריאליזם, און אנשטאט דעם ברענגט מען אריין אלע מעגליכע צונויפטרעפונגען פון צופעליגקייטען.

אזוי ווי די ס. ס. ווילען דאך ווי־ניט־איז באווייזען די היס־טארישע נויטווענדיגקייט פון'ם טעריטאריאליזם, אויפדעקען די היסטארישע גאראנטיען פאר זיין פארווירקליכונג, ווייזען זיי אפט אן דארויף אז אלע פעלקער זיינען פאראינטערעסירט אין דער טעריטאריאלער לעזונג פון דער אידישער פראגע. אט־די אלוועלט־ליכע פאראינטערעסירטקייט האבען מיר שוין דערקלערט אין צוויי־טען קאפיטעל. די ס. ס. זיינען אבער אויך דא ניט אויסגעהאלטען און נעמען אן, אז דעם טשארטער קענען מיר באקומען פון איין מלוכה. די היסטארישע גאראנטיע פאר'ן טעריטאריאליזם בכלל געפינען די ס. ס. אין דעם, וואס אלע מעכטע זיינען פאראינ־טערעסירט און קאנקרעט וועט מען די טעריטאריע באקומען פון איין מאכט, אהן וועלכער עס איז שייכות צו דער אינטערנאציאנאלער פאראינטערעסירטקייט. צווישען אבסטראקטען טעריטאריאליזם און דער קאנקרעטער טעריטאריע ליגט ביי די ס. ס. אן אפגרונד, וואס מען פילט אן מיט אן אוואנטיורע פון דיפלאמאטיע און עקספעדי־ציעס.

אין דער ס.־ס.'ישער טעאָריע זיינען פאַראַן פיל באַזונדערע ריכטיגע און טיף־רעוואָלוציאָנערע אידעען, אָבער ניט זיי האָבען די אידעען זעלבסטשטענדיג געשאַפען. אַלץ, וואָס איז ווערטפול אין דער וועלט־אַנשויאונג פון די ס. ס., האָבען זיי שוין לאַנג צוריק אויסגעאַרבייט אין איינעם מיט די פועלי ציון, בעת זיי האָבען זיך נאָך ניט אָפּגעטיילט פון די פועלי ציון אין א באַזונדערער „פּאַר־טיי". זינט זיי האָבען זיך אָפּגעטיילט, זיינען זיי ניט בכח צו זאָגען א ניי וואָרט און עפּענען וועלכע עס איז ברייטע האָריזאָנטען פאַר'ן פּראָלעטאַרישען אידישען געדאַנק. פון זייער געגענוואַרט־פּראָגראַם איז ניטאָ קיין איבערגאַנג צו דער צוקונפט־פּראָגראַם. זיי האָבען ניט קיין באַגריף וועגען דער אַנזאַמלונג פון היסטאָרישע כחות און קיין קאָנקרעטען פּראָגנאָז פון די צוקונפט־פּערספּעקטיווען פון זייער אייגענער אנטוויקלונג, און דעריבער זיינען זיי ניט בכח צו־נויפצובינדען אין איין גאַנצעם זייערע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. זיי זיינען אין וואָרט און אין לעבען גוטע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, און קענען ניט דענקען ווי עס פּאַסט פאַר רע־וואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער. אין דער געגענוואַרט האָ־בען זיי ניט קיין נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, פאַר דער צוקונפט האָבען זיי ניט קיין קלאַסען־וועגען. זייער נאַציאָנאַלע פּראָגראַם אין גלות איז אַזוי בלאַס, אַזוי, קען מען זאָ־גען, גלייכגילטיג, אָהן א נשמה, אז עס בעט זיך ממש צו ציהען דעם שלום וועגען אן עכסט־פּעסימיסטישער באַציהונג פון די ס. ס. צו דער אידישער פראַגע אין גלות. אין דעם נאַציאָנאַלען אי־דישען לעבען אין גלות געפינען ניט די ס. ס. קיין פּאָזיטיוועס, קיין דערפרעהענדעס, קיין ווערטפולעס, קיין זאַך. אויף וואָס מען זאָל קענען בויען דויערנדע היסטאָרישע שאַפונג. דער פּעסימיזם אין זייער באַציהונג צו דער אידישער געגענוואַרט, דאָס פעלען פון וועל־בער ניט איז באַגייסטערענדער און רעוואָלוציאָניזירענדער אידעע מאַכט זייער פּראָגראַם קריכיג, צושראָקען און בלוט־אָרעם. די רע־

וואָלוציאָנערע נאציאָנאלע צוקונפט־פּראָגראם — טעריטאָריאליזם — געהט האנט אין האנט מיט׳ן מערדערליכען אָפּאָרטוניזם אין דער געגענוואָרט. די געוואגטסטע פאָדערונגען פון די ס. ס. זיינען ניט געגאנגען ווייטער פון גלייכע רעכט און פון דער גלייכבארעכטיגונג פון שפּראכען — צוויי פאָדערונגען, אגב, וואָס זיינען ווייט איינע פון דער צווייטער און זיינען פאַלשטענדיג אָפּגעזונדערט אין זייער ארגומענטאציע. פאַר׳ן געדאנק, וואָס איז ניט באלעבט פון קיין באלייכטענדער אידעע, זיינען בכלל כאראקטעריסטיש פאָדערונגען, וואָס קערען זיך ניט אָן איינע מיט דער צווייטער, וואָס מען האָט אויף שנעל אָנגעכאפּט אין אומאָרדנונג אין דער שלעכט באהאַלטע־נער אָפּאָרטוניסטישער שטרעבונג כאָטש וואָס־ניט־איז צו זאָגען דאָרט, וואו מען קען ניט זאָגען עפּעס וויכטיגעס. באזונדערס קלאָר זעהט מען די אידעען־צוטומעלטקייט פון די ס. ס. אין דער „נאציאָ־נאלער פּראָגראם״, וואָס זיי האָבען דערלאנגט זייער מאסע אויף זייער ערשטען צוזאמענפאָר. בעת אין דער לופט האבען זיך צו־טראָגען די אָפּקלאנגען פון דעם דונערנדען רוף פון דעם רעוואָלוציאָ־נערען פּראָלעטאריאט, בעת ארום און ארום האָט אלץ געקאָכט מיט נייע ברייטע לאָזונגען און קאמף־אידעען, בעת עס זיינען געשאפען געוואָרען נייע מוטיגע פאָדערונגען, בעת די פּועלי ציון, וואָס האבען זיך צוטיילט אין צוויי פארטייען (אידישע סאָציאליסטישע ארביי־טער־פארטיי פּועלי ציון און אידישע סאָציאליסטישע ארבייטער־פארטיי) האָבען דאָך איינשטימיג איינגעשלאָסען אין זייער פּראָ־גראם די רעוואָלוציאָנערע פאָדערונג וועגען דער ברייטסטער נאָ־ציאָנאל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע — אין דערזעלבער צייט האָבען די ס. ס. אונטערגעטראָגען זייערע חברים... פרייע שול־פאראיינען. עס פעלען ווערטער אויסצודריקען די דאָזיגע שרייענדע אומגעלומ־פּערטקייט: און מער פון אלץ רופען ארויס איבערראשונג און אנטריסטונג די פּרעטענזיעס, מיט וועלכע עס ווערען פּראָקלאמירט די דאָזיגע שווינדזיכטיגע שול־פאראיינען, דאָס אומצייטיגע קינד

פון דער בונדיסטישער „קולטורעלער אויטאָנאָמיע“. אַט האָט איהר אַן אויסצוג פון דער נייעסטער ס. ס.׳ישער שאפונג, פון א ליט־אר־טיקעל פון „דער נייער וועג“. דער אויסצוג איז אַביסעל א לענגליכער. דערפאַר אָבער איז ער אומפארגלייכליך אין דער אַנטשיידענהייט פון׳ם טויט־אורטייל, וואָס די ס.־ס. געבען ארויס זייער אייגענער פראָגראם :*)

„און דער אידישער פראָלעטאריאט מוז איצט ארויסשטעלען זיינע פאָדערונגען צו דער נייער רוסלאנד. ער מוז איצט זאָגען זיין וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס וועט געבען אַן ענטפּער אויף אלע זיינע נויטען, וואָס איז צוגעפּאסט צו די סאָציאלע באציהונגען ביים אידישען פאָלק, דאָס וואָרט, וואָס דארף איהם אָנווייזען דעם אמת׳ען וועג צום סאָציאליזם. און דער אידישער פראָלעטאריאט האָט דאָס וואָרט געזאָגט: אין דעם פיל־שטימיגען כאָר פון׳ם רוסלענדישען פראָלעטאריאט הערט זיך אויף די שטים פון׳ם אידישען פראָלע־טאריאט“. נאָכדעם ווערען אָנגעוויזען די וויכטיגסטע אלגעמיין־פראָלעטארישע פאָדערונגען, וואָס האָבען גאָר ניט צו טאָן מיט׳ן „נייעם וואָרט פון׳ם אידישען פראָלעטאריאט“. און ווייטער: „הויך פאָדערט ער פרייע זעלבסט־באשטימונג פאר אלע נאציעס, פרייהייט פאר אלע נאציעס — פרייהייט אויך פאר דער אידישער נאציע. און אין דער פרייהייט לעגט שוין דער אידישער ארבייטער אריין א רעאלען אינהאלט, אנטנומען פון דער אידישער ווירקליכקייט. גע־הענדיג פיל ווייטער פון די גרויע „דערגרייכער“ (אַ שענעם דאנק! — ב.), שטעלט ער זיך דאָך ניט אָפּ דאָרט, וואו עס הויבט זיך אָן דער נאציאָנאלער ראָמאנטיזם... מיר וועלען פאָדערען, אז די אידי־

*) ליידער, האָבען מיר ניט צו דער האנט דעם אידישען אָריגינאל פון דעם און אנדערע ציטירטע ארטיקלען און מיר זעצען איבער די אויסצוגען צוריק אין אידיש פון דער רוסישער איבערזעצונג.

—איבערזעצער.

שע פאלקס־בילדונג זאל איבערגעגעבן ווערן צו דער אידישער נאציע גופא דורך פרייע שול־פאראיינען, אין וועלכע די אידישע גע־זעלשאפטליכע גרופען וועלען זיך ארגאניזירען"... אגב, כדי צו פאר־זיסען די אפגעשמאקטקייט פון „די שול־פאראיינען, פלעגט דער שרייבער פון'ם לייט־ארטיקעל קונציג אריין די פאדערונג — וועגען רעגולירען די אידישע עמיגראציע. אבער דער מאנעוור קען אפנא־רען נאר א קינד: יעדער פארשטעהט, אז די דאזיגע „פאדערונג" שטעלען די ס. ס. ניט צו דער „נייער רוסלאנד", נאר צו דער בור־זשואזער יט"א.

די בלאסקייט און צושוואומענקייט פון דער נאציאנאלער פראגראם אין גלות און דער אפגרונד, וואס לאזט זיך ניט אריבער־שפרייזען, צווישען די פראלעטארישע און טעריטאריאליסטישע אינטערעסען, צווישען דעם קלאסען־קאמף פון'ם אידישען פראלעטא־ריאט און דער פארווירקליכונג פון טעריטאריאליזם, צווישען דער באוועגונג און דעם אידעאל, צווישען דעם היינט, דעם מארגען און איבערמארגען, צווישען „דא" און „דארט" — מיט אייןווארט, די אונהיילבארע צוריסענקייט וואס גראבט פון אינוועניג אונטער די פראגראם פון די ס. ס., מאכט זינלאז די סאמע עקזיסטענץ פון דער דאזיגער פארטיי. אט די אלע גרונד־פעלערען באווייזען קלאר אז די ס. ס. דריקען מיט זיך אוים אזא צופאסונג פון'ם פראלעטא־רישען געדאנק צום נאציאנאלען קאנפליקט, וואס האט ניט קיין זעלבסטשטענדיגען ווערט און איז נאר א צ ו ו י ש ע ן ־ ש ט ו ־ פ ע, א ן א י ב ע ר ג א נ ג ־ ש ט ו פ ע צו אן אנדערער, הע־כערער, מער קאארדינירטער, מער אנטוויקעלטער און רעוואלו־ציאנערער צופאסונג. ווי זאלען מיר דאס פארשטעהן?

אין דעם דריטען קאפיטעל האבען מיר אנטוויקעלט דעם גע־דאנק, אז דער ארבייטער האט צווייערליי אינטערעסען: ערשטענס, די אינטערעסען, וואס זיינען פארבונדען מיט'ן א ר ב י י ט ס ־ פ ל א ץ, מיט זוכען ארבייט, מיט דער קאנקורענץ פאר אן ארט

אין דער פּראָדוקציע און מיט עמיגראַציע; צווייטענס, די אינטע־רעסען, וואָס זיינען פארבונדען מיט דער ס ט ר א ט ע ג י ש ע ר ב א ז ע, מיט׳ן עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קאמף געגען עקס־פּלואטאַציע און אונטערדריקונג, מיט דער אלוועלטליכער פּראָלע־טאַרישער סאָלידאַריטעט. די אינטערעסען פון׳ם ארבייטס־פּלאַץ פארבינדען דעם ארבייטער מיט די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאסען און די אינטערעסען פון דער פּראָלעטאַרישער באַזע בינדען צונויף די ארבייטער פון איין און דערזעלבער נאַציע און אלע ארבייטער פון אלע נאַציעס אין איין קלאַס — דעם פּראָלעטאַריאַט. כאָטש ער אָרגאַניזירט זיך אין באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּארטייען און אין פע־דעראַציעס אין די באַזונדערע שטאַאַטען. ביים אידישען ארבייטער איז נאָך פארבליבען א געדיכטער פּסיכאָלאָגישער שיכט — א ירושה פון די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאסען; און צוליב דער אומזיכער־קייט פון זיין ארבייטס־פּלאַץ, צוליב דער שטענדיגער געפאַר צו פאַר־לירען די ארבייט און ארויסגעשטויסען ווערען פון דער פּראָדוקציע, באַפעסטיגט זיך די דאָזיגע ירושה. ד י נ א צ י א נ א ל ע פּ ר אָ ג ר א ם פ ו ן ד י צ י ו נ י ס ט ע ן ־ ס אָ צ י אַ ל י ס ט ע ן א י ז ד ע ר א ו י ס ד ר ו ק פ ו ן ד ע ר פּ ס י כ אָ ל אָ ־ ג י ע פ ו ן ד י ז י ך ־ פּ ר אָ ל ע ט א ר י ז י ר ע נ ד ע מ אַ ־ ס ע ן, וואָס האָבען זיך נאָך ניט אנטוויקעלט צו דער מדרגה פון אמת׳ען פּראָלעטאַריאַט.

די לעבענס־באַדינגונגען פון די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאסען שאַפען ביי זיי א ניט־סטאַבילע, א וואַקעלדיגע — אַזוי צו זאָגען, אַן אַנאַרכישע פּסיכאָלאָגיע. אַן אומקלאָרקייט און וואַקעלדיגקייט פון געדאַנק; א נייגונג צו שנעלע און אָפּט איבערראַשענדע איבער־גאַנגען; א פּלעצליך „קלוג־ווערען“ אנשטאָט א שטופּענווייזער, אויסגעהאַלטענער עוואָלוציע; א פּעהיגקייט זעהר שנעל און מיט א ריינעם געוויסען זיך אָפּצוטרייסלען פון די פריהעריגע הויכע פּראַזען און אַהן קאמף מיט זיך פארברענען און באַשפּייען די פריי־

העריגע אָפּגעטער — דאָס זיינען אַלץ פּסיכאָלאָגישע אייגענשאַפּ־טען פון די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען, וואָס זעהן זיך בולט אין דער אנטוויקלונגס־געשיכטע פון די ס. ס. (און פון יענע פּועלי ציון, וועלכע האָבען אָרגאניזירט די נייע אידישע סאָציאַליסטישע אר־בייטער „פּארטיי"). און די דאָזיגע פּסיכאָלאָגישע שטריכען זעהט מען אומעטום אין זייער ארט דענקען. אלס זייערע אויסגאנג־מאָ־טיווען, וואָס פירען זיי צום טעריטאָריאליזם, האָבען זיי אָנגעגעבען די „ניט־פּראָלעטאריזאציע", אָדער — וואָס איז איינס און דאָס־זעלבע — די „ניט־אינדוסטריאליזאציע" — און די עמיגראציע. די אומנאָרמאלע פּראָלעטאריזאציע און די עמיגראציע זיינען אומצוויי־פעלהאפטע פּ א ק ט ע ן און זאגאר פּ א ק ט אָ ר ע ן אין'ם אידישען לעבען, זיי קענען אָבער ניט דינען אלס א י נ ט ע ר ע ־ ס ע ן א ו ן מ אָ ט י וו ע ן פ ו ן'ם ק ע מ פּ ע נ ד ע ן פּ ר אָ ל ע ט א ר י א ט ; דאָס זיינען נאָר אָנרעגענדע מאָטיווען פון די זיך־פּראָלעטאריזירענדע און עמיגרירענדע מאסען. די טערי־טאָריע־זוכעניש איז פּשוט אן אידעאָלאָגישע אָפּשפּיגלונג פון דער רעאלער ערשיינונג — פון דער בלאָנדזשען פון די אידישע זיך־פּראָ־לעטאריזירענדע מאסען איבער דער גאנצער וועלט, זוכענדיג אן ארבייטס־פּלאַץ. די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען האָבען נישט די מינדסטע הנסטאָרישע ווירקונג; זיי זיינען נאָר דער פּאסיווער מאטעריאל פאר די שאפענדע געשיכטליכע פּראָצעסען; און איבער דער נאציאָנאלער אידעאָלאָגיע פון די ס. ס. הענגט די קללה פון אומפּרוכטבארקייט, פון אומבהאָלפענקייט, פון אומפעהיגקייט צו זאָגען א ניי וואָרט און צו עפענען נייע ברייטע וועלטען. זיי קענען נאָר שיטען קנאָקענדיגע פראזען און צוזאָגען נייע וועלטען; אויס־פיהרען זייערע צוזאָגען זיינען זיי ניט בכח. די אומפעהיגקייט פון די ס. ס. צו ווערען דער אוואנגארד פון דער טעריטאָריאליסטישער באַוועגונג, צו ווערען די הערשער פון זייער אייגענעם שיקזאל איז באַלשטענדיג אין איינקלאנג מיט דער פאטאלער הילפלאָזיגקייט

פון די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען און מיט זייער אָפּהענגיג־קייט פון דער בורזשואזיע. און ענדליך: דער פּעסימיזם בנוגע דער נאַציאָנאַלער ווירקליכקייט אין גלות איז אין איינקלאנג מיט דער אידעאָלאָגיע פון׳ם אידישען עמיגראנט, וועלכער איז שוין אָפּגעריסען פון׳ם לעבען דאָ און לעגט אלע זיינע האָפנונגען אויף דאָרט און נאָר אויף דאָרט. די אלט־מינסקער פּועלי ציון דריקען א י ן א ל ץ אויס די אידעאָלאָגיע פון די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאַסען און די ס. ס. — נאָר אין דער נאַציאָנאלער פראגע.

די ס.־ס.׳ישע ס אָ צ י א ל ע פּראָגראם איז א ריין פּראָלעטאָרישע. פּ א ק ט י ש פיהלען זיי ניט קיין „ניט־פּראָלעטאָריזאציע“ — זייער זעלבסט־געפיהל איז פאָלשטענדיג פּראָלעטאריש פּ א ק ט י ש עמיגרירט ניט זייער „פּארטיי“ און קימערט זיך ניט וועגען „זוכען אַ טעריטאָריע“ און אפילו ניט וועגען שטודירען געאָגראפיע. עס איז קלאָר, אז זייער נ א צ י אָ נ א ל ע אגיטאציע שפּאָרט זיך אָן אויף אזעלכע עלעמענטען פון דער אידישער אַרבייטער־פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָבען ניט קיין מערקבארע ווירקונג אויף דעם ארבייטער׳ס לעבען; דאָס זיינען — זאָגען מיר נאָך אמאָל — עלעמענטען ניט פאָלשטענדיג אנטוויקעלטע, צוריקגעשטאָנענע, איבערגאנגס־עלעמענטען. דער צוג פון דער פּראָלעטארישער אידישער פּסיכאָלאָגיע איז אויסגעשפּרייט מיט קליין־בורזשואזע איבערבלייבענישען; איבער זיי איז א שיכט איבערבלייבענישען פון די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען; און סאמע אויבען, ביסלעכוויז ארויסשטויסענדיג די אנדערע צוויי שיכטען, ביסלעכוויז אָפּרייבענדיג זיי, קומט דער שיכט פון דעם קעמפענדען פּראָלעטארישען קלאס, וואָס גיט די קאָמפּליצירטסטע און לעבענס־פעהיגסטע פאָרמאציעס. די ווידערשפּרוכען, וואָס צורייסען דעם צווישען־שיכט און זיין שאפונג — די ס.־ס.׳ישע נאציאָנאלע פּראָגראם, זוכען אן אויסגאנג אהער אדער אהין, אראָפּ אָדער ארויף, פאראויס

אדער צוריק. די ס. ס. געפינען זיך איצט אויף'ן שייד־וועג. וואוהין וועט זיי פירען זייער ווייטערע אנטוויקלונג?

זייער רעוואלוציאנערע ערא־בערונג — דער טעריטאריאליזם — איז שוין זייער פאלשטענדיג אייגענטום. אבער אין די פראגען וועגען דעם אויסגאנג־אינטערעס און, אין פארבינדונג דערמיט, וועגען די וועגען און מיטלען איז נאך מעגליך א צווייאיגע עוואלוציע. די ס. ס. קענען איבער־רייסען מיט די ארבייטס־פלאץ טראדיציעס; זיי קענען אוועקנעבען דער אוננארמאלער פראלעטאריזאציע איהר ריכטיגען פלאץ פון א פשוט'ען פאקט אין דער אידישער דינאמיק אהן וועלכע עס איז פרעטענזיעס אויף דער ראל פון א פראלעטארישען קלאסען־מאטיוו; זיי קענען זיך אפזאגען פון טעריטאריע־זוכעניש, פון דיפלאמאטישע אוואנטיורען און פון'ם טשאר־טער און זיך ווענדען צום קאנקרעטען פראגנאז פון דער צוקונפט, ארויסגעהענדיג פון דער טענדענץ צום אריבערבאוועגען די אידישע פראלעטארישע באזע — מיט איין ווארט, די ס. ס. קענען זיך דער־נעהענטערען צו אונז, פועלי ציון. זיי האבען אבער פאר זיך נאך אן אנדער וועג — זיך אומצוקערען צו די טראדיציעס פון דער קליין־בורזשואזער פעריאדע, צו דער פראגראם פון כל ישראל חברים און פארזינקען אין דער בלאטע פון דעם נאציאנאליזם, וואס האט ניט צו טאן מיט קלאסען. פשוט זיך אומקערען צום בונד איז פאר זיי אוממעגליך דערפאר, ווייל זיי האלען זיך שוין פעסט אן דעם טעריטאריאליזם: און אויב זיי וועלען אוועק אויף'ן צווייטען וועג, וועט זיי אויסקומען, בלייבענדיג סאציאליסטען אין דער סאציאלער פראגע, זיך פאלשטענדיג אפצוזאגען פון דעם פראלעטארישען קלאסען־שטאנדפונקט אויף דער נאציאנאלער פראבלעם.

אויף וויפיעל מען קען אורטיילען פון'ם ערשטען נומער „דער נייער וועג" פארקירעווען זיך די ס. ס. אויף'ן צווייטען וועג — צו

דער פּראָגראַם: כּלל ישׂראל, אָהן אונטערשיעד פון געשלעכט, על־טער און קלאַס. אין דעם לייט־אַרטיקעל לייענען מיר: „װאָס גע־ריכטער און קאָמפּאַקטער עס װערט די קאָנצענטראַציע פון דער עמיגרירענדער אידישער אַרבײטער־מאַסע און די אימיגראַציאָנס־לענדער, אַלץ שטאַרקער װערט איהר צוריקװירקונג אויף דער אידי־שער אַרבײטער־באַפעלקערונג אין דער עמיגראַציע. ביסלעכװײז אַנטװיקעלט זיך אַ געגענזײטיגע װירקונג פון אימיגראַציע און עמיגראַציע, און אין דער קלאַסען־אידעאָלאָגיע פון׳ם אידישען אַר־בײטער הויבט די עמיגראַציע אָן צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ פאַקטאָר, װאָס פאַרגרעסערט זײן ענערגיע אין קלאַסען־קאַמף" (?!?!). און װײטער װידערהאָלט זיך דער מערקװירדיגער געדאַנק װעגען דער עמיגראַציע, װאָס פאַרגרעסערט די ענערגיע פון קלאַסען־קאַמף — דער געדאַנק, װאָס מוז קלינגען לעכערליך, װען ער קומט פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. און דאַן װידער טאַקע די זינד פון אַלע זינד פון די ס. ס.: דער טעריטאָריאַליזם אין דער אידעאָלאָגיע פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט, בעת ער פעהלט אין דעם לעבען און אין קאַמף פון אַרבײטער־קלאַס. דאָן װערט אין דעם לייט־אַרטיקעל געזאָגט, אַז די אײגענאַרטיג־קײט פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען לעבען לעגט אַװעק איהר שטעמפּעל אויף׳ן קלאַסען־קאַמף פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט. אָבער װאָס פאַר אַ שטעמפּעל, אין װאָס באַ־שטעהט דער קלאַסען־כאַראַקטער פון דעם שטעמ־פּעל. דאָס הײסט, װי אַזױ דער אידישער קעמפענדער פּראָלעטאַריאַט איז פאַראינטערעסירט אין טעריטאָריאַליזם און װי ער פאַרװירקליכט דעם טעריטאָריאַליזם דורך זײן קלאַסען־קאַמף — װעגען דעם שװײגט דער שרײבער; ער גיט אפילו קײן אָנצוהערעניש ניט װעגען די פראַגען גופא. דערפאַר אָבער אין אַר־טיקעל „װאָס איז אַזוינס דער אידישער אַרבײטער?" װערט דורכ־געפיהרט דער געדאַנק, אַז די צוקונפט פון אידישען פּראָלעטאַריאַט

איז ענג פארבונדען מיט דער צוקונפט פון אידישען פאלק, פונקט ווי זיין געגענוואַרט איז אויך א פּראָדוקט פון דער אַל־אידישער ווירקליכקייט; און אזוי ווי די צוקונפט פון'ם אידישען פאָלק איז אין טעריטאָריאַליזם, געהט צום טעריטאָריאַליזם אויך דער אידישער פּראָלעטאריאט. דאָס אַלץ איז ריכטיג, אָבער די הויפּט זאַך איז, וויאזוי מען פארשטעהט עס און מען באווייזט עס. מען דארף פריהער אנאַליזירען די אינטערעסען פון יעדען קלאַס פון אידישען פּאָלק און באזונדער און הויפּטזעכליך די אינטערעסען פון'ם אידישען פּראָ־לעטאריאט. אויב עס זאָל זיך ארויסווייזען, אז כאָטש די אינטע־רעסען פון דער אידישער בורזשואזיע און פון די זיך־פּראָלעטארי־זירענדע מאסען פיהרען זיי צו טעריטאָריאַליזם, אָבער די אינטע־רעסען פון'ם אידישען פּראָלעטאריאט זיינען מיט'ן טעריטאריא־ליזם ניט פארבונדען, וואָלט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען דעם, אז די צוקונפט פון'ם אידישען פּאָלק זאָל אויך זיין די צוקונפט פון'ם אידישען פּראָלעטאריאט. פארקערט, מען דארף ארויס־געהן פון די אינטערעסען פון'ם פּראָלעטאריאט און קומען צו דער צוקונפט פון דער גאנצער נאציע. די ס. ס. האָבען אָנגענומען דעם ערשטען פון די צוויי שטאנדפּונקטען, דעם אנטי־פּראָלעטא־רישען, דעם שטאנדפּונקט פון כל ישראל חברים. מיר, פּועלי ציון, האלטען זיך ביים צווייטען, ביים קלאַסען־וועג. ארויס־געהענדיג פון די אינטערעסען פון'ם קעמפּפענדען אידישען ארבייטער־קלאַס און שטעלענדיג דעם קלאַס אין אוואנגארד פון דער אידישער צוקונפט, קומען מיר צום טעריטאָריאַליזם פאר'ן גאנצען אידישען פּאָלק.

ו.

אָבער ניט אַלע פּועלי ציון האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון די צו־שוואומענע, ניט־קאָאָרדינירטע אידעען, וואָס זיינען געבאָרען גע־וואָרען א דאנק דער פּסיכאָלאָגישער ירושה פון די זיך־פּראָלעטארי־

רענדע מאסען. די פועלי ציון זיינען געבליבען אהן וועלכער עס איז אידעאישער פירערשאפט בעת די ס. ס. האבען זיך אויסגעטיילט אין א באזונדערער אָרגאניזאציע. פון די ס. ס. האט זיי אפגעשטויסען דער אבסטראקטער טעריטאָריאליזם און דאס, וואס מען האט די אוואנטיורע געמאכט פאר א פרינציפּ פון א פּאָליטישער פּראָגראם. אבער קיין אייגענע, זעלבסטשטענדיג אויסגעארבייטע וועלטאנשויאונג האבען די פועלי ציון, בכלל, ניט געהאט. זיי האבען, ווער ווייסט פאר וואס, אנגעהאלטען פּאלעסטינא אלס קאָנקרעטע טעריטאָריע, אבער אויסער דעם פּונקט, וואס האט אויסגעשלאָסען די אנטי־פּראָלעטארישע טעריטאָריע־זוכעניש, האט אין די „טעאָריען" פון די פּוע"צ פּונקט ווי ביי די ס. ס., אויף'ן אָלטען שטיינער געבליט די בית־המרדש דיפּלאָמאטיע, די „ניט־פּראָלעטאריזאציע", עמיגראציע און קאָנצענטראציע אלס מאָטיווען פון'ם פּראָלעטארישען טעריטאָריאליזם. אין די רייהען פון די פועלי ציון איז אָנגעגאנגען אמאָל א באהאלטענע, אמאָל אן אָפענע איהרונג. עס האט געפעלט אָרגאניזירטקייט און פּונקט ווי ביי די ס. ס., איז פאר זיי געווען א צוויי׳איגע מעגליכקייט: אָדער זיך אראָפּלאָזען צו די טעאָריען פון כלל ישראל, אָדער זיך דערהויבען צום באמת־פּראָלעטארישען שטאנדפּונקט אויף'ן טעריטאָריאליזם.

צוליב דער אונאָרגאניזירטקייט פון די פועלי ציון האט עס פּאסירט, אז עס האבען זיך ביי זיי געבילדעט צוויי שטרעמונגען. די נייע שטרעמונג — פון די „וואָראָזשדענצעס" — איז ניט ארויסגעקומען פון דעם אידישען פּראָלעטאריאט, נאָר איז צו איהם געבראכט געוואָרען פון דרויסען פון א גרופּע אינטעליגענטען־„וואָזראָזשדענצעס".*)

*) אָט וואס עס דערצעלט וועגען זיי „די מעלדונג וועגען דעם ערשטען גרינדונגס־צוזאמענפאָר פון דער אידישער סאָציאליסטישער אר־בייטער־פּארטיי", וואס האט זיך אָרגאניזירט אונטער דער דירעקטער אידע־

די „וואזראזשדענצעס" האבען געשאפען א באזונדערע טעאריע, וועלכע איז אויף'ן ערשטען בליק גוט געבויט און איז רייך אין אי־דעען. אין איהר, ווי אין יעדער קאמפליצירטער, אינטעלעגענטישער אידעאלאגיע, איז ניט גרינג צו אנטדעקען די גרונד־שטריכען פון איהר קלאסען־כאראקטער. אין די פיער נומערען פון זייער ארגאן האבען זיך די „וואזראזשדענצעס" ווייניג געקימערט וועגען פראלע־טאריאט און זיין קלאסען־קאמף. די גרופע איז דעמאלט קלאר גע־שטאנען אויף'ן שטאנדפונקט פון כלל ישראל, פארשטעהענדיג אונ־טער „ישראל" די גאנצע פאלקס־מאסע — אי די קליין־בורזשואזיע, אי די זיך־פראלעטאריזירענדע מאסען, אי דעם פראלעטאריאט. זיי האבען בכלל ניט אונטערשיידט קיין קלאסען ביים אידישען

אישער פירערשאפט פון די „וואזראזשדענצעס": „עס האט געפעלט דער פונדאמענט פון א פעסטער סאציאל־פאליטישער פראגראם. דאס האט זיך אלץ שטארקער געלאזט פילען, און דער פועלי־ציוניסטישער געדאנק האט זיך באדארפט אלץ מעהר פארטיפען אין די היסטארישע טענדענצען (לווי־דער, נאר „באדארפט", ער האט ער אבער ניט געטאן, ביז עס זיינען ניט געקומען צו הילף די „וואזראזשדענצעס". מיט זייער ערשיינען זיינען די געוועזענע פועלי ציון מיט איין מאל קלוג געווארען און, ניט זוכענדיג, געפונען... ב.) פון דער מאדערנער געזעלשאפט, האט באדארפט אנהויבען טיפער אנאליזירען די געזעלשאפטליכע פאקטארען פון דער אידישער ווירקליכקייט, כדי זיך קלאר צו מאכען די וועגען, וואס פירען דעם אידי־שער פראלעטאריאט צו דער פארווירקליכונג פון'ם סאציאליזם." און דאן וועגען די „וואזראזשדענצעס" גופא: „דא מוזען מיר באמערקען, אז אין דערזעלבער ריכטונג (אין וועלכער די געוועזענע פועלי ציון האבען ניט געארבייט... ב.) האט אויך געארבייט די באקאנטע גרופע סאציאליסטען־אינטעליגענטען, וועלכע זיינען באקאנט אונטער'ן נאמען „וואזראזש־דענצעס". אזוי ווי די דאזיגע גרופע האט ניט באלאנגט צו קיין ציוניס־טישער ארגאניזאציע און ניט צו קיין סאציאליסטישער פראקציע אין ציוניזם (זעהר פארכינפטיג!... ב.) און איז ניט אריינגעשלעפט געווארען

פאָלק און האָבען נאָר אונקלאָר געפילט ווידערווילען און אונצוטרוי צו „באַלעבאַטים“ און צו ציוניסטישע באַפאָלמעכטיגטע. נאָר אין דעם אונקלאָרען געפיל האָט זיך ארויסגעוויזען זייער „סאָציאַליזם“. רעוואָלוציאָנערישקייט, אין געוועגליכען זין פון דעם וואָרט, דאָס הייסט, אומפּרוכטבארקייט און פראזען־קאמפּלוסט האָבען זיי פאַרמאָגט גענוג: זיי האָבען זיך היביג געזידעלט מיט'ן בונד און דיט די אַלגעמיינע ציוניסטען, מיט פּלעווע'ן און מיט הערצעל'ס דיפּלאָמאַטיע, איין פארדינסט פון גרויסער פּאָליטישער וויכטיגקייט האָבען זיי יאָ געהאט און האָבען נאָך ביז איצט **נאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנעריזם**. ווירקליך, אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע קען מען זיי קיין פּאָרוואורף ניט מאַכען אין אָפּאָרטוניזם, אין

---

(דורך'ן שטורמדיגען גאנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און דורך די ערשיטערונגען אין דער אידישער געטאָ... ב.) אין די טאָג־טעגליכע (לייען רעוואָלוציאָנערע... ב.) מאָמענטען פון דער ציוניסטישער (און סאָציאַל־דעמאָקראַטישער... ב.) פּראַקטיק, האָט זי געהאט די מעגליכקייט (גליקליכע מענשען!... ב.) רוהיג און קלאָר צו אנאַליזירען די ארומיגע ווירקליכקייט (דאָס הייסט: די ווירקליכקייט, וואָס מען האָט באָאָבאַכט פון דער שענער ווייטקייט... ב.), שארפער אָנדייטען די היסטאָרישע טענדענצען, קלאָרער באַשטימען די וועגען, וועלכע פירען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט צו זיין סאָציאַליסטישער צוקונפט. נאָך'ן זיבענטען קאָנגרעס זיינען איניגע (נאָר איניגע!!... ב.) „וואָזראָזשדענצעס“ געוואָרען מיטגלידער (בעל־טובה'ניקעס. ב.) פון פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ניט קוקענדיג דארויף, וואָס זיי זיינען אָנהענגער פון'ם רעאַליסטישען און ניט פון'ם מאַטעריאַליסטישען בליק אויף דער געשיכטע.“

סאָציאַליסטען־אינטעליגענטען, קאַבינעט־„געלערטע“, וואָס טראַכטען אויס זייערע טעאָריען ווייט פון לעבען און פון דעם רעוואָלוציאָנערען שטורם; רעאַליסטען און ניט קיין מאַטעריאַליסטען — אָט וואָס מיר דערוויסען זיך וועגען די „וואָזראָזשדענצעס“ פון קוועלען, וואָס זיינען מעהר ווי פריינדליך צו זיי...

שרעקענדיגען פארשווייגען, אין ענגקייט פון פראַגראם־פאָדערונ־גען. דאס איז זייער פארטייל אין פארגלייך מיט'ן בונד און מיט די ס.ס.; עס פארשטעט זיך אָבער פון זיך, אז מיט'ן סאָציאליזם און מיט'ן קלאסען־קאמף האבען זיי געהאט א קנאפע שייכות. דער היסטאָרישער מאטעריאליזם, די פילאָזאָפישע וועלט־אנשויאונג פון'ם פראָלעטאריאט, איז זיי געבליבען פרעמד און אומפארשטענד־ליך; זייער היסטאָריש־פילאָזאָפישע וועלט־אנשויאונג איז א געמיש פון ס. ר.'ישע אידעען, פון מיכאילאָווסקי'ס „סאָציאלאָגיע" און פון'ם רעאליזם פון אזעלכע מערב־אייראָפעאישע פראָפעסאָרען, ווי שטאמלער, זימעל און זאָמבארט. א שרעקליכע וואקעלדיגקייט פון די אלגעמיינע סאָציאלאָגישע באגריפען איז געווען כאראקטע־ריסטיש פאר זייער טעאָריע: עס איז א מין ס. ר.'ישע טעאָריע מיט א מערב־אייראָפעאישען גלאנץ.*)

*) די דאָזיגע גרופע, אן אייגענארטיגע, פול מיט לעבענסזאפט, א ענערגישע, איז געווען א טיף־אינטערעסאנטע און אָהן ספק ליכטיגע ער־שיינונג אין אידישען לעבען. אין דער גאנצער געשיכטע פון זייער ארויס־טריט און פון זייער טעטיגקייט האָט זיך געהערט א פרישער, לעבענס־לוסטיגער, גלענצענדער טאָן. מענשען אָהן וועלכער עס איז פאָליטישער פארגאנגענהייט, אָהן א באשטימטער געזעלשאפטליכער פיזיאָנאָמיע, אָהן שונאים און אָהן פריינד, אָהן א ריינער אָדער אומריינער רעפוטאציע; מענשען, וואָס האָבען אין זייערע קאבינעטען ניט געוואוסט פון טעות'ען, פון היגרייסונגען, פון פאלען און דערהויבען — אלץ זאכען, וואָס זיינען אומפארמיידליך אין דער ערשטער צייט פון יעדען ענערגישען ארויס־טריט אין א כאאָטישער רעוואָלוציאָנערער עפאָכע — אזוי זיינען זיי ערשינען אויף אונזער געזעלשאפטליכען האָריזאָנט אין דער צייט פון די רוסישע „פרייהייטען", אין דעם מאָמענט, ווען עס איז פארהעלטניס־מעסיג געווען ניט געפערליך צו פראָפאגאנדירען און אגיטירען. די „וואָז־ראָזשדענצעס" האָבען זיך באנוצט מיט דער אומאָרגאניזירטקייט פון

ווען די „וואַזראַזשדענצעס“ זיינען געקומען צו דער אידישער אַרבייטער־מאסע, האָבען זיי זיך אויסגעלערענט גוט צו דעקלינירען דאָס וואָרט „פּראָלעטאַריאַט“ און עם ארומשטעלען מיט אויסגעשריי־צייכענס.אָבער מיט'ן ארבייטער־קלאַס און מיטן סאָציאַליזם האָט

---

אונזערע חברים און האָבען אריינגעדרונגען אין אייניגע פּועלי־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. די מייסטע אינטעליגענטען און די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס האָבען באלד, אמאָל אין א פּאָר טעג צייט נאָר, אָנגענומען די נייע טעאָריע, און די מאסען בלאָנדזשען נאָך ביז איצט ווי אין א נעבעל; די „וואָזראָזשדענצעס“ האָבען זיי, אָנשטאָט ליכט, געבראַכט נאָר צוטומעלטקייט און א נאָך ערגערע דעזאָרגאַניזאַציע. דאָס אלעס און אויך די מערקווירדיג אומריינע אטמאָספערע פון ליגענס, באַרימעריי, אינטריגען און רכילות, מיט וועלכע די אומגעבעטענע „אָרגאַניטאַזאָרען“־„וואָזראָזשדענצעס“ האָבען ארומגערינגעלט זייער טעטיגקייט, ברענגט ניט־ווילענדיג צום געדאַנק, אז די לערע פון די „וואָזראָזשדענצעס“ מיט איהר אויסשליסליך נ א צ י אָ נ א ל ע ן רעוואָלוציאָניזם און דער פּראָלעטאַריאַט זיינען זיך פאָלשטענדיג פרעמד. די פארזוכען קינסטליך זיי צו פאראייניגען, וואָס האָבען ענדליך געשאַפען די אידישע סאָציאַליסטישע ארבייטער־„פּארטיי“, האָבען נאָר קאליע געמאַכט ביידע עלעמענטען. די אמאָליגע — אויב איהר ווילט — אייגענאַרטיגע שענקייט פון דער גרופּע „וואָזראָזשדענצעס“ איז פאָלשטענדיג פארשוואונדען און איהר פלאַץ האָבען פארנומען זעהר ניט שענע פּארטיי־רייסעריי; ביי די ארבייטער, ווידער, איז צוטרייסעלט געוואָרען די גאנצע וועלט־אנשויאונג. די אומנאַטירליכקייט פון דער צונויפפּאָרונג פון דער „וואָזראָזשדענצעס“־לערע מיט דער קלאַסען־אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט ווערט אם בעסטען באַוויזען פון דער בלאָטע, וואָס דער שדוך האָט פאראורזאַכט. און דיזעלבער אומנאַטירליכקייט פון דעם שדוך באַווייזט נאָך בעסער דער אנאליז פון די טעאָריען פון די „וואָזראָזשדענצעס“ אין דעם זאמעלבוך „וואָזראָזשדעניע“, מיט דער פיל־פארשפּרעכענדער איבערשריפט: „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די אידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם.“

זייער טעאָריע נאָך אלץ א קנאפע שייכות. זייער סאָציאליזם איז א גאנץ אייגענארטיגער. מען קען זיין ניט קיין היסטאָרישער מאטע־ריאליסט, מען מוז אָבער פארשטעהן, אז דער סאָציאליזם איז פריהער פאר אלעמען אן איבערקערעניש אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דער געזעלשאפט און אז דער דירעקטער רעזולטאט פון דער איבערקערעניש וועלען זיין גינסטיגע ענדערונגען, פאָליטישע און קולטורעלע.

דער פראָלעטאריאט איז זיכער, אז אין דער סאָציאליסטישער אָרדנונג וועט פארשווינדען יעדע אונטערדריקונג, וואָס קומט פון עקאָנאָמישער עקספּלואטאציע און קאָנקורענץ, און אויך די נאציאָ־נאלע אונטערדריקונג, און נאָר דערפאר, ווייל עס וועט באזייטיגט ווערען די עקאָנאָמישע אונטערדריקונג. דער סאָציאליזם מיינט די פארגעזעלשאפטליכונג פון די פראָדוק־ציאָנס־מיטלען — דאָס און ניט עפּעס אנדערש.

די אידישע פראגע * זאָגען די „וואָזראָזשדענצעס" — איז א פּראָדוקט פון דער נאציאָנאלער עקספּלואטאציע, און די דאָזיגע עקספּלואטאציע איז א רעזולטאט דערפון, וואָס די אידען האָבען ניט קיין טעריטאָריע. אז „די אידישע פראגע — זאָגען זיי — איז גענצליך דער רעזולטאט דערפון, וואָס די אידען פארמאָגען ניט קיין אויטאָנאָמע נאציאָנאלע פאָרמען פון סאציאלען לעבען. מיר האָבען געזעהן, אז דאָ ווערט געבאָרען די נאציאָנאלע עקספּלואטאציע פון די אידען אויף'ן עקאָנאָמישען געביט, פּונקט ווי אויף'ן פּאָליטישען און קולטורעלען".*) פאר יעדען סאָציאל־דעמאָקראט איז קלאָר, אז די ענדליכע אורזאך איז ניט דאָס, וואָס די אידען האָבען ניט קיין טעריטאָריע, נאָר די אָרדנונג, וואָס איז געבויט אויף קאָנ־קורענץ און עקספּלואטאציע, דאָס הייסט, אויף'ן פּריוואט־אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. פּריוואט־איי־

*) „וואָזראָזשדעניע", 1905, זייט 36.

גענטום איז די ענדליכע אורזאַך פון דער אידישער פראגע, פונקט ווי פון אלע ברענענדע פראגען פון היינטיגען צייט. מיט'ן פאַל פון פריוואַט־אייגענטום און פון די קאפּיטאַליסטישע אייגענטום־פאַרהעלטנישען וועט געלעזט געוואָרען אויך די אידישע פראגע. אָבער מיר, טעריטאָריאַליסטען באהויפּטען, אז זי וועט געלעזט ווערען *ביז א געוויסען גראד נאָך פאַר* דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג, נאָך אין דער קאפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, ווען מען וועט שאַפען א אידישע אויטאָנאָמע געזעלשאַפט, וואָרים מיט איהר שאַפונג וועט באזייטיגט ווערען די *נאָהענטסטע* אורזאַך פון דער אידישער אונטערדריקונג — די עקסטעריטאָריאַליטעט פון'ם אידישען פאָלק.

דער שרייבער „וואָזראָזשדעניע“ זאָגט: „מיר וואָלטען, נאַטירליך, געקענט זאָגען, אז די ראַדיקאַלע לעזונג פון דער אידישער פראגע, פונקט ווי פון יעדער נאַציאָנאַלער פראגע, גיט דער סאָציאַליזם, אָבער דאָס וואָלט געווען א טאַווטאָלאָגיע, וואָרים מיר שטעלען זיך פאָר די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אלס אזא געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, אין וועלכער עס זיינען פאָלשטענדיג באזייטיגט יענע באַדינגונגען, וואָס רופען ארויס די עקאָנאָמישע, פונקט ווי די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. *יעדע* פון די *דאָזיגע פריהייטען באטראַכטען* מיר פאַר אן *אויטאָנאָמען געזעלשאַפטליכען אידעאַל*, פאַר וועמענס פאַרווירקליכונג עס מוזען אָנגעווענדעט ווערען *זעלבסטשטענדיגע* אָנשטרענגונגען פון דער סאָציאַלער שאַפונג און עס מוזען געשאַפען ווערען ספּעציעלע קאָמבינאַציעס פון געזעלשאַפטליכע כחות, וועלכע מיר פאַראייניגען *פאָרמעל* אונטער'ן אלגעמיינעם באגריף: סאָציאַליסטישע באוועגונג“.*)

*) „וואָזראָזשדעניע“, 1905, זייט 36, דער קורסיוו אין דער ציטאַטע איז אונזערער.

עס הייסט ניט מער און ניט ווייניגער, אז די פאליטישע פרייהייט איז א באזונדערער אידעאל, די עקאנאמישע פרייהייט — א באזונדערער און די נאציאנאלע פרייהייט — ווידער א באזונדערער. דער סאציאליזם נעמט נאר „פ א ר מ ע ל“ ארום די דאזיגע אלע פרייהייטען; דאס הייסט, סאציאליזם איז ניט מער ווי א ווארט, ניט מער ווי א פוסטער קלאנג. אין אמת'ען זיינען פאראן גאנצע דריי סאציאליזמען, וואס זיינען פאלשטענדיג אפגעזונדערט איינער פון'ם צווייטען: דער עקאנאמישער סאציאליזם, דער פאליטישער און נאציאנאלער... און ווען מיר ווילען שוין האבען דעם עקאנאמישען סאציאליזם, קען נאך אלץ בלייבען אומבארירט די נאציאנאלע אונטערדריקונג, געגען וועלכער עס דארף קעמפען דער באזונדערער נאציאנאלער סאציאליזם. דער אנטיסעמיטיזם וועט זאגאר אהן ספק בלייבען אונטער דעם עקאנאמישען סאציאליזם, ווי עס האט שוין גלענצענד באוויזען דער „געלערטער“ „ווארזשדענעץ“ בן־אדיר אין זיין „וויסענשאפטליכער אויספארשונג“: „א בארויבטע טעמא“...*)

אזוי פארשטעהען דעם סאציאליזם די דאזיגע „סאציאליסטען־אינטעליגענטען“, די דאזיגע „רעוואלוציאנערען“.

אבער די צווייטע איבערשריפט פון דעם זאמעלבוך לייענט זיך: „דער אידישער פראלעטאריאט און די נאציאנאלע פראבלעם“, און אונז אינטערעסירט שטארק, וואס פאר א באציהונג האט צו דער נאציאנאלער פראגע דער קעמפענדער פראלעטאריאט, פארוואס און ווי אזוי איז ער פאראינטערעסירט אין איהר לעזונג. דאס איז די קארדינאלע פראגע, אויף וועלכער מיר האבען ניט באקומען קיין ענטפער פון די „ציוניסטען־סאציאליסטען“.

אויף די זייטען 62־64 האבען מיר א רעזיומע פון דעם בליק פון די „ווארזשדענצעס“ אויף דער נאציאנאלער פראבלעם. די

*) „ווארזשדעניע“, נומערען 3 און 4.

רעזיומע אונטערשיידט זיך לחלוטין ניט פון דעם ס. ס.'ישען בליק.
„א גרויסער אומגעהייער אנטוויקעלטער קלאס פון דער אידישער קליין־בורזשואזיע וועט דעגנערירען אונטער א צווייאיגען דרוק: פון דער אנטוויקלונג פון'ם קאפיטאליזם און פון דער קאָנקורענץ פון דער ניי־געבאָרענער בורזשואזיע פון אנדערע נאציאָנאליטעטען. די דאָזיגע קאָנקורענץ וועט פאננאדערבלאָזען דעם אנטיסעמיטיזם... ביי דער קליין־בורזשואזיע... עלעמענטען פון אידישער רעכטלאָזיג־קייט... מוזען אומפארמיידליך בלייבען אין דער אָדער יענער פאָרם אויך נאָך דער אָפשאפונג פון די באשרענקונג־געזעצען... דער אומגע־הייערער צופלוס פון די זיך־פראָלעטאריזירענדע מאסען און דער ניט־פראָפארציאָנעלער וואוקס פון דער ארבייטער־רעזערוו־ארמעע און פון'ם לומפען־פראָלעטאריאט, וואָס וועט זיין א רעזולטאט פון דעם צופלוס, מוז זיך לעגען ווי א שווערע משא אויף'ן אידישען פראָלעטאריאט, ווייל די דאָזיגע אלע עלעמענטען וועלען זיין די־רעקטע קאָנקורענטען אויף'ן ארבייטס־מארק. די דאָזיגע אורזאכען וועלען פארגרעסערען די אומזיכערהייט פון די עקאָנאָמישע פאָזי־ציעס פון'ם אידישען פראָלעטאריאט, וואָס איז באשעפטיגט אין די צוריקגעשטויסענסטע געביטען פון דער פראָדוקציע."

„איינער פון די וויכטיגסטע רעזולטאטען פון די אלע אנאמאַ־ליען פון אונזער נאציאָנאלען לעבען וועט זיין א מאסען־עמיגראציע, וועלכע האָט ביי אונז, אי קוואליטאטיוו, אי קוואנטיטאטיוו, א קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם נאציאָנאלען כאראקטער. די עמיגראציע וועט תמיד זיין דער באראמעטער, וואָס ווייזט, ווי שטארק עס איז דער דרויסענדיגער דרוק אויף דער אידישער נאציע." „אין פאר־לויף פון פיל צענדליגע יאָרען וועט די מאסען־עמיגראציע זיין א כראָנישע קראנקהייט פון אידישען פאָלק." „די עמיגראציאָנס־פראגע וועט תמיד שטעהן אויף דער טאגעס־אָרדנונג ביי די אידישע פראָלעטארישע פארטייען, אומאָפּהענגיג פון די צייטווייליגע וואק־

לונגען פון דער עמיגראַציאָנס־כוואַליע אין דער אָדער יענער ריכטונג.״

**דער ס.־ס.׳ישער אויסגאַנג־פּרינציפּ, דער שטאַנדפּונקט פון די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען.**

„די אָרימקייט פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך; די מאַנגעלהאַפטיגקייט פון דער זעלבסטשטענדיגער נאַציאָנאַל־קולטורעלער שאַפונג אין פאַרבינדונג מיט א פאַרהעלטניסמעסיג הויכער קולטורעלער אַנטוויקלונג; די אָרגאַניש־אומפאַרמיידליכע פיל־שפּראַכיגקייט, וואָס ברענגט אריין אומאייניגקייט אין׳ם קרייז פון ערוואָרבענע באַגריפען (?!); דאָס אַנטלויפען פון א גרויסען טייל פון דער אינטעליגענץ אין דעם לאַגער פון פרייע נאַציעס מיט א רייכערער קולטור — די אַלע אורזאַכען וועלען שטאַרק ווירקען אין די ערשטע סטאַדיען פון דער נייער עראַ פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט און וועלען ברענגען צו א גרויסער אומפּראָדוקטיווער פאַרווענדונג פון זיין קולטורעלער ענערגיע.״

**דער בונדיסטישער אויסגאַנג־פּרינציפּ, דער שטאַנדפּונקט פון דער קליין־בורזשואַזיע.**

און ענדליך, א כלומר׳שט פּועלי־ציוניסטישער אויסגאַנגס־פּרינציפּ א כלומר׳שדיגער שטאַנדפּונקט פון׳ם קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט: „די פאַרשידענקייט אין דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט און פון׳ם פּראָלעטאַריאַט פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטען — א פאַרשידענקייט, וואָס ווערט עקספּלואַטירט פון דער בורזשואַזיע, וועט שאַפען אייגענאַרטיגע צוזאַמענשטויסען, וואָס וועלען מאַכען שווערער און קאָמפּליצירטער זיין קלאַסען־קאַמף.״ „אַן די צוויי שטערונגען וועט זיך צושלאָגען די סאָציאַלע ענערגיע פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין

זיין שטרעבונג זיך צו דערהויבען סאָציאל צו דער הויך פון'ם פּראָ־
לעטאריאט פון פרייע נאציעס".

דאָס אלץ וואָלט מען געקענט באטראכטען פאר א לויבענס־
ווערטער פּילזייטיגקייט, ווען עס וואָלט באמת ניט געווען א טרויע־
ריגע פרינציפּענלאָזיגקייט. עס איז אויסער צווייפעל, אז דער אידי־
שער קעמפענדער **פּ ר אָ ל ע ט א ר י ע ר** איז אויך אן **א ר־
ב י י ט ע ר** און אלס אזעלכער ליידט ער פון דער קאָנקורענץ פון די
זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען; עס איז פאָלשטענדיג ריכטיג, אז
דער אידישער פּראָלעטאריער נויטיגט זיך אין קולטורעלער אנט־
וויקלונג און אז די אנאמאליען פון'ם אידישען קולטורעלען לעבען
רופען זיך שווער אָפּ אויף איהם און אויף זיין קלאסען־קאמף. אָבער
מיט וואָס איז דער אידישער קעמפענדער פּראָלעטאריאט פאראינ־
טערעסירט אין טעריטאָריאליזם, דאָס קענען מיר זיך ניט דערווי־
סען. אויסער דעם, איז דער באגריף פון די „וואָזראָזשדענצעס" ווע־
גען די אנאמאליען פון דעם אידיש־פּראָלעטארישען קלאסען־קאמף
זעהר ניט קלאָר. „צוזאמענשטויסען, וואָס שטערען דעם קלאסען־
קאמף", קומען פון דעם **א ו נ ט ע ר ש י ד** אין דער אנטוויקלונג
פון אידישען און ניט־אידישען פּראָלעטאריאט"; דער דאָזיגער אונ־
טערשיד ווערט — מען ווייסט ניט, ווי אזוי — עקספּלואטירט פון
דער בורזשואזיע — פון וועלכער? פון דער אידישער אָדער ניט־
אידישער? דאָס ווייסט מען ווידער ניט. און דער אידישער פּראָלע־
טאריאט שטרעבט אָהן ערפאָלג צו דערגרייכען די סאָציאלע הויך
פון'ם פּראָלעטאריאט פון פרייע נאציעס.

די דאָזיגע לעצטע באהויפּטונג, וואָס די „וואָזראָזשדענצעס"
חזר'ן גערן איבער אויף פארשידענע אופנים, איז אין פאָלשטענדיגען
נעגענזאץ צום אמת'ען סאָציאליזם. דער וואוקס פון סאָציאלען אונ־
טערשיד איז א פאקט, אָבער ער איז ניט קיין **מ אָ ט י ו ו** פון
קאמף. אלס מאָטיוו וואָלט ער געמיינט ניט מער און ניט וועניגער
ווי **ק נ א ה**. ארויסברענגען דעם סאָציאליזם אָדער טעריטאָריא־

ליזם פון׳ם געפיל פון קנאה איז אומווירדיג פאר א סאציאליסט; דאס באווייזט קליין־בורזשואזע נייגונגען פון גע־דאנק און געפיל.

דער טעארעטיקער „וואזראזשדעניע" רעדט נאך איין מאל וועגען די אומגינסטיגע באדינגונגען פון דעם אידיש־פראלעטארישען קלאסען־קאמף און ווייזט ווידער אז אין קורצען, אז „דער אידישער פראלעטאריאט קען ניט גאנץ פריי פאנאנדערוויקלען זיינע קלא־סען־כחות" צוליב די אנאמאליען פון דעם כראנישען „קריגס־צו־שטאנד", אונטער וועלכען דאס אידישע פאלק לעבט שטענדיג (מען דארף זיך אנשטויסען, אז דער שרייבער מיינט די פאגראמען־גע־פאר)*) אבער די אומנארמאליטעט פון די באדינגונגען פון׳ם אי־דיש־פראלעטארישען קלאסען־קאמף בלייבט אלץ גענצליך ניט ער־קלערט ביי די „וואזראזשדענצעס". און מען זעהט ביי זיי אויך ניט קיין אלגעמיינעם פראלעטארישען גרונד־פרינציפ, וואס זאל באשטי־מען זייער טעריטאריאליזם און זאל באלייכטען אלע אנאמאליען פון׳ם אידישען ארבייטער. עס איז ווייניג צו פראקלאמירען די אנאמאליען פון׳ם אידיש־פראלעטארישען קלאסען־לעבען; מען דארף זיי נאך, דערצו, פארשטעהן און ערקלערען. באזונדערע, פאנאנדערגעווארפענע באמערקונגען וועגען די דאזיגע אנאמאליען קען מען דאך געפינען זעהר א סך אויך ביים בונד, ביי די ס. ס. און זאגאר ביי די אלט־מינסקער פועלי ציון און די צעירי ציון.

טא וואס איז די גרונד־טעאריע, אויף וועלכער די „וואזראזש־דענצעס" בויען זייער „פראלעטארישע" ארגומענטאציע? דער פרא־לעטאריאט, זאגען זיי, ווערט ניט־ווילענדיג נאציאנאל. „שעפענדיג זיינע כחות פון דער וואקסענדער קאמפאקטקייט, אקטיוויטעט און מאסען־פארמאציע, מוז דער אוואנגארד פון דער מאדערנער געזעל־

*) „וואזראזשדעניע", 1905, זייט 19.

שאפט — דער פּראָלעטאריאט, געגען זיין ווילען ווערען נאציאָנאל און וואס ווייטער, אלץ מער און מער".*) דער קלאסען־קאמף, טראָץ זיין אינטערנאציאָנאלען תוך, גיסט זיך אומפארמיידליך אויס אין נאציאָנאלע פאָרמען. דער פּראָלעטאריאט בכלל, דער פּראָלעטאריאט אָהן וועלכע עס איז נאציאָנאלע פאָרמען קען מען זיך נאָר פאָרשטעלען אין אבסטראקציע, עמפּיריש אָבער איז פאראן א אידישער פּראָלעטאריאט, א רוסישער, א פּוי־לישער און אזוי ווייטער".**) עס איז ריכטיג, אז דער פּראָלעטאריאט איז נאציאָנאל, אָבער די אויפגאבע איז דאָך גאָר אן אנדערע: מען דארף ערקלערען, ווי אזוי די נאציאָנאלע פראגע ווערט אוועקגעשטעלט פאר'ן פּראָלעטאריאט אלס קלאס. עס איז פאראן, אָהן ספק, א אידישער פּראָלעטאריאט; אָבער אין וועלכע פאָרמען עקזיסטירט פאר איהם די אידישע פראגע? האָט דער אידישער פּראָלעטאריאט נאציאָנאלע אינטערע־סען און וואס זיינען זיי? די „וואָזראָזשדענ־צעס" אָנערקענען ווירקליך די עקזיסטענץ פון נאציאָנאלע אינטע־רעסען בכלל און אָט ווי זיי פארשטעהען זיי: „מיר נעמען אָן אלס זעלבסט־פארשטענדליכע ווארהייט א סכום באשטימטע סאָלידארע אינטערעסען, וועלכע פאראייניגען אלע מיטגליעדער פון דער נאציע, כאָטש אין איהר עקזיסטירען טיפע קלאסען־ווידערשפּרוכען, און צווינגען די נאציע צו האנדלען אלס קאָלעקטיווע איינהייט, כדי צו שעצען די דאָזיגע אינטערעסען***) דא, ווי אומעטום ביי די „וואָזראָזשדענצעס" האָט זיך די פאלשקייט צונויפגעפלאָנטערט מיט'ן אמת. עס זיינען פאראן „סאָלידארע אינטערעסען" ביי אלע

*) „וואָזראָזשדעניע", 1905, זייט 30.

**) "וואָזראָזשדעניע", 1905, זייט 32. דער קורסיוו איז דעם שרייבער'ס.

***) "וואָזראָזשדעניע", 1905, זייט 53.

מיטגלידער און קלאסען פון א נאציע, אבער פון מענשען, וואס שטרייכען ברייט אונטער דעם „פראלעטאריאט“ שוין אין דער אי־שריפט איבער זייער זאמעלבוך, מעג מען פארלאנגען, זיי זאלען פארשטעהן פאלגענדעס: ערשטענס, ניט פון די דאזיגע סאלידא־רע אינטערעסען שליסט מען וועגען דער פאראינטערעסירטקייט פונ׳ם פראלעטאריאט, און פון אנדערע קלאסען ציהט מען דעם שלום וועגען „סאלידארע“ נאציאנאלע אינטערעסען. צווייטענס. די נ א צ י א נ א ל ע אינטערעסען פונ׳ם פראלעטאריאט זיינען פריי־הער פאר אלעמען זיינע ק ל א ס ע ן ־אינטערעסען און אלס אזעל־כע איז פון אנהויב ביז׳ן סוף פאראן א טיפער אונטערשיד צווישען זיי און די נאציאנאלע אינטערעסען פון אנדערע קלאסען פון דער נאציע.

דעם שענסטען קראנץ געפינען מיר ביי די „וואזראזשדענצעס“ אין דער פאלגענדער באמערקונג: „זיין היסטארישען (וואס הייסט עס ? ב.) נאציאנאלען אידעאל, דעם אידעאל, וואס וואקסט אר־גאניש ארויס פון דער גאנצער פארגאנגענהייט און געגענווארט פונ׳ם אידישען פאלק, האט דער באוואוסטזיניגסטער טייל פון אידישען פראלעטאריאט געפונען דארט, וואו עס געפינט זיך דער לאגישער(?) און היסטארישער גענעזיס (?) פון דער אידישער טראגעדיע (דער היסטארישער גענעזיס, ווי באוואוסט, איז ביי דער מוטער רחל׳ס קבר. — ב.) — אין דער שאפונג פון אן אויטאנאמער אידישער גע־זעלשאפט“. *)

צום שלום ווילען מיר ראטען די „וואזראזשדענצעס“, אז אין פאל זיי וועלען זיך דערווארטען צו א צווייטער אויפלאגע פון זייער זאמעלבוך, זאלען זיי אויסבעסערען דעם פארדריסליכען דרוק־פעה־לער, וואס האט זיך אריינגע׳גנב׳ט אין דעם נאמען פון דעם בוך, אין דער ערשטער אויפלאגע. אנשטאט: „וואזראזשדעניע. דער

*) „וואזראזשדעניע“, 1905, זייט 74.

פּראָלעטאריאט און די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. א זאַמלונג פון אר־טיקלען", זאָל זיך עס לייענען אזוי: „וואָזראָזשדעניע. כלל ישראל און די נאַציאָנאַלע פּראָגראם. א זאַמלונג פון ארטיק־לען".

* * *

די „וואָזראָזשדענצעס" באהויפּטען שטענדיג, אז זיי האָבען אנטדעקט די „באמת־פּראָלעטארישע וועגען צו רעאַליזירען דעם טעריטאָריאַליזם". די דאָזיגע וועגען באשטעהען, אין נאציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער. — אויף דער פאָלקס־שפּראך: אין א „סיים". דורך קלאַסען־קאמף אין די גלות־לענ־דער וועט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט באקומען פאר'ן אידישען פאָלק א סיים, און „פאר'ן אידישען פּראָלעטאַריאַט איז די נאַציאָ־נאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע דער איינציגער וועג צו פארווירקלי־כען דעם נאַציאָנאַלען אידעאַל"; *) דער אידעאַל, ווידער, ווי די שרייבער פונ'ם זאמעלבוך האָבען ניט איין מאָל פּראָקלאַמירט, איז דער טעריטאָריאַליזם.

לאָמיר אויף א מינוט צוגעבען, אז די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע איז דער איינציגער מיטעל צו פארווירקליכען דעם טעריטאָריאַליזם. אויף דער בארעכטיגטער פראגע: „ווי אזוי־זשע וועט דער אידישער פּראָלעטאריאַט מיט דער הילף פון קלאַסען־קאמף „אויסנוצען דעם סיים צו דערגרייכען טע־ריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. געפינען מיר ניט קיין ענטפער אין דעם גאַנצען זאַמעלבוך. און די פראגע איז נאָך מעהר אם פּלאַץ, ווייל דער טעאָרעטיקער „וואָזראָזשדענעץ" איבערראַשט דעם לעזער מיט איין זייטעל פריהער מיט אזא ערקלערונג: „די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאציע וועט שטארבען מיט א נאַטירליכען טויט פון אייגענער אויסצערונג און „די איבערוואַנדערונג פון

*) „וואָזראָזשדעניע", 1905, זייט 77.

פילע הונדערטע טויזענדע פאַלשטענדיג פאַרמעגענסלאָזע פּראָלעטאַריער וועט ווערען די ארבייט פונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט גופא".*) ווען מיר דערוויסען זיך, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט דורכפירען די איבערוואַנדערונג פון הונדערטע טויזענדע פּראָלעטאַריער, ווערט אונז, נאַטירליך, אינטערעסאַנט צו וויסען ; ווי אזוי ער וועט עס טאָן. די „וואָזראָזשדענצעם" האָבען דאָך, אָהן ספק, פון אימעצען געהערט, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט האָט דער פּראָלעטאַריער נאָר איין מיטעל — דעם קלאַסען־קאַמף ; און מיר שטעלען ווידער אַמאָל די פרירינע פראַגע. אַ זעהר עדעלע אַנצוהערעניש אויף אַן ענטפער געפינען מיר אין די פאָלגענדע שורות : „אין אַנהויב וועט די עמיגראַציאָנס־פּראָבלעם אַוועקגעשטעלט ווערען פאַר'ן אידישען נאַציאָנאַלען סיים... מיר (ווער ? די גרופּע „וואָזראָזשדענצעם" ? — ב.) ווילען, נאַטירליך, באַשטעהן אויף דער טעריטאָריאַליסטישער לעזונג פון דער פראַגע, אַלס דער איינציגער צוועקמעסיגער... דאַ (דאָס הייסט, אין דער טעריטאָריאַליסטישער לעזונג פון דער עמיגראַציאָנס־פראַגע ? — ב) איז די גרעניץ, וואָס טיילט אונז אָפּ פון אַנדערע טעריטאָריאַליסטישע(?) שטרעמונגען, פּראָלעטאַרישע און בורזשואַזע. אזוי ווי די פראַגע האָט אַ זעלבסטשטענדיגע, קאַרדינאַלע באַדייטונג, ווילען מיר זי באַזונדער באַטראַכטען. דערווייל ווילען מיר אַנמערקען, אַז דאָס אַליין, וואָס מען וועט די עמיגראַציאָנס־פראַגע אַוועקשטעלען פאַר'ן נאַציאָנאַלען סיים, וועט זיין פון דער גרעסטער באַדייטונג אינ'ם קאַמף פאַר'ן טעריטאָריאַליזם". *) אין וועמענס קאַמף ? ווער וועט קעמפען פארן טעריטאָריאַליזם ? דער פּראָלעטאַריאַט

*) „וואָזראָזשדעניע", זייטען 65—66.

*) „וואָזראָזשדעניע", זייט 76. דער קורסיוו איז אונזערער.

אָדער די יט"א ? און מיט וועמען וועט מען קעמפען פאַרן טעריי־טאָריאַליזם: מיט דער בורזשואזיע, אָדער מיט'ן בונד?

כדי צו באקומען אן ענטפער אויף די פראגען, מוזען מיר זיך ווענדען צו דער מינדליכער אגיטאציע פון די „וואָזראָזשדענצעס". זיי ריידען אפט וועגען דעם, אז אין סיים וועט דער פּראָלעטאריאט פירען א קלאסען־קאמף פאר'ן טעריטאָריאַליזם אין דריי ריכטונגען. צום אלעם ערשטען וועט דער אידישער פּראָלעטאריאט צווינגען די אידישע בורזשואזיע אנצונעמען די טעריטאָריאַליסטישע לעזונג פון דער עמיגראציאנס־פּראָבלעם. צווייטענס, וועט דער אידישער פּראָ־לעטאריאט צווינגען די בורזשואזיע אויסצוקלייבען די און ניט קיין אנדערע טעריטאָריע. דריטענס, וועט דער פּראָלעטאריאט קעמפען פאר'ן מעטאד פון קאָלאָניזאציע, דאס הייסט, אז דער מעטאָד זאָל שטימען מיט די אינטערעסען פון די פאָלקס־מאסען. די דריטע אויפגאבע באטראכטען, ווייזט אויס, די „וואָזראָזשדענצעס" פאר זעהר וויכטיג, ווייל זיי זאגען צו איבערצוגעבען אין איינער פון זייע־רע אויסגאבען אפּענהיימער'ס קאָלאָניזאציאָנס־פּלענער און צו געבען א קריטיק וועגען זיי *) — פונקט ווי א פּראָלעטארישע פארטיי וואָלט טאקע באמת זיך געקענט ערנסט אינטערעסירען מיט אלער־ליי קאָלאָניזאציאָנס־פּראָיעקטען! און די „וואָזראָזשדענצעס" האבען דאך א שוואכקייט זיך איינצורייִדען אז זיי זיינען א פּראָ־לעטארישע פארטיי!

אלע דריי אויפגאבען, וואס די „וואָזראָזשדענצעס" שטעלען זיך אין סיים, זיינען אזא אבסורדה, אז עס וואָלט זיך גאר ניט גע־לוינט זיך אפּצושטעלען אויף זיי. ליידער, פארדונקלען זיי מיט אזעלכע ארגומענטען דאס קלאסען־באוואוסטזיין פון אונזערע גע־וועזענע חברים און פּרעדיגען זיי זאכען, וואס האבען גארניט צו טאָן מיט'ן פּראָלעטארישען קלאסען־קאמף.

*) „וואָזראָזשדעניע", זייט 76.

„דער פּראָלעטאַריאַט וועט צווינגען די בורזשואַזיע אָנצונעמען די טעריטאָריאַליסטישע לעזונג פון דער אידישער פראַגע". אויב מיר זאָגען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז קעמפען פאַר'ן אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט, איז עס דערפאַר, ווייל די הערשענדע בורזשואַזיע איז צוליעב איהרע אינטערעסען געגען דעם דאָזיגען רעכט. און דאָסזעלבע איז אויך ריכטיג בנוגע דער פאָדערונג ועגען אַ פאָלקס־מיליץ, וועגען דעם אַכטשטונדיגען אַרבייטס־טאָג, וועגען גלייכבאַרעכטיגונג פאַר פרויען — בכלל וועגען אַלע דעמאָקראַטישע פּראָלעטאַרישע פאָדערונגען. יעדע פון די דאָזיגע פאָדערונגען איז אין תוך אַזאַ, אַז די הערשענדע בורזשואַזיע קען זי ניט נאָכגעבען מיט'ן פרייען ווילען: אַנדערש איז גאָר לעבערליך צו רעדען וועגען קלאַסען־קאַמף. און קען מען דען זאָגען, אַז די טעריטאָריאַליסטישע פאָדערונג איז פון דעמזעלבען מין ווי די פריהער אויסגערעכענטע ? קען מען זאָגען, אַז די פאָדערונג איז אין תוך אַ פּראָלעטאַרישע און אַז די בורזשואַזיע וועט זי קיין מאָל ניט נאָכגעבען פרייוויליג ? אָדער זאָל מען אפשר אָננעמען, אַז די „וואָזראָזשדענצעס" וועלען אין סיים פירען אַ קלאַסען־קאַמף געגען בונד און וועלען זיך אין דעם קאַמף פאַרבינדען מיט אַזעלכע אמת'ע פּראָלעטאַריער, ווי אָווינאָוויצקי און מאַנדעלשטאַם ? ווי פאַרשולדיגטע שול־אינגלעך, רייסען זיך די „וואָזראָזשדענצעס" מיט אַלע כחות צו באַווייזען אונטער אַלע אומשטענדען, אַז זיי זיינען די כשר'סטע פּראָלעטאַריער און זינדיגען, חלילה, ניט מיט קליין־בורזשואַזע אידעען, און דעריבער שטופּען זיי זיך מיט'ן פּראָלעטאַריאַט און מיט'ן קלאַסען־קאַמף דאָרט, וואו עס איז גאָרניט נויטיג.

נאָך ערגער האַלט עס מיט'ן „קלאַסען־קאַמף" פאַר דער אָדער יענער קאָנקרעטער טעריטאָריע. אַז דעם פּראָלעטאַריאַט וועט אויסקומען צו פירען אַ קלאַסען־קאַמף מיט אוסישקינ'ען געגען דעם

פּאַלעסטיניזם, וואָלט נאָך געווען פאַרשטענדליך. אָבער ווייטער הויבען מיר שוין גאָרניט אָן צו פאַרשטעהן. עס קומט אויס, אַז אין איין שענעם טאָג וועלען זיך די פּאַרטייען אין אידישען סיים צוטיילט לויט די טעריטאָריעס; רעכטס וועלען זיצען די בור־זשוען־אוגאַנדיסטען אָדער מאַדאַגאַסקאַריסטען, אין צענטר — די חובבי ציון און לינקס — די פּראָלעטאַריער־סורינאַמיסטען אָדער פּאַטאַגאָניענסטען... און ווי וועט זיין, אַז ניט אַלע פּראָלעטאַ־ריער וועלען זיין איינפאַרשטאַנען מיט די פּאַטאַגאָניסטען און, פאַר־קערט, אַ טייל פון דער בורזשואַזיע וועט זיך אָנכאַפּען אָן דעם פּאַטאַגאָניעניזם ? אַ רחמנות געבאָך, אָבער עס וועלען דעמאָלט זיין צרות מיט'ן „קלאַסען־קאַמף" !

און ענדליך, דער „קלאַסען־קאַמף צוליעב די קאָלאָניזאַציאָנס־מעטאָדען. אין דעם אונקלאָרען באַגריף „קאָלאָניזאַציאָנס־מעטאָד" דאַרף מען אונטערשיידען צוויי מאָמענטען : ערשטענס, די ליגט לחלוטין ניט אין די הענט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס קלאַס עקאָנאָמישע און טעכנישע אָרגאַניזאַציע פון דער קאָלאָניזאַציע און אַפילו ניט אין די הענט פון איינצעלנע פּראָלעטאַריער. מען דאַרף זיין זעהר נאַאיוו זיך פאָרצושטעלען, אַז אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער ווירטשאַפט קען מען אַוועקנעמען ביי דער בורזשואַזיע די פאַרוואַלטונג פון וועלכען עס איז געביט פון טעכנישער און עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון ווירטשאַפטליכע אונטערנעמונגען. אָדער וועט אפשר די פראַגע וועגען אַ טעריטאָריע פאַר אידען אוויפגענומען ווערען אין סיים אין דער פּעריאָדע פון דער דיקטאַ־טור פון'ם פּראָלעטאַריאַט? אויב אַזוי, טאָ וואו וועלען דעמאָלט די „וואַזראָזשדענצעם"" נעמען אַ בורזשואַזיע צו פירען מיט איהר דעם „קלאַסען־קאַמף" אַ פּראָגראַם, וואָס ענטהאַלט אַפּענהיימער'ס אָדער וואַרבורג'ס אָדער וועמענס עס איז אַנדערענס קאָלאָניזאַ־ציאָנס־פּראָיעקט איז, קען זיין, אַ פּראָגראַם פאַר „וואַזראָזשדענ־צעס", זי איז אָבער פאַר קיין פאַל ניט קיין פּראָלעטאַרישע.

און וואָס אַנבאַלאַנגט פּאָליטישע נאַרמען, וואָס רעגולירען א קאָלאָניזאַציע, איז אזוי : בכלל איז די דעמאָקראַטיזאַציע פון פּאָליטישע נאָרמען די אויפגאַבע פון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף ; אַבער אין אונזער פאַל וועלען די פּאָליטישע נאָרמען אָפּ־הענגען ניט פון דער אידישער בורזשואַזיע, נאָר פון דער רעגירונג פון יענער מאַכט, ביי וועלכען מען וועט אויספּועל׳ען די טעריטאָריע. די „וואָזראָזשדענצעס" מעגען זיך אין זייערע רעדעס רייסען שטיקער פון׳ם ענגלישען פּאַרלאַמענט ווי פיל זייער הארץ גלוסט און זיי מעגען זיך שרייען וויפיל זיי ווילען, אז אוסישקין האָט דעם פּאַר־לאַמענט אונטערגעקויפט און ער איז א פאַרשטעלטער חובב ציון — דאָס וועט ניט העלפען דעם אידישער פּראָלעטאַריאַט צו באַקומען פון׳ם ענגלישען קאָלאָניאַל־מיניסטער אזא טשאַרטער ווי איהם וואָלט זיך געוואָלט. עס ווילט זיך, עס ווילט זיך שטאַרק פירען א קלאַסען־קאַמף פאַר וואָס ניט איז, זאָל זיין כאָטש פאַר די קאָלאָני־זאַציאָנס־מעטאָדען, אַבער, צום אומגליק, איז ניטאָ מיט וועמען צו פירען דעם קאַמף.

און אויסער אַלעמען — און דערמיט גראָבען מיר זיך אנטשיי־דען אונטער אונטער׳ן סאַמע פונדאַמענט פונ׳ם סיימיזם — איז לעכערליך צו דענקען, אז אין אידישען סיים וועט דער קלאַסען־קאַמף זיין בכח זיך צו אנטוויקלען אין דער גאַנצער ברייט און ברענ־נען באַדייטענדע רעזולטאַטען. דער קאַמף פונ׳ם ארבייטער־קלאַס באַקומט נאָר דעמאָלט אַן אַנגעזעהענע געזעלשאַפטליכע און פּאָלי־טישע באַדייטונג, ווען ער איז געריכטעט געגען יענער פאָרם פון קאַפּיטאַליזם, וואָס הערשט אין דעם באַשטימטען לאַנד. אין די גלות־לענדער באַלאַנגט די מאַכט צום גרויסען מאַשין־קאַפּיטאַל ; ביי אידען איז אַם מייסטען פאַרשפּרייט דער טיפּ פון מיטעלען און קליינעם קאַפּיטאַל, אַבער איבער דעם אידישען לעבען הערשט דער־זעלבער גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס האָט ארויפגעלעגט זיין לאַפּע אויף דער גאַנצער ווירטשאַפט פון די גלות־לענדער כדי דער קלאַסען־קאַמף

אין סיים זאל האבען יענע רעוואלוציאניזירענדע ווירקונג, וואס די „וואזראזשדענצעס" ערווארטען, איז נויטיג, אז דער קלאסען־קאמף זאל זיין געווענדעט געגען דער גרויס־בורזשואזיע. אלזא, וועט דער אידישער פראלעטאריאט אין סיים פירען מלחמה מיט דעם דאזיגען קאפיטאל ?

אין דעם פונקט רופט זיך זעהר שלעכט אפ אויף דער טעאריע פון די „וואזראזשדענצעס" דער אלגעמיינער עקלעקטיזם פון זייער סאציאלאגישען בליק. אזוי ווי זיי זיינען מיכאילאווסקי'ס אנהענגער, אדער שטאמלער'ס נאכפאלגער, אדער אחד־העמ'יסטען און זיינען אומפעהיג צו באנעמען די באדייטונג פון דעם עקאנאמישען פונדאמענט פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען, זיינען די „וואזראזשדענצעס" נאאיוו גענוג — און שטעקען אן מיט דערזעלבער נאאיווי־טעט אונזערע געוועזענע חברים — צו דענקען, אז מיט פאליטישע איינריכטונגען קען מען פאררופטען און אויסהיילען דאס, וואס איז קראנקהאפט אין דעם עקאנאמישען גרונד. די סיימיסטען לאכען זיך אויס פונ'ם ציוניסטישען קאנגרעס און באהויפטען, אז אין איהם איז אומעגליך א קלאסען־קאמף. דערפאר, זאגען זיי, וועט דער דאזיגער קאמף האבען ברייטע מעגליכקייטען אין סיים, ווייל דער סיים איז א פאליטישע אינסטיטוציע, דאס הייסט, ער באזיצט צוואנגמאכט. די „וואזראזשדענצעס" פארגעסען אבער, אז דער אידישער פראלעטאריאט איז באשעפטיגט אין דער קליין־אינדוסטריע און אין האנדווערק און אז דער אידישער גרויס־בורזשואזיע האט קיין שייכות ניט מיט דער אידישער ארבייט און עקספלואטירט די ניט־אידישע ארבייטס־קראפט. די אנאמאליען פון דער אידישער פראלעטארישער סטראטעגישער באזע, וואס ווערען געשאפען צוליב דער לאגע, ווארצלען זיך אין די סאמע באדינגונגען פונ'ם אידישען עקאנאמישען לעבען, און אזוי לאנג ווי די דאזיגע באדינגונגען ווערען ניט געענדערט, וועלען קיין דעמאקראטישע פאליטישע אינסטיטוציעס ניט פארבעסערען די לאגע. און אין סיים וועלען די אטאקעס פונ'ם אי־

דישען באוואוסטזיניגען ארבייטער ניט דערגרייכען די גרויס־בורזשואזיע, פונקט ווי זיי דערגרייכען זי ניט אין לעבען, אויסער'ן סיים. אין דער מינדליכער אגיטאציע פון די „וואזראזשדענצעס“ ווערט דער סיים א מין פעטיש מיט די וואונדערבארסטע אייגענשאפטען. אבער יעדער, וואס איז ניט פארבלענדט פון דער פאנאטישער און פאנטאסטישער אגיטאציע, פארשטעהט, אז דער קלאסען־קאמף אין פארלאמענט, אין סיים און אזוי ווייטער שטיצט זיך אויפ'ן קלאסען־קאמף אין די ברייטע געזעלשאפטליכע שיכטען. פאר יעדען בר־דעת איז עס פארשטענדליך, אז ווען דער אידישער פראלעטאריער ארבייט ניט אין די פאבריקען פון די אידישע גרויס־קאפיטאליסטען און פון א גרויסען טייל פון די מיטעלע, איז ער אויך ניט בכח צו פירען געגען זיי א קלאסען?קאמף ; אז דער קלאסען־קאמף ווערט דירעקט געפירט געגען דער קליין־בורזשואזיע און געגען יענעם טייל פון דער מיטעלער, וועלכע האבען ניט קיין מערקבארע ווירקונג אויף'ן פאליטישען לעבען ; אז די אומפאלקאמענהייט פון דער סטראטעגישער באזע פונ'ם אידישען פראלעטאריאט מוז זיך פאלשטענדיג אפשפיגלען אויך אין סיים ; אז די אומפעהיגקייט פונ'ם אידישען פראלעטאריאט אין די גלות־לענדער ראדיקאל צו ענדערען זיין לאגע מיט דער הילף פונ'ם קלאסען־קאמף מאכט איהם אויך אומפעהיג צו צווינגען די בורזשואזיע איהם פיל נאכצוגעבען אין נאציאנאלען סיים ; אז, הייסט עס, מען קען ניט נעמען ערנסט אלע רייד וועגען דעם, אז דער פראלעטאריאט וועט צווינגען די בורזשואזיע אנצונעמען די טעריטאריאליסטישע לעזונג פון דער עמיגראציאנס־פראגע, אויסצוקלייבען יענע טעריטאריע, וואס ער וויל, און איינצוגעהן אויף זיין קאלאניזאציאנס־מעטאד. די מאדערנע סאציאל־דעמאקראטיע האט ארויפגעריסען די קרוין פון דעם פאראורטייל וועגען דער רעפובליקאנישער ארדנונג און האט איהר אפגעטיילט א זעהר באשיידענע ראלע אין די פארבעסערונגען פון דעם ארבייטער־לעבען. און פונקט אזוי קריטיש באציט זיך דער

גיכטערער געדאנק צו דער באַגייסטערונג פון די „וואָזראַזשרעגצעס" פאַרן סיים.

עס איז קלאָר, אז דער סיים איז נים קיין פּראָלעטארישער קלאַסען־וועג צו דער פאַרווירקליכונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם. און מיר קענען נים איינזעהן, פאַרוואָס דער עקסטרעם־בורזשואַזער טע־ריטאָריאַליסט זאָל ניט קענען אַנערקענען דעם סיים פאַר אַ מיטעל צו דערגרייכען זיין אידעאַל. אין אמת׳ען פאַרשפּרייט זיך טאַקע פאַר דער לעצטער צייט די דאָזיגע „פּראָלעטארישע רעאַליזאַציע" אויף צווישען די בורזשואַזע ציוניסטען. מיט וואָס, למשל, זיינען אוסישקין און זשאַבאָטינסקי ניט קיין סיימיסטען ? שטעהט אפשר אין וועג דאָס, וואָס זיי זיינען גרייט צייטווייליג זיך צו באַגנוגענען מיט אַ פרייער נאַציאָנאַלער פאַראייניגונג אָהן דער סאַנקציע פון שטאַאט ? אָבער אויב מען זאָל צוגעבען די ריכטיג־קייט פון דער באַהויפּטונג פון די „וואָזראַזשדענצעס" אז אַ פרייער נאַציאָנאַלער בונד איז אונמעגליך, טאָ וועלען די בורזשואַזע ציוניס־טען אין גיכען זיך מוזען אָפּזאָגען פון זייער צייטווייליגער מינימאַלער פאָדערונג און וועלען פאַרלאַנגען אַ סאַנקציאָ־נירטע אויטאָנאָמיע. איז דען אַזאַ אויטאָנאָמיע אין ווידער־שפּרוך מיט די בורזשואַזע אינטערעסען ? און ווי קען מען ערקלערען פאַר ספּעציעל „פּראָלעטארישע" אַזעלכע וועגען און מיט־לען, וואָס ווידערשפּרעכען ניט די בורזשואַזיע ? און די בורזשואַזע ציוניסטען באַטראַכטען דעם סיים פאַר דער בעסטער אָרגאַניזאַ־ציאָנס־פאָרם פאַר׳ן אידענטום און פאַר דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־טעטיגקייט, וואָס דאַרף פירען צום ציוניזם. אָננעמען, ווידער, אז דעם סיים האָבען אויסגעטראַכט די „וואָזראַזשדענצעס" און די בורזשואַזע ציוניסטען האָבען איהם ביי זיי איבערגענומען, וואָלט געווען ניט ריכטיג. די „וואָזראַזשדענצעס" האָבען זיך אליין ניט דערטראַכט צו דעם. זיי האָבען עס אַרויסגעליינט ביים עסטרייכי־שען יוריסט שפּרינגער. און ניט אַריינטראַכטענדיג זיך אין די רע־

אַלע באַדינגונגען פונ׳ם אידישען לעבען און אין דער אייגענאַרטיג־קייט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד, האָבען די „וואָז־ראַזשדענצעס" אַהן וויטערע טענות און אַהן די נויטיגע אויסבע־סערונגען אריבערגעטראָגען שפּרינגער׳ס פּראָיעקט אין רוסלאַנד. לויט זייערע רייד קומט אויס, אז דער סיים איז זייער ענטדעקונג און זייער מתנה פאַר׳ן אידישען פּראָלעטאריאַט ; אין אמת׳ן אָבער איז זייער סיימיזם אַן אונקריטישע נאָכאַהמונג. די בורזשואזע ציו־ניסטען בעסערען דאָך אוים שפּרינגער׳ס פּראָיעקט, כאָטש אויף זייער אייגענעם שטייגער, און פּאַסען איהם צו צו די באַדינגונגען פונ׳ם אידישען און רוסלענדישען לעבען בכלל. אויב זייער צופּאַ־סונג איז ניט קיין ריכטיגע, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי פאַר־שטעהן די באַדינגונגען אויף א בורזשואזען אופן. ביי די בורזשואזע ציוניסטען זעהט מען, לכל הפחות, א פאַרזוך צו דענקען רעאַל ; ביי די „וואָזראָזשדענצעס" פעלט אפילו דער פאַרזוך ; עס איז נאָר פאַראַן א כלומרשט פּראָלעטאַרישע און זעהר אומגעלונגענע פּראַזעאָלאָגיע.

נאָר איין וויכטיגען אונטערשיד קען מען מאַכען צווישען די בורזשואזע ציוניסטען און די „וואָזראָזשדענצעס" — אי דאָס, איז דער אונטערשיד לחלוטין ניט צו גונסטען פון די „וואָזראָזשדענ־צעס". געוועהנליך שטרעבט די בורזשואזיע צו באַשרענקען אַלע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען אפילו ווען זי איז אייניג אין די שטרע־בונגען מיט׳ן פּראָלעטאריאַט ; אין דעם פאַל אָבער באַשרענקען ניט די בורזשואזע ציוניסטען די פאָדערונגען פון סיים, נאָר פאַר־קערט, געבען נאָך צו די פאָדערונגען וועגען רעאַלער אַרבייט אין פּאַלעסטינא. און קיינער האט דאָך ניט באַוויזען, אַז רעאַלע אַרבייט אין פּאַלעסטינא שעדיגט דעם סיים און באַשרענקט איהם. מיט איין וואָרט, מיר זעהן ניט, אין וואָס עס באַשטעהט דער באַזונדערער פּראָלעטאַרישער כאַראַקטער פון די „וואָזראָזשדענסקי" פאָדערונגען. בקיצור: ניט אין דער פלעכע פון סיים ליגען די פּראָלעטאַ־

רישע וועגן צו דער פאַרווירקליכונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם; גאָר אין אַן אַנדער ספערע געפינט זיך דאָס וואָרט פונ׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט.

אָבער איז דער סיים בכלל אַ וועג צו פאַרווירקליכען דעם טע־ריטאָריאַליזם? מיר באַהויפּטען, אַז דער סיים קען נאָר פאַרגרינ־גערען דאָס דערגרייכען פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, ער פירט אָבער ניט צום טעריטאָריאַליזם. בעת ער איז אַ שטאַר־קער מיטעל צו אָרגאַניזירען די אידישע מאַסען, איז ער ניט גענוג צו פאַרווירקליכען דעם ציוניזם. ווען די „וואָזראָזשדענ־צעם" רעקלאַמירען זייער סיים און וואַרפען זיך אַרויף מיט אַן עכסט פּאַרטייאישער קריטיק אויפ׳ן אַלוועלטליכען ציוניסטישען קאָנגרעס, האַקען זיי אונטער יענע צווייג, אויף וועלכער זיי אַליין זיצען: וואָרים אַהן אַן אַלוועלטליכען ציוניסטישען קאָנגרעס האָט דער סיים קיין שייכות ניט מיט דער רעאַליזירונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם.

לויט דער מיינונג פון די „וואָזראָזשדענצעם", פירט די אידישע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אין גלות צו דער טעריטאָריעלער לעזונג פון דער עמיגראַציאָנס־פראַגע און פון דער אידישער פראַגע בכלל אין צוויי ריכטונגען: פון איין זייט, וועט נאָר די אַרבייט אין סיים, נאָר די פאַרזוכען פון דער אָרגאַניזירטער רעגולירונג, אונטער׳ן קאָנטראָל פונ׳ם גאַנצען אידישען פאָלק, פון דער עמיגראַציע און פון אַנדערע נאַציאָנאַלע נויטען. איבערצייגען דאָס גאַנצע פאָלק אין דער נויטווענדיגקייט פון טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע — וועט באַווייזען דעם טעריטאָריאַליזם; פון דער צווייטער זייט, וועט נאָר דער סיים זיין ביכולת אַנצוזאַמלען די אינערליכע כחות, פינאַנציעלע און אָרגאַניזאַציאָנס־כחות, און אויסנוצען אַלע אויסערליכע כחות, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער פאַרווירקליכונג

פונ'ם טעריטאָריאַליזם — דעם סיים װעט, הייסט עס, דעם טערי־טאָריאַליזם פאַרװירקליכען

װי אַזױ װעט זיך דער סיים איבערצייגען אין דער נױטיגקייט טעריטאָריאַל צו לעזען די אידישע פראַגע ? אַזאַ לעזונג איז אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם אידישען לעבען, איז די רעװאָ־לוציאָנערסטע צופּאַסונג צום נאַציאָנאַלען קאָנ־פליקט ; אַזעלכע צופּאַסונגען אַרבייטען זיך ניט אויס שנעל, מען נעמט זיי ניט אָן שנעל און זיי פאַרשפּרייטען זיך ניט שנעל.

איידער דער סיים װעט אָנעמען די טעריטאָריאַליסטישע פּראָ־גראַם, װעט מוזען אָנגעהן אַ לאַנגע און פאַר'עקשנ'טע פּאַרטיי־אַגי־טאַציע אי אין סיים, אי — הױפּטזעכליך — אויסער איהם. הייסט עס, אַז אַ חוץ דעם סיים װעט נאָך נויטיג זיין אַן איבערצייגטע און טעטיגע טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטיי. אָבער כדי די אַגיטאַציע זאָל האָבען ערפאָלג, פאָדערט עס זיך, אַז די פּראָפּאַגאַנדע זאָל זיך ניט באַשרענקען נאָר מיט װערטער, נאָר זאָל זיך אויסדריקען אין רעאַלער פּאַרטיי־אַרבייט אויף דער טעריטאָריע. קיין פּאַרטיי, קיין אידעע האָט קיין רעכט ניט זיך צו ריכטען אויף אַ געזיכערטען ערפאָלג, אויב זי פירט נאָר אַן אַ פּראָפּאַגאַנדע פון װאָרט און עס פעלט איהר דער בעסטער און איינציג־ריכטיגער מיטעל — די פּראָפּאַגאַנדע פון דער טאַט.

די ברייטע מאַסען אין דער טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי מוזען זעהן טעריטאָריאַליסטישע אַרבייט און אַליין טון די אַרבייט ; אויב ניט, װעלען זיי אָפּשטעהן פון דער באַװעגונג, און דער טעריטאָריאַליזם װעט זיין אַ טרױם פון קאַבי־נעט־מענשען, אין בעסטען פאַל — אַ דעמאַגאָגישע פראַזע.

ביי די „װאָזראָזשדענצעס", פּונקט װי ביי די ציוניסטען־סאָ־ציאַליסטען עקזיסטירט דער טעריטאָריאַליזם נאָר אין דער אידעאָלאָגיע ; אין לעבען איז ער ניטאָ, געװאָגטקייט פון װאָרט

און פײגהײט פון טאַט — אַט דאָס איז *זייער* כאַראַקטעריסטיק. דער קאַמף פאַר אַ סיים איז נאָך ניט קיין קאַמף פאַר'ן טעריטאָריאַליזם. דער קאַמף פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, *אַלס קלאַס*, האָט תמיד אַ סאָציאַליסטישען כאַראַקטער; דער סאָציאַליזם איז ניט קײן רײן־רעגולאַטיװער אידעאַל, נאָר פאַרקערט: אַ אידעאַל, װאָס װערט יעדע שטונדע פאַרקערפּערט אין לעבען. אַכט־שטונדיגע רוה פאַר'ן אַרבײטער, אַלגעמײנע װאַהל־רעכט — דאָס זײנען ניט קײן פּשוט'ע *דערנעהנטערונגען* צום סאָציאַליזם; דאָס זײנען חבור־צאָלען, װאָס פון זײער סומע װעט זיך שאַפען די פאָרם פונ'ם סאָציאַליסטישען לעבען. די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אױטאָנאָמיע אין גלות איז ניט אַזאַ חבור־צאָל, װאָס זאָל אינאײנעם מיט אַנדערע צאָלען צונױפשטעלען די טעריטאָריעלע אױטאָנאָמיע.

אױף װיפיל עס עקזיסטירט אַלגעמײנע װאַל־רעכט, אױף אַזױ פיל איז פאַרװירקליכט אַ טײל פונ'ם סאָציאַליזם. פאַרקערט; אױף װיפיל עס עקזיסטירט טעריטאָריאַלע אױטאָנאָמיע, אױף אַזױ פיל איז שױן אומנױטיג די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אױטאָנאָמיע. טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע איז, אַזױ צו זאָגען, אַ פאַרנײנונג פונ'ם גלות. דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אױטאָנאָמיע אין גלות איז, נאַטירליך, אײן זײט פון דער נאַציאָנאַלער באַפרײאונג־באַװעגונג. אָבער, װען דער אידעאַל פון דער באַװעגונג איז טעריטאָריאַלע אױטאָנאָמיע, מוז די באַװעגונג אײנשליסען אין זיך אױך טעריטאָריאַליסטישע עלעמענטען, װעלכע פעלען אינגאַנצען אין דער רעאַלער פּראָגראַם פון די „װאָזראָזשדענצעם". אַ באמת־טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטײ, װעלכע דאַרף אָנפירען אַ פּראָפּאַגאַנדע מיט'ן צװעק צו איבערצײגען דאָס אידישע פאָלק און דעם סיים אין דער נױטיגקײט פון טעריטאָריאַלער אױטאָנאָמיע, קען ניט דולדען אַזאַ װיכטיגען פעלער אין איהר פּראָגראַם; זי װעט *רעאַל* באַװײזען די נױטיגקײט און רעאַל אילוסטרירען די מעגליכקײט פון טעריטאָריאַלער אַרבײט, און װעט עס טאָן מיט דער הילף פון פּאַרטײ־

אינסטיטוציעס. עס איז קלאָר, אַז, כאָטש די „וואָזראָזשדענצעס“ האָבען אַ פאַרקערטע מיינונג, שליסט דער סיים ניט נאָר ניט אויס פרייע רעאלע פּאַרטיי־ארבייט אויף דער טעריטאָריע, נאָר מאכט זי זאָגאָר נויטיג אַלס פאָר־באַדינגונג צום אנטייל, וואָס ער אַליין וועט שפּעטער נעמען אין דער רעאַלער ארבייט. פריהער דאַרף די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַליין ארבייטען אויף דער טעריטאָריע, אויב מען וויל, אַז דער סיים זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער טעריטאָריאלער לעזונג פון דער אידישער פראגע.

פון דעם אַליין ווערט קלאָר, אַז דער סיים איז ניט בכח זעלבסט־שטענדיג צו פאַרווירקליכען דעם ציוניזם. און דער שלום ווערט באַשטעטיגט פון אנדערע באטראכטונגען. די וויכטיגסטע פון זיי איז, אַז דער סיים איז ניט קיין אינסטיטוציע, וואָס זאָל קענען פירען אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק, בעת דער טעריטאָריאליזם איז אַן אויפגאַבע פאַר די אידען פון אַלע לענדער.

די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע מיינט, אַז רוסלאַנד און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען־שטאַאטען *) זאָלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין פעדעראַציעס פון נאַציאָנאַלע פאַראייניגונגען. דערביי ווערט אָבער אָנגעהאלטען די אויבערע פּאָליטישע איינהייט און גאַנצקייט פון דער פעדעראַטיווער רעפּובליק.

די העכערע פאַרוואַלטונג איבער די אַלגעמיינע ענינים פון דער גאַנצער רעפּובליק בלייבט אין די הענט פון דעם אַלגעמיינעם פאַר־

*) א נאַציאָנאַליטעטען־שטאַט ווערט אָנגערופען אזא שטאַט, אין וועלכען עס געהען אריין פארשידענע נאַציאָנאַליטעטען, ווי למשל, עסט־רייך־אונגארן, רוסלאַנד, טערקיי, פּרייסען, בעלגיען — בכלל, שטאַטען, אין וועלכע עס עקזיסטירט א נאַציאָנאַלע פראגע און זאָגאר נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג.

לאַמענט און צו איהם באַלאַנגט אויך די אינטערנאַציאָנאַלע פּאַר־טרעטערשאַפט. *) אויב מיר זאָלען אָנעמען, אַז דער נאַציאָנאַלער אידישער סיים — לאָמיר זאָגען, אין רוסלאַנד — איז אַן אינטער־נאַציאָנאַלער, ווערט דערמיט אין גרונד צושטערט דער פּרינציפּ פון דער איינינקייט פונ'ם פעדעראַטיווען שטאַאַט, און דעם דאָזיגען פּרינציפּ קען ניט באַזייטיגען קיין דעמאָקראַטיזאַציע פון דער בור־זשואַזער געזעלשאַפט. עס איז אונמעגליך צוצולאָזען אין געדאַנק, אַז דער אידישער סיים אין רוסלאַנד, אין עסטרייך אָדער אין אמע־ריקא זאָל זעלבסטשטענדיג פירען פאַרהאַנדלונגען מיט דער טער־

---

*) די איינהייט און גאנצקייט פון א פעדעראטיווער רעפּובליק איז ניט פשוט א „פּאטריאָטישער וואונש“. עס איז א פּרינציפּ, וואָס איז אומפארמיידליך פארבונדען מיט'ן באגריף פון נ א צ י אָ נ א ל ע ר אויטאָנאָמיע. אין'ם גאַנג פון דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג מי־שען זיך די נאציאָנאליטעטען אלס מער דורך א דאנק די שטענדיגע אי־בערוואנדערונגען, און דעריבער איז די טעריטאָריאלע פּראָווינץ־אווי־טאָנאָמיע ניט בכח צו לעזען די נאציאָנאלע פראגע אין די נאציאָנאליטע־טען־שטאטען. אנשטאט דעם טעריטאָריאלען פּרינציפּ לעגט מען אין דעם באגריף וועגען א נאציע אלץ מער אריין דעם פּערסאָנאלען פּרינציפּ; די פארוואנדלונג פון א נאציאָנאליטעטען־שטאט אין א פעדעראציע פון אווי־טאָנאָמע נאציאָנאליטעטען מיינט דעריבער, אז די טעריטאָריע פון'ם שטאט בלייבט ניט צוטיילט. דאָס איז דער פּרינציפּ פון שפּרינגער'ס פּלאן און דערצו איז עס א פּרינציפּ, וואָס הארמאָנירט, ווי עס שיינט, מיט די באדערפנישען פון דער קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג. מען קען זיך, נא־טירליך, פאָרשטעלען, אז באזונדערע נאציאָנאלע טעריטאָריעס מיט אן איינארטיגער אָדער כמעט איינארטיגער באפעלקערונג זאָלען אָפּפאלען פון דעם נאציאָנאליטעטען־שטאט; דעמאָלט באקומט זיך שוין ניט א נייער גליד פון'ם פעדעראטיווען שטאט, פארקערט, א נייער זעלבסטשטענדיגער שטאט, א נייער סואווערענער סוביעקט פון'ם אינטערנאציאָנאלען רעכט.

קישער אדער ענגלישער רעגירונג, זאל, נים אנפרעגענדיג ביי קיי־נעם, ארויסשיקען געלט נאך אויסלאנד צו קאלאניזירען וועלכע ניט איז טעריטאריעס, וואס באלאנגען צו אנדערע שטאאטען. ווי הויך דעמאקראטיש די בורזשואזע געזעלשאפט זאל ניט זיין, וועט אומ־מעגליך זיין, אז דער סיים פון די רוסישע אידען זאל דירעקט, אהן ערלויבניש פון דער אלגעמיינער רעגירונג פירען א קאלאניזאציאנס־פאליטיק אויסער די גרעניצען פון רוסלאנד, אז דער סיים פון די עסטרייכישע אידען זאל זיך פארנעמען מיט קאלאניזאציע אויסער די עסטרייכישע גרעניצען און אזוי ווייטער. פאר יעדען, ביי וועמען דאס פאליטישע זעלבסט־באוואוסטזיין איז ניט פארדונקעלט פון דער טומעלדיגער סיימיסטישער אגיטאציע, איז קלאר, אז אהן דער פארמיטלונג פון דער אלוועלטלי־כער ציוניסטישער פאראייניגונג, וועל־מענס ארגאן עס איז דער קאנגרעס, וועלען קיין סיימען זיך ניט קענען פאר־נעמען מיט דער טעריטאריאלער לעזונג פון דער אידישער פראגע. אן אלוועלטליכער בונד פון אידישע סיימען איז שוין דערפאר אליין אוממעגליך, ווייל ער וואלט געווען אין ווידערשפרוך מיט'ן פרינציפ פון דער איינהייט און אומצוטיילבארקייט פון די פעדעראטיווע שטאאטען. עס איז אומגלויבליך, אז מען זאל דעם אידישען פאלק ערלויבען צו פירען אן אלוועלטליכע נאציאנאלע פאליטיק אין גלות. דאס וואלט געמיינט צו שאפען אן אלוועלטליכע ארגאניזאציע מיט סואווערענע רעכט, וואס וואלט זיך געמישט אין די אינערליכע ענינים פון אלע מלוכות, וואו אידען לעבען.

דאס איינציגע, וואס מען קען דערגרייכען אונטער די דעמא־קראטישע אינטערנאציאנאלע באציהונגען, וואס עקזיסטירען אין דער קאפיטאליסטישערווירטשאפט אז — אן אינטער־נאציאנאלע לעגאליזירונג פונ'ם ציו־

גים, דאס הייסט, די מעכט וועלען צושטימען צו שטיצען גראַד
די קאָלאָניזאַציאָנס־פּאָליטיק און בכלל די
טעריטאָריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער
אַלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט דער הילף פון דער
אָרגאַניזאַציע וועלען אויך די באַזונדערע סיימען האָבען אַ גרויסע
ווירקונג אויף דער אידישער קאָלאָניזאַציע, אָבער דאָס וועט מעגליך
זיין ערשט נאָכדעם ווי אַן אינטערנאַציאָ־
נאַלע איבעראיינשטימונג פון די מעכט
וועט געבען די באַזונדערע סיימען דאָס
רעכט צו אונטערשטיצען די קאָלאָניזאַ־
ציאָנס־פּאָליטיק פונ'ם ציוניסטישען
קאָנגרעס. דער קאָנגרעס קען אָנפירען די קאָלאָניזאַציע אויך
אָהן דער צושטימונג פון די מעכט, ווייל ער איז אַ פרייער בונד, און
די אינטערנאַציאָנאַלע לעגאַליזאַציע וועט נאָר פאַרגרינגערען און
אויסברייטען זיין טעטיגקייט. דער בונד, ווידער, פון די אידישע
סיימען קען גאָרניט אָנהויבען פונקציאָנירען אָהן דער סאַנקציע פון
אַלע יענע מעכט, אין וועלכע עס געהען אריין די באַזונדערע אידישע
סיימען, ווייל דער סיים איז אַן אָפיציעלע אינסטיטוציע.
פון וועלכער זייט מיר זאָלען ניט באַטראַכטען די פראַגע, קומען
מיר שטענדיג צו דער איבערצייגונג: 1) אַז די נאַציאָ־
נאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אין גלות
איז ניט דער איינציגער, ניט גענוגענ־
דער און ניט דער נויטווענדיגער וועג
צו דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע;
2) אַז די איינציגע אינסטיטוציע, וואָס
דינט דירעקט די טעריטאָריאַליסטישע
צילען, איז דער אַלוועלטליכער ציוניס־
טישער קאָנגרעס; 3) אַז דער קאָנגרעס
קען פירען אַ אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־

פּאָליטיק נאָך אײדער ער װערט אינטערנאַציאָנאַל לעגאַליזירט: 4) אַז די באַזונדערע אידישע סיימען קענען נאָר אונטערשטיצען די קאָלאָניזאַציאָנס־אַרבייט פון׳ם קאָנגרעס, אי דאָס ערשט נאָכדעם װי זײ װעלען באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע צושטימונג צו זײער טעריטאָריאַלע טעטיגקײט.

מיר װילען אָבער באמערקען, אז די פּונקטען 1 און 4 זײנען ריכטיג נאָר אין דעם פאל, װען די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פאר׳ן אידישען פאָלק אין די גלות־לענדער װעט פארװירקליכט װערען אײדער עס װעט געשאַפען װערען אן אויטאָנאָמע אידישע געזעלשאַפט אויף א באזונדערער טעריטאָריע. אָבער דאָס אָננעמען, אז אזא פאל איז מעגליך, איז פארבונדען מיט דער סיימיסטישער טעאָריע, אז דער סיים איז דער אײנציגער װעג צו דער פארװירקליכונג פון׳ם טעריטאָריאַליזם, און אזוי װי די גאנצע טעאָריע איז אומגעװאָרפען, בלײבט ניט באװיזען אויך די מעגליכקײט פון דעם דערמאָנטען פאל.

איצט קענען מיר גענוי באַשטימען, װאָס פאר א ראָלע עס קענען שפּילען אין דער פארװירקליכונג פון׳ם טעריטאָריאַליזם די נאַציאָנאַלע אידישע סיימען, אויב מען זאָל צוגעבען, אז די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע װעט דערגרײכט װערען פאר דער טעריטאָריאַלער, אזוי װי אין ד ע ר הינזיכט זײנען די סיימען פאָלשטענדיג מאכטלאָז אָהן דעם ציוניסטישען קאָנגרעס, װעלען זײ, נאָכדעם װי זײ װעלן באַקומען אן אינטערנאַציאָנאַלע סאנקציע אויף טעריטאָריאַלער טעטיגקײט, געבען דעם קאָנגרעס אזעלכע כחות, װעלכע ער װאָלט אלײן קײן מאָל ניט געקענט שאַפען; אן אײנפלוסרײכען פינאנציעלען אפּאראט, א זיכערע קרעדיט־באזע, א מעכטיגע פּאָליטישע אָרגאניזאציע פון די אידישע מאסען אין

גלות. מיר רעדען שוין ניט וועגען דער גרויסער באדייטונג פון דער פּאָליטישער ערציהונג, וואָס די אידישע מאסען וועלען באקומען אין די נאציאָנאלער־אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, ווען זיי וועלען אליין נעמען אן אקטיווען אנטייל אין'ם שמידען זייער אייגענעם שיקזאל. מיר פּראָטעסטירען אָבער ענערגיש געגען יענע ווילד־אי־בערטריבענע האָפנונגען, וואָס די סיימיסטען לעגען אויף דער נאַ־ציאָנאל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע; מיר פּראָטעסטירען געגען זייער באהויפּטונג, אז די נאציאָנאלפּאָליטישע אויטאָנאָמיע איז דער איינ־ציגער וועג צו דער פארווירקליכונג פון'ם ציוניזם.

די דאָזיגע באהויפּטונג, ווי מיר האָבען געזעהן, איז א פּראָ־דוקט פון אומרייפען דענקען אין די פראגען פון רעאליזאציע, א רע־זולטאט פון דער „וואָזראָזשדענסקי" אייגענשאפט, „וואָס איז גראָד כאראקטעריסטיש פאר אָפּאָרטוניסטען פון יעדען מין און שאָטירונג — וואָס די פּאָדערונגען פון דעם נאָהנטסטען היסטאָרי־שען מאָמענט, רעפּאָרמען פון א פּאָליאטיווען כאראקטער פארשטע־לען פאר זיי די היסטאָרישע אויפגאבען, וואָס פאָלגען נויטווענדיגער־ווייז פון דעם באשטימטען געזעלשאפטליכען אידעאל."*) פון דעם אופ'ן ווי די „וואָזראָזשדענצעס" פארשטען דעם אידעאל פון טערי־טאָריאלער אויטאָנאָמיע איז קלאָר די היסטאָרישע אויפגאבע — מיט דער הילף פון'ם אידיש־פּראָלעטאַ־רישען קלאסען־קאמף צו פארווירקליכען די טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע פאר'ן אידישען פאָלק. די דאָזיגע אויפגאבע האָבען די „וואָז־ראָזשדענציעס" אפילו ניט אוועקגעשטעלט און עס קומט זיי גאָר אפילו ניט אוים צו רעדען וועגען איהר לעזונג. מיר האָבען געזעהן, אז דער נאציאָנאלער סיים איז ניט קיין פּראָלעטארישער קלאסען־„וועג". אין אוואנגארד פון די וועגען און מיטלען, וואָס די סיימיס־

*) זאמעלבוך „וואָזראָזשדעניע", זייט 73.

טען שלאגען פאר, שטעהט ניט דער פראלעטאריאט. אין ־עריבער איז אויך דא, פונקט ווי אין פאל פון די ס. ס., פאלשטענדיג אומ־פארשטענדליך, צו וואס עס עקזיסטירט די „אידישע סאציאליסטישע ארבייטער־פארטיי“, אלס באזונדערע ארגאניזאציע פון'ם אידישען פראלעטאריאט. ווי וועט די א. ס. א. פ. קעמפען פאר דער טעריטא־ריאלער אויטאנאמיע? פונקט ווי די בורזשואזע ציוניסטען — דורך דיפלאמאטיע; מיט'ן איינציגען אונטערשיד, וואס די דיפלאמאטי־שע אונטערהאנדלונגען וועלען געפירט ווערען ניט פון'ם ציוניסטי־שען אקציאנס־קאמיטעט, נאר פון די אידישע סיים־מיניסטארען. דאס הייסט, אז קיינער וועט די פארהאנדלונגען ניט פירען, ווייל דער נאציאנאלער סיים איז ניט קיין אינטערנאציאנאלער סוביעקט. די סיימיסטישע וועגען און מיטלען שליסען זיך אליין אויס, פארנייען זיך אליין. עס איז א דיפלאמאטיע, וואס קיינער וועט ניט פירען; עס איז א קלאסען־קאמף, אין וועלכען קיינער וועט קיין אנטייל ניט נעמען.

ווי אלע אפארטוניסטען, פארגעסען אינגאנצען די סיימיסטען, צוליב דער נאציאנאל־פאליטישער אויטאנאמיע, אן דער רעאליזירונג פון דער טעריטאריאלער אויטאנאמיע; זיי לעגען אוועק די פראגע אין דער לאנגער באנק, זיי מאכען אליין ניט קיין פארזוך זי צו לעזען און נעמען אן, אז לעזען וועט זי דער סיים. פונקט ווי די בונדיסטען באציהען זיך „נייטראל“ צום פראגנאז פון דער אידישער צוקונפט און צו די טענדענצען פון דער אידישער ווירקליכקייט, פונקט אזוי זיינען די סיימיסטען „נייטראל“ אין דער פראגע וועגען קאנקרעטע וועגען און מיטלען. און כדי צו בארוהיגען דאס געוויסען, ערקלערען זיי, אז די פראגע איז א „פריוואט זאך“ פון יעדען איינצעלנעם. דאס איז דער אויסגעהאלטענסטער און עקסטרעמסטער אפארטוניזם, אויף ווי פיל אפארטוניזם קען זיין אויסגעהאלטען און עקסטרעם.

מיר האבען שוין אנגעמערקט, אז דער קלאסען־כאראקטער פון דער פיל־פלעכיגער **אינטעליגענטישער אידעאלאגיע**

פון די „וואָזראָזשדענציעס" לאָזט זיך שווערליך גענוי אנאליזירען. מיר האָבען זיך אָבער גענוג איבערצייגט, אז די דאָזיגע אידעאָלאָגיע איז ניט קיין פראָלעטארישע, אז זי פארדונקעלט דאָס קלאסען־זעלבסט־באוואוסטזיין פון די אידישע ארבייטער, אז זי איז פאר קיין פאָל ניט בכח צו פאָרמולירען פאר'ן טעריטאָריאליזם דעם פראָלעטארישען אויסגאנג־אינטערעס און די פראָלעטארישע היס־טאָרישע וועגען. און זיך גריבלען אין דעם ספּעציעלען כאראקטער פון א הייפעלע אינטעליגענטען האָבען מיר לחלוטין קיין אינטערעס ניט, כאָטש עס איז זיי געלונגען מיט זייער אגיטאציע צו פארטשאָ־דען אייניגע געוועזענע פּועלי ציון און צונויפשטוקעווען פון זיי די א. ס. א. „פארטיי".

איבריגענס, מיז מען אנערקענען, אז די „וואָזראָזשדענצעס" האָבען צוויי גרויסע פארדינסטען ביים אידישען פראָלעטארישען געדאנק. ערשטענס, ווי שוין דערמאָנט, זיינען זיי אויסגעהאלטען און געוואגט נאציאָנאל־רעוואָלוציאָנער. בעת זיי זיינען אָפּאָרטוניסטען אין באצוג צום טעריטאָריאליזם און צום קלאסען־קאמף, צו דער סאָציאלער פראגע און צו דער אידישער צו־קונפט, האָבען זיי אָבער אין באצוג צו דער נאציאָנאלער פּראָגראם אין גלות געזאָגט — אמת, ניט קיין אייגענס און ניט קיין נייעס, אָבער א מוטיג, רעוואָלוציאָנער וואָרט און האָבען עס ברייט פאר־שפּרייט צווישען די מאסען; דאָס וואָרט איז — נאציאָנאל־פּאָלי־טישע אויטאָנאָמיע. זיי האָבען אומגעהייער איבערטריבען דעם ווערט פון דער פאָדערונג, זייער טעאָריע האלט ניט אויס קיין קריטיק, זיי האָבען זייער פּראָגראם ארומגערינגעלט מיט א פארפירערישען פייערווערק פון אגיטאציאָנס־פראזען און דעמאגאָגישען ענטוזיאזם, אָבער דאָס אלץ פארקלענערט ניט זייער ביייטראג צו דער נאציאָנא־לער פּראָגראם פון'ם אידישען פּראָלעטאריאט.

פילע פון די פּועלי־ציוניסטישע טעאָרעטיקער האָבען אויך פריער איינציגווייז ארייגעבראכט אין זייער פּראָגראם די פאָדערונג

וועגען נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, אָבער נאָר די „וואָזראָזשדענצעס“ האָבען די פּאָדערונג אוועקגעשטעלט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג.

צווייטענס, האָבען די „וואָזראָזשדענצעס“ געגעבען אַ גלענצענדע און אויספירליכע קריטיק אויף׳ן אוטאָפּיזם און די באגריפען פון די ס. ס. און פון די בורזשואזע ציוניסטען וועגען דער *פאַר־ווירקליכונג* פון דער טעריטאָריאלער אויטאָנאָמיע. זיי אליין האָבען קיין אמת׳ע רעאליזאציע ניט געגעבען און ניט געקענט געבען, ווייל זיי זיינען אין תוך בורזשואזע אידעאָלאָגען; און דער הויפּט קוריאָז באשטעהט אין דעם, וואָס די פראגען, וועלכע זיי שטעלען די ס. ס., בלייבען ניט פארענטפערט אין זייער אייגענער טעאָריע. אָבער די „וואָזראָזשדענצעס“ האָבען שארף אונטערגעשטראָכען דעם אָפּגרונד, וואָס ליגט ביי די אוטאָפּיסטישע ציוניסטען צווישען דער געגענווארט און דער צוקונפט, און זיי האָבען אָהן רחמנות אויפגעדעקט דעם טיפען פעסימיזם פון די ציוניסטען־סאָציאליסטען וועגען די מעגליכקייטען, וואָס עקזיסטירען שוין אין דעם אידישען לעבען. די דאָזיגע קריטיק פון די „וואָזראָזשדענצעס“ האָט ניט ווייניג בייגעטראָגען צו דער קלאָרקייט פון דער פּועלי־ציוניסטישער וועלט־אנשויאונג און האָט ניט ווייניג געהאָלפען זי צו באפרייען פון אוטאָפּיסטישע צומישונגען.

אָבער אפילו די קריטיק אויף די ס. ס. האָבען די „וואָזראָזשדענצעס“ ניט געקענט אוועקשטעלען אויף׳ן *קלאַסען*־שטאנדפונקט. זיי אטאקירען די ס.־ס.׳ישע *וועגען און מיטלען*, זיי אנאליזירען אָבער דערביי ניט די ס.־ס.׳ישע *אויסגאַנג־מאָטיווען*. אויפדעקען דעם ניט־פּראָלעטארישען כאראקטער פון׳ם ס.־ס.׳ישען אויסגאנגס־אינטערעס האָבען די „וואָזראָזשדענצעס“ ניט געקענט שוין צוליב דעם אליין, ווייל זיי גופא פעלט דער פּראָלעטארישער קלאסען־פּרינציפּ. דערפאַר בלייבט די טרעפנדע קריטיק פון די „וואָזראָזשדענצעס“ אויף די ס. ס. אומ־

פּרוכטבאר. און דער גרונד־שטאנדפּונקט אין דער קריטיק פּאַסט ניט פאר מענשען, וואָס פּרעטענדירען אויף'ן נאָמען סאָציאַליסטען. דער שרייבער פון'ם ארטיקעל „וועגען דער פּראָגראם פון די ס. ס.״ אין „וואָראָזשדעניע״ מאכט א פּארזוך צו געבען די גענעאַלאָגיע פון דער ס.־ס.'ישער וועלט אנשויאונג און געפינט איהר אָפּשטאַמונג אין דער וועלט־אנשויאונג פון די בורזשואַזע ציוניסטען! דער שרייבער שטעלט זיך פאָר, אז „ס.־ס.'יזם איז בירושה פארבונדען מיט'ן בורזשואזען ציוניזם און טעריטאָריאליזם״, אז דער פּראָלעטארישער ציוניזם איז א דירעקטער „יורש״ פון'ם בורזשואזען. דערמיט ערקלערט זיך, לויט זיין מיינונג, דער אוטאָפּיזם פון די ס. ס.*) דער שרייבער דענקט, אז אויב ער אליין איז פריער געווען אן אלגעמיינער ציוניסט און זיינע באקאנטע אינטעליגענטען צווישען די ס. ס. און פּועלי ציון זיינען אמאָל געווען אלגעמיינע ציוניסטען, הייסט עס, אז אויך די פּראָלעטארישע ציוניסטישע באוועגונג שטאמט פון דער בורזשואזער באוועגונג. דעם שרייבער איז אומבאקאנט — ער אליין, ווייזט אויס, האָט עס ניט איבערגעלעבט — אז ווען די ציוניסטישע יוגענד איז געקומען צום ארבייטער־קלאס, האָט זי אָפּגעבראָכען אלע פארבינדונגען מיט'ן בורזשואזען ציוניזם און האָט אָפּגעטרייסעלט זיין שטויב פון איהרע פיס. יענער שרייבער פארשטעהט ניט, אז דער פּראָלעטארישער ציוניזם איז א יורש פון די פריהיגע אנטוויקלונגס־שטופען פון'ם פּראָלעטאַרישען און ניט פון'ם בורזשואזען געדאנק און אז די גענעאָלאָגיע פון די פּראָלעטארישע פּראָגראמען האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער גענעאָלאָגיע פון די בורזשואזע פּראָגראמען. דער שרייבער־„וואָזראָזשדענעץ״ באגרייפט ניט, אז דער ציוניזם איז ניט איין באוועגונג, נאָר צוויי; אז די אנטוויקלונג פון'ם בורזשואזען ציוניזם געהט פון דער השכלה דורך חבת ציון און אחד־העמ'יזם

*) זייטען 100, 101 און 107.

צום פאליטישען ציוניזם און די אנטוויקלונג פון'ם פראלעטארישען ציוניזם, א פאלשטענדיג זעלבסטשטענדיגע, געהט פון'ם פרימיטיווען קאסמאפאליטיזם דורך'ן בונדישען אויטאנאמיזם און ס.־ס.'ישען טעריטאריאליזם צום רעאליסטישען, קאנקרעטען טעריטאריאליזם פון די פועלי ציון.

ז.

מיר האבען זיך באקאנט מיט דער עוואלוציע פון די רעאגירונגען פונ'ם אידישען פראלעטאריאט אויפ'ן נאציאנאלען קאנפליקט. מיר האבען געזעהן, אז די רעאגירונגען ווערען, לויט'ן געזעץ פון עקאנאמיע פון כחות, אלץ קאמפליצירטער און קאארדינירטער, אלץ רעוואלוציאנערער. מיר האבען געזעהן, ווי דער אידישער פראלעטאריאט האט אין אנהויב געמאכט א פארזוך צו לעזען זיין נאציאנאלע פראבלעם אין דיעזעלבע באדינגונגען אין וועלכער עס איז געשאפען געווארען די באדערפניש, וואס האט דעם קאנפליקט ארויסגערופען, און ערשט נאכדעם איז ער געקומען צום באוואוסטזיין, אז עס איז נויטיג די באדינגונגען צו ענדערען. יעדע איינציגע פון די שטופען, דורך וועלכע דער אידישער פראלעטארישער געדאנק איז געשטיגען, האט פון אונזער שטאנדפונקט איהר אייגענעם זין, ווייל זי איז געווען א צוגרייטונג צו דער פאלגענדער, העכערער, מער רעוואלוציאנערער שטופע. יעדע פון די באטראכטע פראגראמען האט, ביי איהר גאנצער אונפאלקאמענהייט, זיך ארויסגעוויזען פאר א נויטווענדיגען רינג אין דער קייט פון יענע צופאסונגען צום נאציאנאלען קאנפליקט, וואס דער אידישער ארבייטער־קלאס האט אויסגעארבייט. מיר האבען געזעהן, ווי דער פלאץ פון דער פרימיטיווער צופאסונג פון בונד — א צו־פאסונג, וואס האט זיך געווארצעלט אין די קליין־בורזשואזע אי־בערבלייבענישען ביים אידישען פראלעטאריאט — האט פארנומען די מעהר אנטוויקעלטע, העכערע פראגראם פון די ס. ס. מיר האבען ווייטער געזעהן, ווי די ס.סי.'ישע פראגראם, וועלכע איז א רעוואל־

טאט פון דער פסיכאלאגיע פון די זיך־פראלעטאריזירענדע קלאסען, האט זיך פארפלאנטערט אין אונבאזיגבארע ווידערשפרוכען דארט, וואו דער רעוואלוציאנערער געדאנק זוכט דעם זיכערסטען פונדאמענט : אין די פראגען וועגען דעם אויסגאנג־אינטערעס, וועגען די וועגען צו רעאליזירען דעם טעריטאריאליזם און וועגען דעם קאנקרעטען פראגנאז. מיר האבען זיך איבערצייגט, אז דער פראלעטארישער געדאנק, וואס האט זיך געצאפעלט אין די נעבעלהאפטיגקייטען פון דער פסיכאלאגיע פון די זיך־פראלעטאריזירענדע מאסען, איז געקומען צום שייד־וועג. און די ווירקליכקייט האט אונז באוויזען, ווי גרינג עס איז פון דער ס. ס.'ישער שטופע אריינצופאלען אין דער בלאטע פון דעם איבער־קלאסען־נאציאנאליזם פון די „וואזראזשדענצעם“.

אבערביים אידישען פראלעטאריאט גופא, אהן וועלכער עס איז וואלטעטיגער הילף פון דרויסען, איז געבארען געווארען און איז אויסגעוואקסען די עכסט קאארדינירטע צופאסונג צום נאציאנאלען קאנפליקט. די העכסטע, קאמפליצירטסטע צופאסונג איז די פראגראם פון דער אידישער סאציאל־דעמאקראטישער ארבייטער־פארטיי פועלי ציון.

מיר וועלען זיך דא ניט אפשטעלען אויף אונזער ענד־ציל. אונזער ציל, *אונזער פראגראם־מאקסימום איז דער סאציאליזם, די פארגעזעלשאפטליכונג פון די פראדוקציאנס־מיטלען*, די ליקווידאציע פון די קאפיטאליסטישע אייגענטום אין פראדוקציאנס־פארהעלטניסען און זייער אומבייטונג אויף קאמוניסטישע. דער איינציגער וועג צום ציל, וואס די פארטיי אנערקענט, איז דער קלאסען־קאמף פונ'ם אידישען פראלעטאריאט אין די רייהען פון דער אלוועלטליכער סאציאל־דעמאקראטיע. פראפאגאנדע און אגיטאציע צווישען די חברים־ארבייטער — מיט'ן צוועק קלאר צו מאכען און אנטוויקלען זייער קלאסען־באוואוסטזיין ; פארשפרייטונג פון

סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע אידעען אין די ברייטע שיכ־
טען פון דער פעריפעריע, וואָס גרעניצט זיך מיט'ן קעמפענדען אר־
בייטער־קלאַס : אָרגאַניזירונג און פּאָליטישע ערציהונג פונ'ם אר־
בייטער־קלאַס — דאָס זיינען אַלץ אַלגעמיין־באַקאַנטע נויטווענ־
דיגע מ אָ מ ע נ ט ע ן פונ'ם קלאַסען־קאַמף. מיר מוזען אָבער דאָ
אָנמערקען יענע זייטיגע אומשטענדען, וועלכע זיינען פאַרבונדען
מיט'ן פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף און פון וועלכע עס ציהט
יניקה זיין פּראָגראַם־מינימום. ביים סאַמע אָנהויב, ווען דער
פרייער ארבייטער טרעט ארויס אין דער קאפּיטאליסטישער גע־
זעלשאפט, באַשטעהט זיין הויפּט־אינטערעס אין פאַרכאַפּען דעם
ארביימס־פּלאַץ. דאָס איז דורכאויס א קאָנקורענץ־אינטערעס. דאָ
האָבען מיר נאָך ניט פאַר זיך קיין פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י א ט , א ל ס
ק ל אַ ס , ק י י ן ס אָ ל י ד א ר ע געזעלשאפטליכע קראפט,
קיין סאָציאַלען שיכט, וואָס איז א טרעגער פון דער צוקונפט. אפילו
ווען אַרבייטער פאַראייניגען זיך אין אָרגאַניזאַציעס, האָבען זיי,
ד י ע ר ש ט ע צ י י ט , די אויפגאַבע ניט נאָר צו קעמפען גע־
גען די בעלי הבתים, נאָר אויך צו קאָנקורירען — אָנצוהאלטען
זייערע פּאָזיציעס אין דער פּראָדוקציע געגען דער אונצעליגער רע־
זערוו־אַרמעע פון ארבייטסלאָזע, וואָס דריקען אראָפּ דעם לוין. ביז
איצט האָבען מיר צו טאָן מיט אינטערעסען פון די זיך־פּראָלעטאַרי־
זירענדע מאסען, וואָס זיינען פארבונדען מיט'ן ארבייטס־פּלאַץ.
וועגען דעם האָבען מיר שוין פריהער גערעדט. אָבער פון דעם מאָ־
מענט אָן, ווען די אַרבייטער, פאַראייניגט מיט'ן צוועק צו באַשי־
צען זייער אַרבייטס־פּלאַץ, הויבען אָן אַ קאמף געגען קאַפּיטאל,
ערשיינט אַ נייער קלאַס — דער פּראָלעטאַריאַט. דער מיטגליד
פונ'ם פּראָלעטאַריאט איז, נאַטירליך, ניט דורכאויס אַ קעמפער.
אין איהם זיינען פאַרקערפּערט די קאמפּליצירטסטע אינטערעסען.
אבסטראקט קענען מיר פון דער אלגעמיינער סומע אינטערעסען
פונ'ם פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר ארויסטיילען די אינטערעסען

פונ׳ם אַרבייטער, אַלס אַזעלכען, דאָס הייסט, די אינטערעסען, פון איין זייט, צו פאַרבעסערן די אַרבייטס־באַדינגונגען און פון דער צווייטער זייט, זיך צו פאַרזיכערן געגען די שווערע פאָלגען פון אַרבייטסלאָזיגקייט. דאַן טיילען מיר אויס די אינטערעסען פונ׳ם פּראָלעטאַריער אַלס בירגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — די אומבאַרירבאַרקייט און די פרייהייט פון דער פּערזאָן; די אינטערעסען פונ׳ם פּראָלעטאַריער, אַלס מיטגליד פון אַ באַשטימטער נאַציע; ענדליך די אינטערעסען פונ׳ם פּראָלעטאַריער, אַלס מענש בכלל. אַפילו אין געדאַנק איז שווער מער אָדער ווייניגער שאַרף אָפּצוזונדערן די דאָזיגע אַלע אינטערעסען. און אין ווירקליכען לעבען זיינען זיי אומצוטיילבאַר צונויפגעפלאָכטען, ערשטענס, איינע מיט די אַנדערע און צווייטענס, מיט׳ן קלאַסען־קאַמף פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט. עס איז וויכטיג אָנצודייטען, אַז די אַלע פילפאַכע אינטערעסען באַקומען אַ ברייטע געזעלשאַפטליכע באַדייטונג פון היסטאָרישע פאַקטאָרען נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דער אַרבייטער געהט אויפ׳ן וועג פון קלאַסען־קאַמף, זיי צו פאַרטיידיגען. די אינטערעסען פון קלאַסען־קאַמף זיינען תמיד אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדען מיט דער סטראַטעגישער באַזע פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, און די פאַרטיידיגונג פון זיינע אַלע דערמאָנטע נויטען געהט אַריין אין זיין פּראָגראַם־מינימום. אויסער דער דירעקטער באַשיצונג פון די אַרבייטער־אינטערעסען (ווי די פאָדערונג וועגען אַן אַכט־שעה׳יגען אַרבייטס־טאָג, וועגען רעגירונגס־פאַרזיכערונג, אַלגעמיינער וואַל־רעכט און אַזוי ווייטער), אַנטהאַלט די פּראָגראַם־מינימום אויך די פאָדערונג וועגען גאַראַנטיען פאַר דעם שוץ (די דאָזיגע גאַראַנטיען זיינען, למשל, די פאָדערונגען וועגען צ פאָלקס־מיליץ, וועגען דעם, אַז רעגירונגס־באַאַמטע זאָלען געוועלט ווערען, זאָלען קענען אַראָפּגעזעצט ווערען און געשטעלט ווערען צום געריכט, און אַזוי ווייטער). אָבער די אַלע פאָדערונגען זיינען פאַר־

בונדען מיט די באַדינגונגען פונ'ם פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף, דאָס הייסט, מיט זיין סטראַטעגישער באַזע.

די נויטווענדיגקייט פונ'ם טעריטאָריאַליזם קומט ביי אונז אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס די סטראַטעגישע באַזע פונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט איז ניט צופרידענשטעלענד. די פעלערהאַפטיג־קייט פון דער סטראַטעגישער באַזע נעמט זיך פונ'ם ווידערשפּרוך צווישען דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס־כחות און דעם צו־שטאַנד פון די פּראָדוקציאָנס־ פ א ר ה ע ל ט נ י ש ע ן. אַזא פע־לערהאַפטיגקייט, וואָס קומט פונ'ם סאָציאַלען קאָנפליקט, פילען אַלע אַרבייטער, ניט נאָר אידען. אין זעהר אַ שאַרפער פאָרם, למשל, פילט עס דער אַרבייטער־קלאַס פון אַלע רוסלענדישע פעל־קער אַ דאַנק דעם שווערען דרוק פון דעם פוילען רעזשים *) אָבער אויסער די באַדינגונגען, וואָס שטערען דער פרייער אַנטוויקלונג פון קלאַסען־קאַמף ביי די אַרבייטער פון אַלע פעלקער, זיינען נאָך ביים אידישען פּראָלעטאַריאַט פאַראַן ב אַ ז ו נ ד ע ר ע, ספּעציפישע אַנאָמאַליען פון דער סטראַטעגישער באַזע, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט די פּראָדוקציאָנס־ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן, אונטער וועלכע עס לעבט די אידישע נאַציאָנאַליטעט. די דאָזיגע באַזונדערע אַנאָ־מאַליען פון דער אידישער סטראַטעגישער באַזע, וועלכע בלייבען אויך נאָך'ן פאַל פון דער זעלבסטהערשאַפט אין רוסלאַנד און נאָך דער ליקווידאַציע פון די פעאָדאַלע איבערבלייבענישען אין עסטרייך און וועלכע דריקען די אידישע אַרבייטער אין אַלע „פרייע" בור־זשואַזע לענדער, שאַפען פאַר'ן אידישען קעמפענדען פּראָלעטאַריאַט אַ נאַציאָנאַלע פראַגע און צווינגען איהם אריינצונעמען אין זיין פּראָגראַם־מינימום פאָדערונגען, וואָס דאַרפען דירעקט באַשיצען זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, און אויך פאָדערונגען, וואָס דאַר־

*) געשריבען, ווי שוין פריהער באַמערקט, אין 1905.— איבערזעצער.

פעו גאראנטירען דעם שוץ. די נאַציאָנאַלע אַנאָמאַליען פון דער סטראַטעגישער באַזע פונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט אַנט־האַלטען עפּעס מער ווי די באַשרענקטקייט פון דער אידישער קול־טור, אויף וועלכע עס שפּארט זיך אַן דער בונד. זיי באַשטעהען אויך ניט אין דער אומנאָרמאַלער פּראָלעטאַריזאַציע און עמיגראַציע, אַן וועלכע עס כאַפּען זיך אַן די ס. ס. די אַנאָמאַליען באַשטעהן אין דעם, וואָס פאַר'ן אידישען פּראָלעטאַריאַט איז אויסנאָמסווייז אונגעהייער שווער צו פירען דעם קלאַסען־קאַמף; וואָס עס איז אויסנאָמסווייז שווער צו אָרגאַניזירען און דיסציפּלינירען די אי־דישע אַרבייטער, וואָס זיינען צוואָרפען אין קליינע ווערקשטאַ־טען; וואָס עס איז אומבאַדייטענד די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ווירקונג פון'ם אידיש־פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף.

אַט די אַלע אַנאָמאַליען וועלען ערשט דעמאָלט פאַרשווינדען, ווען עס וועלען זיך ראַדיקאַל ענדערען די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונ־גען פונ'ם אידישען לעבען, ווען עס וועט אָפּגעשאַפט ווערען די עקסטעריטאָריאַליטעט פונ'ם אידישען פאָלק. ווען די אידען וועט לען זיין באַשעפטיגט אין די אורשפּרינגליכע און וויכטיגסטע פּראָ־דוקציאָנס־געביטען, ווען זיי וועלען פּראָדוצירען ניט נאָר די גע־ברויך־מיטלען, נאָר אויך די פּראָדוקציאָנס־מיטלען — דעמאָלט וועט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האַלטען אין זיינע הענט די נערוועו פון'ם ווירטשאַפטליכען לעבען פונ'ם לאַנד. ווען אידען וועלען אַליין אַנטייל נעמען אין יענע צענטרען פונ'ם עקאָנאָמישען לעבען, פון וואַנען די געזעלשאַפטליכע אַרבייט איבער'ן גאַנצען לאַנד אָרגאַניזירט זיך, דעמאָלט וועט די אָרגאַניזירונג פונ'ם אידי־שען פּראָלעטאַריאַט ווערען נאָרמאַל זעלבסטשטענדיג און וועט ניט פאַטאַל אָפּהענגען פון דער אַרבייט־אָרגאַניזאַציע ביי דער אַרומי־גער באַפעלקערונג: דעמאָלט וועט דער אידיש־פּראָלעטאַרישער קלאַסען־קאַמף זיך ווענדען ניט געגען אַ מאַכטלאָזער בורזשואַזיע, ווי עס איז איצט דער פאַל אין דער אידישער ווירטשאַפט, נאָר גע־

געו א בורזשואזיע א מעכטיגער, געגען א בורזשואזיע, וואס ארגא־ניזירט די פראדוקציע אין גאנצען לאנד: דעמאלט וועט דער אידיש־פראלעטארישער קלאסען־קאמף האבען די נויטיגע סאציאלע, עקאנאמישע און פאליטישע ווירקונג. ווען די אידישע ארבייטער וועלען זיך קאנצענטרירען אין דער גרויס־אינדוסטריע, וועלען פאר־שווינדען יענע באדינגונגען, וועלכע שטערען איצט דאס ארגאני־זירען און דיסציפלינירען דעם אידישען צושטויבטען פראלעטאריאט.

אונזער אויסגאנג־אינטערעס באשטעהט אויסשליסליך אין דער אנטוויקלונג פון׳ם קלאסען־קאמף ביים אידישען פראלעטאריאט. אונזער שטאנדפונקט שליסט אויס די פראגראם פון כלל ישראל: די אנאמאליען פון׳ם גאנצען אידישען פאלק אינטערעסירען אונז נאר אלס אביעקטיווע ערקלערונג פון די אורזאכען, וואס רופען ארויס די ווידערשפרוכען אין דעם לעבען פון׳ם אידישען ארבייטער־קלאס; אבער די סוביעקטי־ווע מאטיווירונג פון אונזער פראגראם פליסט ארויס נאר פון די קלאסען־אינ־טערעסען פון׳ם קעמפענדען אידישען פראלעטריאט. דעריבער שליסט אונזער אויסגאנג־אינ־טערעס ניט אויס די בונדיסטישע און ס.־ס.׳ישע אויסגאנג־אינטע־רעסען, נאר, פארקערט, ענטהאלט זיי און פאראייניגט זיי אין א העכערען פראלעטארישען סינטעז. מיר פארטיידיגען אונזערע אינטערעסען, די אינטערעסען פון די אידישע פראלע־טאריער: הייסט עס, מיר פארטיידיגען די אינטערעסען פון די אידישע ארבייטער. מיר פארטיידיגען אויך אונזערע גייס־טיג־קולטורעלע באדערפנישען און אונזערע נאהנטסטע עקאנאמי־שע נויטען דא, וואו מיר געפינען זיך איצט און בעת דער אי־בערוואנדערונג אין אנדערע לענדער: מיר קעמפען אי פאר די פאליטישע, אי פאר די נאציאנאלע, אי פאר די פשוט מענש־ליכע רעכט פון׳ם אידישען ארבייטער. און דאריבער שטעלען מיר

אַרויס אויך נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אינאיינעם מיט די אַלגעמיינע פאָדערונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם־מינימום. פון־זיך גייען די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אריין אין אונזער פּראָגראַם־מינימום. אָבער אויך אין איהר קענען מיר אונטערשיידען די ווייטסטע און ענדליכע פאָדערונגען פון די נאָהנטסטע.

מיר וואָלטען באַטראַכט די אידישע פראַגע פאַר פאָלשטענדיג געלעזט און די אייגנאַרטיגע אַנאָמאַליען פונ׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט פאַר פאָלשטענדיג באַזייטיגט אויף וויפיל דאָס איז בכלל מעגליך אין די ראַמען פון דער בורזשואַזער ווירטשאַפט, ווען עס וואָלט נאָר דערגרייכט געוואָרען די טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע פאַר׳ן גאַנצען אידישען פאָלק, ווען דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט דאָרט געשאַפען אַן איינהייטליכען נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטליכען אָרגאַניזם. *) דעמאָלט וואָלטען ראַדיקאַל באַזייטיגט געוואָרען די קרענקליכע אַנאָמאַליען פון דער אידיש־פּראָלעטאַרישער סטראַטעגישער באַזע. און דעריבער איז איינע פון די ענדליכע פאָדערונגען פונ׳ם נאַציאָנאַלען טייל פון אונזער פּראָגראַם־מינימום: אַ טעריטאָריאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פאַר׳ן אידישען פאָלק. מיר זיינען טעריטאָריאַליסטען.

אָבער ערשטענס, איז די רעאַליזירונג פונ׳ם טעריטאָריאַליזם

---

*) נאַטירליך, רעדט קיינער ניט וועגען אַבסאָלוט־אָפּגעשלאָסענע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטען. אָבער בעת די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם דערנענטערט און בינדט צונויף די עקזיסטירענדע נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזמען, שוואַכט זי ניט אָפּ, נאָר, פאַרקערט, באַפעסטיגט זיי און אַנטוויקעלט זיי. דערביי שאַפט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, אויסער נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטען, אויך אַ וועלט־ווירטשאַפט, באַזירט אויף די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטען.

א דויערענדער היסטארישער פראצעס, אין פארלויף פון וועלכען מיר האבען די אויפגאבע צו פארטיידיגען אונזערע נויטען אין גלות: צווייטענס, קען דער טעריטאריאליזם, אלס פונקט פון דער פראגראם-מינימום, וואס ווערט דערגרייכט נאך אין דער קאפי־טאליסטישערווירטשאפט, ניט פאלשטענדיג פארווירקליכט ווערען, און מיר נעמען אן, אז א באדייטענדער טייל פונ׳ם אידישען פאלק און אויך א טייל פונ׳ם אידישען פראלעטאריאט וועט תמיד בליי־בען אין גלות אלס געוועהנליכע נאציאנאלע מינדערהייט. און דע־ריבער געפינט זיך אין אונזער פראגראם, א י נ א י י נ ע ם מ י ט ׳ ן ט ע ר י ט א ר י א ל י ז ם , אן אנדער פונקט, וואס דארף גאראנטירען דעם אידישען פראלעטאריאט און דעם אידישען פאלק, אויף וויפיל דאס איז מעגליך אין גלות, דעם מאקסימאלען שוץ פון זיינע נאציאנאלע נויטען. דער דאזיגער פונקט איז: נ א צ י א נ א ל ־ פ א ל י ט י ש ע א ו י ט א נ א מ י ע פ א ר ד י ג ל ו ת ־ ל ע נ ד ע ר.—די נאציאנאלע אויטאנאמיע איז ניט קיין רעוואלוציאנערע, דאס הייסט, ניט קיין ר א ד י ק א ל ־דע־מאקראטישע לעזונג פון דער אידישער פראגע און קען דעריבער, נאטירליך, ניט באזייטיגען אלע פעלערען פון דער אידישער סטרא־טעגישער באזע; זי גיט אבער די פעלענדע א ו נ מ י ט ע ל ב א ר ־ פ א ל י ט י ש ע פארמען פונ׳ם אידיש־פראלעטארישען קלאסען־קאמף; זי שטעלט אוועק דעם אידישען פראלעטאריאט אויף דער פ א ל י ט י ש ע ר ארענא פנים אל פנים מיט דער אידישער בור־זשואזיע. און אויב די נאציאנאל־פאליטישע אויטאנאמיע איז ניט בכח צו מאכען א טיפע איבערקערעניש אין די באדינגונגען פון קלאסען־קאמף, קען ניט געבען דעם אידישען פראלעטאריאט קיין וואפע אין קאמף געגען דער הערשענדער פארם פון קאפיטאל, דאס הייסט, געגען זיין גרויס־אינדוסטריעלער מאשין־פארם, דארפען מיר אבער ניט פארגעסען, אז די נאציאנאל־פאליטישע אויטאנאמיע איז דער מ א ק ס י מ ו ם פון יענע רעכט, וואס אידען קענען

באַקומען אַן גלות. די פעלערען פון דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע הייבען אָן ניט פון איהר, נאָר פון די לעבענס־באַדינגונגען אין גלות.

מיט אונזער באַציהונג צו דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אונטערשיידען מיר זיך פון די סיימיסטען פּונקט אַזוי, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אונטערשיידען זיך, אין זייער רעאַליסטישער באַציהונג, למשל, צו פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט אָדער צו דער סאָציאַליזאַציע פון דער ערד פון די בורזשואַזע פּראָפּאָרציאָנאַליסטען און סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען מיט זייער באַגייסטערט־אוטאָפּיסטישער באַציהונג צו דיזעלבע פראַגען. מיר טיילען ניט מיט די „וואָזראָזשדענצעס" זייער לעבערליכען ענטוזיאַזם וועגען סיים, פּונקט ווי מיר זיינען ווייט פון׳ם ס.־ר.׳ישען ענטוזיאַזם וועגען דער סאָציאַליזאַציע פון דער ערד. אָבער די אַגראַר־פראַגע איז איצט אַזוי רייף געוואָרען אין רוסלאַנד, אַז איהר לעזונג, כאָטש אַ פּאַליאַטיווע, איז געוואָרען אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט פאַר די פאָלקס־מאַסען. און פּונקט אַזוי וועט מיט דער צייט, ווען עס וועלען גענוג רייף ווערען די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען און ביי אַ גענוג הויכער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער געזעלשאַפט, די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע ווערען אַ דרינגענדע נויטווענדיגקייט פאַר די ברייטע מאַסען פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטען.

און דאָ זעהט מען ווידער קלאָר דעם אונטערשיד צווישען אונז און די קליין־בורזשואַזע סיימיסטען. זייער סיימיזם, פּונקט ווי זייער סאָציאַליזם, איז אַן אוטאָפּיסטישער; מיר, ווידער, זיינען רעאַליסטען אויך אין באַצוג צום סיים. די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען האָבען געדענקט, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ גוטע זאַך און דעריבער זיינען אין איהם כמעט אַלע „פאַראינטערעסירט; פאָלגליך, דאַרף מען נאָר אַלעמען באַקענען

מיט'ן סאָציאַליזם און בייקומען די געגנערשאַפט פון די שלעכטע מענשען און פון די בייזוויליגע שמאָל-קעפּיגע רעאַליסטען און אַלעמען איבערצייגען — און אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג. זיי האָבען געדענקט, אַז דעם סאָציאַליזם קען מען פאַרווירקליכען ווען מען וויל — מען דאַרף נאָר ווילען. און דיזעלבע באַציהונג האָבען די סיימיסטען („וואָזראָזשדענצעם), כאָטש זיי האָבען זייער אַגיטאַציע באַפּוצט מיט אַ מער מאָדערנער, מער וויסענשאַפטליך-קלינגענדער פראַזעאָלאָגיע. ביי די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטען געפינען מיר ניט קיין אָנצוהערעניש אַפילו אויף די פאַר-באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער פאַרווירקליכונג פון'ם סאָציאַליזם. און ביי די סיימיסטען איז גאָר קיין רייד ניט וועגען די פאַר-באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער רעאַליזירונג פון דער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אויטאָנמיע.

ביז עס וועלען ניט געשאַפען ווערען אַט-די פאַר-באַדינגונגען, איז עס מעגליך נאָר אין באַזונדערס-שטורמ'דיגע רעוואָלוציאָנערע עפּאָכען צייטווייליג צו שאַפען ענטשפּרעכענדע פּאָליטישע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען פאַראורטיילט צום שנעלען באַנקראָט. אין 1848 זיינען נאָך אין פראַנקרייך ניט רייף געווען די פאַר-באַדינגונגען פאַר אַ בורזשואַזער רעפּובליק: אָבער די צושטענדע זיינען געווען גינסטיג, מען זאָל זי מיט גרויס עפעקט קענען שאַפען — און אין דריי יאָהר אַרום האָט זיך געענדיגט איהר עקזיסטענץ. אַ צווייטער ביישפּיל, אַ רומפּולער און העראָאישער, אָבער פול מיט טראַגיזם, וואָס איז געקומען אויסשליסליך פון דער אונרייפקייט פון די פאַר-באַדינגונגען, איז די פּאַריזער קאָמונע פון 1871. מען קען זיך פאָרשטעלען, אַז צוליב וויכטיגע צופעליגע קאָמבינאַציעס אין דעם כאַאָטישען מאָמענט, ווען אין רוסלאַנד וועט פאַלשטענדיג געשטירצט ווערען די זעלבסטהער-

שאפט און מען וועט צונויפרופען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, זאָל געלינגען צו באַקומען נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פאַר'ן אידישען פאָלק און פאַר איינינע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. דאָס איז מעגליך. אָבער די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, וואָס מען וועט באַקומען אין אַזאַ רעוואָלוציאָנערען מאָמענט, וועט ניט האָבען קיין אריכת ימים, כאָטש זי וועט צייטווייליג פאַרדרעהען די קעפּ די אידישע מאַסען און וועט זיי אַריינוואַרפען אין די שוואַכע אָרעמס פון די סיימיסטען. די סיימיסטען זיינען אייגענטליך מאָמענטאַליסטען — עס מאַכט ניט אויס, אויב זיי ווייסען עס אַליין, אָדער ניט. א זיכערע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע וועלען מיר באַקומען ערשט דעמאָלט, ווען עס וועלען רייף ווערען די פאַר־באַדינגונגען פאַר דער פאַרוואַנדלונג פון די נאַציאָנאַליטעטען־שטאַטען אין פעדעראַטיווע רעפּובליקען, וואָס וועלען באַשטעהן פון אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע פאַראייניגונגען; ווען עס וועט רייף זיין די צייט, אַז אַלע נאַציאָנאַליטעטען זאָלען באַקומען פּאָליטישע אויטאָנאָמיע.

אָבער די פאַרבאַדינגונגען דאַרפען דאָ זיין צווייערליי: עס פאָדערט זיך, עס זאָלען רייף ווערען די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען צווישען די פאַרשידענע פעלקער אין דעם נאַציאָנאַליטעטען־שטאַאַט, און אַ גענוג הויכע דעמאָקראַטיזאַציע פון דער געזעלשאַפט. מיר וועלען זיך ניט אָפּשטעלען גענוי אויף די באַזונדערע אַנטוויקלונגס־שטופען פון די דאָזיגע פאַר־באַדינגונגען, מיר וועלען זיי נאָר אויסרעכענען. דער וואוקס פון די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען דריקט זיך אויס אין פאָלגענדע פאָרמען: טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מערהייטען*), פאַרמירונג פון

*) כאָטש לויט דעם יורידישען זין פון דעם באגריף

נאציאנאלע בורזשואזע פארטייען און דאס איבערבויען פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי אויף א פעדעראטיווען יסוד, אלס א בונד פון באזונדערע, אויטאנאמע נאציאנאלע פראלעטארישע ארגאניזאציעס. די דעמאקראטיזאציע פון דער געזעלשאפט, וואס איז נויטיג פאר אן איינגעפונדעוועטער און גאראנטירטער נאציאנאל־פאליטישער אויטאנאמיע דריקט זיך אויס אין פאלגענדע פארמען: פרייהייט פון נאציאנאלער דערציהונג, נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע פון די געמיינדען, גלייכבארעכטיגונג פון שפראכען, אויסברייטונג פון אלגעמיינעם וואל־רעכט אויף אלע רעגירונגס־געביטען און א ברייט אנטוויקעלטע פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט אין אלע געזעצגעבענדע, אדמיניסטראטיווע און יורידישע אינסטיטוציעס.*) אין איינקלאנג מיט די אויסגערעכענטע פאר־באדינגונגען פארמולירען מיר די אנט־

טעריטאריאלע אויטאנאמיע, מיינט זי נאר די דעצענטראליזאציע פון פראווינצען אומאפהענגיג פון דער נאציאנאלער צוזאמענשטעלונג פון זייער באפעלקערונג, דינט אבער די פראווינצען־אויטאנאמיע פאקטיש די אינטערעסען פון דער הערשענדער נאציאנאלער מערהייט און איז א שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פון די נאציאנאלע מינדערהייטען.

*) אויב פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט דריקט זיך אויס אין דער פארם פון פרייע נאציאנאלע פארטייען, אדער אין דער פארם פון סאנקציאנירטע נאציאנאלע קוריען — איז נאך דערוויל אן אפענע פראגע.

ליסטישע אויטאָנאָמיע בלייבט נאָר א שענער וואונש און א קוואל שפּרעכענדע פּראָגראַם־פאָדערונגען, אָהן וועלכע די נאַציאָנאַל־פּאָ־ פון סיימיסטישער באַגייסטערונג, איז אָבער פאַר קיין פאַל ניט קיין רעאַלער פּונקט פון א רעאַלער פּראָגראַם. *)

---

*) דערביי, פאַרשטעט זיך, שטעלען מיר ניט אַריין אין דער פּראָ־ גראַם די פאָדערונג וועגען פאַרמירען בורזשואזע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען; מיר שטיצען זיי אָבער אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי שטעלען ארויס דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, וואָס זיינען נאָהנט צו אונזער פּראָגראַם, און מיר קעמפען ענערגיש געגען זייער רעאַקציאָנערען נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, פּונקט ווי געגען זייער אַסימילאַטאָרישקייט.

בכלל פאָדערען מיר, אינאיינעם מיט דער פּראָפּאָרציאָנעלער פאַר־ טרעטערשאַפט, אויך דאָס, וואָס פאָלגט נויטווענדיגערווייז פון דער פאַר־ טרעטערשאַפט — מען זאָל געבען די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס די רעכט פון א יורידישער פּערזאָן, דאָס רעכט פון פאַרטרעטערשאַפט און דאָס רעכט פון געצוואונגענער זעלבסט־בייסטייערונג; דאָס הייסט, מיר פאָדערען ניט נאָר נאַציאָנאַלע, נאָר אויך פּאַרטיי־אויטאָנאָמיע.

לאָמיר אויך אָנמערקען, אַז די פרייהייט פון נאַציאָנאַלער דערציהונג איז א פאָדערונג, וואָס קען באַפרי־ דיגט ווערען אין א גרעסערער מאָס ווי די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָ־ נאָמיע. מיט דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון די געמיינדען קענען זיך באַנוצען די פיל קלענערע געמיינדען און, פאָלגליך, פיל ברייטערע קרייזען פון׳ם צוזעצטען אידענטום, ווי עס קענען ציהען נוצען פון די אויטאָנאָמע נאַ־ ציאָנאַל־פּאָליטישע אינסטיטוציעס. דעריבער זיינען דיביידע פאָדערונגען ניט אָן אָפּקירצונג פון דער נאַציאָנאַל־פּאָליטי־ שער אויטאָנאָמיע, נאָר גיכער — איהר אויסברייטונג, בעת זיי זיינען אין דערזעלבער צייט אויך איהרע פאַר־באַדינגונג־

די אלע פאָדערונגען זיינען פריער פאר אלעמען נויטיג פאר'ן דירעקטען שוץ פון די נאציאָנאלע נויטען. נאָר שפּעטער, ווען די נאציאָנאל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע וועט דערגרייכט ווערען, וועלען די פּאָרמען פון דער געזעלשאפטליכער דעמאָקראטיזאציע, וואָס זייַנען אויסגערעכענט אין דער צווייטער רייהע, באקומען א נייע באדייטונג — אלס גאראנטיען פאר דער נאציאָנאל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע. אָבער די וויכטיגסטע גאראנטיע פאר דער נאציאָנאל פּאָליטישער אויטאָנאָמיע איז די טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע. די טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע באשיצט נאָר די אינטערעסען פון די נאציאָנאלע מערהייטען און אונטער אומדעמאָקראטישע רעגירונגס־פאָרמען דינט זי, ווי למשל אין עסטרייך, פאר א מיטעל צו אונטערדריקען „פרעמדע" נאציאָנאלע מינדערהייטען אין די אויטאָנאָמע פּראָווינצען, און דעריבער איז די נאָהענטסטע אויפגאבע פון דער נאציאָנאלער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע צו באשיצען די אינטערעסען פון די נאציאָנאלע מינדערהייטען. און פאָלשטענדיג אויסנוצען זייער נאציאָנאל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע קענען נאָר יענע פעלקער, וועלכע זיינען א מערהייט אויף וועלכער עס איז טעריטאָריע. למשל, די פּאָליאקען זיינען א מאַיאָריטעט אין רוסיש־פּוילען און ווען מען זאָל אין רוסיש־פּוילען באקומען פּראָווינץ־אויטאָנאָמיע, וועט די הערשענדע פּוילישע בורזשואזיע שטרעבען צו פארוואנדלען די אויטאָנאָמיע אין א קוואל פון אונטערדריקונג פאר

גען. די גלייבארעכטיגונג, ווידער, פון די שפּראַכען איז אין גאנצען א באזונדערע פאָדערונג, וואָס איז ניט אָפּהענגיג פון נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע, זי איז אָבער דערביי איהר גאראנטיע.

די נאציאָנאלע מינדערהייטען אין דער פּראָווינץ (פאר די אידען, ליטווינען, דייטשען און מאלאָרוסען). ווען אלע פּאָליאקען זאָלען לעבען אין רוסיש־פּוילען, וואָלטען זיי ניט באדאַרפט די נאַציאָנאל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, און נאָך מער: זי וואָלט פאר זיי געווען שעדליך. און דעריבער ווען די פּאָליאקען, ווי אלע פעלקער, וואָס הערשען אין וועלכע ניט איז פּראָווינצען, פּאר א לאנגער צייט זיך אנטקעגען שטעלען דער איינפירונג פון דער נאַציאָנאל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע.*) אָבער פון דער צווייטער זייט, ווען די פוילישע מינדערהייטען אין אנדערע אויטאָנאָמע פּראָווינצען—אוקראאינא, ווייס־רוסלאנד און ליטאָ אונטערדריקט ווערען פון דער אוקראאינישער, ווייס־רוסישער אָדער ליטווינישער מערהייט. און מיט די געגענזייטיגע אונטערדריקונג, מיט די שטענדיגע מעגליכקייט פון געגענזייטיגער אונטער־דריקונג ווערט שטויסען די אנטוויקלונג און פארשארפונג פון די נאַציאָנאלע קאָנפליקטען צו דער רעאליזירונג פון דער נאַציאָנאל־פּאָליטישער. בכלל, געפינען זיך די ווירקליכע גאראנטיען פון אלערליי פּאָליטישע אינסטיטוציעס און נאָרמען, אפילו פון די דעמאָקראטישסטע, אויסער זיי — אין די רעאלע געגענזייטיגע באציהונגען פון די געזעלשאפטליכע כחות. קראפט איז פּאָטענציעלע געוואלט. דעריבער איז די טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע, וועלכע איז די באקוועמסטע אויסדרוקס־פאָרם פון געגענזייטיגער פארגוואלטיגונג. אין דערזעלבער צייט אויך די וויכטיגסטע גאראנטיע פאר דער נאַציאָנאל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע. אזוי ווי די פּאָליאקען אין פוילען קענען אונטערדריקען די מאלאָרוסישע מינדערהייט (אין לובלינער גובער־

*) מען דאַרף אין זינען האָבען, אז דאָס איז געשריבען געוואָרען מיט יאָרען צוריק.
איבערזעצער.

ניע) און די מאלארוסען קענען אונטערדריקען די פוילישע מינדערהייט אין וואלינער, פאדאליער און קיעווער גובערניעס, וועט די מעגליכע געגענזייטיגע אונטערדריקונג צווינגען אי די, אי יענע צו רעספעקטירען דעם צווייטען׳ס רעכט. דעריבער באזייטיגט ניט די נאציאנאל־פאליטישע אויטאנאמיע די טעריטאריאלע, פראווינץ־אויטאנאמיען ביי אלע פעלקער און אין אלע נאציאנאליטעטען־שטאטען, נאר פארקערט: זי דערגענצט זיי, זי איז א שפעטערער צוגאב צו די טעריטאריאלע אויטאנאמיען.*) און אויב דעמאלט, ווען דער שטאט וועט זיך פארוואנדלען אין א פעדעראציע פון אויטאנאמע נאציאנאליטעטען, וועלען די אידען נאך ניט האבען קיין טעריטאריאלע אויטאנאמיע אין וועלכען עס איז טייל פון דער ערד, וועלען זיי קריגען, אינאיינעם מיט די אנדערע פעלקער אין דעם שטאט, נאציאנאל־פאליטישע אויטאנאמיע, זיי וועלען אבער ניט זיין בכח זי אויסצונוצען פאר׳ן ווירקליכען שוץ פון זייערע אינטערעסען.

---

*) די „וואזראזשדענצעס" וועלען מסתמא טענה׳ן, אז מיר פארשטעהן ניט און מיר טייטשען שלעכט אויס דעם ריין־פערסאנאלען כאראקטער פון נאציאנאלע פאראייניגונגען און מיר מישען זיי צונויף מיט טעריטאריאלע גרופען, אויב עס איז אבער אמת, אז א נאציע איז א פשוט׳ע פאראייניגונג פון פערזאנען, וואס איז אומאפהענגיג פון דער טעריטאריע און האט ניט קיין שייכות צו דער טעריטאריע, דעמאלט וואלט די נאציאנאל־פאליטישע (פערסאנאלע) אויטאנאמיע באדארפט זיין גענוג פאר דער פאלשטענדיגער לעזונג פון די נאציאנאלע פראגען. אויב מען זאל אזוי פארשטעהן א נאציע, טא פארוואס־זשע שטרייבען די „וואזראזשדענצעס" שטענדיג אונטער די אידישע עקסטעריטאריאליטעט? און אויף וועלכען גרונד וואגען זיי נאך אלץ זיך צו רופען טעריטאריאליסטען? דער גאנצער טעריטאריאליזם פון די סיימיסטען איז דורך און דורך א מיספארשטענדניס!

וואָרים אזוי לאנג ווי די אידען וועלען ניט באקומען ערגיץ טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע און וועלען דאָרט ניט זיין קיין מאיאָריטעט, וועלען די אידען אין גלות ניט באזיצען די מעגליכקייט צו געברויכען גוואלט — עס הייסט, זיי וועלען ניט באזיצען קיין פאקטישע מאכט.

## *ביי אלע פעלקער נעהט די אנטוויקלונג דורך אויטאָנאָמיע טעריטאָריאלער צו נאציאָנאל־פּאָליטישער.*

די אידען וועלען זיך אפשר דערשלאָגען צו נאציאָנאל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אין גלות פריהער ווי צו טעריטאָריעל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אין פּאלעסטינא. אָבער אין תוך גענומען וועט עס זיין *נאָר* א פּאָליטישע אינסטיטוציע, מיט א פאקטיש באשרענקטער באדייטונג, ווייל עס וועלען פעלען די אמת'ע גאראנטיען, וואָס נאָר אַ טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע קען געב'ען: די נאציאָנאל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע וועט די אידען ניט געבען דאָס, וואָס זי וואָלט באדארפט געבען. בכלל באזייטיגט זי די *אנטאגאָניזמען* צווישען די נאציעס, שוואכט אָפּ זייער נאציאָנאלען דרוק, פארגרינגערט דעם אויסגלייך צווישען זייערע פיינדליכע אינטערעסען; ווען די אידען זאָל אָבער פעלען די טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע, וועט די נאציאָנאל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע זיי געבען נאָר די מעגליכקייט בעסער צו רעגולירען דאָס *אינערליכע* פאָלקסלעבען און וועט אויף'ן מינדסטען ניט פארגלעטען די *אויסערליכע* אנטאגאָניזמען, וועט אויף א האָר ניט פארגרינגערען דעם דרוק, וואָס לעגט זיך אזוי שווער אויף די אידען. אלע אנדערע נאציאָנאלע מינדערהייטען זיינען נאָר *פארהעלטניסמעסיג* עקס־טעריטאָריאל, ווייל זיי פארמאָגען אויך טעריטאָריאלע מערהייטען; דעריבער לעזט די נאציאָנאל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע כמעט אין גאנצען זייער נאציאָנאלע פראגע. די אידען, ווידער, זיינען *אבסאָלוט* עקס־טעריטאָריאל, דעריבער וועט די נאציאָנאל־

פאליטישע אויטאנאמיע, אין פארגלייך מיט אנדערע, ווייניג ביי־טראגען צו דער לעזונג פון דער אידישער פראגע — ביז די אידען וועלען ניט באקומען טעריטאריאלע אויטאנאמיע.

מען דארף געדענקען, אז די נאציאנאל־פאליטישע אויטאנאמיע, אפילו מיט אלע דעמאקראטישע גאראנטיען, נאר אהן טעריטאריא־לער אויטאנאמיע, בלייבט א פאליאטיוו; דאך — א פאליאטיוו א מ א ק ס י מ א ל ע ר. האבענדיג דאס אין זינען, וועלען מיר נאך שטארקער אונטערשטרייכען די נויטיגקייט פון טעריטאריאלער אויטאנאמיע, מיר וועלען אבער ניט איבערטרייבען און ניט פארקלע־נערען דעם ווערט פון סיים. מיר וועלען זיך צום סיים באציהען ניט ראמאנטיש, ווי די „וואזראזשדענצעם" און ניט פעסימיסטיש, ווי די ס. ס., נאר רעאליסטיש. א ה ן ד ע ר ט ע ר י ט א ר י א ־ ל ע ר א ו י ט א נ א מ י ע וועט די נאציאנאל־פאליטישע ניט אפשוואכען דעם נאציאנאלען דרוק אויף אידען, וועט ניט פארריכ־טען די אידישע סאציאלע סטרוקטור און וועט ניט אנזאמלען קיין באזונדערע גראנדיעזע כחות. זי וועט אבער די אידען דאך געבען א נארמאלע פארטרעטערשאפט און וועט מאכען א סוף צו דער דערנידריגענדער שתדלנות. זי וועט זיין א מעכטיגער מיטעל צו ארגאניזירען די אידישע מאסען. זי וועט געבען דעם אידישען פאלק א נארמאלען פינאנציעלען אפאראט. און ענדליך — וואס איז וויכ־טיגער פון אלץ — כאטש זי וועט די אידען ניט געבען די מעגליכ־קייט צו שמידען זייער אייגענעם שיקזאל, וועט זי זיי דאך געבען א פאליטישע דערציהונג און וועט זיי נאך אין גלות אויסלערנען, כאטש ניט פאלשטענדיג, דאך צו שאפען זייער אייגענע געשיכ־טע. מיר ווידערהאלען: זי וועט אויף דער פאליטישער ארענא אוועקשטעלען דעם אידישען פראלעטאריאט פנים אל פנים מיט דער אידישער — אמת, נאר מיט דער קליינער און מיטעלער — בור־זשואזיע.

דאס איז ווייניג אין פארגלייך דערמיט, וואס עס וועט זיין

דאָרט — אויף דער טעריטאָריע; עס איז אָבער א סך אין פארגלייך מיט דעם, וואָס איז איצט — אין דעם רעכטלאָזען גלות. מיר ווייסען, ווי שטארק עס וועט פאקטיש זיין באגרענצט אונז בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג; פונדעסטוועגען פאָדערען מיר פולע בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג, אָהן וועלכע עס איז יורידישע באשרענקונגען. און דאָסזעלבע אויך דאָ: מיר ווייסען, ווי באשרענקט און בלאס עס וועט פאקטיש זיין אונזער נאציאָנאלע גלייכבארעכטיגונג; פונדעסטוועגען פאָדערען מיר פולע נאציאָנאלע גלייכבארעכטיגונג אָהן וועלכע עס איז יורידישע באגרענצונגען. דאָס לעבען אליין וועט שוין זאָרגען דערפאר און וועט ארומשניידען אונזערע עראָבערונגען; מיר, ווידער, וועלען זיך אָנשטרענגען וואָס מער ארויסצורייסען ביי איהם.

אויב דער סיימיסט וועט ענטריסטעט ווערען, פארוואָס מיר דיסקרעדיטירען אזוי די דערגרייכבארע נאציאָנאלע גלייכבארעכטיגונג, וועלען מיר איהם פאָרשלאָגען צו באווייזען, אז מיר קענען אויך דערגרייכען א פאָלשטענדיגע און פאקטיש אומבאשרענקטע בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג. און אויב דער ס. ס. וועט זיך אָפּזאָגען צו אנערקענען אזא נישטיגע נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, וועלען מיר איהם פאָרשלאָגען, ער זאָל זיך אין גאנצען אָפּזאָגען אויך פון דער פאָדערונג וועגען בירגערליכער גלייכבארעכטיגונג.

נאָכדעם ווי מיר האָבען נאָכגעפאָלגט יענע שטופען פון דער דעמאָקראטיזאציע פון דער געזעלשאפט, דורך וועלכע עס ווערט פארווירקליכט די נאציאָנאל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, ווייסען מיר שוין, וויאזוי זי צו פארווירקליכען. פונקט ווי די פארווירקליכונג פון׳ם סאָציאליזם — אונזער פּראָגראם־מאקסימום — קומט פאָר אויף׳ן באָדען פון׳ם סטיכישען פּראָצעס פון קאָנצענטראציע פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און ווערט דורכגעפירט מיט דער הילף פון׳ם קלאסען־קאמף פון׳ם פּראָלעטאריאט אין פארבינדונג מיט דער ברייטער פעריפעריע פון אונטערדריקטע

האַרעווענדע מאסען, וואס גרעניצט זיך מיט איהם; פּונקט ווי דער פאַל פון דער זעלבסטהערשאפט קומט פאַר אויף'ן באָדען פון דעם ס ט י כ י ש ע ן  פּ ר א צ ע ס  פון דער קאפּיטאליזאציע פון דער רוסלענדישער ווירטשאפט און ווערט דורכגעפירט מיט דער הילף פון'ם  ק ל א ס ע ן - ק א מ ף  פון'ם פּראלעטאריאט אין פארבינ־דונג מיט דער פּעריפעריע — פּונקט אזוי קומט פאַר די רעאליזירונג פון דער נאציאָנאל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אויף'ן באָדען פון'ם סטיכישען פּראַצעס פון נאציאָנאליזירונג פון דער געזעלשאפט און ווערט דורכגעפירט מיט דער הילף פון קלאסען־קאמף פון פּראָלעטא־ריאט אין פארבינדונג מיט אלע פאראינטערעסירטע קלאסען פון דער נאציע.

אָבער די וויכטיגסטע פאָדערונג פון אונזער פּראָגראם־מיני־מום אין איהר נאציאָנאלען טייל איז — די טעריטאָריאלע אויטאָ־נאָמיע. זי ווערט פארווירקליכט דורך'ן קלאסען־קאמף פון'ם אידי־שען פּראָלעטאריאט אויפ'ן באָדען פון'ם סטיכישען פּראָצעס פון קאָנצענטרירטער וואנדערונג. אויסוואנדערענדיג דעגענערירט ניט דאָס אידישע פאָלק און שטעהט ניט אויף קיין תחית המתים, נאָר שאפט זיך איבער.

ח.

כדי צו פארשטעהן, ווי מיר קענען מיט אונזער טעטיגקייט אנטייל נעמען אין די סטיכישע פּראָצעסען פון דער אידישער די־נאמיק, מוזען מיר מאכען א פולען, פּינקטליכען און קאָנקרעטען פּראָגנאָז פון די דאָזיגע פּראָצעסען. וואוהין ווענדען זיך ריכטען די סטיכישע פּראָצעסען פון דער אידישער וואנדערונג?

לאָמיר פעסטשטעלען איינינע געזעצען פון איבערוואנדערונ־גען, וואס ווירקען אין אונזער צייט.

דאָס אלגעמיינסטע געזעץ פון איבערוואנדערונגען אין דער קאפּיטאליסטישער עפּאָכע איז: ד י  ר י כ ט ו נ ג  פ ו ן  ד ע ר  א י ב ע ר װ א נ ד ע ר ע נ ד ע ר  א ר ב י י ט  ה ע נ ג ט  א פּ

פון דער ריכטונג פון דעם איבערוואַנ־רענדען קאַפּיטאַל. דאַס דאָזיגע געזעץ איז פעסט־געשטעלט געוואָרען פון מארקס'ען אין די לעצטע קאפּיטלען צו באַלייכטען די רעאַלע פאַקטען פון דער אַלמענשליכער און אידישער וואַנדערונג, מוז מען נאָך צוגעבען ספּעציעלע ערקלערונגען, אין וועלכע מיר וועלען זיך שטיצען אויף'ן אונטערשיד צווישען דער אָרגאַניזירטער און אויספירענדער ארבייט.

די טעכנישע פאַרבינדונג צווישען די אָרגאַניזאַטאָרען און די, וואָס טוען די ארבייט, איז די שפּראַך. יעדע מיטארבייטערשאַפט מיינט אַ געוויסע ענליכקייט צווישען דעם נאָנטסטען אָרגאַניזאַ־טאָר און דעם נאָנטסטען ארבייטער אין דער שפּראַך און אין אַלץ, וואָס איז מיט דער שפּראַך פאַרבונדען: אין דענקען, אין דער וועלט־אַנשויאונג, אין דער גייסטיגער פיזיאָנאָמיע. אין דער קליין־פּראָדוקציע, וואו דער אונטערנעמער צוטיילט אַליין און אָר־גאַניזירט אַליין די ארבייט, און די ארבייטער טון דאָ, אויפ'ן אָרט די ארבייט (ניט זעלטען אינאיינעם מיט'ן אונטערנעמער), איז דער שטח צווישען די אָרגאַניזאַטאָרישע פונקציעס און די אויספירענדע — אַ מינימאַלער. אין דער קליין־אינדוסטריע און טיילווייז אויך אין דער מיטעלער עקזיסטירט דעריבער אַ ענגע טעכנישע פאַר־בינדונג פון שפּראַך און ביז אַ געוויסען גראַד אויך פון דער ענלי־כער אידעאָלאָגיע צווישען די פאַרשטעהער פון ארבייט און די פאַרשטעהער פון קאַפּיטאַל. די אידעאָלאָגיע פונ'ם בעל־הבית און די אידעאָלאָגיע פונ'ם ארבייטער זיינען עכט פיינדליך איינע צו דער צווייטער, אָבער דאָ זיינען זיי דאָך אויף אַזוי פיל ענליך, אויף וויפיל עס איז נויטיג פאַר דער געגענזייטיגער פאַרשטענדניש אין פראַגען, וואָס זיינען נוגע דער טעכנישער אָרגאַניזאַציע פון דער ארבייט. דעריבער עקזיסטירט אַ פעסטע נאַ־ציאָנאַלע פאַרבינדונג צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט אין דער קליינער און טייל־

וויַיז אין דער מיטעלער אינדוסטריע, וואו די ארגאניזאטארישע פונקציעס. טיילען זיך ניט אפ מיט קיין צווישענשייד פון די אויספירענדע פונקציעס. פארקערט, אין דער גרויס־אינדוסטריע איז דער אויבערער ארגאניזאטאר פון דער ארבייט — דער גרויס־קאפיטאליסט — ניט זעלטען אפגעטיילט פון די ארבייטער דורך א גאנצער קאמפליצירטער יערארכיע פון פארשידענע פארוואלטער, געהילפען און נידריגער „נאטשאלסטווא“. וואס מעהר די פראדוקציע קאנצענטרירט זיך און ווערט קאפיטאליזירט, אלץ ווייטער ווערען די פארשטעהער פון קאפיטאל פון די פארשטעהער פון ארבייט, און אין דער גרויס־קאפיטאליסטישער פראדוקציע איז ניטא קיין נויטווענדיגע טעכנישע נאציאנאלע פארבינדונג צווישען די אונטערנעמער און די ארבייטער.

די שפראך איז נאר א טעכנישע פארבינדונג צווישען דעם פארקויפער און דעם קויפער. אזוי ווי דער גרויסער הורטאווער הענדלער איז אפגעטיילט פון די קונים דורך א גאנצער רייה פארמיטלער און אנגעשטעלטע, האבען פאר איהם די שפראך און אנדערע נאציאנאלע פארבינדונגען קיין באדייט ניט. אבער דער לאחדימ׳ניק אדער דער הויזירער איז פארקניפט מיט׳ן געברויכער דורך דער אלגעמיינער שפראך און אייניגע פארמען פון דער אידעאלאגיע. די גרויס־פראדוקציע און דער גרויס־האנדעל זיינען, לויט זייער כאראקטער, אינטערנאציאנאל און די קליין־פראדוקציע און א טייל פון דער מיטעלער, וואס גרעניצט זיך מיט איהר, טראגט א קלאר אויסגעשפראכענעם נאציאנאלען כאראקטער : איהר ספערע פון טעטיגקייט ווערט באשטימט פונ׳ם נאציאנאלען מארק און איהר ספערע פון עקספלואטאציע ברייטעט זיך אויס נאר אויף די ארבייטער פון דערזעלבער נאציאנאליטעט. בנוגע דער אידישער פראדוקציע דארף מען דעם דאזיגען כלל אביסעל באשרענ־

קען, ווייל די אידען אפערירען מיט א פרעמדען מאטעריאלען פארמעגען און האבען דעריבער ניט קיין אייגענע נאציאנאלע שפראך און נעמען איבער פרעמדע שפראכען. מען דארף אבער דערביי אין זינען האבען, ערשטענס, אז דארט, וואו אידען לעבען אין קאמפאקטע מאסען, נעמען זיי ניט לייכט איבער די פרעמדע שפראכען: צווייטענס, אז דאס, וואס דער קליינער הענדלער איז ניט אפגעשיידט פונ'ם געברויכער, גיט דעם געברויכער די בעסטע מעגליכקייט צו באיקאטירען דעם אומגעווינשטען הענדלער. דער גרויס־קאפיטאליסט באהאלט זיך אונטער דער קאמפליצירטער יערארכיע פון פארמיטלער, זיין נאציאנאליטעט איז גענוג פארהילט פון פיינדליכע בליקען; די גאנצע משא פון דער אידישער איזאלאציע פאלט אויף דער אידישער קליינער פראדוקציע. און די איזאלאציע העלפט אנהאלטען דעם נאציאנאלען כאראקטער פון דער אידישער פראדוקציע. זי מאכט נאך שווערער פאר אידען איבערצונעמען פרעמדע שפראכען און האלט אויף אזא אופן אויף די טעכנישע פארבינדונג פון דער שפראך און פון אייניגע אלגעמיינע עלעמענטען פון דער נאציאנאלער אידעאלאגיע צווישען די אונטערנעמער, געברויכער און ארבייטער.

אט דער גרונד־פרינציפ פון דער פראדוקציאנס־סטאטיסטיק — די נאציאנאלע פארבינדונג צווישען קאפיטאל, ארבייט און געברויך אין דער קליין־פראדוקציע און דאס פעהלען פון דער פארבינדונג אין דער גרויס־פראדוקציע — קומט ארויס נאך בולט'ער אין די פאקטען וועגען דער איבערוואנדערונג פון קאפיטאל און ארבייט. *קאפיטאל און ארבייט אין דער קליין־אינדוסטריע וואנדערען אימער אין איינעם און האלטען אן דעם נאציאנאלען כאראקטער אויך אין עמיגראציע.*

פון די געזעצען, וואס באשטימען די געגענזייטיגע באציהונג צווישען דער עמיגרירענדער ארבייט און דעם עמיגרירענדען קאפי־

טאל, געהן מיר איבער צו די געזעצען וועגען דער ריכטונג פון דער עמיגראציע. דאס אלגעמיינע געזעץ וועגען דער ארבייט־עמיגראציע איז, אז די עמיגראציע געהט קיין מאל ניט אין אזעלכע לענדער, וואו צום דיענסט פון קאפיטאל געפינט זיך א רעזערוו־ארמעע פון׳ם ארטיגען זיך־פראלעטאריזירענדען פויערטום. אזעלכע לענדער ווי דייטשלאנד, פראנקרייך, איטאליען ווערען קיין מאל ניט ווערען קיין אימיגראציאנס־לענדער אזוי לאנג ווי די קאפיטאליסטישע אנט־וויקלונג געהט אין דער איצטיגער ריכטונג. מיר טיילען אויך ניט מיט די ס. ר. זייערע איבערטריבענע האפנונגען אויף דער ערד־פארטיי־לונג, און מיר דענקען דערפאר, אז רוסלאנד וועט ניט ווערען קיין לאנד פון א מעהר אדער ווייניגער באדייטענדער איינוואנדערונג. אימיגראציאנס־פונקטען זיינען מייסטענס נייע לענדער, מיט א יונ־גער ווירטשאפט — לענדער, אין וועלכע עס האבען זיך ניט אנגע־זאמעלט קיין פעאדאלע ירושה־איבערבלייבענישען.

און ביים באשטימען די ריכטונג פון עמיגראציע שפילט א ראלע אויך דער אונטערשיד צווישען דער עקאנאמישער אנטוויקלונגס־הויך פון לעבען און איהר קולטורעלער־פאליטישער שטופע. פון דער הויכער קולטור־פאליטישער שטופע פון׳ם לעבען אין די אייראפע־אישע דעמאקראטישע לענדער געניסען אלע טיילען פון דער בא־פעלקערונג, ניט קוקענדיג אויף אלע שארפע עקאנאמישע אונטער־שידען. אויב מיר ווילען מיט מער נוצען צופאסען צו די ערשיינונ־גען פון מאסען־וואנדערונגען דעם אלגעמיינעם כלל, לויט וועלכען די וואנדערונגען ריכטען זיך אין דער זייט פון דעם קלענסטען ווידער־שטאנד, מוזען מיר פריהער קאנקרעט באשטימען דעם ווידערשטאנד און אריינגעמען אין חשבון אלע פאקטארען זיינע. אין אזא פאל דארפען מיר נעמען אין באטראכט אויך די אנטוויקלונגס־שטופע פון דעם קולטורעל־פאליטישען לעבען אין לאנד. האבענדיג דאס אין זינען, באקומען מיר פאלגענדע וויכטיגע כללים: פון צוויי לענדער, וואס זיינען פאסיג פאר אי־

מיגראציע (פון וועלכער ניט איז איבערוואנדערענדער גרופּע) ליגט אויף דער ליניע פון קלענערען ווידערשטאנד (פאר דער גרופּע) דאָס לאנד, וואו עס איז מעגליך (פאר דער גרופּע) זיך צו דערשלאָגען צו א העכערער עקאָנאָמישער שטופע; פון צוויי לענדער, אין וועלכע עס איז מעגליך (פאר וועלכער ניט איז גרופּע) צו דערגרייכען צו דערזעלבער עקאָנאָמישער שטופע, געפינט זיך אויף דער ליניע פון קלענערען ווידערשטאנד יענעס לאנד, וואו מען קען דערגרייכען א העכערע קול־טורעל־פּאָליטישע שטופע.

די עמיגראציע קען קומען צוליב א פארצויגענעם סטיכישען עקאָנאָמישען דרוק און אויך צוליב ספּעציעלע פארפאָלגונגען. אין דער קאַפּיטאליסטישער עפּאָכע עמיגרירען, צוליב דעם אָנהאלטענדען עקאָנאָמישען דרוק, די זיך־פּראָלעטאריזירענדע מאסען. די זיך־פּראָ־לעטאריזירענדע פּויערים־מאַסען עמיגרירען אין יענע נייע לענדער, וואו, ביי דער אָפּוועזענהייט פון רעזערוו ארמעען, זאמלען זיך אָן גרויסע קאַפּיטאַלען. און אַן אָנזאַמלונג פון גרויסע קאַפּיטאַלען איז מעגליך נאָר דאָרט, וואו עס זיינען פאַראַן זיכערע גאַראַנטיען פאר זייער אַנטוויקלונג. די קולטורעל־פּאָליטישע לעבענס־הויך פון׳ם לאַנד איז פון גרויסען ווערטה פאַר׳ן צופלוס אין איהר פון גרויסע קאַפּיטאַלען. און דעריבער וועט די רואינירטע אייראָפּעאישע דאָר־פישע באַפּעלקערונג אויך ניט וואַנדערען נאָך פּאָליטיש־צוריקגע־שטאַנענע לענדער. די עמיגראַציע פונ׳ם אייראָפּעאישען פּויערטום איז געריכטעט און וועט זיך ווייטער ריכטען אויסשליסליך נאָך די דעמאָקראַטישע לענדער פון דער נייער וועלט. דער בולט׳ער נאַ־ציאָנאלער כאראקטער פון דעם קליין־בורזשואזען קלאַס ווייזט זיך אַרויס אויך אין דער עמיגראַציע: די פּויערים קאָנצענטרירען זיך

אין זייער נייער היים לויט די נאַציאָנאַליטעטן, איטאַליענער — באַזונדער, דייטשען — באַזונדער א. א. וו. אינאיינעם מיט די אי־טאַליענישע פויערים — מיט דער דאָזיגער ברייטער נאַציאָנאַלער מאַסע פון קליינע געברויכער — וואַנדערען אויך איבער די איטאַ־ליענישע קליינע קרעמער, הויזירער, שענקער, בעלי מלאכות און מענשען פון די פרייע פּראָפעסיעס. און דאָס איז אויך דער פאַל מיט יעדער אַנדערער נאַציאָנאַלער עמיגראַנטען־גרופּע. נאָר דער גרויס־קאַפּיטאַל, וועמענס איבערוואַנדערונג ריכטעט די עמיגראַ־ציע, איז פאָלשטענדיג פריי פון וועלכען עס איז נאַציאָנאַלען כאַ־ראַקטער. מחוץ פון דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער נאַציאָנאַלער עמיגראַציע בלייבען נאָר די אָפּפאַל־עלעמענטען פון דער געזעל־שאַפט, דער לומפּען־פּלאַטאַריאַט פון אַלע מינים, פּראָפעסיאָנעלע גנבים, פרויען־הענדלער, קאָרטען־שפּילער, פּראָסטיטוטקעס, מאַר־קיטאַנטען, אַקטיאָרען, קונצען־מאַכער און אַזוי ווייטער. אין דער דאָזיגער אָפּפאַל־עמיגראַציע שליסט זיך אָן אַ טייל פון די פּשוט'ערע און אונזיכערע מלאכות — טרעגער, אָנלאָדער, באַרביערען א. א. וו. די אינטערנאַציאָנאַלע כוליגאַנסטוואָ ווייסט ניט פון קיין נאַציע און פון קיין פאַטערלאַנד און איהרע ליעבלינגס־פּונקטען פאַר אי־מיגראַציע זיינען די פּאָרטען־שטעדט, די גאָלד און דימענטען־גע־גענדען — מיט איין וואָרט, אַלע יענע ערטער, וואו עס איז באַקוועם צו כאַפּען פיש אין מוטנעם וואַסער.

גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז די עמיגראַציע פון דער שטאָדטישער קליין־אינדוסטריעלער באַפעלקערונג. דאָ הענגט די איבערוואַנדערונג פון דער אַרבייט אָפּ פון'ם נאַציאָנאַלען קליינעם און מיטעלען קאַפּיטאַל.

די שטאָטישע אַרבייטער פון דער קליין־פּראָדוקציע וואַנדע־רען נאָר אַהין, וואוהין עס וואַנדערען איבער זייערע פאָלקס־ברידער די אונטערנעמער. אין די פרירינע היים־לענדער קען ווי שטאַרק אויסוואַקסען די באַדערפניש פון פּראָלעטאַריזאַציע, זי וועט אָבער־

ניט געפינען קיין אויסוועג ביז וועלכע ניט איז אומשטענ־
דען וועלען ניט צווינגען די קליינע קאַפּיטאַליסטען פון דער נאַציע
זיך א ריר צו טאָן פון אָרט. אויבען־אויף קען עס אויסזעהן, אַז
די עקאָנאָמישע רואינע איז אַ גענוגענדע אורזאַך פאַר דער עמי־
גראַציע פון די קליינע קאַפּיטאַליסטען. דאָס איז אָבער אַ טעות,
ווייל דער רואינירטער קאַפּיטאַליסט איז שוין קיין קאַפּיטאַליסט
ניט. אַז קאַפּיטאַליסטען זאָלען זיין געצוואונגען צו עמיגרירען, איז
נויטיג אַ שטענדיג דראָהענדע געפאַר אָדער אָנהאַלטענדע פאַרפאָל־
גונגען. דעריבער שפּילען אין די אידישע וואַנדערונגען אַזאַ גרויסע
ראָלע די פּאָגראָמען און די אומרוהיגקייט, וואָס זיי רופען אַרויס,
און אויך די בירגערליכע רעכטלאָזיגקייט. נאָר פּאָגראָמען און
רעכט־באַשרענקונגען (אָפענע, צי פאַרמאַסקירטע — איז שוין ניט
וויכטיג) צווינגען די אידישע קליינע און מיטעלע קאַפּיטאַליסטען
זיך אויפצוהויבען פון די איינגעזעסענע פּלעצער, און נאָך זיי געבען
זיך שוין אַ ריר אויך די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען. אויב
דאָס נייע פּאַטערלאַנד איז עקאָנאָמיש גאַסט־פריינדליך, אויב
די אידישע קאַפּיטאַלען קענען דאָרט מיט נוצען אָנגעווענדט ווערען
און קענען אויסברייטען די פּראָדוקציע, ברייטעט זיך אויך אויס די
אידישע עמיגראַציע פון די זיך־פּראָלעטאַריזירענדע מאַסען, און דער
ערפאָלג פון די ערשטע פּיאָנערען פון אידישען קאַפּיטאַל ברייננט
נייע מחנות אידישע אונטערנעמער און אַרבייטער. אַזוי לעגט זיך
אויס דער וועג פאַר דעם עמיגראַציאָנס־שטראָם און אַ ווידערהאָ־
לונג פון פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען שאַפט נייע כוואַליעס. צו־
ליב דיזעלבע אורזאַכען הייגגען אויך די אומווענדונגען פון דער
אידישע עמיגראַציע אָפּ פון פּאָגראָמען און רעכט באַשרענקונגען.
לאָמיר דאָ אויך באַמערקען, אַז פאַר'ן קליינעם קאַפּיטאַל איז די קול־
טורעל־פּאָליטישע אַנטוויקלונגס־שטופע פון לאַנד פון פיעל קנאַ־
פּערער באַדייטונג ווי פאַר'ן גרויס־קאַפּיטאַל.

ביז דער לעצטער צייט איז דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל

גענאַנגען, אין זיין פּראָדוקטיווער פאָרם, נאָך די נייע גרויס־קאַפּי־טאַליסטישע לענדער. דער צופלוס פון קאַפּיטאַלען אין יענע לענדער האָט דאָרט פאַרשנעלערט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות, האָט שנעל אויסגענוצט די נאַטירליכע רייכטימער און האָט אַרויס־גערופען אַ פאַרשטאַרקטע נאָכפראַגע אויף אַרבייטער־הענט. דערי־בער האָט זיך צו די נייע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע לענדער געריכטעט אַן אינטענסיווע אימיגראַציע פון דעם זיך־פּראָלעטאַריזירענדען פויערטום פון אַלע פעלקער פון דער אַלטער וועלט. אַזוי ווי אַ יונגע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט שאַפט אויך אַ באַדערפעניש אין נייע צווייגען פון קליין־פּראָדוקציע און האַנדוועקעריי, איז אין די לענדער געוועזען פּלאַץ אויך פאַר אַ אידישער אימיגראַציע. די אידען זיינען געגאַנגען מיט'ן אַלגעמיינעם שטראָם פון דער אַלוועלטליכער עמיגראַציע.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען ביז דער לעצטער צייט. איצט אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען מערקען נייע טענדענצען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אויסשעפּען די קוואַלען פון יענע נאַטור־כחות, אויף וועמענס באַאַרבייטונג מען האָט ביז איצט אָנגעווענדעט די קאַפּי־טאַלען, אין די נייע לענדער האָט זיך פאַרקלענערט דער אַרבייטס־לוין, עס זיינען געוואָרען קלענער די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטען. די איבער־אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַלען אויפ'ן וועלט־מאַרק האָט גע־בראַכט די אויסטיילונג פון אַ קאַפּיטאַליסטישען רעזערוו־פאָנד, וועל־כער זוכט פאַר זיך אַן אָנווענדונג אין גראַנדיעזע הלוואות. אין דער פאָרם פון רעגיערונגס־הלוואות האָט דער וועלט־קאַפּיטאַל אָנגעהוי־בען זיך צו ריכטען נאָך די אומבאַריירטע סטעפּעס און וועלדער פון אַרגענטינאַ, בראַזיליען און קאַנאַדאַ. און ער ווערט אויך געברויכט אויף אַ ברייטער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָלאָניזאַציע. אין דער־זעלבער צייט האָבען אויך די אַרבייטער, וואָס זיינען צו ענג צו־נויפגעדריקט אין די פריהעריגע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אימיגראַ־ציאָנס־לענדער, ניט מער געקענט דאָרט אָנצואווענדען זייערע כחות.

אין דער אלוועלטליכער עמיגראציע הויבט זיך אן אן איבערברוך, און אלץ גרעסערע מאסען וואנדערער געהן איבער אין נייע לענדער פון ברייטער לאנדווירטשאפט *)

עס איז נויטיג אנצוצייגען אויף צוויי תוך־אייגענשאטען פון דער דאזיגער ברייטער לאנדווירטשאפטליכער קאלאניזאציע פון אומבא־רירטע לענדער. די אייגענשאפטען שטאמען דערפון, וואס די קא־לאניזאציע נעהמט דא אן אויף דער איניציאטיווע פון רעגירונגס־אינסטיטוציעס, וועלכע געברויכען די אנטליהענע קאפיטאלען צו פארבעסערען די באדינגונגען פון׳ם תבואה־האנדעל (דורכצופירען אייזענבאנען) און אויף לעבעדיגען און טויטען אינוועטאר, וועלכען זיי לייהען די פויערים אויף לאנג־יאריגע אפצאלונגען. די איטאליע־נישע, דייטשע, סלאווישע און אנדערע פויערים, וועלכע האבען פריי־הער עמיגרירט נאך די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא, אויסט־ראליען און זיד־אפריקא אלס אומקוואליפיצירטער פראלעטאריאט, דארט צו דינען דעם וועלט־קאפיטאל, פארען איצט אלץ מער נאך ארגענטינא, בראזיליען און קאנאדא, וואו זיי ווערען זעלבסטשטענ־דיגע בעלי הבתים אויף דער ערד, וואס די רעגירונג גיט זיי, און מיט אן אינוועטאר, וואס זיי באקומען אויף אויסצאלען. כאטש זיי זיינען אויגענשיינליך זעלבסטשטענדיג, געפינען זיי זיך דאך אין דער מאכט פון גרויס־קאפיטאל, נאר א דאנק דעם לאנג־יאריגען קרעדיט, פילט זיך די מאכט ניט אזוי שטארק און רואינירט ניט די פויערים. דערפאר איז אין די נייע לענדער פון ברייטער לאנדווירט־שארט, פון איין זייט, אוממעגליך א דארפישע נ א ט ו ר א ל־ווירטשאפט, וועלכע זאל זיך אליין באפרידיגען, אהן אן אויסטויש

---

*) אונטער „ברייטער" לאנדווירטשאפט מיינען מיר ניט עקסטענ־סיווע אגריקולטור, נאר אז אין דעם לאנד הערשט א לאנדווירטשאפטליכע טעטיגקייט, אפגעזעהן דערפון, אויב דאס אין אן עקסטענסיווע אדער אינ־טענסיווע.

אויף'ן מארק. די פויערים מוזען אויסצאָלען זייערע חובות און זיי־נען דעריבער געצוואונגען אויסצובייטען זייערע ערד־ארבייט פּראָ־דוקטען אויף געלט. די נייע לענדער וואָרפען אריין אין וועלט מארק אַן אומגעהייערע צאָל תבואות און אין דער קאָנקורענץ מוזען אומ־פארמיידליך געשלאָגען ווערען און ארויסגעשטויסען ווערען יענע עלעמענטען, וועלכע זיינען ניט געוועהנט צו פירען א לאַנדווירט־שאַפט. און פון דער צווייטער זייט העלפט דער לאנג־יאָריגער קרע־דיט באפעסטיגען די פויערשע בעלי־הבית'ישקייט און האלט פון איהר אָפּ דעם פּראָצעס פון פּראָלעטאריזאציע. אין די נייע לענ־דער פון ברייטער לאנדווירטשאַפט פעלען די באדינגונגען פאר גרויסען גוט־באזיץ, ווייל עס פעלען די ארבייטער־הענט. אנשטאט דעם, ער זאָל זיך שטעלען דינגען ביים גוט־באזיצער, האָט יעדער, גוער עס וויל, די פולע מעגליכקייט צו באקומען אן אייגענע בעלי־הבית'ישקייט. אפילו די אינטענסיפיקאציע פון ערד־ארבייט רואי־נירט ניט די פויערים, ווייל די קאָלאָניעס באנוצען זיך געמיינשאפט־ליך מיט די מאשינען, מיט די נייע מיטלען צו באמיסטיגען און באַ־וואסערען די פעלדער א. א. וו. אין דעם שטיצט זיי ווידער די רעגי־רונג. און דער צושטאנד וועט לאנג אָנהאַלטען. אין איינעם מיט די פויערים פון א געוויסער נאציאָנאַליטעט וואנדערען איין אין דעם לאנד אויך קליין־הענדלער פון דערזעלבער נאציאָנאַליטעט, וועלכע באפרידיגען דעם פרימיטיווען פויערשען געברויך. קיין גרוים באַ־דערפניש אין קליין־פּראָדוקציע און האנדעל קען דאָ ניט זיין, ווייל אין די דאָזיגע לענדער אנטוויקעלט זיך דער אינדוסטריעלער קאפּי־טאליזם זעהר לאנגזאם. נאָר א שנעלע אנטוויקלונג פון קאפּיטאַ־ליזם שאפט די באדערפניש אין נייע צוגאַב־צווייגען פון דער קליין־פּראָדוקציע. דאָרט, וואו עס איז פון אָנהויב אָן ניט געווען אזא פּראָ־דוקציע, באגעהט מען זיך א לאנגע צייט אָהן איהר.

פון דעם געזאָגטען קען מען ציהען וויכטיגע שלוסען וועגען די טענדענצען פון דער אידישער עמיגראציע. אזוי ווי דער וואוקס פון

די פּראָדוקטיווע כחות אין די פריריגע אימיגראַציאָנס־לענדער איז געוואָרען א לאנגזאַמערער און דער שטראָם פון די אַלוועלטליכע וואנדערונגען האָט זיך אָפּגעווענדעט אין אן אנדער זייט, האָט דער איבערפלוס פון אימיגראַנטען אין די פריהריגע לענדער און די אַלץ וואַקסענדע שוועריגקייטען אריינצוקומען אין די לענדער געמוזט אויך אין דער אידישער עמיגראַציע ארויסרופען א באדערפניש צו בייטען די אַלטע וועגען אויף נייע. זיינען אָבער די לענדער פון ברייטער לאנדווירטשאַפט און בכלל די אומבאַרירטע לענדער צוגעפּאַסט פאר דער נייער ריכטונג פון דער אידישער עמיגראַציע?

מיר ווילען מאַכען אן אונטערשיד צווישען דער סטיכישער אימיגראַציע און דער אַבזיכטליכער קאָלאָניזאַציע.

עס איז קלאָר, אז די סטיכישע אידישע אימיגראַציע קען ניט געהן נאָך די אומבאַרירטע לענדער, ניט מיט'ן צוועק דאָרט צו ערפילען די פריריגע קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע פונקציעס און ניט מיט'ן צוועק איבערצוגעהן צו ערד־ארבייט. דאָס ערשטע איז אוממעגליך, ווייל אין יענע לענדער איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאר'ן קליינעם קאַפּיטאַל. די פּראָדוקטען פון דער קליין־פּראָדוקציע און די געגענשטאַנדען פון קליין־האנדעל קומען ניט אויפ'ן וועלט־מארק, די ספערע פון זייער צירקולאַציע איז באַשרענקט אויף'ן אָרטיגען מארק און אויף שכנ'ישע נאָהענטע געגענדען. אז די ברייטע אידישע מאַסען וועלען ניט קענען געפינען קיין מארק פאר זייערע פּראָדוקטען אויפ'ן אָרט, וועלען זיי ניט האָבען צוליב וואָס אהין צו אימיגרירען. די אידען קענען, נאַטירליך, מאַכען פאר'עקשנ'טע פארזוכען זיך צו באַשעפטיגען מיט לאנדווירטשאַפט אין יענע לענדער, אָבער אַזעלכע פארזוכען וועלען פאַטאַל זיין פאַראורטיילט צו א דורכפאַל. נאַטוראַל־ווירטשאַפט אין די נייע לענדער איז שוין אוממעגליך, כאָטש־בי צוליב דעם אַליין, וואָס די אימיגראַנטען דאַרפען אויסצאָלען זייערע חובות. די אידישע ערד־ארבייטער וועלען באַלד מוזען אָנהויבען קאָנקורירען אויפ'ן וועלט־מארק און וועלען

זיבער געשלאָגען ווערען אין דער קאָנקורענץ; אלס שטאַט־מענשען אָהן ערפאַרונג אין ערד־ארבייט, זיינען די אידען ניט בכח צו קאָנ־קורירען מיט די איטאליענישע און אנדערע פּויערים. דער געאָגראַ־פּישער שטח שפּילט דאָ לחלוטין קיין ראָלע ניט. די אידישע ערד־ארבייטער קענען זיך לעבען אין אפריקא און די איטאליענישע אין אַמעריקא — קאָנקורירען וועט זיי אויסקומען אויף׳ן וועלט־מארק, דאָס הייסט, אומעטום, וואוהין מען פירט נאָר ארויין תבואות. דערפאר זיינען אלע פּארזוכען פון אידישער לאנדווירטשאפטליכער קאָלאָניזאציע ביז איצט ניט געלונגען און האָבען געטראָגען א פּי־לאַנטראָפּישען כאראקטער. און אויב די אידען הויבען איצט אָן צו אימיגרירען נאָך קאנאדא און ארגענטיניען, וועט מען זיי אין דער נאָהענטער צוקונפט שנעל ארויסשטויסען עקאָנאָמיש.

און פּונקט אזוי אומגעלונגען וועלען זיין די פּארזוכען פון אב־זיכטליכער, פּלאנמעסיגער קאָלאָניזאציע פון אזעלכע לענדער. די קאָלאָניזאציאָנס־ארגאניזאציע דארף היינטיגע צייטען פון אָנהויב אָן אָננעמען א גרויס־קאפּיטאליסטישען און קאָמערציעלען כאראק־טער. אויב איהר זאָל אויסקומען אויסצוהאלטען אויף׳ן וועלט־מארק א קאָנקורענץ מיט דער הילף פון די אידישע לאנדווירטשאפטליכע פּראָדוקטען, וועט זי זעהר שנעל באנקראָטירען. אויב, ווידער, זי זאָל זיך אויף א גרויסען שטייגער פּארנעמען מיט באארבייטען די רויהע מאטעריאלען, קען פּאסירען איינס פון די צוויי: ערשטענס, זי וועט באנקראָטירען צוליב דער פּארהעלטניסמעסיג קליינער פּראָדוקטי־וויטעט אָדער צוליב דער טייערקייט פון דער אידישער ארבייט; צווייטענס, זי וועט זיך נעמען עקספּלואטירען די ניט־אידישע אר־בייט אין ווידערשפּרוך מיט איהרע אייגענע אויפגאבען.

בכלל קען דער טעריטאָריאליזם, אלס פּארצווייגטע רעוואָלוציאָ־נערע באוועגונג ביים אידישען פאָלק, זיך שטיצען נאָר אויף די סטי־כישע פּראָצעסען אין׳ם אידישען לעבען.

טעריטאָריאליזם מיינט ניט נאָר א סטיכישע עמיגראציע

פון אידען, נאר אויך א סטיכישע קאנצענטרירטע אי־מיגראציע. דער טעריטאָריאַליסטישער פּראָגנאָז קען באַטראכט ווערען פאר פאלשטענדיג נאר דאן, ווען עס וועט קאָנקרעט אָנגעוויזען ווערען דאס לאנד, וואוהין עס וועט זיך ריכטען די סטיכישע אימיגראציע. אזוי לאנג ווי די באָאָבאַכטונג פונ'ם אידישען לעבען האט געבראכט דערצו, מען זאל פעסט־שטעלען, אז די עמיגראציאָנס־באדערפניש פון די אידישע מאסען ווערט ניט גענוג באפרידיגט, און אפילו נאָך מער: אז עס ווערט ניט גענוג באפרידיגט די באדערפניש אין קאָנצענטראציע; נאר עס איז נאָך ניט באשטימט די גענויע ריכטונג פון דער זיך־קאָנצענטרירענדער אימיגראציע — אזוי לאנג האבען מיר נאָך ניט קיין פּראָגנאָז. ווען עס איז ניט אָנגעוויזען יענער סטיכישער פּראָצעס פון אימיגראציע, אין וועלכען עס פאָדערט זיך די אָר־גאניזירענדע אריינמישונג פונ'ם פּראָלעטאריאט, בלייבט דער טע־ריטאָריאליזם אן אוטאָפּיע.

די אויבען פעסטגעשטעלטע כללים וועגען איבערוואנדערונגען האָבען אונז געפירט צום שלוס, אז די אידישע אימיגראציע ווערט ארויסגעשטויסען אי פון די גרויס־קאפּיטאליסטישע לענדער, אי פון די לענדער פון א ברייטער לאנדווירטשאפט. די אלוועלטליכע אי־מיגראציע ווערט אלץ מער א לאנדווירטשאפטליכע. די אידען, ווידער, קענען ניט, אין דער קאפּיטאליסטישער קאָנקורענץ, מיט איין מאָל איבערגעהן צו לאנדווירטשאפט. די ווירטשאפטליכע טעטיג־קייט פון די אידישע אימיגראנטען האט די טענדענץ אָנצואווערען איהר אינדוסטריעלען און האנדעל־כאראקטער און זיך אריבער־טראָגען פון די ענד־סטאדיען פונ'ם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס צו די ערשטע גרונד־סטאדיען — צו דער פּראָדוקציע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען און צו ערד־ארבייט; אָבער דער איבערגאנג קען ניט פאָר־קומען מיט איין מאָל.

דעריבער איזאלירט זיך די אידישע אימיגראציע

פון'ם אלגעמיינעם שטראָם פון די אלוועלטליכע איבערוואנדערונגען און מוז פאר זיך זוכען גאנץ באַזונדערע וועגען. אלץ, וואָס איזאָלירט אזוי אָדער אנדערש דאָס אידישע לעבען, העלפט נאַציאָנאַליזירען דאָס אידישע פאָלק. די אידישע עמיגראציע ווערט נאַציאָנאַל און די נאַציאָנאַליזירונג דריקט זיך אויס אין דער פאַרשפּרייטונג פון דער נאַציאָנאַלער עמיגראַציאָנס־אידעאָלאָגיע.

די עמיגראַציאָנס־נויט פון'ם אידישען פאָלק איז נאָר איינע פון זיינע באַפרייאונגס־שטרעבונגען. ווען זי ווערט נאַציאָנאַל, פלעכט זי זיך צונויף מיט אלע אנדערע נאַציאָנאַל־פרייהייטליכע אידישע שטרעבונגען. א ניט־פאַרענדיגטע פאָרם פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־אידעאָלאָגיע איז דער אבסטראַקטער טעריטאָריאַליזם, א גאַנצע און סינטעטישע איז — דער ציוניזם.

אין דער אידישער עמיגראַציע וואַקסט אָן א נייע טענדענץ — זיך צו ריכטען נאָך אזא לאַנד, וואו די אידישע קליינע קאַפּיטאַלען און די אידישע ארבייט זאָלען קענען אָנגעווענדעט ווערען אין אזעלכע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען, וועלכע זיינען אן איבערגאַנגס־פאָרם פון שטאָטישער ווירטשאַפט צו לאַנדווירטשאַפט און פון דער פּראָדוקציע פון געברויך־מיטלען צו דער פּראָדוקציע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען. צום ערשטען מין באַלאַנגט סעדעריי, גערטנעריי, וויינטרויבען־קולטור, מילך־ווירטשאַפט; צום צווייטען מין באַלאַנגט די פּראָדוקציע פון מאַטעריאַלען און האַלב־פאַבריקאַטען. די ווירטשאַפט פון יענעם לאַנד, וואוהין די אידען וועלען אימיגרירען, איז ניט קיין גרויס־קאַפּיטאַליסטישע און ניט קיין ברייט־לאַנדווירטשאַפטליכע, נאָר א האַלב־לאַנדווירטשאַפטליכע, אן איבערגאַנג־ווירטשאַפט. אהין וועלען די אידען עמיגרירען אליין, אָפּגעזונדערט פון'ם אלגעמיינעם עמיגראַציאָנס־שטראָם.

דאָס וועט זיין א לאנד, וואו פאר אנדערע פעלקער וועלען די עקאָ־נאָמישע מעלות אָפגעשוואכט ווערען דורך פארשידענע אומבאַ־קוועמליכקייטען. דאָס דאָזיגע לאנד וועט זיין דאָס א י י נ צ י ג ע צוגענגליכע פאר אידען, און פון אלע לענדער, וואָס זיינען צוגענג־ליך פאר די אימיגראנטען פון אנדערע פעלקער, וועט עס ליגען אויף דער ליניע פון גרעסטען ווידערשטאנד. דאָס וועט זיין א לאנד מיט א נידריגער קולטורעל־פּאָליטישער אנטוויקלונגס־שטופע. דאָס וועט זיין א לאנד, וואו גרויס־קאפיטאל וועט, צוליב דער הינטער־שטעליגקייט פון'ם פּאָליטישען לעבען, שווערליך געפינען פאר זיך א פארוועגדונג, און דער קליינער און מיטעלער קאפּיטאל וועלען גע־פינען א מארק פאר זייערע פּראָדוקטען, אין אין לאנד גופא, אי אין די שכנ'ישע געגענדען.

ד א ס ל א נ ד פ ו ן ד ע ר ז י ך ס ט י כ י ש ק א נ־צ ע נ ט ר י ר ע נ ד ע ר א י ד י ש ע ר א י מ י ג ר א צ י ע ו ו ע ט ז י י ן פ א ל ע ס ט י נ א.

די הויפּט אייגעשאפטען פון דעםווירטשאפטליכען און פּאָלי־טישען לעבען פון פּאלעסטינא באשטעטיגען דעם דאָזיגען פּראָג־נאָז.

ביז איצט האָט מען געשענקט ווייניג אויפמערקזאמקייט דעם פאקט, אז פ א ל ע ס ט י נ א א י ז א ן א י נ ט ע ר נ א־צ יאָ נ א ל ע א כ ס נ י ה. לענדער, וואָס דינען פאר אינטערנאַ־ציאָנאלע אכסניות (שווייץ, פּאלעסטינא, תימן, טיבעט), פארמאָגען אזעלכע אייגענשאפטען, אויף וועלכע עס לוינט זיך אָפּ־צושטעלען. די ראמען פון דער אָפּהאנדלונג ערלויבען אונז נאָר פאָרביילויפענדיג אָנצומערקען די דאָזיגע אייגענשאפטען, וועלכע שטאמען דערפון, וואָס אויף דער ווירטשאפט פון אזעלכע לענדער ווירקט מער אָדער ווייניגער די פארשידענארטיגקייט פון די קולטור־טיפען און פון די טיפען פון געברויכער, וואָס שטויסען זיך דאָרט צונויף.

דער ערשטער רעזולטאט פון דעם כאראקטער פון אזא לאנד איז דאס, וואס עס איז אומגעהייער שווער פאר'ן גרויס־קאפיטאל זיך דארט צו אנטוויקלען און וואס עס הערשט א קליין־פראדוקציע. די גרויס־פראדוקציע דריקט זיך תמיד אויס אין גרויסע מאסען איינארטיגע פראדוקטען און שטיצט זיך אויף'ן הורטאווען געברויך. אין די אינטערנאציאנאלע אכסניות איז דער געברויך א לאחדים'דיגער. די געברויכער זיינען מענשען מיט די פארשידענסטע געשמאקען, געוועהנהייטען, באדערפנישען, און דאס איז א שטערונג פאר דער אנטוויקלונג פון גרויס־קאפיטאל. און דעריבער צייכענט זיך, למשל די שווייץ, אויס מיט איהר קליין־בורזשואזען כאראקטער און איז דאס קלאסישע לאנד פון קליין־בורזשואזען לעבען מיט אלע זיינע ספעציפישע שטריכען, מיט'ן אייגענארטיגען קליין־בירגערליכען דעמאקראטיזם, מיט ענגע אינטערעסען, מיט א פארהעלטניסמעסיג רוהיגער וואלהאבענהייט און מיט דער אפּוועזענהייט פון שארף אויסגעשפּראכענע סאציאלע אנטאגאניזמען. אין פאלעסטינא איז דער דאזיגער ווירטשאפטליכער טיפ ניט אזוי בולט אנגעדייטעט, שוין צוליב דעם אליין, ווייל אויך די שכנ'ישע לענדער פון אזיען און אפריקא זיינען נאך ניט ווייט אוועק אין דער קאפיטאליסטישער עוואלוציע. דערצו איז דער כאראקטער פון געברויך אין פאלעסטינא פיל פרימיטיווער ווי אין דער שווייץ. אין דער שווייץ האבען מיר וואלהאבענדע און רייכע טוריסטען מיט א ראפינירטען געשמאק, און אין פאלעסטינא — מייסטענס ארימע פילגרימען, מאנאכען און מיסיאנערען. עס איז אמת, אז פאר דער לעצטער צייט האבען זיך צווישען די פילגרימען אלץ אפטער גענומען ווייזען אויך עלעגאנטע פיגורען פון פארשידענע אריסטאקראטען און קלעריקאלען — א סימן, אז עס וואקסט די קלעריקאלע שטימונג ביי די רעאקציאנערע טיילען פון דער אייראפעאישער געזעלשאפט. א באדייטענדער טייל פון דער ארטיגער באפעלקערונג אין פאלעסטינא לעבט פון דער פראדוקציע און פון דעם

האנדעל, וואָס איז געשאפען פאר די אינטערנאציאָנאלע געסט, און מיט דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער ווירט־שאפט ביי די אָסט־זיידליכע ברעגען פון׳ם מיטעללענדישען ים, ווע־לען אלץ בולט׳ער ווערען די קליין־בורזשואזע שטריכען פון דעם ווירטשאפטליכען לעבען פון דער אָרטיגער באפעלקערונג.

דער צווייטער וויכטיגער רעזולטאט דערפון, וואָס א לאנד איז אן אינטערנאציאָנאלע אכסניה, פילט זיך אויף׳ן קולטורעלען גע־ביט. מען קען עס פאָרמולירען אזוי: די באפעלקערונג איז *הויך קולטורעל, כאָטש זי פארמאָגט ניט קיין אייגענע קולטור*. די איינוואוינער פון לענדער־אכסניות באגעגענען זיך שטענדיג מיט פאָרשטעהער פון די פארשידענסטע קולטור־טיפען און פאָרמאציעס; דערביי זיינען די אויסלענדער ניט אָפהענגיג פון די תושבים, נאָר פארקערט: די תושבים זיינען אָפּ־הענגיג פון די געסט עקאָנאָמיש און דעריבער אויך קולטורעל. עס איז כאראקטעריסטיש: די אויסלענדער זיינען דאָ ניט קיין „פרעמדע“, נאָר געווינשטע „געסט“. זיי זיינען ניט מחויב צו קענען די אָרטיגע שפראך; פארקערט, די תושבים מוזען זיך אויסלערנען די שפּראַ־כען פון זייערע קונדען. פיל־שפּראכיגקייט איז כאראקטעריסטיש פאר דער באפעלקערונג פון אזעלכע לענדער, און עס איז אויך כא־ראקטעריסטיש דער דרך ארץ פאר פרעמדע שפראכען, די פאר־שטענדניש פאר זייער קלאנג און דאָס אנערקענען זייער עקזיסטענץ־בארעכטיגונג.

פאר׳ן רוס פון׳ם המון איז דער אויסלענדער א „שטומער“ („ניע־מעץ“); אין בעסטען פאל גיסט זיך פאר איהם די שפראך פון׳ם אויסלענדער צונויף אין א „טאר־טאר־טאר“ („טאָטאַר־ין“, א טאָ־טער). לויט דער מיינונג פון׳ם אוקראַאינישען פויער קומט אויס, אז די פאָליאקען און די אידען רעדען ניט, נאָר זיי „דזירקאָטשען“ (באלאבעטשען). דער אויער פון׳ם פארצייטיגען גריך האָט אין פרעמדע שפראכען ניט געקענט אונטערשיידען קיין זאך אויסער דעם

איינטאָניגען „בר־בר־בר" („באַרבאַרען"). בכלל, „רעדען ניט אויס־לענדער אויף א מענשליכען שטייגער" — אַ ט דאָס איז די נאַאיווע איבערציינונג פון׳ם המון אין אַלע לענדער, וואָס פאַרמאָגען אַ זעלבסטשטענדיגע קולטור. אָבער דער שווייצער אָדער דער פעלאַך אין פּאַלעסטינא ווייסען וועגען דער עקזיסטענץ פון פאַרשידענע גלייכבאַרעכטיגטע שפּראַכען, און קענען אָפט, מיט מאַטערניש, אַרויסרעדען צו עטליכע פרעמדע אויף פאַרשידענע שפּראַכען. פאַר זיי עקזיסטירט ניט קיין ברענענדע נאַציאָנאַלע פראַגע אויף׳ן באָדען פון שפּראַכען־קאַמף. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז, ניט־קוקענדיג אויף דער פיל־שפּראַכיגקייט אין דער שווייץ, איז דאָרט ניטאָ קיין שפּראַכען־קאַמף און מען ווייסט דאָרט ניט פון קיין נאַציאָנאַלער צוגעבונדענקייט צו אַ שפּראַך. אַזאַ צוגעבונדענקייט צו דער שפּראַך מערקט זיך נאָר אין יענע קאַנטאָנען פון דער שווייץ, וועלכע ווערען זעלטענער באַזוכט פון טוריסטען. די פּאַלעסטינער פעלאַכען זיינען אויך זעהר פעהיג איבערצונעמען פרעמדע שפּראַכען.

דער איינוואוינער פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אכסניה האָט תמיד אַ פאַרהעלטניסמעסיג ברייטען בליק אויף זאַכען. זיין אָפּהענגיגקייט פון די „געסט" דערלאָזט ניט, אַז עס זאָל זיך אויסבילדען דער פאָראורטייל פון׳ם אייגענעם „אתה־בחרתנו׳יזם". די באַפעלקערונג פון אַזעלכע לענדער איז פריי פון פאָראורטיילען געגען יעדער פרעמדער קולטור, געגען יעדען פרעמדען טיפּ, און מיר ווייסען, ווי שטאַרק עס זיינען אַזעלכע פאָראורטיילען ביי איינוואוינער פון אַנדערע לענדער מיט אַן אייגענאַרטיגען געבוי פון לעבען. דער פּאַלעסטינער תושב באַקענט זיך פון ערפאַרונג מיט די פאַרשידענסטע פעלקער און עטנישע טיפּען, ווייסט אומגעפער זייער ווערט אין דער וועלט־פּאָליטיק און פאַרשטעהט דעם ווערט און באַדייטונג פון ביל־־ונג. עס פעלט איהם די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, ער ווייסט ניט פון נאַציאָנאַליזם און ניט פון שאָוויניזם. עס פעלט איהם אפילו

דער רעליגיעזער פאנאטיזם, ווייל פאלעסטינא איז אויך אן אינ־טער־רעליגיעזע אכסניה.

די פאלעסטינער תושבים באזיצען ניט קיין זעלבסטשטענדי־גען עקאנאמישען און קולטור־טיפ. זיי זיינען צוזעעט און צוברע־קעלט ניט נאר צוליב דעם געבוי פון דער אויבערפלעכע פון׳ם לאנד און ניט נאר צוליב דער פארשידענהייט פון גלויבענס, נאר אויך צוליב דעם, ווייל דאס לאנד איז אן אינטערנאציאנאלע אכסניה. די תושבים פון פאלעסטינא זיינען ניט קיין נאציע און זיי וועלען עס אויך ניט זיין נאך פאר א לאנגער צייט. זיי נעמען לייכט און שנעל איבער יעדען העכערען קולטור־טיפ, וואס מען ברענגט זיי פון דרויסען. זיי זיינען ניט בכח זיך צו פאראייניגען פאר אן ארגאניזירטען ווידערשטאנד צו די אויסערליכע ווירקונגען. זיי זיינען ניט פעהיג צו קאנקורירען נאציאנאל און זייער קאנקורענץ איז א אינדיווי־דועלע, א פארטיזאנישע. א טייל תושבים אין גליל זיינען רוסיפי־צירט געווארען אין פארלויף פון עטליכע צענדליגע יאר אונטער דער ווירקונג פון עטליכע צענדליגע רוסישע שולעס און מיסיאנערען. די פעלאכען, וואס וואוינען אין שכנות מיט די אידישע קאלאניעס, שיקען גערן זייערע קינדער אין די אידישע שולעס. די פאלעסטינער תושבים וועלען איבערנעמען יענעם עקאנאמישען און קולטור־טיפ, וואס וועט האלטען די הערשענדע ווירטשאפטליכע פאזיציע אין לאנד. די פאלעסטינער תושבים וועלען זיך עקאנאמיש און קולטו־רעל אסימילירען מיט די, וואס וועלען שאפען ארדנונג אין לאנד, מיט די, וואס וועלען איבערנעמען די אנטוויקלונג פון די פראדוק־טיווע כחות פון פאלעסטינא.

די אנטוויקלונג פון די פראדוקטיווע כחות פון פאלעסטינא וועלען אויף זיך נעמען די אידישע אימיגראנטען און די איצטיגע תושבים וועלען זיך מיט דער

צייט עקאנאמיש און קולטורעל אסימילי־רען מיט די אידען.

די אידישע עמיגראציאנס־באדערפניש קען שוין ניט באפרידיגט ווערען אין די גרויס־קאפיטאליסטישע לענדער פון דער פרירינגער אימיגראציע, און זי קען קיין באפרידיגונג אויך ניט געפינען אין די נייע לענדער פון ברייטער לאנדווירטשאפט. די אידישע עמיגראציע מוז זיך ווענדען נאך א לאנד פון א האלב־לאנדווירטשאפטליכען כא־ראקטער — נאך פאלעסטינא. פאלעסטינא איז דאס איינציגע לאנד, וואו די אידען וועלען זיך ניט אנשטויסען אויף אן ארגאניזירטען ווידערשטאנד און ארויסשטויסונג. אין אלע אנדערע לענדער זיינען די רעכט־באשרענקונגען און די פארבאטען אריינצופארען אן אויס־דרוק פון די נויטען פון דער גאנצער ארטיגער באפעלקערונג, וועל־כע וויל ניט האבען קיין פרעמדע קאנקורענטען. דעריבער קען קיין דעמאקראטיזאציע פון דער רעגירונג און פון די אינטערנאציאנאלע באציהונגען אין דער בורזשואזער געזעלשאפט ניט פירען דערצו, אז מען זאל אפשאפען די באשרענקונגען. אין פאלעסטינא אבער איז דער פארבאט פאר אידען (רוסישע און עסטרייכישע) אריינצו־קומען אין לאנד — דער אויסדרוק פון׳ם סולטאנ׳ס אייגענעם ווי־לען, אהן וועלכער עס איז שייכות צו די ווירקליכע נויטען פון דער פאלעסטינער באפעלקערונג.*)

דער סולטאן האט ניט געקענט פארשפארען די טירען פון פא־לעסטינא פאר די ענגלישע און אמעריקאנישע אידען; די רוסישע און עסטרייכישע רעגירונגען, ווידער, פארטיידיגען ניט די רעכט פון זייערע אידישע אונטערטאנען. אבער א אידישער בירגער פון דער צוקונפטיגער פרייער רוסלאנד וועט קענען אומגעשטערט אריינ־

*) ביי די און ביי די ווייטערע באטראכטונגען דארף מען אין זינען האבען, אז די אפהאנדלונג איז געשריבען געווארען מיט יארען צוריק. איבערזעצער.

פאָרען אין פאלעסטינא און באקומען פון׳ם טערקישען רעזשים נע־וויסע פרייהייטען. די דעמאָקראטיזאציע פון׳ם פאָליטישען לעבען אין רוסלאנד און אין עסטרייך וועט שאפען יענע באדינגונגען, אהן וועלכע א פרייער און ברייטער אימיגראציאָנס־שטראָם נאָך פאלעס־טינא איז אוממעגליך: דאָס גאראנטירטע רעכט פון פרייען אריינפאָר. צי דער סולטאן וועט צופרידען זיין, צי ניט; צי ער וועט ארויסווייזען א שטארקען אָדער שוואכען ווידערשטאנד — די אידען וועלען זיך שוין דערשלאָגען, נאָך דאָ, אין גלות, צום וויכ־טיגסטען און נויטיגסטען רעכט — די גאראנטירטע פרייהייט ארייני־צופאָרען אין פאלעסטינא.

מיר קענען אפילו מיט זיכערהייט פאָראויסזאָגען, אז דער סול־טאן וועט ניט איינשטימען אהן א קאמף צו ערלויבען אין פאלעס־טינא א ברייטע איינוואנדערונג פון אידישע ארבייטער — פון דעם באוואוסטזיניגען רעוואָלוציאָנערען עלעמענט. אבער יענע מלוכות, וואו אידען וואוינען אין גרויסע צאָלען, זיינען פאראינטע־רעסירט אין דער לעזונג פון דער אידישער פראגע און אין דער פאר־לייכטערונג פון דער אידישער עמיגראציע. וואָס דעמאָקראטישער די מלוכות וועלען ווערען, אלץ בולט׳ער וועט ווערען און וועט זיך ארויסווייזען די דאָזיגע פאראינטערעסירטקייט. און שטיצענדיג זיך אויף איהר, וועלען די אידען אויספירען, אז די מלוכות זאָלען ברע־כען דעם סולטאנ׳ס ווידערשטאנד. מיט זיין קלאסען־קאמף אין גלות וועט דער אידישער פראָלעטאריאט העלפען דעמאָקראטיזירען די רע־גירונגען פון די לענדער, אין וועלכע ער לעבט. אויף אזא אופן וועט דער אידישער פראָלעטאריאט מיט זיין קלאסען־קאמף אין גלות שאפען די פאָר־באדינגונגען פאר דער ערָאבערונג פון יענעם רעכט, וואָס איז אזוי נויטיג פאר א קאָנצענטרירטע אימיגראציע. און זיך אָרגאניזירענדיג באזונדער, שטעלט דער אידישער פראָלעטאריאט צום אלעם ערשטען ארויס די פאָדערונגען וועגען דעם.

א גאראנטירט רעכט פון פרייען אריינפאָר איז נויטיג פאר א

ברייטען אימיגראציאנס־שטראם; נאר איידער נאך מען האט באַ־קומען אזא גאראנטיע, קען די אידישע אימיגראציע נאך פאלעס־טינא אנגעהן און געהט טאקע אן. אין פאלעסטינא קומען יעדען חודש אריין עטליכע הונדערט אימיגראנטען און דערביי איז מערק־ווירדיג דאס, וואס די מייסטע פון זיי זיינען קליינע אדער מיטעלע קאפיטאליסטען. און נאך מערקווירדיגער איז דער פאקט, אז אין דער אידישער אימיגראציע נאך פאלעסטינא איז ניט שולדיג די אגיטאציע; פארקערט, אבסאלוט אלע אידישע פארטייען פירען אן א קאנטר־אגיטאציע געגען דער דאזיגער אימיגראציע. געגען פאַ־לעסטינא אגיטירען די אסימילאטארען, די בונדיסטען, די ס. ס., די סיימיסטען, די בורזשואזע טעריטאריאליסטען; און געגען א גרוי־סען אידישען שטראם נאך פאלעסטינא אגיטירען אפילו בורזשואזע ציוניסטען. און דאך, טראץ דער גאנצער קאנטר־אגיטאציע, מערקט זיך אזא אינטענסיווע אימיגראציע. דאס קען דינען פאר א באשטע־טיגונג פון אונזער פראגנאז. מען קען זיך גרינג פארשטעלען, ווי גרויס עס וועט ווערען די סטיכישע אידישע אימיגראציע אין פאַ־לעסטינא, ווען עס וועלען איהר, פון איין זייט, קומען צו הילף די אלגעמיין־ציוניסטישע אינסטיטוציעס און דאס גאראנטירטע רעכט אריינקומען אין לאנד און, פון דער צווייטער זייט, וועלען פאַל־שטענדיג פארשפארט ווערען אלע פריריגע געוועגליכע וועגען פון די אידישע וואנדערונגען.

א דאנק דעם ענגען נאציאנאלען בונד צווישען ארבייט און קאַ־פיטאל אין דער קליין־פראדוקציע, וועלען, אינאיינעם מיט די אי־דישע קליינע אונטערנעמער, איבערוואנדערען נאך פאלעסטינא אויך די אידישע ארבייטער. דערצו, איז דאך שוין פאראן אין פאלעסטינא א באדייטענדע אידישע באפעלקערונג, פון וועלכער עס וועלען זיך אויך רעקרוטירען ארבייטער פאר אידישע אונטערנעמונגען. אין זייער איינוואנדערונג נאך פאלעסטינא וועלען די אידען ניט באַ־געגענען יענע טויטליכע נאציאנאלע קאנקורענץ, אויף וועלכער זיי

האָבען זיך ביז איצט אומעטום אָנגעשטויסען. די אָרטיגע באַפעלקערונג, ווי מיר האָבען געזעהן, וועט ניט קענען ארויסווייזען קיין אָרגאַניזירטען ווידערשטאנד, און דאָס איז פאַר איהר אויך ניט נויטיג צו טאָן. און פאַר א פרעמדער אימיגראציע האָבען די אידען אין פּאַלעסטינא קיין מורא ניט. די אידען וואנדערען איבער נאָך פּאַלעסטינא טראָץ איהר נידריגער קולטורעל־פּאָליטישער אנטוויקלונגס־שטופע; די אנדערע פעלקער וועלען אהין ניט אימיגרירען צוליב דער דאָזיגער נידריגער שטופע. חוץ לזה, איז פּאַלעסטינא עקאָנאָמיש דאָס איינציגע צוגענגליכע לאַנד פאַר'ן אידישען קליינעם קאַפּיטאַל (און דעריבער אויך פּאַר דער אידישער ארבייט, צוליב דער נאַציאָנאַלער פאַרבינדונג), אין דער צייט, ווען דעם איטאליענישען אָדער סלאווישען עמיגראַנט געפעלט מער די פּערספּעקטיווע צו ווערען א זעלבסטשטענדיגער דאָרף־בעל־הבית אין דער פרייער ארגענטינא, ווי די אויסזיכט זיך צו פארשקלאפען אלס ארבייטער אין דער צוריקגעשטאַנענער פּאַלעסטינא. און צוליב דער נאַציאָנאַלער פאַרבינדונג צווישען דעם קליינעם הענדלער, פּראָדוצירער און געברויכער, וועט דער איטאַליענישער אָדער סלאווישער שטאָטישער בעל מלאכה אָדער הענדלער אויך פאָרען ניט נאָך פּאַלעסטינא, נאָר אין די נייע לענדער פון ברייטער לאַנדווירטשאַפט. די אָפּפאַל־אימיגראציע, ווידער, פון'ם אינטערנאַציאָנאַלען וואַגאַבונדען־געזינדעל נאָך די פּאָרטען־שטעט פון פּאַלעסטינא איז ניט קיין געפאַר, ווייל זי קען ניט שאַפען קיין נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ.

פּאַלעסטינא הויבט אָבער אָן צו געפעלען דעם וועלט־קאַפּיטאַל און, ניט קוקענדיג אויף אַלע שטערונגען, הויבט ער אָן זיך אריינצורייסען אהין. א באַדייטענדער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס באַדינט די אינטערנאַציאָנאַלע געסט, ציט זיך, נאַטירליך, לאַנגזאַם אריין אין דער אנטוויקלונג פון'ם קאַפּיטאַליזם און וועט נאָך פאַר א לאַנגער צייט אָנהאַלטען די קליין־בורזשואַזע פונקציעס. און די אנטוויקלונג פון'ם גרויס־קאַפּיטאַל באַפרידיגט אין פּאַלעסטינא ניט

אזוי די באַדערפנישען פון דער אָרטיגער באַפעלקערונג, ווי די באַדערפנישען פון'ם וועלט־מאַרק. כאָטש זעהר לאַנגזאַם, ווערען געשאַפען און ווערען אויסגעבעסערט די פאַרקער־מיטלען און עס ווערען באַארבייט די נאַטירליכע רייכטימער פון'ם לאַנד. אָבער גרויס־קאַפּיטאַל איז איבערנאַציאָנאַל און אומפּערזענליך; דעריבער איז עס ניט געפעהרליך פאַר אונז, ווען אין פּאַלעסטינא זאָלען זיך געפינען פּרעמדע גרויסע קאַפּיטאַלען. און נאָך מער: אויב די אומבאַשרענקטע הערשאַפט פון א פּרעמדען מאַנופאַקטור־קאַפּיטאַל רואינירט דאָס עקספּלואַטירטע לאַנד, באַנייט, פאַרקערט, דאָס לאַנד די הערשאַפט פון'ם גרויסען מאָדערנעם קאַפּיטל (דעם מאַשין־קאַפּיטאַל) — מעג עס זיין אפילו א פּרעמדער — און פאַרשנעלערט די אַנטוויקלונג פון זיינע פּראָדוקטיווע כחות. די הערשאַפט פון'ם ענגלישען מאַנופאַקטור־קאַפּיטאַל איבער אירלאַנד און אינדיען האָט די דאָזיגע לענדער חרוב געמאַכט און האָט נאָר אַנטוויקעלט די פּראָדוקטיווע כחות פון ענגלאַנד גופא; אָבער פון זינט אין ענגלאַנד איז זיך צואַוואַקסען דער מאַשין־גרויס־קאַפּיטאַל, הויבען אירלאַנד און אינדיען אָן ביסלעכווייז צו קומען צו־זיך פון די רעזולטאַטען פון דער סיסטעמאַטישער אויסזויגונג פון'ם פּרעמדען מאַנופאַקטור־קאַפּיטאַל.

אזוי ווי אין פּאַלעסטינא הויבט זיך ערשט איצט אָן די רואינירענדע „פּעריאָדע פון דער אורשפּרינגליכער אקומולאַציאָן“, קענען מיר נאָר באַגריסען דאָס אַריינדרינגען — כאָטש לאַנגזאַמע — פון'ם וועלט־קאַפּיטאַל אין פּאַלעסטינא. פאַר זעהר א לאַנגער צייט וועט דער וועלט־קאַפּיטאַל אין פּאַלעסטינא זיך באַנוצען נאָר מיט אָרטיגע — פעלאַכישע און אידישע אַרבייטער, ווייל די עמיגראַנטען פון אַנדערע פעלקער וועלען אויסמיידען פּאַלעסטינא. און פאַר אונז איז דאָך א געפאַר ניט דער פּרעמדער גרויס־קאַפּיטאַל (מאַשין־קאַפּיטאַל), נאָר די פּרעמדע פּראָלעטאַריזאַציע אין לאַנד. די פעלאַכען, ווי מיר האָבען געזעהן, וועלען זיך עקאָנאָמיש און קולטורעל

אסימילירען מיט די אידען און פון זייער זייט דראָהט אונז ניט קיין נאציאָנאלע קאָנקורענץ.

די קומענדע אידישע אימיגראציע אין פּאלעסטינא וועט זיך באדייטענד אונטערשיידען פון אלע אידישע וואנדערונגען, וואָס זיינען ביז איצט פאָרגעקומען אין גלות. פריהער האָבען די אידען זיך שטענדיג צוגעפּאסט צו די באדערפנישען פון דער אָרטיגער באפעלקערונג און האָבען מיט זייערע פונקציעס באפרידיגט דעם געברויך פון די תושבים, אָדער, ווי עס איז דער פאל אין די פאר־אייניגטע שטאָטען פון אמעריקא, פון א געמישטער באפעלקערונג, וועלכע באשטעט מער פון אימיגראנטען פון אנדערע פעלקער ווי פון תושבים. די אידען זיינען ביז איצט געוועזן פארנומען מיט דער פּראָדוקציע פון געברויך־מיטלען און בכלל אין די ענד־סטאדיען פון'ם ווירטשאפטליכען פּראָצעס. די אידישע פּראָדוקציע האָט ביז איצט באפרידיגט דעם פערזענליכען געברויך פון דער באפעלקערונג און ניט איהר פּראָדוקציאָנס־געברויך; די דאָזיגע פונקציע ערפילט די אָרטיגע באפעלקערונג אליין. אין פּאלעסטינא וועלען די אידישע אימיגראנטען, צום ערשטען מאָל אין דער גאנצער געשיכטע פון גלות, באפרידיגען די באדערפנישען ניט פון דער אָרטיגער באפעל־קערונג, נאָר וועלען צושטעלען די פּראָדוקטען פון זייער פּראָדוקציע כמעט אויסשליסליך צום אויסערליכען מארק פון די שכנ'ישע לענ־דער ביים מיטעללענדישען ים, און מיט דער צייט, מיט'ן וווייטערען וואוקס פון די פּראָדוקטיווע כחות, אויך צום וועלט־מארק. ביז איצט זיינען די אידען תמיד געוועזן אָפּהענגיג פון דער איינגעבאָרענער באַ־פעלקערונג אין די גלות־לענדער; די אָרגאניזירונג פון דער אידישער ארבייט איז ניט געוועזן קיין זעלבסטשטענדיגע, נאָר איז דורכאויס באשטימט געוואָרען פון א זעהר ענגען און באשרענקטען קרייז פאר־העלטנישען, וואָס האָבען געהערשט ביי דער ארומיגער באפעלקערונג. די אידישע וואָלהאבענהייט אין גלות הענגט אָפּ פון זייער „נוצליכ־קייט“ פאָר די הערשענדע פעלקער. די אוממיטעלבארע באדערפני־

שען פון די איינגעבאָרענע, זייער צאָלונג־פעהיגקייט און די קאָנקור־רענץ צווישען די אידען און די אנטשפּרעכענדע עלעמענטען פון דער איינגעבאָרענער באפעלקערונג — דאָס אלץ שאפט אומבאַזיג־בארע באשרענקונגען און ענגע גרעניצען פאר דער אידישער עקאָנאָ־מישער טעטיגקייט אין גלות. מחוץ פון אָט די גרעניצען, אי אין זייערע אלטע וואוין־ערטער, אי אין די נייע אימיגראציאָנס־לענדער, הויבט מען די אידען אָן צוריקשטויסען און זיי הויבען אָן פארדרימט ווערען; אויסער די דאָזיגע גרעניצען ווערען די אידען „איבריג״; עס הויבט זיך פאר זיי א אָרגאניזירטע איזאָלירונג; עס קומט א נאציאָנאלער דרוק און פארפאָלגונגען. די ענד־אורזאך פון דער אי־דישער פּילזייטיגער אָפּהענגיגקייט פון דער אָרטיגער באפעלקערונג איז די עקס־טעריטאָריאליטעט פון׳ם אידישען פאָלק.

מיט דער איינוואנדערונג נאָך פּאלעסטינא ענדערט זיך דאָס בילד. די שווארצע און טונקעלע פארבען טרעטען אָפּ זייער פּלאַץ צו ליכטיגע און העלע. די וואָלהאבענהייט און די פונקציעס פון די אידישע אימיגראנטען אין פּאלעסטינא ווערען אָפּהענגען ניט פון דער אָרטיגער באפעלקערונג, נאָר פון׳ם אויסערליכען מארק, וועל־כער וועט פאר א לאנגער צייט אלץ מער און מער קענען איינשלינגען צוליב דער גינסטיגער לאגע פון די זיד־אָסטליכע ברעגען פון׳ם מיטעללענדישען ים אויף׳ן וועלט־מארק. די אידישע ארבייט וועט זיך ניט אָנשטויסען אָן קיין נאציאָנאלער קאָנקורענץ ניט פון דער זייט פון דער אָרטיגער באפעלקערונג, ניט פון דער זייט פון אימי־גראנטען.*) און וואָס אָנבאלאנגט די אידישע קליינע און מיטעלע

*) לוידער, איז אין דער וויסענשאפט נאָך לחלוטין ניט אויסגע־פאָרשט די פראגע וועגען די כינעזישע קולים. מען דארף אָבער, דאכט זיך, ניט מורא האָבען פאר זייער קאָנקורענץ, ווייל פ א ק ט י ש עמיגרירען די קולים נאָר אויף די ברעגען און אינזלען פון פּאסיפישען און אינדי־שען אָקעאן. די ברעגען פון׳ם אטלאנטישען אָקעאן, צו וועלכען עס בא־

קאפּיטאַליסטען, וועט די אנטוויקלונג פון קאפּיטאַליזם זיי ברענגען אומאָפּהענגיגקייט פון'ם אינטערנאַציאָנאַלען גרויס־קאפּיטאל און ניט נאַציאָנאַלע ארויסשטויסונגען. אין פּאַלעסטינא וועלען די אידען ערפילען די איבערגאַנג־פונקציעס — צווישען די שטאָטישע און לאַנדווירטשאַפטליכע, די פונקציעס, וואָס זיינען אין איבערגאַנג פון דער פּראָדוקציע פון געברויך־מיטלען צו דער פּראָדוקציע פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען; דערביי וועלען זיי זיך טיילווייז באשעפטיגען אויך מיט דער פּראָדוקציע פון פּראָדוקציאָנס־געצייג. דאָס באָבאַכטען מיר אויך איצטער: די אידען פאַרכאַפּען שוין די כעמישע און מעטאַלען־אינדוסטריע אין פּאַלעסטינא.

און ווען מען פרעגט: וויפיל אידישע אימיגראַנטען קען פּאַלעסטינא אריינעמען? — איז לייכט צו זעהן, אז די פעהיגקייט פון לאַנד אריינצונעמען אימיגראַנטען אין יעדען באזונדערען מאָמענט הענגט אָפּ פון דער קאפּיטאַליסטישער אנטוויקלונגס־שטופע אין די שכנ׳ישע לענדער.

אויב, למשל, מצרים ווערט א לאַנד פון אן אלץ וואַקסענדען עקספּאָרט, ווערט אין דערזעלבער צייט פאַרגרעסערט אויך דער אימפּאָרט אין יענעם לאַנד. און אזוי ווי די אידישע אימיגראַנטען אין פּאַלעסטינא וועלען האָבען א קנאַפּע שייכות צו די פונקציעס, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם אכסניה־כאַראַקטער פון'ם לאַנד, און וועלען מער האָבען צו טאָן מיט די שכנ׳ישע ווינקלען פון'ם וועלט־מארק, וועט זיך ביי די אידען אנטוויקלען דער גרויס־קאפּיטאל. די וואַקלונגען פון דער אידישער אימיגראַציאָנס־כוואַליע וועלען פאַרקומען אין פאַרבינדונג מיט די וואַקלונגען פון'ם וועלט־

לאַנגט אויך דער מיטעללענדישער ים, זיינען פּאַלשטענדיג פריי פון די קולים. אגב, ווילען מיר באמערקען, אז אין דער פראַגע וועגען דער אימיגראַציע פון איידאָפּעער דאַרף מען נאָך אין זינען האָבען זייער פעהיגקייט זיך צו אקלימאַטיזירען. דייטשען, ענגלענדער און סלאַווען אקלימאַטירען זיך זעהר שלעכט אין פּאַלעסטינא.

מארק, אויף וויפיל זיי וועלען אנרירען די אסט־זײדליכע ברעגען פון׳ם מיטעללענדישען ים. און מיר דענקען גאר ניט צו באהויפטען, אז דער וואוקס פון דער אידישער אימיגראציע אין פאלעסטינא וועט שטענדיג זיין פון דערזעלבער מאס און פון דערזעלבער שנעלקייט. ער קען זיך פון צייט אפשטעלען; עס קענען אפילו זיין אזעלכע מאמענטען, ווען עס וועט, צוליב עקאנאמישע קריזיסען און פאליטישע קאמפליקאציעס, פארקומען אן אויסוואנדערונג פון פאלעסטינא. אבער די אלגעמיינע טענדענץ פון דער אידישער דינאמיק פירט אומצוויפעלהאפט צו אן אלץ שטארקערען וואוקס פון דער אידישער סטיכישער אימיגראציע נאך פאלעסטינא.

די אידען וועלען לייטען דעם פראצעס פון קאפיטאליזאציע אין לאנד און וועלען דארט זיין די ארגאניזאטארען פון דער פראדוקציע. די נאציאנאלע קאמפאקטקייט פון דער אידישער אימיגראציע וועט שאפען א באדען פאר אן עקאנאמיש אומאפהענגיגער געזעלשאפט, וועלכע וועט פארשלינגען די ארטיגע באפעלקערונג, ניט איבערלאזענדיג קיין פלאץ אין פאלעסטינא פאר א פאנאנדערטיילונג פון נאציאנאליטעטען. און דער דאזיגער פראצעס פון פאראייניגען די פעלאכען מיט די אידען עקאנאמיש און קולטורעל וועט ניט אפגעהן גלאט, אהן רייבונגען און קאמפליקאציעס. יענע טיילען פון דער באפעלקערונג, וואס וואוינען ווייט פון די געגענדען, וועלכע זיינען אינטערנאציאנאלע אכסניות, און אויך די, וואס געפינען זיך שוין אונטער וועמענס עס איז קולטורעלער השפעה, וועלען אפשר ארויסווייזען א געוויסען ווידערשטאנד דעם אידישען איינפלוס, אבער די פארהעלטניסמעסיג קליינע צאל און קולטורעלע צוריקגעשטאנענקייט פון די דאזיגע עלעמענטען פארקלענערען באדייטענד די געפאר, וואס דראט דעם נארמאלען גאנג פון קאפיטאליזירונג און דעמאקראטיזירונג פון פאלעסטינא. אין לעצטען סך הכל וועט זיך אין

פּאַלעסטינאַ שאַפען אַ נאַציאָנאַלע מערהייט (פון אידען און אסי־מילירטע פעלאַכען) און אומבאַדייטענדע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, און די באַציהונגען צווישען זיי וועלען אויף אַ דעמאָקראַטישען אופן רעגולירט ווערען לויט די פּרינציפּען פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַזאַ רעגולירונג וועט ערשט זיין דער רעזולטאַט פון פאַרצווייגענע קאָנפליקטען.

אוטאָפּיסטען זיינען יענע, וואָס דענקען, אַז אַזאַ ראַדיקאַלע איבערקערעניש אין'ם אידישען לעבען, ווי דער טעריטאָריאַליזם איז, קען פאָרקומען אָהן אַ ביטערען קאַמף, אָהן גרויזאַמקייטען און אומגערעכטיגקייטען, אָהן ליידען פאַר די גערעכטע און פאַר די שולדיגע. אַזעלכע רעוואָלוציעס ווערען געשריבען ניט מיט טינט און מיט שען־קלינגענדע ווערטער; זיי ווערען געשריבען מיט שוויים, טרערען און בלוט.

מיר האָבען אויסגעפאַרשט די טענדענץ צו אַ קאָנצענטרירונג פון דער אידישער אימיגראַציע און צו דער שאַפונג פון אַ עקאָנאָמיש־זעלבסטשטענדיגער אידישער געזעלשאַפט אין פּאַלעסטינאַ.*) די ברייטע מאַסען פון אידישען פאָלק אין גלות, וועלכע האָבען אין דער באַפרידיגונג פון זייער עמיגראַציאָנס־באַדערפניש ניט אַ וויי־טען היסטאָרישען, נאָר אַ דירעקטען און טאָג־טעגליכען אינטערעס, וועלען קומען צו הילף דעם פריהער אָנגעצייכענטען סטיכישען פּראָ־צעס און וועלען זיך אָרגאַניזירען, כדי איהם צו רעגולירען און פאַר־

*) נאַטירליך קען שוין אין אונזער צייט ניט זיין קיין אבסאָלוטע אויטאָנאָמיע. אלע ווירטשאַפטען זיינען אונטערגעוואָרפען דעם וועלט־מאַרק. דערביי קענען אָבער די ווירטשאַפטען זיין אויטאָנאָם **אין באַצוג פון איינער צו דער צווייטער**. מיר רעדען דאָ וועגען אַזאַ פאַרהעלטניסמעסיגער אויטאָנאָמיע פון דער אידישער ווירטשאַפט אין פּאַלעסטינאַ.

לייכטערען. וואָס שטאַרקער עס וועט ווערען די פּאַראינטערעסירט־קייט פון די ארומיגע פעלקער אין דער ראַדיקאַלער לעזונג פון דער אידישער פראַגע; וואָס מער נאַציאָנאַל די אידען וועלען ווערען אין גלות אונטער'ן דרוק פון דער אַלזייטיגער אויסערליכער איזאָ־לאַציע; וואָס בולט'ער עס וועט זיך צוליב דעם ארויסווייזען די אי־דישע נאַציאָנאַלע זעלבסט־טעטיגקייט; ענדליך, וואָס ברייטער עס וועט ווערען די דאָזיגע זעלבסט־טעטיגקייט, א דאַנק דער פּראָגרעסי־רענדער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט — אַלץ ענערגישער וועט ווערען די אריינמישונג פון דעם באַוואוסטזי־ניגען, אָרגאַניזירטען ציוניסטישען ווילען אין דעם דאָזיגען סטיכי־שען פּראָצעס, אַלץ ברייטער און פרייער וועט דער פּראָצעס אַנגעהן, אַלץ צוועקמעסיגער וועלען זיין זיינע רעזולטאַטען.

אינאיינעם דערמיט וועט אויך שנעלער אָנגעהן די אויסברייטונג און באַפעסטיגונג פון די אידישע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינא, און פּאַראַלעל מיט דער ווירטשאַפטלי־כער אויטאָנאָמיזירונג פון'ם אידישען לעבען אין פּאַלעסטינא וועט אויך געהן איהר פּאָליטישע אויטאָנאָמיזירונג. דער אידעאַל פון דער פּאָליטישער אויטאָנאָמיזירונג איז די **פּאָליטישע טע־ריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די אידען אין פּאַלעסטינא.**

די פּאָליטישע טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די אידען אין פּאַלעסטינא איז דער ציל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. פאַר'ן בורזשואזען ציוניזם איז דאָס דער ענד־ציל, פאַר'ן פּראָלעטארישען — איז עס אַן עטאַפּ אויף'ן וועג צום סאָציאַליזם.

ווי וועט דערגרייכט ווערען דער דאָזיגער פּאָליטישער ציל? דורך פּאָליטישען קאַמף.

די גאַנצקייט פון דער טערקיישער אימפּעריע ווערט אונטער־געגראָבען פון נאַציאָנאַלע שטרייטיגקייטען. דאָרט, וואו דער נאַ־ציאָנאַלער קאַמף צופלאַקערט זיך נאָכדעם, ווי די אורשפּרינגליבע

קאַפּיטאַליסטישע אקומולאַציע האָט שוין צו פאַרצייכנען אַ געווי־סען פאָרטשריט און דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט איז געלונ־גען זיך פעסט איינצוואָרצלען אין לאַנד — דאָרט שטעהט אפילו די נאַציאָנאַלע פראַגע דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות און פאַרהאַלט דעם נאָרמאַלען גאַנג פון׳ם געזעלשאַפטליך־פּאָליטי־שען לעבען, זי קען אָבער דאָך ניט אין גאַנצען אָפּשטעלען די עוואָ־לוציע פון קאַפּיטאַל און די דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט. די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט אין אַזאַ פאַל ניט זעלטען געלעזט אָהן דער פאַנאַנדערפאַלונג פון׳ם שטאַט. אין בעלגיען, למשל, האָט די אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם בייגעקומען די שטערונגען פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און האָט געשאַפען אַ פרידליך צוזאַמענלעבען, אויף די יסודות פון געגענזייטיגער אכטונג און גלייכבארעכטיגונג, פון פעלקערשאַפטען, וואָס זיינען פריהער געווען פיינדליך איינע צו דער צווייטער. מען קען אָננעמען, אַז אין עסטרייך, רוסלאַנד און דייטשלאַנד וועט די נאַציאָנאַלע פראַגע, וועלכע איז געבאָרען גע־וואָרען נאָך דער איינבירגערונג פון׳ם קאַפּיטאַליזם, וועט אויך גע־לעזט ווערען אַזוי, אַז די גאַנצקייט פון שטאַט וועט אָנגעהאַלטען ווערען. אויב אָבער די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט זיך אין אַ לאַנד אנטוויקעלט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, פירט די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות אומפאַרמיידליך צו דער פאַנאַנדערפאַלונג פון׳ם שטאַט אויף נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס. אַזוי שנעל ווי אין וועלכען עס איז טייל פון אַזאַ לאַנד הויבט זיך אָן צו אנטוויקלען דעם מאַנופאַקטור־קאַפּיטאַליזם, הויבט דער דאָזיגער טייל אָן ארויסצואווייזען אַן אומבאַזיגבארע טענדענץ זיך אָפּצור־רייסען.

אויף אַזאַ אופן איז פון דער אמאָליגער שפּאַנישער מלוכה אָפּ־געפאַלען איין אמעריקאַנישע קאָלאָניע נאָך דער צווייטער און עס האָבען זיך פון זיי געבילדעט באַזונדערע נאַציאָנאַלע שטאַטען. און אויף׳ן זעלבען אופן צופאַלט זיך טערקיי פאַר׳ן לעצטען יאָרהונדערט.

אזוי שנעל ווי עס האט זיך באוויזען דער מאנופאקטור־קאפיטאל אין גריכענלאנד, סערביען, רומעניען, עגיפטען, בולגאריען, באסניען, זיינען זיי איינע נאך דער צווייטער אפגעפאלען. צוליב דיזעלבע אורזאכען האבען באקומען כמעט אומבאשרענקטע טעריטאריאלע אויטאנאמיע דער אינזעל סאמאס און קריט. און תמיד איז אויף'ן זעלבען אופן אנגעגאנגען דער פראצעס פון אפרייסען־זיך פון יענע טערקישע פראווינצען, וואו עס האט זיך אנגעהויבען די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם ביי דער הערשענדער פעלקערשאפט. דער טערקישער רעזשים איז א שטערענדע און דריקענדע אויסערליכע באדינגונג פאר'ן פראדוקציאנס־לעבען פון די באזונדערע טיילען פון טערקיי. ווען אין די דאזיגע געגענדען הויבען זיך אן, אונטער דער ווירקונג פון'ם וואקסענדען אלוועלטליכען קאפיטאליזם, אנטוויקלען די פראדוקטיווע כחות, דעמאלט אנטשטעהט א נאציאנאלער קאנפליקט — צווישען דער אנטוויקלונג פון די פראדוקטיווע כחות און צווישען די אויסערליכע פראדוקציאנס־באדינגונגען. אין לאנד הויבט זיך אן א נאציאנאלע רעוואלוציע אונטער דער פירערשאפט פון דער יונגער בורזשואזיע — דער פארשטעהערין פון דעם מאנופאקטור־קאפיטאל. די טערקישע רעגירונג הויבט אן א קאמף מיט די רעוואלוציאנערע באוועגונגען און שטעלט זיך, נאטירליך, ניט אפ פאר קיין קאמף־מיטלען. די וואקסענדע פארשארפטקייט פון די דאזיגע קאנפליקטען איז שעדליך פאר די עקאנאמישע און פאליטישע אינטערעסען פון די אייראפעאישע מעכט און פירט צו זייער אריינמישונג אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון טערקיי; די אריינמישונג איז געוועהנליך לטובת די רעבעלירענדע נאציאנאליטעטען. דער רעזולטאט פון'ם נאציאנאלען קאמף און פון דער אינטערנאציאנאלער אריינמישונג איז, וואס די באזונדערע טיילען פון דער

אמאליגער טערקיי באקומען טעריטאריאלע אויטאנאמיע אויף מער אדער ווייניגער דעמאקראטישע יסודות*).

*) ליידער, האבען מיר צו ווייניג פאקטען, צו קענען ערקלערען דעם עקאנאמישען יסוד פון דער אראבישער נאציאנאלער באוועגונג אין תימן. יעדענפאלס, כאטש די אראבישע נאציאנאליסטען רעכענען אריין פאלעסטינא אין זייער צוקונפטיגער מדינה און כאטש אונזערע פאלעסטינא־פאבען זעהן אין דער אראבישער באוועגונג א שרעקליכע געפאר פאר'ן ציוניזם, מוזען מיר אבער באמערקען, אז די באוועגונג האט לחלוטין קיין שייכות ניט מיט פאלעסטינא. די אראבישע באוועגונג איז געבארען געווארען אין תימן, און דאס לאנד איז, א דאנק די מוסולמאנישע הייליגקייטען אין מעקא און מעדינא, אויך א אינטערנאציאנאלע אכסניה; נאר אויף תימן קען מען אנווענדען זעהר ווייניג דערפון, וואס עס איז אויבען געזאגט געווארען וועגען דער שווייץ און וועגען פאלעסטינא. ערשטענס, באשטעהט די גרויסע מאסע פילגרימען (מיט דער אויסנאם פון אן אומבאדייטענדער צאל מוסולמאנישע כינעזער, מאלאיער, הינדוסען און נעגערען) פון פערסיער, טערקען, אראבער, בערבערען, טאטערען און טשערקעסען, וועלכע שטעהן אויף דערזעלבער קולטורעלער הויך און האבען דיזעלבע באדערפנישען. אין תימן געפינט איהר ניט, ווי אין דער שווייץ און אין פאלעסטינא, קיין פארשידענע קולטור־טיפען און עס מישען זיך דארט ניט איבער קיין פארשידענארטיגע קולטור־פארמאציעס. די אייגענארטיגקייט פון געברויך איז גינסטיג פאר דער אויסברייטונג פון דער פראדוקציע אין תימן. צווייטענס, זיינען אלע פילגרימען אין תימן אנהענגער פון איין און דערזעלבער רעליגיע — פון מאכמעדאניזם, וואו די סעקטען זיינען ניט אזוי פארשידענארטיג. דריטענס, הערשט ביי די געסט איין שפראך — אראביש. עס איז קלאר, אז די באדינגונגען, אונטער וועלכע עס איז געבארען געווארען די אראבישע נאציאנאלע באוועגונג, זיינען דיאמעטראל אנטקעגענגעזעצט די באדינגונגען, אונטער וועלכע עס לעבט די פאלעסטינער באַ־

ווען מעצאדאניען וואלט ניט צוריסען געווארען פון אינערליכע שטרייטיגקייטען צווישען די אלבאניער, בולגארען, גריכען און סער־בען, וואלט אויך די פראווינץ ווארשיינליך שוין געהאט אפגעפאלען פון טערקיי.

אין דער איצטיגער נאציאנאלער צונויפשטעלונג קען טערקיי ניט ווערען קאפיטאליסטיש און דעמאקראטיש. אזוי ווי די נאציא־נאלע פראגע איז געבארען געווארען אין טערקיי פאר דער איינ־בירגערונג פון׳ם קאפיטאליזם, מוז זי אויך געלעזט ווערען, איידער טערקיי וועט פאלשטענדיג ארויף אויף׳ן וועג פון קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג. דאס מיינט די אומפארמיידליכע פאנאנדערפאלונג פון טערקיי. ערשט דעמאלט, ווען עס וועלען זיך פון איהר אפרייסען מעצאדאניען, ארמעניען, פאלעסטינא, אפשר סיריען, מעסאפאטא־מיען און קורדיסטאן, וועט מען קענען ערנסט רעדען וועגען א טער־קיי, וואס וועט ווערען קאפיטאליסטיש און דעמאקראטיש. עס איז אויך מעגליך, אזביידע פראצעסען וועלען אנגעהן פאראלעל: פון איין זייט, די קאפיטאליסטישע און דעמאקראטישע אנטוויקלונג פון די ריין־טערקישע פראווינצען און פון דער צווייטער זייט דאס אפפאלען פון די גרעניץ־פראווינצען. ווי עס זאל שוין ניט זיין, פא־

פעלקערונג. אויסער דער שפראך און דער רעליגיע, האבען די פאלעסטינער פעלאכען קיין געמיינשאפטליכעס ניט מיט די אראבער, און עס מערקט זיך זאגאר א פיינדליכקייט צווישען די פעלאכען און אראבער. געמיינ־שאפטליכקייט פון שפראך און רעליגיע קען עקזיסטירען ביי פארשידענע פעלקער און נאציעס. נעמען מיר, למשל: די ענגלענדער און אמעריקא־נער; די שפאניער און די נאציעס פון צענטראל און זיד־אמעריקא; די פארטוגעזען און די בראזיליאנער; די דענען און די נארוועגיער; די האלענדער און די בורען; די עגיפטער, די אראבער און מאראקאנער; די טערקען און די טאטערען. אגב לאמיר באמערקען, אז דער דיאלעקט פון די פאלעסטינער פעלאכען אונטערשיידט זיך באדייטענד פון דעם דיאלעקט אין אראביען, וואו מען מאכט זאגאר חוזק פון דעם פעלאכישען לשון.

לעסטינא וועט זיך אפרייסען פון טערקיי און וועט ווערען א פאליטיש־אויטאנאמע טעריטאריע. און אין די אלגעמיינע שטריכען וועט די דערגרייכונג פון דער אידישער טעריטאריאלער אויטאנאמיע אין פאלעסטינא זיך צונויפפאלען מיט יענע היסטארישע ערשיינונגען, וואס מיר האבען אויבען באשריבען.

עס וועלען אבער דערביי אויך זיין וויכטיגע אונטערשיידען. ביז איצט איז דאס אפפאלען פון טערקישע פראווינצען פארגעקומען מיט דער הילף פון א רייןנאציאנאלען קאמף, אין אוואנגארד פון וועלכען עס איז געשטאנען די בורזשואזיע. און די *רעאליזירונג פון דער טעריטאריאלער פאליטישער אויטאנאמיע אין פאלעסטינא וועט פארקומען, הויפטזעכליך, מיט דער הילף פון קלאסען־קאמף, און אין אוואנגארד פון דער באפרייאונגס־באוועגונג וועט זיך געפינען דער פראלעטאריאט.*

די אידישע אימיגראציע אין פאלעסטינא אנטהאלט אלע באדינגונגען פאר'ן שארפסטען קאמף צווישען ארבייט און קאפיטאל אין לאנד.ביידע עלעמענטען — די אידישע ארבייטער און די אידישע אונטערנעמער — האבען אין גלות באקומען א גרינדליכע פאליטישע דערציהונג און זיי ברענגען מיט זיך מיט אין פאלעסטינא די שטענדיגע אנטאגאניזמען פון'ם גלות. עס איז דורכאויס פאלש די מיינונג, אז די אידישע ארבייטער קענען אין פאלעסטינא ווערען בעלי הבתים און די בעלי הבתים קענען ווערען ארבייטער. אז דער מיינונג האלטען זיך פיל געגנער פון דער אידישער סאציאל־דעמאקראטיע. די גרויסע מערהייט פון די אידישע פראלעטאריער וועלען בלייבען פראלעטאריער, כאטש פיל אונטערנעמער וועלען, נאטירליך, איבערגעהן אין פראלעטארישען קלאס. אזוי ווי דער ציוניזם איז ניט קיין קינסטליכער עקספערימענט, נאר א סטיכישער פראצעס, קענען די ציוניסטישע אינסטיטוציעס קיין מאל ניט ווע־

רען וואָלטעטיגע אנשטאַלטען. עס איז זעהר צווייפעלהאַפט, אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט קענען איין א באַדייטענדער מאַס ארויסגעבען די עמיגראַנטען סובסידיעס אויף איבערצופאָרען נאָך פּאַלעסטינאַ און זיך דאָרט באַזעצען. און אין אַזא פאַל איז די אויסזיכט צו מאַכען די פּראָלעטאַריער פאַר זעלבסטשטענדיגע בעלי הבתים ניט מער ווי א בויך־סברה.

דער אידישער ארבייטער וועט אַרויספאָרען נאָך פּאַלעסטינאַ און וועט אהין אָנקומען אָהן געלט־מיטלען און וועט דעריבער בלייבען אַן ארבייטער. עס וועט זיך ענדערען זיין באַשעפטיגונג (דער שניידער אָדער פּריקאַזטשיק, לאָמיר זאָגען, וועט זיך פאַרדינגען צו ארבייטען אויף די פעלדער אָדער גערטנער); עס וועט זיך אָבער ניט ענדערען זיין קלאַסען־פּאָזיציע. דער אידישער אונטערנעמער וועט ברענגען אין פּאַלעסטינאַ א קאַפּיטאַל און דעריבער וועט ער בלייבען א קאַפּיטאַליסט. און ווידער דאָס זעלבע: ער וועט בייטען זיין פּראָפעסיע, אָבער ניט זיין קלאַסען־פּאָזיציע.

ווען דער אידישער ארבייטער קומט אין פּאַלעסטינאַ, ברענגט ער אהין מיט זיך זיין פּראָלעטאַרישע, רעוואָלוציאָנערע קלאַסען־זעלבסט־באַוואוסטזיין און זיין ערפאַרונג אין קלאַסען־קאַמף; מיט ערפאַרונג איז באַזאָרגט אויך דער אידישער אונטערנעמער, וואָס קומט זיך באַזעצען אין פּאַלעסטינאַ. די עקספּלואַטאַציע, וואָס דער אידישער ארבייטער פילט אין די ענגע ווערקשטאַטען אין גלות, וועט זיך נאָך מער פאַרשאַרפען אין פּאַלעסטינאַ, ווייל די קאַפּיטאַליסטען וועלען זיך דאָ דאַרפען צופּאַסען צו נייע באַדינגונגען און בייקומען די רייבונג פון די שטאַרק צוריקגעשטאַנענע פּאָליטישע פאָרמען. דאָס, וואָס די אידישע פּראָדוקציע וועט זיך איבערטראָגען נענטער צו זיינע אָנפאַנג־סטאַדיען, וועט פאַר'ן אידישען ארבייטער שאַפען א ברייטערע און באַקוועמערע אַרענאַ פון קלאַסען־

קאַמף, וועט פאַרבעסערען זיין סטראַטעגישע באַזע און וועט אין דעם קאַמף אריינגיסען א נייע, א מער פרוכטבארע ענערגיע.

שוין ביים סאַמע אָנהויב פון דער סטיכישער אימיגראַציע אין פּאַלעסטינא וועט זיך דאָרט צופלאַקערען א פאַר׳עקשנ׳טער קאַמף צווישען דער אידישער ארבייט און דעם אידישען קאַפּיטאַל, און דער קאַמף וועט אָנגעהן אויף אַלע פראָנטען — אי אין די עקאָנאָמישע, אי אין די קולטורעלע און פּאָליטישע פאָדערונגען. שוין איצט אָרגאַניזירט זיך אין פּאַלעסטינא די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבייטער־פּאַרטיי פועלי ציון; שוין איצט איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט (פאָרלויפיג נאָך ניט זיין זעהר צאָלרייכער) אין א שאַרפען קאָנפליקט מיט די בעלי הבתים אויף דעם רעליגיעז־קולטורעלען באָדען*); שוין היינטיגען יאָר**) האָבען די פועלי ציון געפייערט אין פּאַלעסטינא דעם ערשטען מאי און האָבען זיך, אויף אַזא אופן, אָנגעשלאָסען אַן דער אינטערנאַציאָנאַלער משפחה פון׳ם ארבייטער־קלאַס; שוין איצט פירען די פועלי ציון אַן עקאָנאָמישען קאַמף אין פּאַלעסטינא.

פונקט ווי עס איז אומפאַרמיידליך דער קלאַסען־קאַמף צווישען דער סטיכיש־עמיגרירענדער אידישער ארבייט און קאַפּיטאַל אין פּאַלעסטינא, פונקט אַזוי איז אומפאַרמיידליך די אריינמישונג פון דער טערקישער רעגירונג אין דעם דאָזיגען קאַמף, און פונקט אַזוי איז אומפאַרמיידליך דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון׳ם אידישען פּראָלעטאַריאַט געגען דער טערקישער רעגירונג. די טערקישע ביוראָקראַטיע וועט אין אָנהויב זיך שטעלען אויף דער זייט פון די בעלי הבתים געגען די אַרבייטער, אָבער די אַפּטרופּסות וועט נאָר אין

*) אין פּסח תקות.

**) אין יאָר 1905.

ליכען ווערען אומערטרעגליך פאר די בעלי הבתים גופא און וועט ביי זיי פארהאסט ווערען. די אידישע בורזשואזיע אין פאַלעסטינאַ וועט זיך געפינען אין דערזעלבער אומאנטשידענער לאגע, אין וועל־כער זי האט זיך געפונען אין גלות. אבער די גראד־ליניגע טערקישע ביוראקראטיע, וואס וועט זיך באוואפענען געגען דעם אידישען פּראָ־לעטאריאט, וועט מיט דער צייט אנגורטען איהרע לענדען געגען דער גאנצער אידישען באפעלקערונג. וואס ברייטער עס וועט ווערען די אידישע איינוואנדערונג נאך פאַלעסטינאַ און וואס ברייטערע קריי־זען פון דער פעלאכישער באפעלקערונג עס וועלען אריין אין דער ספערע פון דער אידישער עקאנאמישער און פאָליטישער ווירקונג, אלץ פון גרעסערער באדייטונג וועט ווערען דער קאמף פון׳ם אידי־שען פּראָלעטאריאט אין פארבינדונג מיט אנדערע אונטערדריקטע עלעמענטען געגען דער טערקישער רעגירונג.

אין דער דאזיגען קאמף זיינעם וועט דער פאַלעסטינער פּראָלע־טאריאט ניט בלייבען אליין. צו הילף וועט איהם קומען די אידישע באפעלקערונג אין גלות, וועלכע וועט, צוליב איהר עמיגראציאָנס־באדערפניש, זיין בלוטיג פאראינטערעסירט, אז דאס לעבען אין פאַלעסטינאַ זאל זיין וואס רוהיגער און וואס פרייער. די גרעסטע און אקטיווסטע שטיצע וועט דער קעמפענדער פאַלעסטינער פּראָ־לעטאריאט באקומען פון די אידישע ארבייטער אין גלות, וואס וועלען זיין ארגאניזירט אונטער דער פּועלי־ציוניסטישער פאן. און די פּארטיי פּועלי ציון וועט אין יענער צייט זיין אז איינפלוסרייכע און די איינציגע פּראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערע פּארטיי פון׳ם פּראָ־לעטאריאט אי אין פאַלעסטינאַ, אי אין גלות. מאראלע שטיצע וועט געבען אויך דער אינטערנאציאָנאלער פּראָלעטאריאט, הויפּט־זעכליך נאך ווייל די אידישע סאציאל־דעמאקראטיע (פּועלי־ציון) וועט אהן גרוים מיה באקומען די מעגליכקייט אנטייל צו נעמען אין דעם אינטערנאציאָנאלען סאציאליסטישען קאנגרעס און וויר־קען אויף איהם: ערשטענס, אלס באזונדערע נ א צ י אָ נ א ל ע ארגאניזאציע; צווייטענס, אלס סאציאליסטישע פּארטיי פון א ניי־

עס לאַנד (פּאַלעסטינאַ). וואָס דעמאָקראַטישער עס וועלען זיין די לעבענס־פֿאָרמען אין גלות, וואָס פולער עס וועלען זיין אין גלות די אידישע רעכט, אַלץ אַ גרעסערע שטיצע וועט דער קעמפּפענדער פּאַלעסטינער אַרבייטער־קלאַס באַקומען פון זיינע קלאַסען־ברידער און פאָלקס־ברידער אין גלות.

אָבער די גרעסטע קראַפט, אויף וועלכער דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין פּאַלעסטינאַ וועט זיך שטיצען אין זיין קאַמף געגען דער טערקישער רעגירונג, וועט זיין די טאָפּעלטע אינטערנאַציאָנאַלע פּאַר־אינטערעסירטקייט: ערשטענס, אין דער ראַדיקאַלער לעזונג פון דער אידישער פּראַגע בכלל; צווייטענס, אין דער איינאָרדנונג פון'ם פּאָליטישען לעבען אין פּאַלעסטינאַ. וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַראינטערעסירטקייט אין דער לעזונג פון דער אידישער פראגע בכלל האָבען מיר שוין גערעדט. אָבער די מעכט, וואָס אָפּערירען אויף'ן וועלט־מאַרק, זיינען נאָך מער פאַראינטערעסירט, אַז עס זאָל הערשען שלום און אָרדנונג אין נאָהענטען מזרח בכלל און אין פּאַלעסטינאַ בפרט — אין פּאַלעסטינאַ אפשר נאָך מער ווי אומעטום. נאָך דער אריינמישונג פון דער טערקישער אדמיניסטראַציע אין'ם קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט אין פּאַלעסטינאַ, נאָך די רעפּרעסיעס פון דער טערקישער רעגירונג נעגען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט און געגען דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג וועט אומפאַרמיידליך קומען אַז אינטערנאַציאָנאַלע אריינמישונג צו רעגולירען די אַנגעלעגענהייטען אין פּאַלעסטינאַ. די דאָזיגע אינטערנאַציאָנאַלע אַריינמישונג וועט ווערען אַלץ ענערגישער אין דערזעלבער מאָס, ווי עס ווערט, פון איין זייט, פאַרשטאַרקט ווערען די פאַראינטערעסירטקייט פון די ציוויליזירטע פעלקער אין דער לעזונג פון דער אידישער פּראַגע בכלל

און ווי עס וועט, פון דער צווייטער זייט, זיך צוואוואקסען די רע־וואלוציע אין פאלעסטינא.*)

אין אנהויב וועט די אריינמישונג פון די גרויסמעכט אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון פאלעסטינא ניט זיין גינסטיג פאר דעם אידישען פראלעטאריאט. די רעוואלוציע אין פאלעסטינא וועט געפירט ווערען אונטער דער פאן פון דער סאציאל־דעמא־קראטיע, און די הויפט ראלע צווישען די מעכט, וואס וועלען זיך אריינמישען אין פאלעסטינא, וועלען שפילען בורזשואזע רעגירונגען.

מיט דער צייט אבער וועלען די אונאויפהערליכע רייבונגען און צוזאמענשטויסען אין פאלעסטינא צווינגען די בורזשואזע רעגירונגען פון איירעפא איינצוגעהן אויף דעמאקראטישע רעפארמען אין פאלעסטינא. דער קלאסען־קאמף פון'ם אידישען פראלעטאריאט, וואס וועט אין אנהויב זיין געווענדעט געגען דעם אידישען קאפיטאל און שפעטער געגען דער טערקישער רעגירונג, וועט צום סוף אינ־דירעקט זיך ווענדען געגען דער אלוועלטליכער בורזשואזיע. און דער רעזולטאט וועט זיין, אז, כדי צו זיכערען די רוה אין פאלעסטינא, וועט די אלוועלטליכע בורזשואזיע נאכגעבען די פאליטישע און נא־ציאנאלע פאדערונגען פון'ם אידישען פראלעטאריאט.

אין די דאזיגע אלע פראצעסען וועט אויך אנטייל נעמען די אי־דישע בורזשואזיע, וועלכע איז אויך פאראינטערעסירט אין דעם

*) אגב דארף באמערקט ווערען, אז אם מייסטען פאראינטערעסיט אין דער לעזונג פון דער אידישער פראגע איז רוסלאנד, און רוסלאנד וועט אויך שפילען א זעהר אנגעזעהנע ראלע אין דעם נאהענטען מזרח. בכלל דארף מען קיין מאל ניט פארגעסען, אז רוסלאנד וועט זיין זעהר אייב־פלוסרייך אין בויען די אידישע צוקונפט. דאס לאזען תמיד אויס פון אויג יענע, וואס נעמען אן, אז די „גאולה", אין דער פארם פון א טשארטער, וועט קומען פון ענגלאנד — פון א גרויסמאכט, וואס איז ווייניגער פון אנדערע פאראינטערעסיט אין דעם.

ענדליכען זיג פון די נאציאָנאַלע פאָדערונגען פון'ם אידישען פּראָ־לעטאריאט — אין דער באפרייאונג פון פאלעסטינא פון'ם טער־קישען יאָך. זי וועט אָבער שטענדיג אנטייל נעמען מיט איהר כאַ־ראַקטעריסטישער אומענטשלאָסענהייט, מיט מורא פאר א געפער־ליכען שריט, איבערלאָזענדיג דעם פּראָלעטאַראַט אליין אין די קרי־טישע מאָמענטען און שטענדיג שטרעבענדיג אויסצונוצען אין גאנצען פאר זיך די פרוכט פון קאַמף און פון די קרבנות פון'ם אר־בייטער־קלאַס.

און א דאנק דעם קלאסען־קאמף פון'ם אידישען פּראָלעטאריאט און מיט דער הילף פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אריינמישונג, וואָס וועט קומען צוליב דעם דאָזיגען קאַמף, וועט דער רעזולטאַט זיין, אז פאלעסטינא וועט באקומען פּאָליטישע אויטאָנאָמיע.

די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פירט צו דער פאַרווירקליכונג פון דער טערי־טאָריאַלער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאר דעם אידישען פאָלק דורך'ן קלאסען־קאמף פון'ם אידישען פּראָלעטאריאט.

ט.

דערמיט, וואָס דער פּראָלעטאָרישער ציוניזם האָט זיך אוועק־געשטעלט אויף'ן שטאנדפּונקט פון א סטיכישער זיך־קאָנצענטרירענדער אידישער אימגראציע נאָך פּאָלעסטינא, האָט ער זיך פאָלשטענדיג אָפּגעטריי־סעלט פון די פריהעריגע אוטאָפּיסטישע באַגריפען וועגען דער פאר־ווירקליכונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע.

צום אלעם ערשטען האָט זיך דער פאלעסטיניזם געשטעלט העכער פון יענער מאָס, מיט וועלכער די אוטאָפּיסטען טרעטען צו צו פאלעסטינא. מען אונטערשיידט געוועהנליך א פּרינציפּ־יעלען פאלעסטיניזם און א פּראַקטישען. מיר זאָגען ניט, אז מיר ווילען האָבען פאלעסטינא, ווייל זי איז אונז

**טיער**, אָדער צוליב די היסטאָרישע ערינערונגען, אָדער ווייל זי איז **פאסיג** פאר קאָלאָניזאַציע. ביי אייניגע פון אונז קען זי זיין הייליג, אלס אונזער פאַרצייטיג פאַטערלאנד. ביי אַנדערע קען אויסקומען, אז זי איז פאַסיג, ווייל די רייזע אהין קאָסט ביליגער ווי די רייזע נאָך אַרגענטינאַ אָדער אוגאנדא. אייניגע קענען דענקען, אַז די אידעאָלאָגיע פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג שליסט איין אויך די ליבע צו פאַלעסטינאַ; אנדערע, ווידער, קענען דענקען, אז דער ציוניזם ווערט געלייטעט פון ריין־פראַקטישע אויסרעכנונגען. אָט די אלע מיינונגס־פארשידענהייטען האבען גאָר ניט צו טאָן מיט דעם **פראָגנאָז** און מיט דער **היסטאָרישער נויטווענדיגקייט** — האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער איינציגער זאַך, וואָס אינטערעסירט אונז, ווען עס האנדעלט זיך וועגען א **פראָגראם** **פון** **א** **פאָליטישער** **פארטיי**.

אונזער פאלעסטיניזם איז ניט קיין פרינציפיעלער, ווייל ער איז לחלוטין ניט פארבונדען מיט אלטע טראדיציעס. אונזער פאלעסטיניזם איז ניט קיין פראַקטישער, ווייל אין אונזער פראָגנאָז איז ניטאַ קיין טעריטאָריע בכלל, איידער עס איז דאָ פאלעסטינא. דער געדאנקען־גאנג פון די פראַקטישע אַנהענגער פון פאלעסטינא איז אזא: א טעריטאָריע בכלל; פאלעסטינא איז א מעגליכע און די בעסטע טעריטאָריע; פאָלגליך: פאלעסטינא. אונזער געדאנקען־גאָנג, ווידער איז אזא: עמיגראַציאָנס־פּראָצעסען אין דער אידישער דינאמיק; פאלעסטינא — דער צוקונפטיגער צענטר פון דער סטיכישער אימיגראציע; פאָלגליך: טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע אין פאלעסטינא. די פראַקטישע אַנהענגער פון פאלעסטינאַ באהויפּטען, אז פרינציפיעל זיינען זיי טעריטאָריאליסטען און קאָנקרעט — פאר פאלעסטינא. ביי אונז, ווידער, ווערט דער פרינציפיעלער טעריטאָריאַליזם ניט אָפּגעטיילט פון׳ם קאָנקרעטען, ווייל די קאָנצענטרירטע אידישע אימיגראציע וועט זיך ריכטען ניט סתם נאָך א טעריטאָריע, נאָר נאָך פאלעסטינא. מיר זאָגען ניט, אז פאלעסטינא איז

די בעסטע אָדער איינציגע טעריטאָריע; מיר ווייזען אָן, אז פאַלעסטינא איז די טעריטאָריע, וואו עס וועט ערשט ווערען טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. אונזער פאַלעסטיניזם איז ניט קיין פּרינציפּיעלער און ניט קיין פּראַקטישער, נאָר אַ פּראָגנאָסטישער.

דערמיט אַליין האָבען מיר ליקווידירט „דאָס זוכען און אויסקלייבען אַ טעריטאָריע". די דאָזיגע אויפגאַבע האָבען מיר איבערגעלאָזט צו די סטיכישע פּראָצעסען פון דער אידישער וואַנדערונג. אונזער אויפגאַבע איז ניט צו באַקומען אַ טעריטאָריע, נאָר צו באַקומען טעריטאָריאַלע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אין פאַלעסטינא. מיר דענקען ניט, ווי איינציגע פון די מער ניכטער־דענקענדע ס. ס., אז מיר מוזען וואַרטען און זעהן, וואוהין עס וועט געהן די אידישע סטיכישע אימיגראַציע און ערשט נאָכדעם וועלען מיר האָבען דאָס רעכט צו רעדען וועגען אַ קאָנקרעטער טעריטאָריע. פאַרקערט, מיר ערקלערען: אזוי לאַנג, ווי אונז איז אומבאַקאַנט, וואו עס וועט זיך קאָנצענטרירען די סטיכישע אימיגראַציע, ווייסען מיר אויך ניט, אויב זי וועט זיך בכלל וואו־ניט־איז קאָנצענטרירען*) און מיר אַנערקענען נאָר, אז אַזאַ קאָנצענטראַציע אין איין אָרט איז ווינשענסווערט. דאָס הייסט, מיר אַנערקענען איהר סוּבּיעקטיווע נויטווענדיגקייט, מיר האָבען אָבער נאָך ניט קיין היסטאָרישע נויטווענדיגקייט. דעם אַבסטראַקטען טעריטאָריאַליזם באַטראַכטען מיר פאַר אַן אוטאָפּיע, וואָס האָט אין בעסטען פאַל צו טאָן מיט עקספּערימענטען און פּראָיעקטען, אָבער ניט מיט פּראָגראַמען. היסטאָרישע נויטווענדיגקייט איז קיין מאָל ניט אַבסטראַקט; זי איז תמיד קאָנקרעט.

*) זיך קאָנצענטרירען — אין איין פּלאַץ, וואָרים ביז איצט האָט זיך די אידישע אימיגראַציע קאָנצענטרירט אין פאַרשידענע פּלעצער: די קאָנצענטראַציע גופא האָט זיך דעצענטראַליזירט.

ערשט דעמאלט, ווען עס איז שוין פאראן א טעריטאריע, קענען מיר רעדען וועגען די פאליטישע אויפגאבען אויף דער טעריטאריע. פריהער פאר אלעמען קומט די טעריטאריע און די קאנצענטרירטע אימיגראציע און נאכדעם ערשטע טעריטאריאלע אויטאנאמיע אלס רעזולטאט פון קלאסען־קאמף אויף דער טעריטאריע. ביי די אוטא־פיסטען קומט אויס פונקט פארקערט: פריהער קומען די פולע רעכט־גאראנטיען און שפעטער ערשט קאלאניזאציע און סטיכישע אי־מיגראציע; פריהער, הייסט עס, דאס פאפירעל און נאכדעם רעא־ליטעט; פריהער טעריטאריאלע אויטאנאמיע און נאכדעם א טע־ריטאריע. די ס. ס. האבען פאר דער לעצטער צייט בכלל אנגעהויבען פראקטישער זיך צו באציהען צו דעם פונקט, אבער די סיימיסטען בלייבען נאך אלץ פאר'עקשנ'ט ביי זייער טראדיציאנעלען אבער־גלויבען פון'ם „טשארטיזם".

אין דערזעלבער צייט פארנעמען ניט ביי אונז דעם אויבען־אן די דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען, וועלכע זיינען ביי די ס. ס. און ביי די סיימיסטען נאך אלץ די סאמע זיילען פון רעאליזירונג. לויט זייערע באגריפען, איז אהן דיפלאמאטיע אוממעגליך צו „קריגען א טעריטאריע", עס מאכט ניט אויס, וואס פאר א קליינעם אנטייל די דיפלאמאטיע זאל ניט נעמען אין דער רעאליזירונג. אויב מען וועט אונז ניט „געבען" קיין טעריטאריע, וועט קיין טעריטאריע ניט זיין. און כדי מען זאל זי אונז „געבען", דארף מען זיך משתדל זיין. דאס אלץ ווערט באפוצט מיט א פראכטפולער גירלאנדע פון פרא־זען וועגען „קאמף פאר טעריטאריאלער אויטאנאמיע", וועגען „פרא־לעטאריאט", וועגען העלדישקייט און אידעאל און ענליכע גוטע זא־כען; אין אמת'ען אבער האנדעלט עס זיך פשוט וועגען דעם, וואס מען וועט אונז „געבען" א טעריטאריע. מיר שליסען אויס דעם פרינ־ציפ פון האנדעל דארט, וואו עס קומט פאר א רעוואלוציע. **דער טעריטאריאליזם איז א דעמאקראטישע רע־וואלוציע אין'ם אידישען לעבען. אין דער עפאכע פון עקספלואטאציע און קאנ־**

קורענץ וועררען רעוואָלוציעס געמאכט ניט מיט חשבונות און דיפּלאָמאטיע, נאָר מיט א קאמף פון כחות. די דיפּלאָמאטיע האָט א ווערט נאָר דאָרט, וואו מען וואָלט אלץ געקענט טאָן אויך אָהן איהר; אין אזא פאל פארגרינגערט נאָר די דיפּלאָמאטיע דעם פעסט באשטימטען גאנג פון די פאסירונגען.

די סטיכישע פּראָצעסען פון דער אידישער דינאמיק פאָרמירען זיך אזוי, אז מיר וועלען מיט כח נעמען פּאלעסטינא, אז מיר וועלען אין איהר ערא‍ָבערען טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע פאר׳ן אידישען פאָלק. עס וועט זיך דאָ מסתמא אויך אריינמישען די דיפּלאָמאטיע; אָבער אלץ קען פון אָנהויב ביז׳ן סוף זיך באגעהן אויך אָהן איהר.

חוץ לזה, וועט די דיפּלאָמאטיע, וועגען וועלכער עס קען זיך האנדלען ביי דער פארווירקליכונג פון דער טעריטאָריאלער אויטאָנאָמיע, האָבען צו טאָן נאָר מיט אינטערנאציאָנאלער פאראינטערעסירטקייט. די פּאָרשטעלונג וועגען א טשארטער, וועלכען מען דארף קריגען פון איינער פון די ציוויליזירטע לענדער, איז אין ווידערשפּרוך מיט׳ן אויסגאנג־פּרינציפּ פון דער טעריטאָריאליסטישער טעאָריע, אז איינע פון די וויכטיגסטע אויסערליכע כחות, וואָס טרייבט צו דער פארווירקליכונג פון׳ם טעריטאָריאליזם, איז די אינטערנאציאָנאלע פאראינטערעסירטקייט אין דער ראדיקאלער לעזונג פון דער אידישער פראגע. די דאָזיגע פאראינטערעסירטקייט שטאמט פון דעם שאָדען, וואָס די אידישע פראגע ברענגט אלע ארומיגע פעלקער און אלע קלאסען פון די פעלקער; בעת צו קריגען דורך דיפּלאָמאטיע א טשארטער פון וועלכער ניט איז איינציגער מלוכה איז מעגליך נאָר אויף׳ן גרונד, אז די אידישע קאָלאָניזאציע וועט ברענגען נוצען דער גרויס־בורזשואזיע פון איין פאָלק (למשל, פון ענגלישען). אויף אזא אופן ווישט דער טשארטער אָפּ די לעצטע שפּורען פון היסטאָרישער נויטווענדיגקייט און

לאגישער קאנסעקווענץ און ברענגט אריין אן עלעמענט פון פשוט'־סטער צופעליגקייט. דער אבסטראקטער טעריטאריאליזם איז געבויט אויף'ן אנאליז פון דער אידישער ווירקליכקייט, אבער דאס באקומען א קאנקרעטע טעריטאריע ווערט שוין א זאך פון צופעליגע קאמבינאציעס. דער אוטאפיזם פארוואנדעלט זיך אין אוואנטיוריזם. די ס. ס. פילען די שווערע לאסט פון דעם דאזיגען אוואנטיוריזם, אבער די סיימיסטען צאצקען זיך מיט איהם; לויט זייער באהויפטונג, איז דער טשארטער די איינציגע ווערטפולע ירושה פון'ם פאליטישען ציוניזם.

נאך עלענדער זעהט אויס דער דאזיגער אוואנטיוריזם, ווען עס איז די רעדע וועגען באקומען די טעריטאריע באלד. און דאס איז די האפנונג פון די בורזשואזע טעריטאריאליסטען, וועלכע האבען בטחון אין דער דיפלאמאטיע פון זאנגוויל עט קא. אויסגעפייניגט אונטער'ן אומדערטרעגליכען נאציאנאלען דרוק און באזונדערס אין דעם אוממענשליכען שרעק פאר פאגראמען, זוכט די אידישע קליין־בורזשואזיע א טרייסט אין די טרוימען וועגען א טשארטער און וועגען דער רעטענדער דיפלאמאטיע. אויף דער פאדערונג באלד אנצוהויבען רעאלע ארבייט אין פאלעסטינא ענטפערען זיי ניט זעלטען מיט דער נאאיווער טענה: „און וואס וועט זיין, אז אין דער צייט וועט אונז וועלכע ניט איז ציוויליזירטע מלוכה געבען א טעריטאריע?“ דער בעסטער ענטפער אויף דער פראגע איז: „און ווער וועט אייך די טעריטאריע געבען — א מיניסטער אדער פארלאמענט, דיפלאמאטען אדער א פאלק?“

די, וואס קומען מיט דער ערשטער פראגע, פארגעסען אריינצונעמען אין חשבון די דעמאקראטיזאציע פון דער מאדערנער געזעלשאפט. אויב טשעמבערליין וועט אונז „געבען“ אוגאנדא, איז עס אן אילוזיע, ווארים וועגען אזא וויכטיגען שריט דארף מען זיך אנפרעגען ביים פאלק.*)

*) אין ענגלאנד האט דער קעניג דאס רעכט ארויסצוגעבען א טשאר־

און דאָ קומט שוין אוים זיך צו רעכענען מיט דריי אומשטענ־
דען. ערשטענס, קען מען פארהאנדלונגען מיט א גאנצען פאָלק שוין
ניט פירען אין געהיים און, פאָלגליך, האָט דאָ די דיפּלאָמאטיע ניט
וואָס צו טאָן. צווייטענס, איידער א פאָלק ווערט דורכגעדרונגען
מיט'ן באוואוסטזיין, אז דאָס, וואָס מען שלאָגט איהם פאָר, לוינט
זיך איהם, איז פריהער נויטיג פאר א לאנגער צייט אָנצופירען א
פאר'עקשנ'טע פּראָפּאגאנדא און אגיטאציע אין דער פּרעסע, אויף
מיטינגען — בכלל, צווישען פאָלק. אָבער דאָס מיינט צוצוציהען די
אויפמערקזאמקייט פון אלע פאראינטערעסירטע פעלקער, און דאָ
ווערט שוין אומפארמיידליך אן אינטערנאציאָנאלער אנטייל אין דער
לעזונג פון דער פראגע. דריטענס, ווען די פראגע וועט באהאנדעלט
ווערען פון'ם גאנצען פאָלק, וועט ארויסשווימען א פארשידענהייט
און פיינדליכקייט פון אינטערעסען; די דיפערענצירונג פון דער
ציוויליזירטער געזעלשאפט וועט זיך אומפארמיידליך ארויסווייזען
אין דער פארשידענהייט פון די בליקען אויף דער אידישער פראגע.
די אידען זיינען מער פון די ענגלענדער פאראינטערעסירט אין דער
טעריטאָריאלער לעזונג פון דער אידישער פראגע און דאָך האָט נאָך
ביז איצט וויים ניט דער גאנצער אידישער פּראָלעטאריאט צוגע־
שטימט צו דער דאָזיגער לעזונג, ניט קוקענדיג אויף אלע ערשיטע־
רענדע לעקציעס פון לעבען און פון דער געשיכטע. דערפון, וואָס די
מיטגלידער פון ימ"א אָדער די ס. ס. אנערקענען די נויטיגקייט פון
א טעריטאָריע פאר אידען, פאָלגט נאָך בשום אופן ניט, אז אויך אלע
ענגלענדער וועלען באלד צושטימען דערצו. איידער די ענגלענדער
וועלען באשליסען, אויב מען קען די אידען אָפּטרעטען איינע פון

מער, זיך ניט אָנפרעגענדיג ביים פארלאמענט, אָבער דאָס האָט זיך נאָר
געפירט ביז איצט, ווען די טשארטערס האָט מען ארויסגעגעבען צו ע נ ג ־
ל י ש ע געזעלשאפטען. אין אונזער פאל אָבער האנדעלט עס זיך וועגען
דעם, מען זאָל אוועקגעבען א קאָלאָניע צו א פ ר ע מ ד ע ן פ אָ ל ק.
אזא האנדלונג מצד דעם קאָלאָניאל־מיניסטער קען נאָר ארויסרופען ענט־
ריסטונג ביים ענגלישען פאָלק.

זייערע קאָלאָניאַלע באַזיצונגען, וועלען זיי מוזען אין אַלגעמיין אַוועקשטעלען די אידישע פראַגע. אין דער אידישער פראַגע, פונקט ווי אין יעדער פראַגע, וועלען זיך די ענגלענדער צוטיילען אין פּאַר־טייען: עס וועלען זיין אַנטיסעמיטען און זיי וועלען אַרויסטרעטען געגען וועלכער ניט איז גינסטיגער לעזונג; עס וועלען זיין פּאַטריאָ־טען, וואָס וועלען זיין געגען דעם, מען זאָל וועמען עס איז אַוועק־געבען אַ טייל פון זייערע באַזיצונגען; עס וועלען זיין אַסימילאַ־טאָרען, אויטאָנאָמיסטען, פּאַלעסטינאָפילען, אוגאַנדיסטען, קאַנאַ־דיסטען און אַזוי ווייטער. און ווער ווייסט, וועלכע פּאַרטיי וועט זיגען? יעדענפאַלס, ווען מען זאָל אפילו אָננעמען, אַז מען וועט אונז שוין „געבען“ אַ טעריטאָריע, וועלען מיר נאָך אַלץ האַלטען זעהר ווייט פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע. מיט איין וואָרט, דער אוטאָפּיזם פון׳ם טשאַרטיזם באַשטעהט אין דעם, וואָס ער לאָזט אויס פון אויג די דעמאָקראַטיזאַציע און די דיי־פערענציאַציע פון דער געזעלשאַפט. אין דער הינזיכט זיינען די סיי־מיסטען, למשל, אין זייערע פּאָליטישע באַגריפען ניט אַוועק ווייטער פון די געוועהנליכע בית־המדרש פּאָליטיקער.

אונזער באַגריף וועגען דער רעאַליזירונג פון דער טעריטאָריאַ־לער אויטאָנאָמיע שליסט אין זיך איין ניט קיין פּשוט׳ע פּאַראַינ־טערעסירטקייט פון די אַרומיגע פעלקער; אונזער אַנאַליז ברענגט צום שלום, אַז די ציוויליזירטע פעלקער וועלען זיין געצוואונגען ראַדיקאַל און דעמאָקראַטיש צו לעזען די אידישע פראַגע אין פּאַלעסטינאַ. דער דאָזיגער מאָמענט פון געצוואונגענ־קייט איז דער איינציגער, אויף וועלכען עס קען זיך באַזירען רעאַלע פּאָליטיק.

די טשאַרטיסטען, ווידער, באַגרינדען די רעאַליזירונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אויף נוצען און אויסרעכ־נונג און פאַרגעסען אַז דעם רעוואָלוציאָנערען תוך פון׳ם טערי־טאָריאַליזם. פריהער דאַרף אויף וועלכער ניט איז טעריטאָריע גע־באָרען ווערען און פאַרשאַרפט ווערען די אידישע פראַגע און נאָכדעם

ערשט וועלען די מעכט זיין געצוואונגען זי צו לעזען אויף א דעמאָ־
קראַטישען אופן.

דער טשארטיזם איז אויך דערפאר אוטאָפּיסטיש, ווייל ער גיהט
איין אויף אזא לעזונג פון דער אידישער פראגע, וואָס קען סאָציאַל
דורכגעפירט ווערען רוהיג און אָהן ליידען. מען נעמט אָן, אז עס
וועט אויסקומען בייצוקומען קלימאטישע שטערונגען, אז מען וועט
דארפען קעמפּען מיט ווילדע חיות, מיט גיפטיגע אינזעקטען און
אפשר אויך מיט ווילדע מענשען; אין דער פאָרשטעלונג פון די אור־
טאָפּיסטען פעלט אָבער לחלוטין דער סאָציאַלער קאמף, דער קאמף
פון קלאסען און נאַציאָנען, וואָס זאָל אָנגעהן ביז דער פאָלשטענדי־
גער פארווירקליכונג פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע; דער
טשאַרטער איז איינער פון די פאָרמען פון דער אוטאָפּיסטישער
רעאַליזירונג אָהן וועהטאָגען; דער סיים איז א צווייטע פאָרם פון
דערזעלבער אוטאָפּיע, א צווייטער פארזוך אויף א רוהיגען, פריד־
ליכען אופן צו פארווירקליכען די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. אי
ביי די ס. ס., אי ביי די סיימיסטען ענדיגט זיך דער קלאסען־קאמף,
אלס וועג צום טעריטאָריאַליזם, אויפ'ן דעק
פון דער דאמף־שיף. ווען די קלאסען וועלען ווידער פארלאזען
די שיפען, וועלען זיי נאָך אפשר קעמפען צווישען זיך אויף דער
טעריטאָריע, אָבער דאס וועט זיין א זאך פאר־זיך; דער טערי־
טאָריאַליזם וועט פארווירקליכט ווערען אונאָפּהענגיג פון דעם
קאמף — דורך דיפּלאָמאטישע פארהאנדלונגען. ביי די ס. ס. וועט
זיך מיט דער דיפּלאָמאטיע פארנעמען די יט"א, ביי די סיימיסטען
— די אידישע סיימען. אָבער אי ביי די, אי ביי יענע פיהרט
צום טעריטאָריאַליזם די דיפּלאָמאטיע, נים דער קלאסען־קאמף.

אָבער דער סיימיזם איז אזא איינגענאַרטיגער טיפּ פון דער
ציוניסטישער אוטאָפּיע, אז עס איז וויכטיג אויף איהם זיך לענ־
גער אָפּצושטעלען און איהם באלויכטען פון'ם שטאנדפּונקט פון'ם
סטיכישען פּראָצעס.

צום אלעם ערשטען, רעכענען זיך די סיימיסטען אין דער באַ־

גרינדונג פון זייער טעאריע נאר מיט די אינערליכע כחות, מיט די כחות פונ'ם אידישען פאלק און פארגעסען אין גאנצען אן די אויסערליכע. זיי ריידען וועגען דער אידישער אויפלעבונג, וועגען דער אנטוויקלונג פון די פראדוקטיווע כחות פונ'ם אידישען פאלק, און אויך וועגען דעם וואוקס פון דער סאציאלער מחיצה צווישען די אידען און ניט־אידען, וועלכע ווערט אויך פון די סיימיסטען באטראכט נאר פון דער אינוועניגסטער זייט, אלס אנרעגונג פאר אידען זיך צו באפרייען. אבער אז די אויסערליכע באדינגונגען קענען זיין אונגינסטיג פאר'ן טעריטאריאליזם; אז די אידען, קען זיין, זאלען גארניט קריגען אזא טעריטאריע, וואו זיי זאלען זיין זיכער מיט דער נארמאלער אנטוויקלונג פון דער קלאסען־סטרוקטור; אז אויך אויף דער טעריטאריע קענען אידען ליידען פון נאציאנאלער קאנקורענץ און „נאציאנאלער עקספלואטאציע"; אז אויף יעדער טעריטאריע וועט די אידען שטעהן אין וועג די אימיגראציע פון אנדערע פעלקער — אט די אלע ספקות, וואס זיינען פארבונדען מיט די אויסערליכע כחות, עקזיסטירען ניט פאר די סיימיסטען. ווי מיר האבען אויבען געזעהן, רעכענען די סיימיסטען, אז עס איז געזינטער פאר זיי אפצוקומען מיט שוויי־גען אפילו די פראגע וועגען די פאר־באדינגונגען, וואס זיינען נויטיג פאר דער דערגרייכונג פון סיים. אזוי ווי אבער עס איז אוממעגליך זיך אין גאנצען ניט צו רעכענען מיט די אויסערליכע כחות, ברייגען די סיימיסטען זיי אריין אלס קאנטראבאנדע און נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זיי לאזען זיך קלאר פילען. אזוי לאנג ווי עס האנדעלט זיך וועגען דער ווייטער צוקונפט, קען מען נאך איגנארירען די אויסערליכע כחות; ווארים וואס ווייניגער מען טראכט וועגען זיי, אלץ באקוועמער איז צו טרוימען, אלץ א פראכטפולערע פראזעאלאגיע קען מען געברויכען. און די סיימיסטען נעמען אריין אין חשבון די אויסערליכע כחות נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זיי ווירקען אין דעם באשטימטען מאמענט. דעריבער הערשט ביי די סיימיסטען דער מאמענט

איבער דער געשיכטע, די געגענוואַרט איבער דער צוקונפט. אַט פאַרוואָס די סיימיסטען זיינען מאָמענטאַליסטען און אַפּאָרטוניסטען.

מיר, פאַרקערט, שטעהן אויפ'ן באָדען פון סטיכישען פּראָצעס, וואָס אַנטוויקעלט זיך שטופענווייז. און אַנאַליזירענדיג דעם פּראָצעס, רעכענען מיר זיך מיט אַלע כחות, וואָס ווירקען אין איהם — אַי מיט די אינערליכע, אַי מיט די אויסערליכע. אין דערזעלבער צייט באַפרייען מיר זיך פון דער נויטווענדיגקייט צו כאַפּען דעם מאָמענט און מיר פאַרשפּאָרען זיך זאָרגען וועגען די צופעליגע רעזולטאַטען פון דעם אָדער יענעם שריט. אַזוי למשל, איז ביי די בורזשואַזע ציוניסטען, וועלכע האָבען ניט קיין היסטאָרישע פּערספּעקטיווע, שטאַרק פּאָפּולער די אידעע פאַר'ן סולטאַנ'ס פּאַרפּאַלעסטינאַ, און זיי שרעקען זיך שטאַרק פאַר'ן סולטאַנ'ס פּאַרבאָט אריינצופאָרען אין לאַנד. פאַר זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש די קאָנספּיראַטיווע וועגען צו פאַרווירקליכען דעם ציוניזם — וועגען און מיטלען, וועגען וועלכע דער סולטאַן זאָל ניט וויסען; און וועט זיך דער סולטאַן דערוויסען, איז אַלץ פאַרפאַלען. עס איז פאַרשטענדליך, אַז אַזוי ווי מיר אנערקענען די אומפאַרמיידליכקייט פונ'ם סטיכישען פּראָצעס פון אַ זיך־קאָנצענטרירענדער אידישער איינוואַנדערונג נאָך פּאַלעסטינאַ און, פון דער צווייטער זייט, וועט דער אומפּאַרמיידליכער פּראָצעס פון דעמאָקראַטיזאַציע פון די גלות־לענדער, אָהן ספק, פאַר אונז עפענען אַ פרייען וועג נאָך פּאַלעסטינאַ, אַפּגעזעהן פונ'ם סולטאַן — איז ביי אונז אַזאַ אומרוהיגקייט פשוט אומדענקבאַר. ווען מיר זאָלען אויף איין מינוט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז די פאַרווירקליכונג פונ'ם ציוניזם הייננט אָפּ פון סולטאַנען, וואָלט עס געהייסען, אַז מיר זיינען פאַרזונקען אין דער בלאָטע פון אוואַנטיוריזם.

צווייטענס, פאַרנעמט דער טעריטאָריאַליזם ביי די סיימיסטען אַ בכבוד'ען פּלאַץ, דערפאַר אָבער שפּילט ער ביי זיי די ראָל פון אַן אונשולדיגען ווייטען אידעאַל, וועגען וועלכען מען קען נאָר

ריידען. דער טעריטאריאליזם איז ביי זיי נאר היסטאריש פאר־בונדען מיט דער אידישער געגענווארט, אבער קיין פראקטישע פאר־בינדונג צווישען זיי איז ניטא. מיר דארפען ארבייטען נאר דא, און דער טעריטאריאליזם וועט קומען פון־זיך, אלס פרייע פרעמיע. ווען מיר אבער האבען זיך געשטעלט אויפ'ן שטאנדפונקט פון אן אונאויפהערליכען סטיכישען פראצעס, וועלכער הויבט שוין אדער וועט באלד אנהויבען אריבערצוטראגען אונזער לעבען אהין, אויף דער טעריטאריע, איז דער טעריטאריאליזם פאר אונז שוין ניט קיין ווייטער היסטארישער אידעאל, נאר א טאג־טעגליכע, דרינ־גענדע לעבענס־באדערפניש. בכלל אנערקענט ניט דער פראלע־טאריאט קיין היסטארישע אידעאלען, וואס זיינען ניט דירעקט פארבונדען מיט זיינע נויטען. דער סאציאליזם ווערט פארווירק־ליכט יעדע שטונדע, אין יעדען נייעם שריט צו דער קאנצענטרא־ציע פון די פראדוקציאנס־מיטלען. און דאסזעלבע איז אויך דער פאל מיט'ן ציוניזם.

אונזער פראגנאז איז, אז היינט־מארגען וועט ביי די ברייטע אידישע מאסען, ביי די פאטענציעלע עמיגראנטען, ביי די, וואס קלייבען זיך ערשט אין וועג, פונקט ווי ביי די, וואס באוועגען זיך שוין, געבארען ווערען א דרינגענדע באדערפניש צו באקומען א פרייען אריינפאר אין פאלעסטינא און איינצוארדנען און שפעטער צו דעמאקראטיזירען די לעבענס־פארמען אין פאלעסטינא. און פאר'ן אידישען פראלעטאריאט, וועלכער פילט מיט יעדען טאג אלץ שטארקער די פעלערהאפטיגקייט פון זיין סטראטעגישער באזע און די נויטינקייט צו ענדערען איהר פלאץ, וועלען די לעבענס־פארמען אין פאלעסטינא פארשטעלען ניט קיין אבסטראקטען, נאר א ברע־נענדען, פראקטישען אינטערעס. די דאזיגע לעבעדיגע, טאג־טעג־ליכע פאראינטערעסירטקייט פון די אידישע מאסען וועט ווערען אלץ בולט'ער, וואס מער שוועריגקייטען און שטערונגען די אידען וועלען באגעגענען ביים אריינפאר אין די פריהעריגע אימיגרא־ציאנס־לענדער. מיר ווידערהאלען: פ א ר א ו נ ז א י ז

**דער ציוניזם ניט נאָר אַ היסטאָרישער אידעאַל, נאָר אויך אַ טאָג־טעגליכע, באַדערפניש פון די ברייטע אידישע מאַסען.**

אָבער די באַדערפניש וועט דורכדרינגען די ברייטע מאַסען ניט מיט איין מאָל, נאָר ביסלעכוויז און וועט נאָר שטופּענוויז ווערען ביי זיי אַן אוממיטעלבאַרער אינסטינקט. בויענדיג דאַרויף, פּראָטעסטירען די סיימיסטען נעגען טעריטאָריאַליסטישער ארבייט אין דער געגענוואַרט. זיי טענה'ען, אַז אַזוי ווי דער טעריטאָריאַליזם איז אַן אויפגאַבע פאַר'ן גאַנצען אידישען פאָלק, טאָ וועט די אויפגאַבע ערפילען דאָס גאַנצע פאָלק דורך רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציעס פונ'ם גאַנצען פאָלק (סיים). דאָס איז איינער פון די גרינדע, פאַרוואָס די סיימיסטען שטעלען אַנטקעגען זייער סיים צום ציוניסטישען קאָנגרעס, וועלכער האָט כלומר'שט קיין רעכט ניט זיך צו פאַרנעמען מיט'ן טעריטאָריאַליזם, ווייל ער פאַרטרעט ניט דאָס גאַנצע פאָלק און באַזיצט ניט קיין צוואַנג־מאַכט איבער'ן גאַנצען אידישען פאָלק. לאָמיר אויף אַ מינוט אָננעמען, אַז ־ער סיים איז אַן אינסטיטוציע פון'ם גאַנצען פאָלק; לאָמיר אָננעמען, אַז דער סיים פון די רוסישע אידען האָט די מאַכט אי איבער די רוסישע אידען, אי איבער די דייטשע, אי איבער די פראַנצויזישע, אי איבער די אמעריקאַנישע — מיט איין וואָרט, איבער'ן גאַנצען פאָלק. האָבען אָבער נאָר אַלגעמיינע פאָלקס־אינסטיטוציעס אַ רעכט צו לעזען פראַגען, וואָס האָבען צו טאָן מיט'ן גאַנצען פאָלק? אי'ן הייסט עס, אַז קיין פּאַרטיי האָט קיין רעכט ניט צו ריידען און טון אַזוי לאַנג ווי זי נעמט אין זיך ניט אריין די גאַנצע גרופּע, וועמענס אינטערעסען זי פאַרטיידיגט? ווען מ'ען זאָל האַנדלען קאָנסעקווענט לויט די באַהויפּטונגען פון די סיימיסטען, וועלען מיר מוזען פאַרלייקענען דאָס רעכט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס אויף זייער טעטיגקייט, ווייל דער סאָציאַליזם און די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער געזעלשאַפט זיינען דאָך אויפגאַבען

פאר׳ן גאנצען פראלעטאריאט און דער צענטראל־קאמיטעט איז דאך ניט אל־פראלעטאריש. ניין, טאקע דערפאר, ווייל דער סטיכישער פראצעס ברענגט אריין דעם סאציאליזם אין אליי ברייטערע קרייזען פונ׳ם פראלעטאריאט און האט די טענדענץ אריינצוציהען אינ׳ם סאציאליזם דעם גאנצען ארבייטער־קלאס, האט די סאציאל־דעמאקראטיע א רעכט צו ריידען אין נאמען פונ׳ם גאנצען פראלעטאריאט און דורך איהרע פרייע אינסטיטוציעס ווירקען אויף זיין שיקזאל. און פונקט דאסזעלבע : ווייל די סטיכישע פראצעסען פון דער קאנצענטרירטער אימיגראציע נאך פאלעסטינא נעמען ארום אלץ ברייטערע קרייזען פונ׳ם אידישען פאלק, האבען די ציוניסטישע פרייע אינסטיטוציעס א רעכט ארויסצוטרעטען אין נאמען פונ׳ם גאנצען אידישען פאלק און ווירקען אויף זיין שיקזאל.

נאכדעם ווי מיר האבען געזוי, אויף וויפיל דאס איז בכלל מעגליך, אנגעוויזען; די סטיכישע פראצעסען און זייער באוואוסטזיניגע רעגולירונג, האבען מיר שוין אנגעווארפען די שטרענגרעאליסטישע אויפגאבע פון דער טעריטאריאליסטישער באוועגונג.

געוועהנליך נעמט מען אן, אז די אויפגאבע פונ׳ם טעריטאריאליזם, אלס ארגאניזירטער געזעלשאפטליכער באוועגונג, באשטעהט אין קאמבינירען און אפשר גאר אין שאפען יענע עלעמענטען, פון וועלכע עס וועט צונויפגעשטעלט ווערען די אידישע אויטאנאמע געזעלשאפט : לויט דעם אלגעמיין אנגענומענעם פאראורטייל, מוזען די טעריטאריאליסטישע אינסטיטוציעס אי געפינען א טעריטאריע, אי באקומען כמעט אומבאשרענקטע רעכט־גאראנטיען, אי פארשפרייטען אויף דער טעריטאריע א לאנגע קייט פון קאלאניעס. די באוואוסטזיניגע טעטיגקייט דארף אויפטאן כמעט אלץ, דער סיטיכישער פראצעס — כמעט גארניט ; גענויער : דעם סטיכישען פראצעס גיט מען נאר די אויפגאבע צו שאפען און פארשארפען די סוביעקטיווע באדערפ־

ניש, און די אויפגאבע צו שאפען די אביעקטיווע מעגליכקייט גיט מען גענצליך דער פארטיי, דער ארגאניזירטער באוועגונג. עס איז ניט שווער איינצוזעהן, אז אויף דער באוועגונג ווארפט מען ארויף א צו גראנדיעזע אויפגאבע, וואס איז פשוט איבער איהרע כחות.

מען האט שוין לאנג וועגען דעם גערעדט און עס האט זיך אלץ געשטעלט די פראגע: ווי זאל מען ערפילען די גראנדיעזע אויפגאבע? ווי זאל מען אנזאמלען יענע אונצעליגע כחות, וואס זיינען נויטיג פאר איהר? די פראגע איז ניט קיין ריכטיגע, ווארים ניט ריכטיג זיינען די פרעמיסען, און אוטאפיסטיש איז דאס אוועקשטעלען פון דער אויפגאבע גופא. אזוי ווי די סיימיסטען זעהן ניט די פאלשקייט פון די פרעמיסען, האבען זיי זיך ערנסט אפגעשטעלט אויף דער פראגע און האבען פון די פרעמיסען אנטוויקעלט אלע שלום־פאלגערונגען און האבען גענומען גלויבען אין דעם געפונענעם אויסוועג. די אויפגאבע איז א קאלאסאלע — הייסט עס, דארף מען האבען קאלאסאלע כחות. דער ציוניסטישער קאנגרעס און די ציוניסטישע ארגאניזאציע זיינען צו מיזערנע כחות — הייסט עס: נידער מיט זיי! אויב די אידען „רעגענערירען“ און מען קען ניט געפינען די נויטיגע כחות, הייסט עס: מען דארף אונטער אלע אומשטענדען באווייזען, אז די אידען לעבען איבער א „ווידערגעבורט“. לעבען זאל די ווידערגעבורט, די „וואזראזשדעניע“! דורכפירען גראנדיעזע אונטערנעמונגען קענען נאר פאליטישע אינסטיטוציעס, וואס באזיצען צוואנג־מאכט — זאל לעבען דער סיים! פשוט און קלאר און פאלש פון אנהויב ביז'ן סוף. מיר האבען שוין פריהער געזעהן, אז אויך דער סיים וועט ניט לעזען די פראגע, אז מיט פאלשע פרעמיסען קען מען ניט באקומען קיין געלעזטע אויפגאבע.

שאפען אלע עלעמענטען פונ'ם טעריטאריאליזם, די קאלאניזאציע און אן עקאנאמיש־אויטאנאמע געזעלשאפט איינגעשלאסען, איז די אויפגאבע

פונ'ם סטיכישען פראצעס פון דער זיך־קאנצענטרירענדער אימיגראציע. די אויפגאבע פון דער ארגאניזירטער באוועגונג איז נאר צו רעגולירען דעם פראצעס — אן אויפגאבע שוין ניט אזא גראנדיעזע, שוין ניט אזא שווערע. מען דענקט געוועגליך, אז פאר דער פארווירקליכונג פון דער טעריטאריאלער אויטאנאמיע דארף מען האבען א סך געלט; מיר אבער באהויפטען, אז עס פאדערט זיך א סך פאליטישער קאמף. מען נעמט געוועגליך אן, אז עס וועט אויסקומען א סך צו שאפען; מיר, ווידער, באהויפטען, אז עס וועט אויסקומען א סך צו באפרייען. געוועגליך גיט מען צו די נויטווענדיגקייט פון גראנדיעזע טעכנישע מיטלען און אנשטאלטען (און אין דעם חשבון נעהט אויך אריין דער סיים); און מיר באהויפטען, אז עס זיינען אומפארמיידליך ברייטע היסטארישע וועגען. דארט, וואו די אוטאפיסטען זעהן גארניט, זעהן מיר די הויפט אויפגאבע — נעמליך: אין רעגולירונג. דארט, וואו די אוטאפיסטען געפינען די גרעסטע שוועריגקייטען — אין דער שאפונג פון די עלעמענטען פון דער צוקונפטיגער אידישער געזעלשאפט, זעהן מיר ניט קיין אויפגאבע פאר זיך, ווייל דאס וועט געטאן ווערען אהן אונז.

רעגולירען סטיכישע פראצעסען קען תמיד א פרייע געזעלשאפטליכע איניציאטיווע. די סיימיסטען, וואס האבען דערפירט דעם טעריטאריאליסטישען אוטאפיזם ביז זיין לאגישען ענד, איגנארירען פאלשטענדיג די ראלע פון דער פרייער געזעלשאפטליכער איניציאטיווע. צוואנג — אט־דאס איז זייער צויבער־מיטעל. דארט, וואו עס זיינען ניטא קיין מיניסטארען און קיין פאליציי, קען מען גארניט טאן — אט־דאס איז דער לאזונג פון די סיימיסטען. דאס ארעסט־הויז — דאס איז זייער לעצטע גאראנטיע. זיי פארגעסען, אז וואו עס איז ניטא קיין מאטעריעלע פארבינדונג פון אינטערעסען, וועט קיין צוואנג־מאכט

ניט שאפען עפעס זיכערעס, עפעס היסטאריש־ווערטפולעס; דארט, ווידער, וואו עס איז פאראן א פארבינדונג פון מאטעריעלער פאראינטערעסירטקייט, קען מען זיך באגעהן אהן פאליציישע „פראטאקאלען" און אהן א געריכט. נאטירליך, איז אן אפיציעלע סאנקציע ניצליך, מען קען זיך אבער באגעהן אהן איהר. זי איז ניט נויטווענדיג, כאטש זי איז ניצליך. צווישען אונזערע וואונשען איז אויך פאראן דער וואונש וועגען אן אינטערנאציאנאלער לעגאליזאציע פון'ם ציוניזם, און מיר נעמען אן, אז די עקזיסטירענדע פאראינטערעסירטקייט פון די ארומיגע פעלקער אין דער ראדיקאלער לעזונג פון דער אידישער פראגע וועט פריהער אדער שפעטער ברייננגען צו דער אינטערנאציאנאלער לעגאליזאציע פון'ם ציוניזם. מיר ווייסען אויך, אז די אידישע נאציאנאלע סיימען, וואס וועלען האבען די סאנקציע פון די שטאאטען, וועלען זיין ניצליך דעם ציוניסטישען קאנגרעס. אבער אויך אהן דעם וועט די פרייע געזעלשאפטליכע איניציאטיווע, וואס דריקט זיך אויס אין די פרייע אלגעמיין־ציוניסטישע אינסטיטוציעס, קענען טאן אלץ, וואס איז נויטיג, בנוגע דער רעגולירונג פון דער סטיכישער אימיגראציע. און אז דער ציוניסטישער קאנגרעס איז ניט מחויב עפעס צו שאפען און דארף נאר רעגולירען, איז ער פאלשטענדיג פריי פון די סיימיסטישע אנפאלען.

לאמיר נאך באמערקען, אז פון אונזער שטאנדפונקט, איז די דירעקטע אויפגאבע פון די טעריטאריאליסטישע אינסטיטוציעס צו רעגולירען די אימיגראציע, וועלכע קאנצענטרירט זיך סטיכיש, און נאר אינדירעקט וועט, צוליב דעם, רעגולירט ווערען אויך די עמיגראציע. די ס. ס. האבען פאר דער לעצטער צייט אנגעהויבען ריידען וועגען רעגולירען די עמיגראציע. דאס איז א מיספארשטענדניס: מען דארף שטרענג אונטערשיידען צווישען דער רעגולירונג פון עמיגראציע און צווישען רעגולירען די אימיגראציע. די עמיגראציע קען מען

רעגולירען אויך לויט די מעטאדען פון דער יק"א — מען צוזעעט זי און מען צושפרייט זי אויף ווי ווייט עס איז נאר מעגליך. אבער די ס. ס. נעמען דאך אן, פארקערט, אז די עמיגראציע דארף מען קאנצענטרירען. און אויב אזוי, דארף מען וויסען, וואו זי צו קאנצענטרירען. און אויב מיר ווילען דערביי זיך ניט ארייַנלאזען אין קינסטליכע און ריזיקאלישע עקספערימענטען, מוזען מיר אויך פאראויסזעהן די ריכטונג פון דער סטיכיש זיך קאנצענטרירענדער אימיגראציע — און די אויפגאבע רעדוצירט זיך צו דער רעגולירונג פון דער דאזיגער סטיכישער אימיגראציע. ווען מיר וועלען מאכען גרינגער פאר אידען אריינצוקומען אין פאלעסטינא און זיך דארט באזעצען, וועט שוין זיין איבריג צו שיקען אהין די עמיגראנטען; זיי וועלען אהין אליין געהן.

און איצט נאך איין זאך, כדי שוין פאלשטענדיג קלאר צו מאכען אונזער אנטייל אין דער אידישער דינאמיק. די אלגעמיינע אויפגאבע פון דער טעריטאריאליסטישער באוועגונג איז צו רעגולירען די סטיכישע פראצעסען (הויפטזעכליך די אימיגראציאנס־פראצעסען), וואס פירען אין לעצטען סך הכל צו טעריטאריאלער אויטאנאמיע. מיר האבען אבער ניט איין טעריטאריאליסטישע באוועגונג, נאר, אייגענטליך, צוויי: דעם בורזשואזען ציוניזם און דעם פראלעטארישען. טא וואס פאר א ראלע שפילט יעדער פון זיי אין די סטיכישע פראצעסען פון דער אידישער דינאמיק?

בכלל, וואס פאר אן אנטייל אין דער רעגולירונג פון אלערליי סטיכישע פראצעסען נעמט די בורזשואזיע און וואס פאר אן אנטייל נעמט דער פראלעטאריאט? נאטירליך האנדעלט עס זיך דא וועגען פראצעסען, וואס קומען פאר אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

אין יעדען סטיכישען פראצעס פון דעם מין דארף מען אונטערשיידען — כאטש עס איז אוממגליך אין דער ווירקליכקייט זיי אפצוטיילען — צוויי־ערליי מאמענטען: שאפענדע און באפרייענדע.

די אנטוויקלונג און אָנזאמלונג פון פּראָדוקטיווע כחות, די שאַפונג פון נייע קאָמבינאַציעס פון מאַטעריעלע עלעמענטען, די קאַפּיטאַליזירונג פון דער געזעלשאַפט — דאָס זיינען די שאַפענדע מאָמענטען פון דער מאָדערנער עוואָלוציע. די שאַפונג פון פרייע באַדינגונגען פאַר דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות, די דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט — דאָס זיינען די באַפרייענדע מאָמענטען פון דער מאָדערנער עוואָלוציע. אי די, אי יענע זיינען גלייך סטיכיש, נאָר זיי לאָזען זיך רעגולירען.

די בורזשואַזיע רעגולירט די שאַפענדע מאָמענטען פון די סטיכישע פּראָצעסען; דער פּראָלעטאַריאַט רעגולירט די באַפרייענדע מאָמענטען פון די סטיכישע פּראָצעסען. די קאַפּיטאַליזירונג פון דער געזעלשאַפט ווערט געלייטעט פון דער בורזשואַזיע; פאַר איהר דעמאָקראַטיזירונג קעמפט דער פּראָלעטאַריאַט.

אַזוי ווי ביידערליי מאָמענטען קענען אין דער ווירקליכקייט ניט אָפּגעטיילט ווערען איינע פון די אַנדערע, קען אויך די טעטיגקייט־ספערע פון דער בורזשואַזיע ניט גענוי אָפּגעגרעניצט ווערען פון דער פּראָלעטאַרישער ספערע פון טעטיגקייט. די בורזשואַזיע איז טיילווייז פאַראינטערעסירט אויך אין דער דעמאָקראַטיזאַציע פון דער געזעלשאַפט און מישט זיך אריין אויך אין דעם פּראָצעס, אָבער איהר ראָלע איז אומבאַדייטענד און די פירערשאַפט באַלאַנגט צום פּראָלעטאַריאַט. וואָס אָנבאַלאַנגט, ווידער, דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות און דער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, באַלאַנגט דאָ די אָרגאַניזירענדע ראָלע צו דער בורזשואַזיע, און כאָטש דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך מער, ווי די בורזשואַזיע, פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות, איז דאָך ניט דאָ זיין געביט פון טעטיגקייט און אויף דעם געביט שטעלט ער ניט אַרויס קיין פאָדערונ־

נען, ווייל ניט ער אָרגאַניזירט די אַרבייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. ווען עס וועט דערגרייכט ווערען די דיקטאַטור פון׳ם פּראָלעטאַריאַט, וועט ער אָרגאַניזירען די געזעלשאַפטליכע אַרבייט. ביז דעמאָלט אָבער מישט זיך דער פּראָלעטאַריאַט, אַלס קלאַס, ניט אַריין אין דער רעגולירונג פון די שאַפענדע מאָמענטען. אַזוי למשל, איז עס ניט די אויפגאַבע פון׳ם פּראָלעטאַריאַט צו זאָרגען וועגען דורכפירען קאַנאַלען, וועגען בויען אייזענבאַנען און אַזוי ווייטער. און דאָ שטעלט דער פּראָלעטאַריאַט קיין פאָדערונגען ניט, ווייל דאָס זיינען שאַפענדע מאָמענטען פון דער מאָדערנער עוואָלוציע. אָבער בעת ער מישט זיך ניט אין דער טעכנישער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבייט, שטעלט ער אַזעלכע פאָדערונגען, למשל, ווי וועגען אַן אַכט־שעה׳גען אַרבייטס־טאָג און וועגען אַ נידריגערען באַהן־טאַריף. נעמען מיר אַ ביישפּיעל פון אַן אַנדער געביט. קאָלאָניזאַציאָנס־מעטאָדען קערען זיך ניט אָן מיט׳ן פּראָלעטאַריאַט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווייל דאָס באַלאַנגט צו די שאַפענדע מאָמענטען, צו דער אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע ; דער פּראָלעטאַריאַט קען אָבער פאָדערען, אַז דערביי זאָלען אויף אַ געוויסען אופן רעגולירט ווערען די אייגענטום און רעכטבאַציהונגען, ווייל דאָס איז זיין ספערע — די באַפרייענדע.

ווען מיר געהן איבער צו יענע סטיכישע פּראָצעסען, אין וועלכע עס ווערט פאַרווירקליכט דער טעריטאָריאַליזם, טיילען מיר אויך דאָ אויס די שאַפענדע און באַפרייענדע מאָמענטען און אויף אַזאַ אופן וועלען מיר קלאָר מאַכען די ראָלע פון דער בורזשואַזיע און די ראָלע פון׳ם פּראָלעטאַריאַט.

די **שאַפענדע מאָמענטען** אין דעם פּראָצעס באַשטעהן אין אַנזאַמלען קאַפּיטאַלען און אַרבייטס־הענט אין פּאַלעסטינא, אין באַאַרבייטען די נאַטירליכע רייכטימער פון לאַנד, אין דער טעכנישער אַנטוויקלונג און בכלל אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות. רעגולירען די אַלע מאָמענטען איז הויפּטזעכליך די אויפגאַבע פון׳ם בורזשואַזען ציוניזם. די דאָזיגע רע־

גולירונג ווערט איינגעטיילט, לויט דער צייט, אין: רעגולירונג בעת'ן אריינפאר אין פאלעסטינא און רעגולירונג בעת מען איז שוין באזעצט אין לאנד.

רעגולירען די סטיכישע אידישע אימיגראציע נאך פדלעסטי־נא אינ'ם מאמענט פון אריינפאר הייסט: אנזאמלען אין לאנד אידישע קאפיטאלען און אידישע ארבייטער און פארגרינגערען די אנזאמלונג, זי עקאנאמיזירען און ראציאנאליזירען. כדי די אידישע אימיגראציע נאך פאלעסטינא זאל אנגעהן ווי ווייט מעגליך פרייער און ערפאלגרייכער, איז נויטיג, אז די אימיגראנטען זאלען וואס בעסער און גרינדליכער קענען דאס לאנד און די לעבענס־באדינגונ־גען אין לאנד, און דערפון שטאמען די ערשטע צוויי אויפגאבען פונ'ם בורזשואזען ציוניזם. די ערשטע אויפגאבע איז צו שאפען שטענדיגע אינסטיטוציעס פלאנמעסיג אויסצופארשען פאלעסטינא, די געאגראפישע און קלימאטישע באדינגונגען און — וואס עס איזנאך וויכטיגער — די סאציאל־עקנאמישע און פאליטישע. דאס ווערט געטאן מיט דער הילף פון עקספעדיציעס, מעטעאראלאגישע סטאנ־ציעס, אבזערוואטאריעס, סטאטיסטישע ביוראס און אזוי ווייטער. די צווייטע אויפגאבע איז צו שאפען אינפארמא־ציאנס־אנשטאלטען צו באקענען די אידען מיט די רעזולטאטען פון די אויספארשונגען. פאר דעם צוועק דארף מען האבען א ספעציעלע ליטעראטור, אינ־פארמאציאנס־ביוראס און אזוי ווייטער. ווען מען שטעלט די אר־בייט אזוועק ווי עס באדארף צו זיין, קענען די הכנסות פון די אינ־פארמאציאנס־אונטערנעמונגען דעקען די הוצאות פון די אויס־פארשונגען.

רעגולירען די סטיכישע אימיגראציע בעת די אימיגראנטען זיינען שוין אין לאנד, הייסט פארגרינגערען פאר זיי די מעגליכ־קייט זיך איינצואורדנען, פארלייכטערען דעם דרוק פון דער ציגזוען־סיסטעם, וואס איז איינגעפירט אין לאנד, העלפען אנטוויקלען די

פראדוקטיווע כחות אין פאלעסטינא, העלפען איהר טעכנישע אנטוויקלונג. פאר דעם צוועק איז נויטיג: צו ארגאניזירען דעם קרעדיט און דעם פארקויף פון די פראדוקטען; אז די אלגעמיין־ציוניסטישע פינאנץ־אינסטיטוציעס זאלען איבערנעמען די שטייערען פון לאנד; צו גרינדען מוסטער־ווירטשאפטען; צו קריגען קאנצעסיעס און אזוי ווייטער. די דאזיגע אלע אונטערנעמונגען דארפען זיך באצאלען און ברייגגען הכנסה פאר ווייטערע אונטערנעמונגען. דער כאראקטער פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס דארף זיין ניט קיין פילאנטראפישער, נאר א געשעפטליכער. דאס דארף זיין די רעאליסטישע און ניט אויטאפיסטישע טעטיגקייט פון׳ם קאנגרעס.

דריטענס — און דאס איז דאס וויכטיגסטע — די סטיכישע פראצעסען דארף מען קיין מאל ניט איבערלאזען אויף זייער אייגענעם באראט. אין די סטיכישע פראצעסען ווירקען פארשידענע כחות און טענדענצען, וועלכע פלעכטען זיך צונויף אויפ׳ן משונה׳דיגסטען אופן, און קיין מאל ווירקט ניט יעדע באזונדערע טענדענץ אין איהר ריינער פארם; שטענדיג עקזיסטירט דאס „אלטע" איינצייטיג מיט׳ן „נייעם"; די אפשטארבענדע טענדענצען און די, וואס ווערען ערשט געבארען, עקזיסטירען זייט ביי זייט מיט די רייפע. „קיין איינציגע היסטארישע קאטעגאריע — זאגט איינער פון די שרייבער־„וואזראזשדענצעם" — שטעלט ניט מיט זיך פאר קיין ריינע פארקערפערונג פון וועלכען ניט איז סאציאלען פרינציפ... קיין נייע געזעלשאפטליכע פארם קומט ניט **באלד נאך דער פאלשטענדיגער און ענדליכער צושטערונג** פון די אלטע געזעלשאפטליכע יסודות: די ענדערונג פון די געזעלשאפטליכע פארמען ווערט באשטימט ניט נאר פונ׳ם פאלגען פונ׳ם נייעם נאכ׳ן אלטען, נאר אויך פון זייער קא־עקזיסטענץ. „אין יעדער געזעלשאפט, זאגט לאווראוו, קען מען אונטערשיידען היסטארישע איבערבלייבענישען, לעבענס־פעהיגע עלעמענטען און שפראצונגען פון דער צוקונפט". דעריבער איז דאס היסטארישע

לעבען ניט קיין אונאויפהערליך געוועב, וואָס בייט שטופּענווייז די קאָלירען און אוזאָרען — דאָס געוועב פון'ם סאָציאַלען לעבען איז אַ קאָמפּליצירט געפלעכט פון פאַרשידען־קאָלירטע פעדים" *).

די סיימיסטען באַהויפּטען, אַז קעמפען פאַר'ן טעריטאָריאַליזם און אָנזאַמלען פאַר איהם כחות דאַרף מען דאָ — אין דער פאָרם פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, אין סיים; און ערשט נאָכדעם, ווען עס וועלען זיין אָנגעזאַמעלט גענוג כחות, וועט מען זיי קענען אָנהויבען אָנווענדען אויף פּלאַנמעסיגער קאָלאָניזאַציע דאָרט. און דעריבער — „פריהער נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע און נאָכדעם טעריטאָריאַלע", פריהער א סיים, דערנאָך א טעריטאָריע". די סיימיסטען דענקען, אַז זיי האָבען אויף אַזאַ אופן געפונען די לאַנג געזוכטע האַרמאָניע צווישען דער געגענוואָרטס־אַרבייט און דער צוקונפט פּראָגראַם, אַז זיי האָבען אַריבערגעוואָרפען א בריק צווישען דאָ און דאָרט. פריהער דאָ, נאָכעם דאָרט: דאָ ווערט געשאַפען אַלץ פאַר דער רעאַליזירונג פון'ם אידעאַל און דאָרט ווערט דער אידעאַל פאַרווירקליכט. אויף דעם סמך לאַכען די סיימיסטען פון אונזער פאָדערונג צו אַרבייטען אי ד אָ, אי ד אָ ר ט. דאָס, זאָגען זיי, איז דואַליזם.

אָבער די געשיכטע באַוועגט זיך ניט אַזוי, ווי עס שטעלען זיך פאָר די סיימיסטען. די אָנווענדונג פון די כחות הויבט זיך ניט אָן באַלד נאָך זייער אָנזאַמלונג, נאָר געהט אָן אין איין צייט מיט איהר: אין געזעלשאַפטליכען לעבען מערקט זיך ביז א געוויסען גראַד א פּ ר א ל ע ל י ז ם פ ו ן אָ נ ז א מ ל ו נ ג א ו ן אָ נ ו ו ע נ ד ו נ ג פ ו ן כ ח ו ת. אין דעם פּונקט דערמאָנען די סיימיסטישע חקירות אָן די געוועהנליכע קינדערשע רייד: „אויף

*) זאַמלונג „וואָזראָזשדעניע", זייט 79. דער קורסיוו איז דעם שרייבער'ס. — לוידער, באַמערקט ניט דער ציטירטער שרייבער, ווי שלעכט עס בינדט זיך די דאָזיגע פּראַכטפולע ציטאַטע מיט די אַנדערע בליקען פון די „וואָזראָזשדענצעס" (סיימיסטען).

מארגען נאכדעם, ווי איך וועל ווערען א גרויסער, וועל איך ווערען א רעדנער אדער א שרייבער". ביים קינד זאמלען זיך די כחות אן אין ריידען, אין שרייבען, אין האנדלונגען. קען מען זאגען, אז פריהער מוז דאס קינד אנזאמלען גייסטיגע כחות און נאכדעם ערשט — אויף מארגען — מאכען א געברויך פון זיי ? ווען וועט זיין דער מארגען ? ווען וועט דאס קינד אויסוואקסען ? אין וועל־כען מאמענט וועט מען קענען זאגען, אז עס האבען זיך שוין אנ־געזאמעלט גענוג כחות און מען קען שוין צוטרעטען צו זייער אנווענ־דונג? ניין. די אנווענדונג איז פאראלעל צו דער אנזאמלונג: איז פאראן ווייניגער כחות, איז ענגער און פרימיטיווער זייער אנווענ־דונג; מער כחות, איז ברייטער און קאמפליצירטער זייער אנווענ־דונג. און ווייטער איז ניט ריכטיג, אז דא זאמעלט מען נאר און דארט פארברויכט מען נאר דאס אנגעזאמעלטע. דא ווערען די כחות אנגעווענדט, פונקט ווי זיי ווערען אנגעזאמעלט. אין איין און דערזעלבער צייט זאמעלט די אימיגראציע אן די אידישע נא־ציאנאלע כחות און ווענדט זיי אן. לאמיר צוגעבען, אז די סיימיס־טען זיינען גערעכט, אז זייערע באהויפּטונגען האבען וועלכען ניט איז זין; לאמיר צוגעבען, אז דערווייל דארף מען זארגען אויס־שליסליך וועגען אנזאמלען כחות דא און שטרעבען צו א סיים. אבער פאר דער צייט, וואס מיר וועלען זיין פארנומען דערמיט, ווע־לען די פראצעסען פון די אידישע וואנדערונגען דערווייל טון זייער ארבייט. און אט הויבט זיך אן א קאנצענטרירטע איינוואנדערונג אין וועלכען עס איז לאנד — וואס וועלען מיר דעמאלט טון ? אויב מיר זאלען פאלגען די סיימיסטען, דארפען מיר גלייכגילטיג קוקען אויף דעם פראצעס און... אזוי לאנג זאמלען כחות, ביז די סיימיס־טישע טעארעטיקער וועלען אונז ניט ערקלערען : „גענוג !" א שאד נאר, וואס מיר ווייסען ניט, וואס עס הייסט אייגענטליך ביי די סעמיסטען : גענוג. אין תוך איז עס ריינער אפּארטוניזם, עס איז א גענענוואַרט א ה ן א צ ו ק ו נ פ ט און עס איז קיין זכר ניטא פון דעם בריק צווישען דער געגענוואַרט און דער צוקונפט.

די צוטיילונג צווישען „אָנווענדונג" און „אָנזאַמלונג" איז נאָר אַ פראַזע, וואָס פאַרמאַסקירט באַקוועם דאָס פעהלען פון געדאַנק. אונזער ארבייט דאָ און אונזער אַרבייט דאָרט — דאָס איז ניט קיין דואַליזם; מען דאַרף מאַכען אַ אונטערשייד צווישען *דואַליזם* און *צווייאיגקייט*. ווען מיר זאָגען, אַז אַ מענש האָט צוויי הענט, איז עס ניט קיין דואַליזם און עס שטעקט אין דעם ניט קיין זינד. דער דואַליזם, וואָס איז אונערטרעגליך פאַר'ן וויסענשאַפטליכען געדאַנק, ערשיינט דאָרט, וואו צוויי זאַכען ווערען אין געדאַנק אָפּגעטיילט דורך אַן אָפּגרונד, ווען עס ווערט געשאַפען אַן אומעגליכקייט זיי צו פאַראייניגען אין אַ העכערען סינטעז, זיי צו־נויפצוברייגנען אין איין אַלגעמיינעם שטאַנדפונקט. דואַליזם הערשט ניט ביי אונז, נאָר ביי די סיימיסטען. ביי אונז זיינען דער „*דאָ*" און דער „*דאָרט*" ניט קיין היפוכים, נאָר *צוויי זייטען פון איין און דעמזעלבען פראָצעס*; ביי די סיימיסטען זיינען דאָס צוויי פּראָצעסען, וואָס האָבען קיין שייכות ניט צווישען זיך: איינער דאַרף כלומר'שט פאַרענדיגט ווערען, כדי דער צווייטער זאָל זיך קענען אָנהויבען. זיי שאַפען אַן אָפּגרונד צווישען דעם דאָרט און דעם דאָ, צווישען דער געגענוואַרט און דער צוקונפט. און ווען זיי מאַכען די קינסטליכע צוטיילונג, מוזען זיי אָוועקשטעלען די פראַגע וועגען אַ בריק און זיי באַטראַכ־טען זייער סיים פאַר דער העכסטער שטופע פון ערפינדערישקייט. מיר האָבען געזעהן, ווי אומזיכער דער דאָזיגער בּריק איז. די סיי־מיסטען ווייזט זיך אויס, אַז דאָס וויכטיגסטע איז די פראַגע וועגען אַ פאַרבינדונג צווישען דער געגענוואַרטס־אַרבייט און דער צוקונפט־פראָגראַם. פון אונזער שטאַנדפונקט איז עס איין אונאויפהערלי־כער סטיכישער פּראָצעס און עס שאַפט זיך ני טאַ קינסטליכע, נאָר אַ סטיכישע פאַרבינדונג. דעריבער עקזיסטירט פשוט ניט פאַר אונז די פראַגע וועגען אַ פאַרבינדונג און וועגען די משונה'דיגע „צוויי פלעכען"; די ארבייט דאָ און די אַרבייט דאָרט זיינען ניט צוויי פאַרשידענע פלעכען, נאָר צוויי ליניען אויף איין און דערזעלבער

פלעכע, און צווישען די צוויי ליניען געהט אן איין און דערזעלבער סטיכישער פראצעס פון דער אידישער דינאמיק. מיר זאגען נאך אמאל און שטרייכען אונטער: פאר אנגז עקזיסטירט ניט די פראגע וועגען א פארבינדונג און וועגען א בריק, ווייל מיר שטעהן אויפ׳ן שטאנדפונקט פון׳ם סטיכטשען פראצעס.

די אידישע פראלעטאריער לעבען דא און קעמפען דא פאר זייערע טאג־טעגליכע נויטען. צווישען די דאזיגע פארשידענע דא׳איגע נויטען געפינט זיך אויך די טאג־טעגליכע פאראינטערעסירטקייט אין דער פרייהייט פון אימיגראציע, אין דער אומגעשטערטקייט פון דעם אריינפאר דארט און אין דער לעבענסבאקוועמליכקייט דארט. די סטיכישע פראצעסען טרייבען די אידישע פראלעטאריער אהין און לעבענדיג דארט, קעמפען זיי דארט. לויט די געזעצען פון דעם סטיכישען פראצעס איז אלץ לייכטער צו באקומען פרייהייט דארט, וואס פרייער און פולבארעכטיגטער עס איז דאס לעבען דא, און וואס מעהר פרייהייט דארט, אלץ מער רעאלע גאראנטיען באקומען אונזערע רעכט דא. צוליב צוויי אורזאכען זיינען מיר פאראינטערעסירט אין דער פארבעסערונג פונ׳ם לעבען דא: ערשטענס, ווייל מיר לעבען דא, אין גלות; צווייטענס, ווייל די פארבעסערונג דא מאכט גרינגער אויסצוקעמפען די רעכט דארט, אין פאלעסטינא, וואוהין דער סטיכישער פראצעס טראגט בישלעכווייז אריבער דעם שווער־פונקט פון אונזער לעבען. און ווידער טאקע צוליב צוויי אורזאכען זיינען מיר פאראינטערעסירט אין דער אויסבעבערונג פונ׳ם לעבען דארט: ווייל אהין טראגט זיך סטיכיש אריבער דער שווער־פונקט פון אונזער לעבען און ווייל די באפעסטיגונג פון אונזערע פאזיציעם דארט איז א גאראנטיע פאר אונזערע רעכט דא.

אט אין וואס עס באשטעהט די סטיכישע און ניט די קינסטליכע פארבינדונג פון אינטערעסען און קאמף צווישען דא און דארט. וואס בעסער עס איז דא, אלץ בעסער איז דארט, און פאר־

קערט. דער מאַקסימום רעכט, וואָס מיר קענען באַקומען דאָ, אין גלות איז — נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע; דער מאַקסימום רעכט, וואָס מיר קענען דערגרייכען דאָרט, אין פּאַלעסטינא, איז — טעריטאָריאַלע און פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. וואָס מיר וועלען דערגרייכען פריהער און וואָס שפּעטער — איז ניט וויכטיג, ווען מיר שטעלען אויף דעם אויבען־ערקלערטען שטאַנד־פּונקט. נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע איז ניט נאָר אַ מיטעל זיך צו דערשלאָגען צו טעריטאָריאַלער, נאָר איז אויך, גלייך מיט דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, אַ זעלבסטשטענדיגער ציעל. דאָס זיינען צוויי ציעלען, וואָס זיינען פאַרבונדען דורכ'ן סטיכישען פּראָצעס, וועלכער ציהט זיך ניט ווי אַ פאָדים, נאָר וויקעלט זיך פאַנאַנדער אין דער גאַנצער ברייט, איינציייטיג אי דאָ, אי דאָרט.

* * *

אוטאָפּיזם זינדיגט תמיד מיט דער שטרעבונג צו פאַרביי־טען דעם סטיכישען פּראָצעס: דער אוטאָפּיזם וויל מיט באַ־וואוסטזיניגע מענשליכע שטרעבונגען שאַפען עפּעס, וואָס ווערט ניט געבאָרען אין דער טיפעניש פונ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען. דער פאַטאַליזם נעמט אָן, אַז דער אַנטייל פונ'ם באַוואוסטזיניגען ווילען איז אוממעגליך אין די סטיכישע פּראָצעסען, און ער געהט פּאַסיוו מיט'ן שטראָם. דער אוטאָפּיזם ווייסט ניט פון סטיכישע פּראָצעסען: די אומפאַרבעסערליכע אוטאָפּיסטען האָבען גאָר מורא צו דערמאָנען די סטיכישע פּראָצעסען, אין דעם דערמאָנען אַליין זעהען זיי סמנים פון פאַטאַליזם און פּאַסיוויטעט. די פאַטאַליס־טען, פאַרקערט, ציטערען פאַר אַ באַוואוסטזיניגער אריינמישונג אין די סטיכישע פּראָצעסען און זיי זעהן אין דער אריינמישונג אַ געפערליכע קינסטליכקייט. די כאַטאַליסטען פאַרגעסען, אַז גע־שיכטע ווערט געמאַכט פון מ ע נ ש ע ן, וועלכע פאַרפאָלגען דער־ביי באַוואוסטזיניגע צ י ל ע ן; די אוטאָפּיסטען פאַרגעסען, אַז די ר ע ז ו ל ט א ט ע ן פון מענשליכער טעטיגקייט פאַלען זיך נאָר דעמאָלט צונויף מיט איהרע צ י ל ע ן, ווען די ציעלען גופא זיינען

צונעפאסט צו די סטיכישע פראצעסען, וואס קומען פאר אין גע־זעלשאפטליכען לעבען.

אויבען האבען מיר אפגעווארפען דעם טעריטאריאליסטישען אוטאפיזם אין דער פארם פון זוכען א טעריטאריע, פון דיפלאמא־טיע און סיימיזם. איצט מוזען מיר זיך ווענדען געגען באטאליזם. מיר האבען דעם טעריטאריאליזם אראפגעבראכט פונ׳ם הימעל אויף דער ערד. און מיר פרעגען : וואס פאר א ראלע אין די פריהער ערקלערטע סטיכישע פראצעסען פון דער אידישער דינא־מיק קען שפילען אונזער ווילען, אונזער וויסען ? צו דער באַ־וואוסטזיניגער ארייננמישונג פונ׳ם מענשליכען ווילען קומט צו נאך איין מאמענט — ארגאניזירטקייט. די ארגאניזירטקייט, ווידער, איז ניט קיין פשוט׳ע סומע פון אינדיווידועלע אנשטרענגונגען, נאר זי שאפט א סאציאלע קראפט. איינאיינעם מיט די סטיכישע סאציאלע טענדענצען דארפען מיר אין פראצעס ארייננברייננגען די באוואוסטזיניגע טענדענץ. די באוואוסטזיניגע ארייננמישונג איז ניט בכח צו שאפען, צו אימפראוויזירען סטיכישע פראצעסען, זי איז אבער בכח זיי צו רעגולירען. רעגולירען סטיכישע פראצעסען מיינט : פארגרינגערען און פארשנעלערען זייער גאנג, פארהיטען די געזעלשאפטליכע ענערגיע פון א צו גרויסען אדער אומזיסטען פארברויך, מאכען צוועקמעסיגער און פרוכטבארער די רעזולטאטען פון דעם פארברויך : דאס הייסט, עקאנאמיזירען און ראציאנאליזירען די סטיכישע פראצעסען.

ענדע.